STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08206

DERTSEHLUNGEN, SKITSEN UN FELIETONEN

Z. Libin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. ליבין

דערצעהלונגען
סקיצען און
פעליעטאנען

פארלאג „וועקער"
ניו-יאָרק, 1934

COPYRIGHT
Z. LIBIN
NEW YORK
1934

PRINTED BY
ORIOM PRESS, INC.
19 WEST 21ST ST., N.Y.

אינהאַלט

•

זייט

מיין טאַטער (ווידמונג) 5

1. אין די יאָהרען פון דער וועלט-מלחמה און דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד

נחום זאלצמאן קלערט אויף זיינע קינדער 13
פּאַרוואָס זימביל האָט זיך געוואָלט אויפהענגען 31
די בשורה ביי איהר חתן׳ס קבר 49
א באַנדעל פאר קרובים אין רוסלאַנד 55
אן אויסערגעוועהנליכער פריהמאָרגען 60

2. אין שאַפּ און אין דער היים

דער נייער טאַטע 67
א פאַרשטעלטע מאַמע 77
א קריסטמעס פּרעזענט פאר אונזער פאַרמאַן 84
לאָזען אויס זייערע ביטערע הערצער צו דער קאַץ 89
א פאמיליע, וואָס לעבט מיט האָפנונגען 95
פּונקט דאָס זעלבע איז מיט זיי אליין געווען 101
ווער סיהאָט ארויסגעהאָלפען גאָט׳ס געשעפטען 108
ער האָט געוואָלט ריידען 114
די פרעהליכע בשורה 120
אויס יום־טוב 126
ווען מען רופט ארונטער אין גענעראַל־אָפיס 132

3. א בליק אין פארשידענע ווינקעלאך

זייט

די עלטערע שוועסטער געהט צו א שדכן 139
די מאַמע וואַשט די פענסטער 155
דער דאקטאר עפענט אן אָפיס 162
א מיעדע לעהרערין 166
האָפענונגען אין א קענדי־סטאָר 172
סיוואָלט אפשר פארביידען געווען בעסער 178
זיין געליבטעס מתנה 186
אין דער נאַכט ווען דער סאַפּער גיט זיך איין 193
ניט דערוואָרט זיך 200
די מאַמע, די טעכטער און די יידענע זאַקען 206
צוויי רומס פאר א פאמיליע פון זעקס 214
מען גיטעל דאַרף זיך קויפען א דרעס 221
א פאַרטראַכטער איד 227
פאַרטאַנצט דעם כותל מערבי 232
די צוויי ריינקייטען 240
שיכלאך פאר די דאַלס 245
א זיכערער ווינקעל אין אמעריקע 251
געראַטעוועט די רעוואָלוציע 258
אן אָרענטליך־פאַרדינטער דאָלער 263
די רויטע קאָרעלען 268
דער גרויער פּאָעט און דער אויסגעטריקענטער קוואַל 274
ווען מען איך זוך אָפּט 276
וואו זיין לעצטע רוה זאָל זיין 283

4. ראָמאַנטישע געשיכטעלאך

א באַצאָלטער ליבעס־חוב 289
סיאיז געווען ביי איהם אַזאַ מין שיכרות 295
דער צווייטער אָוועט 301
א צאַרטע האַנט — א שווערע האַנט 307
און זיי ביידע האָבען געלייקענט 312
יאנקעלים ליבע 316

מיין טאכטער

אין אָנדיינקען

פון מיין טייערער ליבער גוטער, קלוגער טאָכטער — דאָרעלע, וועמען דער טויט האָט אזוי אונבארעמהערציג אוועקגעריסען ביי אונז, איהר פאָטער, מוטער, ברידער און שוועסטער. מיר וועלען דיך באוויינען און באקלאָגען ביז דער טויט וועט אונז פאראייניגען.

∴

ס'איז ניט קיין פאָררעדע, ס'איז אַ געוויין פון אַ פאָטער אין שווערען טרויער נאָך אַן ערוואַקסענער פארשטאָרבענער טאָכטער.

איך בעט איך, טייערע לעזער מיינע, איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען, וואָס איך שרייב דאָ אין מיין בוך עטליכע ציילען וועגען א פערזענליכען אומגליק.

מיינע ערצעהלונגען, סקיצען, פעליעטאָנען וועלען דאָ קומען אויף די ווייטערע בלעטער. איצט רעדט בלויז זעהר אן אומגליקליכער, א שווער שווער־געשטראָפטער פאָטער, ביי וועמען עס איז געשטאָרבען א טייערע, טייערע טאָכטער.

מיין טעכטערל איז געשטאָרבען דעם זעקס און צוואנציגסטען אפריל יאָהר: 1933, זי איז געוועז א „היי־סקול” לעהרערין, זי האָט איבערגעלאָזען נאָך זיך א סך דיפלאָמאס, אטעסטאטען און אויסצייכענונגען, ווייל זי האָט פיעל שטודירט און אלעמאָל אין איהר שטודירען זיך אויסגעצייכענט... ס'ציטערען מיר מיינע הענד, מיר איז אזוי שווער צו שרייבען, זי איז דאָך געשטאָרבען מיין טעכטערל, וועה, איז צו מיין קאָפּ.

מיין דאָרעלע האָט געהאט א הייסע אידישע נשמה, מיין דאָרעלע איז געוועזן א סאָציאַליסטקע, זי איז געוועזן אזא ערנסטע

און דאָך אזאַ צערטליך־ליבענדע, זי פלעגט לעזען מיינע סקיצען, האָט זי איבערגעלעזען א זאַך וואָס ס'איז איהר ניט געפעהלען גע־וואָרען, האָט זי מיך אַנגעקוקט מיט פאָרוואורף און איהר קלוגער שמייכעל האָט מיך אזוי געשטראָפט.

איז מיין דאָרעלען מיין שרייבען געפעלען געוואָרען איז איהר זיסער פנים ליכטיג געוואָרען, האָט איהר קלוגער שמייכעל, איהר גוטע מיינונג מיר דערצעהלט, און אנדערש מאָל פלעגט זי מיך גאָר קושען, בין איך געווען ווי פאַר'שכור'ט פאר שטאָלצקייט... ניטאָ מעהר מיין דאָרען... ווי שווער ס'איז מיר מיין לעבען, ווי ס'איז פארפינסטערט געוואָרען מיין וועלט.

ס'איז שוין א יאָהר מיט פינף מאָנאטען ווי מיין טעכטערל ליגט אין איהר קבר, איך בין נאָך אלץ ווי א צומישטער, ניט איך, ניט איהר אומגליקליכע מוטער קענען זיך פאָרשטעלען, אז דאָרע אונזערע איז טאקע ניטאָ מעהר, מיר ביידע, מיר צוויי אונגליקליכע געפינען זיך נאָך אלץ אונטער אן איינדרוק, אז דאָרע וועט קומען. זיץ איך מיר אין מיין פארוויסטען צימער, קוק אין פענסטער ארויס און ס'דאכט זיך מיר, אז איך וועל באלד דערזעהן ווי פון דער לענג גאַס קומט אָן דאָרע. די מאַמע זיצט אין צווייטען צימער, זי טרעט אויך ניט אָפּ פון פענסטער, וויים איך אז אויך זי — די שווער־געשטראָפטע געפינט זיך אונטער דעם זעלבען איינדרוק, אז באלד וועט זיך צייגען דאָרע.

ס'איז מיר גרינגער אָט פון דעם וואָס איך טראכט אזוי, ווען ניט וואָלט איך משוגע געוואָרען.

ס'האָט זיך איינגעברענט א געדאנק אין מיין מאָרך, א גע־דאַנק, אז איך זאָל ארויסגעבען א בוך אין אנדענקען פון מיין טאָכ־טער, פון מיין דאָרעלען. איך טראכט: ס'וועט זיין א בוך, וועלען מענשען לעזען, וועט זיין מיין דאָרעלע'ס בילד אויף דעם ערשטען בלאַט, וועלען מענשען לעזען עטליכע צייל'ען וועגען איהר, דאכט זיך מיר, אז עטוואָס פון מיין דאָרעלען וועט נאָך לעבען... איך וויים, איך וויים, אז מיינע געדאַנקען זיינען נאַרעשע, אָבער איך בעט איהר זאָלט מיך צו שווער ניט פאַראורטיילען... איך ווער משוגע.

ענטשולדיגט א שווער־געשטראָפטען איבערגעבראָכענעם אַל־טען פאָטער.

* * *

ס'איז נאכט, אין קאָפּ שווינדעלט און פאר די אויגען שטעהט דאָרע מיין פאַרשטאַרבענע טעכטערל. ווי איך וואָלט וועלען שטאַרבען, ווי מיך ציהט צום טויט, ווי מיך ציהט צו רוהען אין א גרוב לעבען מיין טאָכטער.

ווי איך האָב ליעב געהאַט מיין דאָרען. זי איז געוועזען נ י ט קיין גליקליכע, איך האָב געוואוסט, אז זי געפינט זיך אונטער אן איבּיגען באוואוסטזיין, אז איהר לעבען איז ניט קיין ערפאָלג. וואָס פאַר אַ גיהנום־יסורים איך פיהל איבער ווען איך טראַכט וועגען איהר, שטאַרבען וויל איך, מיין לעבען האָט פאר מיר ניט קיין זין, קיין ווערט.

זיץ איך ביי מיין דעסק, ערשט אנגעשריבען פאר'ן „פאָרווערטס" א מעשה'לע, ווייס איך ניט צוליב וואָס און ווען איך שרייב אָט די מעשה'לאך. זיץ איך ביי מיין דעסק, נאכט, א שווארצע נאכט קוקט אין פענסטער אריין, זיינען די שויבען גלאנציג שווארץ, איינגעראמט אין ווייס געפאַרבטע ראמען, ווייס איך ניט צוליב וואָס איך קוק אויף די שווארץ גלאַנציגע שויבען און אָט די ווייס־געפאַרבטע ראַמען.

קוקען אויף מיר נעל געפארבטע ווענט, א וויסטעניש דראַפּעט זיך איבער די ווענט, א טויט־וויסטעניש, ווייס איך ניט אויף וואָס די ווענט זיינען דאָ. פאַרבעטע בעטען, א דרעסער מיט א שפּיגעל זיינען דאָ אין צימער, טראַכט איך, אז מיין דאָרעלע פלעגט אָט אין דעם שפּיגעל אריינקוקען. מיר ווילט זיך שטאַרבען און איך ווייס ניט און איך פארשטעה ניט צוליב וואָס איך שרייב אָט די ציילען.

דער קאָפּ איז אזוי מאָדנע שווער, פאר די אויגען שוועבט א בית עולם, פאר די אויגען שוועבט די גרוב, אין וועלכער מיין דאָרע ליגט. איך פיהל אזוי ווי נעמען קלאַפּען מיין קאָפּ אָן וואַנט, איך וואָלט וועלען עפענען א פענסטער, ארויסשפּרינגען, מאכען א סוף צו אלץ, דריקט אָבער אויפ'ן הארצען א רחמנות צו די קינדער, איבערהויפּט צו דער אינגערער טאָכטער צו מיין לילינקען. זי איז אזא עמפּינדליכע, אזא נערוועזע, איך שטעל זיך פאָר ווי זי וועט שרייען, ווי זי וועט צובראָכען ווערען, ווען מען וועט פון הויף ארויסברענגען מיין טויטען קערפּער, קען איך דאָס ניט טאָן, אָבער לעבען קען איך פּאָרט ניט.

שוואַרץ־גלאַנציגע שויבען קוקען אויף מיר מיט א טויט־פּינס־

טערניש. טראכט איך: צו וואָס שרייב איך אָט די ציילען? דריקט אויפ׳ן הארצען שווערער און שווערער די טויטליכע וויסטקייט, הער איך דעם רוף פון טויט קלערער און קלערער.

וועל איך איינגעמען מיין שלאָף־מעדיצין, ווייס איך אז איך וועל איינשלאָפען, שטארק איינשלאָפען. דאָס וויל איך, אין מיין שלאָפען וועל איך חלומ׳ען וועגען מיין זיסער דאָרעלען, וועל איך חלומ׳ען, אז זי לעבט. ווייס איך אָבער אז ווען איך וועל אויף מאָרגען אויפשטעהן וועלען פון דעם שטארקען שלאָף־מעדיצין מיר נעמען ציטערען הענד און פיס, וועט זיך דערשרעקען לילינקע, וועט זי זיך פיהלען זעהר אומגליקליך. דאָס וויל איך ניט, ווייס איך ניט וואָס צו טאָן, ליגען אין בעט א לאנגע נאכט און ניט שלאָפען און טראכטען וועגען מיין אומגליקליכער דאָרעלען — וואָס פאר א שרעק דאָס איז, אבער גענוג צו שרייבען.

• •
•

אונזערע גוטע פאמיליען־פריינד, קרובים, אייגענע קינדער האָבען אין זייער טיפען רחמנות צו א שווער און גרויזאם גע־שטראָפטע פאָטער און מוטער אונז געראטען:

— פאָרט אוועק, בייט די אומגעבונג, א נייער אָרט, נייע מענ־שען, ס׳וועט אויסקומען ניט אזוי שווער.

געפאָלגט האָב איך אייך. בין איך געפאָהרען, בין איך גע־לאָפען. איז אויסגעקומען ערגער, פיל, פיל ערגער. ניין פריינד, פון זיך אליין קען מען ניט אַטלויפען.

אָרום און אָרום מיר דאָ, אין זומער האָטעל, גיסט זיך א ים מיט לעבען, א ים מיט גליק און פרעהליכקייט, מען זינגט, מען שטיפט, מען לאכט אין אן אויסגוס פון פרעהליכקייט. און איך טראכט ביי זיך, און איך פרעג זיך אליין:

— וואָס טו איך דאָ?

ערד־געדאַנקען, טויט־געדאַנקען פילען אָן מיין גאנצען מארך, געדאַנקען, וואָס מאכען פינסטער ווי די נאכט, דעם ליכטיגסטען טאָג, רעיונות וואָס מאכען מיר משוגע, שפארען זיך מיר אין מוח אריין. איך קען זיך פון אָט די געדאַנקען מיינע פאר קיין פאל ניט באפרייען, ווי איך בין פארמוטשעט, ווי איך בין פארפלאָגט אָט פון די ערד־געדאַנקען, פון די טויט־געדאַנקען מיינע! א פארפייניג־טער בין איך.

אָפּט נעם איך קלאַפּן מיט די פויסטען אין מיינע שלייפען, אז מיינע פּיינליכע מחשבות זאָלען מיך כאַטש אויף א ווײַלע אָפּ־לאָזען. ווי א משוגע׳נער נעהם איך ארומלויפען איבער דעם ברייטען וועג, וואָס ציהט זיך אוועק פאַרביי אונזער זומער־האָטעל. אָבער מיינע געדאַנקען לויפען מיט מיר צוזאַמען.

עס שטאַרבט אין מיר אוועק א גליד נאָך א גליד, ס׳געהט מיר אוים דאָס הארץ פון בענקען, נאָך דער, וועמען איך וועל שוין קיינמאָל ניט זעהן. ווי עס וואָלט זיך וועלען כאָטש איין בליק אויף איהר וואַרפען, אויף מיין טייערער, אויף מיין ליבער, אויף דער פאַר־דער־צייט פאַרשניטענער פון לעבען. איך וועל זי אָבער מעהר ניט זעהן.

לויף איך ארום איבער ווייטע וועגען, און אז קיינער איז ניטאָ ארום מיר, שריי איך צו זיך אליין. איך שריי, כדי איך זאָל הערען מיין אייגענעם שרייען. איך שריי מיט גיהנום־יסורים:

— טעכטערל מיינע, אומגליקליכע טעכטערל מיינע!

איך רוף אוים איהר טייערען נאָמען, דערהער איך אין מיין מאַרך אן ענטפער:

— וועסט זי מעהר קיינמאָל ניט זעהן.

ס׳נעמט שטיקען אין האַלז, ס׳ווערט פינסטער פאר די אויגען, ס׳פאַרשווינדעלט אין קאָפּ. און דער ענטפער הערט ניט אויף צו שניידען אין הארצען:

— וועסט זי מעהר קיינמאָל ניט זעהן!

אוי, אוי, ווי איך וואָלט וועלען הערען איהר קול, נאָך אמאָל זעהן איהר זיסען קלוגען שמייכעל.

— קיינמאָל ניט! קיינמאָל ניט! — שטעכט אין הארצען אן ענטפער, א גרויזאַמער ענטפער. איך פיהל, אז איך געה פון זינען ארונטער.

ז. ליבין און זיין טאכטער — דארא

אין די יאָהרען פון דער וועלט־
מלחמה און דער רעוואָלוציע
אין רוסלאַנד

●

ווי אזוי מיר האָבען
דאַמאָלט געלעבט.

נחום זאַלצמאַן קלערט אויף זיינע קינדער

די שרעקליכע בלוטיגע וועלט־מלחמה וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דעם טויזענט־ניין הונדערט און פערצעהנטען יאָהר און האָט מיט פיער יאָהר שפּעטער אָפיציעל געענדיגט זיך, דיזע פיער־יעהריגע וועלט־מלחמה האָט די מעכטיגע רייכע אמעריקע נאָך מעכטיגער און רייכער געמאַכט.

אמעריקא האָט אפילו אין דער וועלט־מלחמה אויך אַן אנטייל גענומען און אויך פילע פון איהרע קינדער האָבען זייער בלוט פאַרגאָסען אויף די שלאַכט־פעלדער פון פראנקרייך, אָבער דער גרויסער אימה׳דיגער חורבן, צו וועלכען די מלחמה האָט געבראַכט די לענדער אויף יענעם זייט ים, וואו די עצם מלחמה איז טאקע פאָרגעקומען — אַט דער חורבן האָט אמעריקא וועניג אָנגעגריפען און ס׳איז עפּעס אויסגעקומען אזוי, ווי דער ווייטער טויזענד־און־טויזענד מייליגער אַטלאַנטישער אָקעאַן וואָלט מיט זיינע וואַסערען די ברעגען פון די פאַראייניגטע שטאַטען פארטיידיגט און אָבגעהיט פון דער אַלעס־פאַרניכטענדער שרפה, וועלכע די מלחמה האָט אָנגעצונדען — פון דעם בראַנד־פייער, וועלכער האָט גרויזאַם פאַרצערט און פאַרוויסטעט די שטרייטענדע לענדער און פעלקער אויף יענער זייט ים.

עס איז אויסגעקומען אזוי, אז וועהרענד דאָרט אויפ׳ן צווייטען זייט ים איז אַלעס, וואָס ס׳האָט נאָר א ווערטה געהאַט פאַרוויסטעט און חרוב געוואָרען, האָט דאָ, אויף דיזען זייט ים, אַלעס וואָס האָט געהאַט און ניט געהאַט קיין ווערטה גענומען וואַקסען און בליהען, און וועהרענד דאָרט אויף יענער זייט ים איז אַלעס אין מענשען - בלוט פאַרטרונקען געוואָרען, איז אמעריקא פאַרפלייצט און פאַרטרונקען געוואָרען אין א שטראָם פון גאָלד און רייכקייט. די מעכטיגע רייכע אמעריקא איז פון דער וועלט־מלחמה נאָך מעכטיגער און רייכער געוואָרען. און די אויסערגעוועהנליכע מלחמה „פּראָספּעריטי״, וועלכע ס׳האָט אין איהרע גאָלדענע אָרעמס ארומגעכאַפּט גאַנץ אמעריקא, האָט נאַטירליכערווייזע אויך אָבגעשפּיגעלט זיך אויף אונזער אייגענער ניו יאָרקער אידישער גאַס.

אָן אויסערגעוועהנליכע לעבעדיגקייט האָט באַהערשט די אי־דישע גאַס, א לעבעדיגקייט, וועלכע האָט געקלאַפּט און געקלונגען מיט דעם קלאַנג פון זילבער און גאָלד.

יונג און אַלט, פרוי און מאַן — אַלעם און אַלע האָבען נאָר גערעדט וועגען געשעפט, וועגען „אינוועסטען" דעם לעצטען אָב־געשפּאָרטען דאָלאר און מאכען געלד.

און מען האָט גאָר ניט געדארפט קיין צו גרויסע פעהיגקייטען אום רייך צו ווערען. ס'האָט אויסגעקוקט אזוי ווי געלד וואָלט זיך אין די גאַסען געוואַלגערט. אַלעס וואָס עס האָט זיך געפּאָדערט אום רייך צו ווערען, איז אַ קוק טאָן אויף דעם גאָלד, אָנבויגען זיך, אויפהויבען די אוצרות און אָנפּילען די קעשענעס... אזוי ווי אין א דומפּיגען האַלב־פאַרדונקעלטען פּלאַץ שפּראָצען איבער א נאַכט ארויס שוואָמען, אזוי האָבען אין דער אידישער גאַס אזוי ווי אין גאַנץ אמעריקא, איבער א נאכט ארויפגעשפּראָצט פארטיגע נגידים, קאַפּיטאַליסטען, מיליאָנערען. א גוטע, א טייערע צייט האָט אמע־ריקא געהאַט אין די פיער שווערע בלוטיגע יאָהרען פון דער בלו־טיגער וועלט־מלחמה. א גאָלדענע צייט איז דאָס געווען און אין דער אַלגעמיינער מלחמה הצלחה האָט אָבגעלעקט א ביין אויך אונ־זער ניו יאָרקער אידישע גאַס.

אָבער וועהרענד מיליאָנערען זיינען אין דער פארגילטער אמעריקא צוגעקומען אין די צעהנדליגע טויזענדער, און האַלבע מיליאָנערען און פערטעל מיליאָנערען אין די הונדערטע טויזענדער, זיינען די אָרימע לייט, די וועלכע פארמעגען גאָרנישט און וועלכע צעהלען זיך אימער אין די מיליאָנען — די זיינען פארבליבען ביי זייער אייביגען דלות און אויך אויף דער אידישער גאַס זיינען גענוג קבצנים פאַרבליבען.

איינער איז פאַרבליבען ביי זיין שטענדיגער ארבייט און האָט געלאָזט אזוי פארביילויפען די גאָלדענע צייט, א צווייטער ווידער האָט ניט געוואגט, א דריטער האָט צו לאַנג געצווייפעלט. ס'זיינען אויך געווען אזעלכע וועמען ס'איז ניט געווען איבעריגס צום הארצען ארייגלאָזען זיך אין געלד מאכען צו דער צייט, וואָס די גאַנצע וועלט ווערט אין בלוט דערטרונקען — זיינען אויף דער אידישער גאַס אזוי ווי אין גאַנץ אמעריקא פארבליבען גענוג אָרימע לייט.

נאָר טאַקע דערפאר, ווייל עס איז געווען א גאָלדענע צייט און

ס'איז אזוי לייכט געווען רייך צו ווערען, טאקע דערפאר ווייל אויף יעדען שריט און טריט איז צוגעקומען א פון־דאָס־ניי אויסגעבאַקענער נגיד, איז די לאַנגע פון דעם יעניגען, ווער ס'איז אָרעם פארבליבען, געוואָרען פיעל ביטערער, פיעל שמערצליכער, ווי דאָס איז ווען עס איז פריהער געווען, אין די נאָרמאלע, אין די געוועהנליכע צייטען.

אמאָל, אין די געוועהנליכע צייטען האָט דער נגיד דעם אָרעמען ניט אזוי געריסען די אויגען... אמאָל האָט זיך דער נגיד ניט אזוי געשטויסען אין דעם פאַראָרימטען קווארטאל; א פאַראָרימטער ארבייטער האָט אמאָל זיין רייכען באָס אין שאָפּ באַגעגענט. אן אָרעמער שכן האָט זיין רייכען לענדלאָרד געזעהן בלויז דעמאָלט ווען ער איז נאָך דירה־געלד געקומען. אן אָרעמער איד האָט אמאָל געמאַכט א שפּאַציר אויף דער פינפטער עווענױ און האָט זיך אביסעל גע'חידוש'ט מיט רייכקייט. מיליאָנערען האָט אן אָרימאַן אממייסטען געקענט זעהן נאָר אין די „מואווינג פּיקטשורס" אויפ'ן לייווענט אָדער אמאָל אין טעאַטער פון וויטען אויף דער ביהנע. אָבער אין לעבען איז דער אָרימאַן ניט געקומען אין א צו אָפטער באַריהרונג מיט דעם נגיד און די פארקלעמטע הארץ פון דלות איז ניט אזוי אָפט, ניט אזוי ברוטאַל אנגעגריפען געוואָרען פון דער פרעכער אויגען-רייסענדער רייכקייט.

אַנדערש איז אָבער געוואָרען אין דער צייט פון די גאָלדענע יאָהרען פון דער אמעריקאנער מלחמה פּראָספּעריטי, — נגידים זיינען איבער א נאכט אויסגעוואקסען „אויף אייערע אויגען". אייער „נעקסט דאָרינער" שכן, וועלכער איז ערשט נעכטען מיט אייך צוזאמען פארזונקען אין דלות געלעגען, איז פּלוצלינג א גביר געוואָרען... איינער וועלכער האָט ערשט נעכטען צוזאמען מיט אייך אין שאָפּ געארבייט, איז ווי דורך א כשוף א רייכער פאבריקאַנט געוואָרען... און די פּלוצלינג אויפגעקומענע נגידים, וועלכע איהר האָט ערשט נעכטען אלס קבצנים געקענט, האָבען זיך אזוי פארמעהרט, זיי זיינען פול און פיעל געוואָרען אונטער אייער רעכטען נאָז, און פאַרווילדעט פון זייער רייכקייט, פארשכור'ט פונ'ם שיין פון זייער גאָלד, זיינען זיי דאָ פול און פיעל אין אייער אָרעמער גאַס. רייסען אייך די אויגען מיט זייער ווילדען צולאָזענעם פארשווענדען פון דאָלארען, און קיינמאָל פריהער האָט דער בלאַסק פון רייכקייט ניט אזוי אויפגעריסען די אויגען פון דער אָרעמקייט, ווי דאָס איז געוואָרען נאָך

דער מלחמה־הצלחה, ווען אין אמעריקא זיינען אזוי פיעל נגידים צוגעקומען. און אפשר קיינמאָל בעפאָר איז דעם ארעמאנ'ס הארץ ניט געווען אזוי שמערצליך אָנגעגריפען, ווי אין דער צייט פון די אויסערגעוועהנליכע מלחמה־הצלחה יאָהרען אין אמעריקא.

*　*　*

נחום זאלצמאן איז געווען איינער פון די פארשוינען, וועלכע זיינען פון די גאָלדענע מלחמה־יאָהרען אין אמעריקא ווייניג געהאָלפען געוואָרען. זאלצמאן איז פאר דער מלחמה אן אָרימאן געווען, און איז זיך נאָך דער מלחמה דער אייגענער קבצן פארבליבען. עפעס אזוי ווי אויף דער וועלט וואָלט נאָך קיין מלחמה ניט געווען און אין אמעריקא וואָלט גאָר קיין גאָלדענע צייט ניט געווען.

נחום זאלצמאן איז פאר דער מלחמה געווען אן אגענט אין א לעבענס־פארזיכערונגס קאָמפאניע, דער זעלבער אַגענט איז ער פארבליבען נאָך דער מלחמה. ניט אַכטענדיג אויף דער גאָלדענער צייט, איז ער זיך פארבליבען אן איינגעפונדעוועטער קבצן, אזוי ווי ער איז פון תמיד אָן געווען. און די גוואַלדיגע אמעריקאנער מלחמה־הצלחה האָט נחום זאלצמאַנ'ס דלות פון אָרט ניט גע־ריהרט. זאלצמאן האָט ניט געקענט און ניט געפּרואווט טאָן דאָס, וואָס אנדערע האָבען געטאָן אום רייך צו ווערען. אריינלאָזען זיך אין געשעפט, געהן ספּעקולירען, געהן זוכען רייך צו ווערען — דאָס האָט עפּעס ניט געשטימט מיט זיין גאנצען כאראקטער. און ווען ארום און ארום האָט געקלונגען און געבריאזגעט מיט גאָלד, איז זאלצמאַן פארבליבען ביי זיין אגענטסטוואָ און האָט זיך אימער באנוגענט מיט זיינע אייגענע, מיט זיינע אויסגערעכענטע פאר־דינסטען.

און אפשר האָבען זאלצמאַנ'ס פּרינציפּען, אָפשר האָט זיין גאנצע לעבענס־פילאָזאָפיע ביז א געוויסער שטופע מיטגעהאָלפען, אז דער אַגענט זאָל אפילו אויף דאָס מינדעסטע ניט אריינגעצויגען ווערען אין דער ארומיגער געלד־מאכעריי?

זאלצמאַן איז געווען א סאָציאליסט און א טרוימער, און דער וואונש, זאָגאר דער געדאנק רייך צו ווערען וואָלט שלעכט געשטימט מיט זיינע באגריפען, מיט זיינע פּרינציפּען. א סך פון זיינע נאָהענטס־טע קאַמעראַדען האָבען ניט ביינעשטאנען דעם גאָלדענעם רייץ פון דער צייט, האָבען זיך אריינגעלאָזען אין דער אלגעמיינער גאָלד־

יאָגעניש, זיינען געוואָרען פאַבריקאַנטען, באָסעס, לענדלאָרדס און זיינען טאַקע רייך געוואָרען. אָבער זאַלצמאַן איז פון די אַלע ביישפּילע ניט געשטרויכעלט געוואָרען.

די גרויסע אויסערגעוועהנליכע וועלט־געשעהעענישען, וועלכע די וועלט־מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט האָבען אַזוי אויפגעטריי־סעלט זאַלצמאַן'ס גאַנצע נשמה, אַז דער מאַן האָט זיך געפונען אין אַ שטענדיגען פיבער פון אויסערגעוועהנליכע ערוואַרטונגען. איבער דעם פייער פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט דער מענש זיך געפונען אין אַ שטענדיגען פיבער פון אויסערגעוועהנליכע גלי־הענד־פלאַמיגע האָפענונגען, ווי אַזוי זשע האָט ער גאָר געקענט אין קאָפּ אריינגעמען אַזא וואָכעדיגען געדאַנק, ווי באַנוצען זיך מיט דער אַמעריקאַנער „פּראָספּעריטי" און מאַכען דעם דאָלאַר? ווי אַזוי קען דאָס אַ מענש טראַכטען וועגען געלד מאַכען, ווען ער איז כמעט ווי זיכער, אַז באַלד וועט קומען אַ סוף צו דער גאַנצער סיסטעם פון געלדמאַכעריי? ווייל דער פייער וואָס האָט אויס־געבראַכען דאָרט אין רוסלאַנד וועט דאָך זיכער אָנצינדען די גאַנצע וועלט, צו וואָס זאָל אַ מענש אריינלאָזען זיך אין געשעפט, ווען ער איז זיכער אַז באַלד קומט דער סאָציאַליסטישער משיח און ס'וועט אין גאַנצען אַ סוף נעמען צו אָרעם און רייך?

אין ערגסטען פאַל, ווען אין אַמעריקא וועט די גאולה ניט אַזוי שנעל קומען, איז דאָך דאָ עפּעס אַ רוסלאַנד אויף דער וועלט. און נאָך וואָס פאַר אַ רוסלאַנד — שוין אַ סאָציאַליסטישע... איין קליינינקייט, אַ פרייע, אַ סאָציאַליסטישע רוסלאַנד! נו, וועט ער פאָהרען נאָך רוסלאַנד.

איז דען ניט אַ פרייע רוסלאַנד געווען זאַלצמאַן'ס אייביגער הייליגער חלום?! און זיין חלום איז דאָך מקוים געוואָרען. רוס־לאַנד איז אַ פריי לאַנד. און אָט וועט ער נעמען זיין פאַמיליע און וועט גאָר אהיים פאָהרען; אהיים אין דער פרייער רוסלאַנד. נו, טאַקע ווי אַזוי קען מען אפילו אַ טראַכט טאָן וועגען אריינלאָזען זיך אין געלד מאַכען, ווען מען טראָגט זיך ארום מיט אַזעלכע ערוואַר־טונגען, מיט אַזעלכע האָפנונגען און שעהנע חלומות?

דערווייל איז די מלחמה אריבער. און עס איז שוין אריבער די גאָלדענע צייט פון נאָך דער מלחמה. אין אַמעריקא איז משיח ניט געקומען, און עס קוקט גאָר ניט אויס, אַז ער וועט ווען עס איז יאָ קומען. רוסלאַנד איז טאַקע פריי. אָבער עפּעס איז דאָרט אויך ניט

אזוי גלאטיג. און עפעס איז דאָרט ניט אלעס אזוי ווי זאַלצמאַן האָט געחלום׳ט, אז ס׳וועט זיין, און ווען אין רוסלאַנד זאָל שוין אפילו זיין א גן־עדן, האָט זאַלצמאַן גענומען איינזעהן, אז פון טראַכטען ביז טאָן איז זעהר ווייט, קען ער דען פון אמעריקא אוועק־פאָהרען? וואָס וועט עפעס זיין פאמיליע זאָגען?

זאַלצמאַן איז א פאָטער פון ערוואַקסענע קינדער — קינדער, וועלכע זיינען אין אמעריקא געבאָרען געוואָרען; קינדער, וועלכע פאַררעכענען אמעריקא אלס זייער היים; פאַר וועמען זיין הייליגע רוסלאַנד איז אַ גאַנץ פרעמד לאַנד, אַ ווילד־פרעמד לאַנד.

וואָס איז רוסלאַנד פאַר זאַלצמאַן׳ס אמעריקאַנער קינדער? אין די סקוהלס און הײַ־סקוהלס, פון וועלכע זאַלצמאַן׳ס קינדער שעפּען זייער גאַנצע ערציהונג, און לויט דעם, וואָס זיי לעזען זיך אָן וועגען דער נייער רוסלאַנד אין די ניו יאָרקער צייטונגען, קענען זיינע קינדער צו רוסלאַנד קיין גרויסע ליבע ניט פיהלען. און ווען דער אגענט רעדט אמאָל אין דער אָנוועזענהייט פון זיינע קינ־דער וועגען רוסלאַנד פול מיט באגייסטערונג, פול מיט עהרען־פורכט, קוקען זיי אָן זייער פאָטער אזוי ווי אַ משוגענעם...

זאַלצמאַן האָט ליב זיינע קינדער, ליב ביז משוגעת. אָהן זיינע קינדער וועט ער ניט נאָר אין רוסלאַנד, ער וועט אפילו צעהן מייל פון ניו יאָרק ניט וועלן אוועקפאָהרען — און אין אמעריקא איז משיח ניט געקומען, און ווער ווייסט ווען ער וועט קומען!

און זאַלצמאַן האָט פון זיינע חלומות ערוואַכט, און זיין ערוואַכונג איז איהם פאַרגעקומען אזוי שווער, אזוי פּיינליך שווער!

דער ערוואַכטער אגענט האָט איינגעזעהן, אז פון אלע זיינע חלומות האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזען. פאַרבליבען איז ער נאָר ביי זיין אלטער פרנסה און צוזאַמען מיט זיין פרנסה איז דעם אגענט אויך זיין אָרימקייט פאַרבליבען.

זאַלצמאַנען האָט זיין אָרימקייט קיינמאָל ניט געשראָקען, ער האָט זיין ארעמקייט מיט זיין איינגעגאַרטיגער פילאָזאָפיע פאַרלאַכט און פאַרשפּאָטעט. און אָפטמאָל האָט זיך געדאַכט אזוי ווי דער אגענט וואָלט פון זיין אָרעמקייט איינפאַך פאַרגעניגען געהאַט, ווייל ס׳האָט איהם געגעבען פאַר שפּאַס אַ געלעגענהייט... אָבער אזוי איז דאָס געוועזען בעפאָר, פאַר דער מלחמה... איצט איז אַן ענדערונג פאָרגעקומען.

די אמעריקאנער מלחמה־הצלחה האָט מיט זיך געבראכט א סדום און עמורה צייט, מענשען האָבען זיך אזוי אריינגעלאָזען אין געלד מאכען, אז זיי האָבען בּיסלעכוועיז פאַרלאָרען זייער מענשליכע געשטאלט. געוואָרען זיינען מענשען ווי בייזע וואלד־חיות, וועלכע דערשפּירען דעם גערוך פון בלוט, קיין גענוג, קיין זעטיגונג האָבען זיי ניט געוואוסט. און וויפיל געלד מען האָט ניט געמאכט, מיט וויפיל געלד מען האָט זיך ניט אָנגעשטאָפּט, איז פאר זיי אלץ ווייניג געווען. אָהן א פונק פון רחמנות אין הארצן האָט איין מענש גענומען שטיקן און ווערגן דעם צווייטן — אבי געלד מאכען!

אזוי ווי עקדעשען און שלאַנגען האָבען זיך אין אמעריקא געפעהרליכע גרויזאמע ספּעקולאנטען פארפיהרט, מען האָט גענר־מען ספּעקולירען מיט די נויטיגסטע נויטווענדיגקייטען פון דעם אלטעגליכען לעבען און אין אמעריקא האָט אזוי ווי א בייזע מגפה אויסגעבראכען א גרויזאמער יקרות.

זאלצמאן׳ס דלות האָט פּלוצלינג גאַר אן אנדער פּנים געקראָ־גען. זיין דלות האָט זיך פּלוצלינג עפּעס אזוי ווי אויסגעגלייכט אין זיין פולער שרעקליכער גרויס, מיט רציחה פּארמאָסטען זיך מיט זיינע דאַרע ביינערדיגע הענד אויף דעם אָרעמען אגענט און ווען זאלצמאַן האָט געוואָלט נעמען לאכען, אזוי ווי ער פלעגט דאָס טאָן אין די אמאָליגע צייטען, האָט זיך דעם מאָן דער געלעכטער אין האלז אָבגעשטעלט!

אמאָל אין די געוועהנליכע פאר־דער־מלחמה צייטען, ווען זאלצמאן איז אן אָרעמאן געווען, האָט ער ארום זיך געזעהן פּונקט אזעלכע אָרימע לייט, ווי ער אליין איז און דערפאר האָט ער זיין אָרעמקייט ניט איבעריגס שטארק געפיהלט; זאלצמאן׳ס פריינד, באקאנטע זיינען ניט געווען פיל רייכער פון איהם — איינער האָט געמאכט א בעסערען לעבען, דער צווייטער האָט פארדינט מעהר מיט עטליכע דאלאר. אבער זיין אזוי רייך, אז עס זאָל רייסען די אויגען, איז פון דעם אגענט׳ס פריינד קיינער ניט געווען. אין דער הויז וואו זאלצמאן האָט זיין דירה געהאט, האָט געוואָהנט א קלאָס שכנים, וועלכע זיינען געווען פיליכט אביסעל רייכער פון איהם, אָבער דאָך ניט קיין צו גרויסע נגידים. און אזוי איז אויך געווען מיט דעם גאנצען ארומיגען געגענד — איינער איז אביסעל ארימער, א צווייטער, אביסעל רייכער אבער מיט צופיל רייכקייט האָט טאקע ווייטער קיינער ניט געריסען די אויגען. און זאלצמאן׳ס ארעמקייט

האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אזוי אָנצוזעהן זיך און לאָזען זיך צופיל פיהלען.

אָבער די אמעריקאנער מלחמה־הצלחה האָט געענדערט די אומשטענדן. און ווען זאַלצמאַן האָט געהאַלטען אין מיטען חלום'ען און האָט אויף משיח'ן געוואַרט, זיינען אַלע ארום קליגער געווען: באַנוצט זיך מיט דער גאָלדענער צייט און מען האָט דעם דאָלאַר געמאַכט. ווען זאַלצמאַן האָט פון זיינע חלומות ערוואַכט האָט ער דערזעהן, אז בעת ער איז ביי זיין אָרימקייט פארבליבען, איז אַלעס ארום איהם שרייענד רייך געוואָרען. און זאַלצמאַן שטעהט א פאַרוואונדערטער, א צושראָקענער, קוקט זיך צו צו דעם, וואָס עס קומט פאָר ארום איהם און ער גלויבט זיינע אויגען ניט.

אַלעס און אַלע זיינען אָבגעשאָטען מיט גאָלד געוואָרען. אַלעס און אַלע ארום און ארום שפּרינגען פון דער הויט פאַר רייכקייט. אַלע שכנים פון דער הויז וואו ער וואָהנט זיינען גבירים געוואָרען, מען האָט זיך אָנגעטאָן אין די טייערסטע קליידער, אין בריליאַנטען, דימענטען און פּערעל...

דער גאַנצער בלאָק, דער גאַנצער געגענד ארום און ארום, האָט גאָר אַן אנדער פּנים באַקומען. א רייכען פּנים, א פאַרדאָלער־טען פּנים, א פאַרווילדעטען פון רייכקייט.

בעפאָר דער מלחמה האָט דער געגענד וואו זאַלצמאַן וואָהנט אויסגעקוקט שטיל און געוויינליך. אין דעם געגענד זיינען געווען בלויז עטליכע טענעמענט הייזער אָנגעפילט טיילווייז מיט אידען, טיילווייז מיט קריסטען, און געשטאַנען זיינען דאָרט אַממעהרסטען היימליכע הילצערנע פּריוואַט הייזקעס, און אַלעס ארום און ארום האָט אויסגעקוקט שטיל, רוהיג און באַשיידען.

יעצט האָט זיך אַלעס געענדערט — די מלחמה־הצלחה האָט אין דעם גאַנצען ארומיגען געגענד א ווילדע ענדערונג געמאַכט. די ארומיגע טענעמענט הייזער האָבען אָפּגעהאַנדעלט ריעל־עסטייט ספּעקולאַנטען, מען האָט אָהן רחמנות געהאַלטען אין איין העכערען רענט, האָבען זיך מעהרערע שכנים געמוזט צולויפען.

די נייע אויפגעקומענע מלחמה־נגידים אַממייסטען ריעל־עסטייט ספּעקולאַנטען, האָבען אויפגעקויפט שטילע היימליכע הייז־קעס, די הייזקעס האָט מען שרייענד און ווילד איבערגעבויט, און איהר האָט באַדאַרפט אָנקוקען דעם פאַרענדערטען געגענד, א רייכער געגענד געוואָרען! א שרייענד־רייכער, א ווילד־רייכער! יעדע איבער־

נעבויטע הייזקע שרייט מיט גוואַלדען: „מיר זיינען רייך געוואָרען, מיר האָבען אָנגעשאַרט געלד, יעצט האָבען מיר די גאַנצע וועלט אין דער ערד, און עס איז אונזער אמעריקא!״

און וויפיל אויטאָמאָבילס עס האָבען זיך דאָס פאַרפיהרט אין דעם אַמאָל שטילען פּאַרטרוימערטען געגענד. יעדער אויפגעקומע־נער נגיד האָט אַן אויטאָמאָביל, אַנדערע האָבען צו צוויי און דריי אויטאָמאָבילס, — איין אויטאָמאָביל פאַר זיך זעלבסט, אַ צווייטער פאַר דער ווייב, אַ דריטער פאַר די קינדער, — און די אויטאָ־מאָבילס פון די איבער־אַ־נאַכט געוואָרענע נגידים האָבען עפּעס אַזעלכע שרייענדע „האָרנס״, און עס גוואַלדעוועט דער גאַנצער גע־געגנד, און עס שרייט, און עס שאַלט, און עס טרומפּייטעט און עס פּייפּט: „קוקט נאָר אָן ווי גוט עס לעבט זיך אונז, קוקט זיך נאָר צו ווי מיר ווערען באַלד משוגע פאַר רייכקייט, זאָל אייך אַלעמען די אויגען אויפּרייסען, עס איז יעצט אונזער אמעריקא!...״

זאַלצמאַן קוקט אָן וואָס אַרום און אַרום טוט זיך, און דעם אָרימען אַגענט ווערט היים און קאַלט פון דעם אַרומיגען בייז־וואונדער.

זאַלצמאַן׳ס דלות האָט פּלוצלונג אין זיך געקראָגען אַ נייע גבורה, אַ גיפטיגע גבורה, און דער דלות רעדט צו זאַלצמאַנען, רעדט אַזוי ווי מיט ווערטער: „איצט וועל איך זיך ערשט נעמען פאַר דיר... איצט וועל איך דיך שוין איבערברעכען, דו, אַמאָליגער שטאָלצער טרוימער. איצט וועל איך זיך מיט דיר אַביסעל רעכענען, דו נאַרישער בעל־חלום, דו, וועלכער האָסט אין דער טיפעניש פון דיין הארצען געוואגט צו האָפען, צו גלויבען און צו חלום׳ען, אַז אַזאַ זאַך ווי אָרימקייט וועט פון דער וועלט אינגאַנצען פאַרשוואונ־דען ווערען. איך וועל דיר שוין באַצאָלען פאַר דיינע געוואגטע חלומות... איך וועל דיר ציינען, אַז מיין שוואַרצע ממשלה איז איצט שטאַרקער, מורא׳דיגער געוואָרען, ווי דאָס איז ווען עס איז אַמאָל געוועז״ — אַזוי רעדט דער דלות צו זאַלצמאַנען. אַזוי סטראַשעט ער דעם אָרימען אַגענט, און דער דלות האַלט וואָרט. און אוי, ווי ער האָט גענומען פּייניגען דעם אָרימען זאַלצמאַנען!

אַ יקרות האָט אויסגעבראָכען, אַ הימעל־שרייענדער יקרות. דעם נגיד אַרט ניט דער יקרות, דער אָרימאַן אָבער קומט אום, ער קען מעהר ניט לעבען.

יעדער איינער, צו וועמען דער אָרימאַן דאַרף נאָר אָנקומען

אין זיינע אַלטעגליכע באַדערפעניש, יעדער איינער שינדט איהם זיין הויט פּאַסען־ווייז — עס איז געוואָרען א סדום ועמורה־צייט, שווער איז געוואָרען דעם אָרימאַן צו לעבען.

עס רייסט און באַרייסט דער גראָסערימאַן, עס רייסט און באַרייסט דער בעקער, עס שינדט די הויט דער קצב, ווען דער אָרימאַן וויל א שטיקעל פליש פארזוכען. עס שינדט פאסען־ווייז דער קליי־דער הענדלער, דער שיך־פארקויפער. אלס קעניג פון אלע הויט־שינדער קומט דער לענדלאָרד, דער גרויזאמער ריעל־עסטייט ספּעקולאנט, און זויגט ארויס דאָס לעצטע ביסעל בלוט פון דעם אָרימאַנס אָדערען — אזוי ווי א מחנה רויב־פויגלען, האָבען זיי זיך אלע ארויפגעוואָרפען, די אלע ספּעקולאנטען, די אלע געלד־זוכער, אזוי ווי א מחנה שווארצע בייזע קראָהען, עסען זיי אויף און פאַרצעהרען דעם אָרימאַן לעבעדיגערהייט.

געהט זאלצמאַן'ס אָרימע פרוי אין דער גראָסערי אריין, האָט זי ניט וואָס צו קויפען פאַר איהר מאַנס פארדינסטען, זי קומט אהיים מיט א פארקלעמטען הארצען, און זי רעדט צו איהם פול מיט וועהטאָג, פול מיט ביטערקייט:

— איך קען גאָרנישט קויפען, אלץ איז מיט גאָלד גלייך; פאַר די פּאָר פּענים, וואָס דו גיסט מיר, האָב איך גאָרנישט וואָס צו קויפען.

זאלצמאַן לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און ווייסט ניט וואָס זיין פרוי צו ענטפערען.

און אין איר פארביטערטקייט רעדט ווייטער די אָרימע פרוי:

— אלען האָבען געלד, מען דינגט זיך ניט, מען צאָהלט וויפיל מען בעט, אי אין גראָסערי, אי אין בוטשער סטאָר. מען זויפט און מען פרעסט, ווייל מען איז אָנגעשאָטען מיט גאָלד, נאָר מיר אליין איז שווער דער לעבען, כאָטש נעהם און באַגראָב זיך לעבעדיגערהייט...

דער אגענט שוויגט. וואָס קען ער דען ענטפערען? נאָר פון זיין ווייבס ווערטער ליגען זיך איהם אוועק שטיינער אויפ'ן הארצען, און ווען ער קוקט אָן זיין פרוי'ס פּנים, דעם פון נויט און אָרימקייט צופאלאַגטען און צומוטשעטען פּנים, פיהלט זיך דעם אגענט, אזוי ווי די ערד זאָל זיך אונטער זיינע פיס עפענען, ער זאָל פון דער אָפענער ערד פארשלונגען ווערען, און א סוף זאָל זיין!

גוט און וואויל האָט זיך זאַלצמאַן׳ס ווייב קיין מאָל ניט גע־לעבט, אבער אמאָל האָבען אַלע די, וועלכע זי האָט געקענט, ניט געלעבט פיל בעסער פון איר, און עס איז ניט געווען וועמען מקנא צו זיין, אויף וועמען אָנצוציייגען איהר מאַן, אז אָט די און די לעבט זיך גרינגער, לעבט זיך בעסער... איצט האָט זיך אבער אַלעס געענ־דערט, און דעם אגענטס ווייב האָט שוין יע וועמען מקנא צו זיין, אויף וועמען אנצוצייגען איהר מאַן, אז די און די לעבט זיך בעסער און לייכטער... און דעם אגענט׳ס ווייב שווייגט ניט, און זי רעדט צו איהר מאַן פול מיט פאָרוואורף, פול מיט באשולדיגונג:

— אַלע האָבען געלד געמאַכט, אַלע זיינען רייך געוואָרען מען האָט זיך שעהנע רייכע הייזער אויסגעבויט, מען באָדט זיך אין רייכ־קייט און אין גאָלד... נאָר מיר פינסטערען אָפּ אונזערע טעג און יאָהרען.

דער אַגענט שווייגט, וואָס קען ער דען ענטפערען? אָבער זיין פרוי׳ס יעדעס וואָרט שטעכט אין זיין הארצען אזוי ווי מיט שאַרפע נאָדלען.

און דעם אגענטס ווייב נעמט אויסרעכענען א צעטעל פון זייערע פריינד, פון זייערע באקאַנטע...

— זעה, פורקיל, גאָר אַן אָרימאַן געווען, מיט דיר גליך אין דער ערד געלעגען... זעה נאָר, ווי עס לעבט זיך איצט זיין ווייב און קינדער. פעריל געקויפט דער ווייב, בריליאַנטען, דימענטען געקויפט. א קאַטעדזש אין די בערג, געקויפט א „פאַלאַץ" ביים ים. באָדען זיך אין רייכקייט און גליק... קוק אָן די שאַליטאַס לעבען ווי די גראַפען, מיט אויטאָמאָבילס, מיט דינסטען... זעה אונזערע אַלע שכנים... זעה דאָ אַלע אַרום ווי מען לעבט עס א גוטען טאָג... פאַרוואָס איז דאָס נאָר אויף אונז אַזאַ פינסטערער אונגליק אויס־געפאַלען?

און ניט נאָר די שוואַר־געשטראָפטע פרוי פּראָטעסטירט, אויך די קינדער, וועלכע ער האָט מעהר ווי זיין לעבען ליב, אויך די קינדער׳ס הערצער זיינען פאַר׳סמ׳ט געוואָרען פון זייער פאָטער׳ס אָרעמקייט, פון דער שווערער גרויזאַמער נויט, וועלכע שטיקט זיי אונבאַרמהערציג. אויך די קינדער האָבען וועמען מקנא צו זיין, זעהען זיי דאָך ווי אַלע אנדערע קינדער אַרום און אַרום לעבט זיך אין רייכקייט און אין וואוילטאָג. בלויז זיי קומט אויס צו ליידען, דערשטיקט צו ווערען פאַר נויט. אויך זייערע יונגע הערצעלאַך זיינען פול מיט וועהטאָג, פול מיט פאַרדרוס. און זיי קוקען אָן

זייער פּאַטער, זייער שפּייזער, זייער פאַרזאָרגער, פול מיט פּאַר־וואורף, פול מיט באַשולדיגונג.

— פארוואָס, פּאַפּאַ — לעבט זיך אַלעמען אַזוי גוט אַלע „באָים און גוירלס" זיינען אַזוי שעהן און רייך „גערדרעסט" און האָבען אימער געלד ביי זיך, פאָהרען אום אין אויטאָמאָבילס און האָבען אַלע „פלעזשורס" וואָס זיי ווילען, נאָר מיר געהען ארום אין שמאַטעס, אַזוי אַז עס איז אַ „שעים" צו ציינען זיך אין סטריט! — אַזוי פרעגען די קינדער זייער אונגליקליכען פּאַטער, און ווען זיי רעדען אַזוי ווערען זייערע קינדערשע אויגען מיט טרע־רען פאַרלאָפען.

און וואָס קען דער אַגענט ענטפערן זיינע קינדער? מיט וואָס קען ער זיך פאַר זיי פאַרענטפערן? און אַזוי ווי דער פון גאָט־געשטראָפטער איוב האָט גענומען אין זיינע ליידען און זיינע צרות שילטען און פלוכען, אַזוי נעמט זאַלצמאַן ווארפען אַ פלוך אויף דער גאַנצער ארומיגער וועלט.

— גלויבט מיר, קינדער, ס'וועט אַזוי לאַנג ניט אָנגעהן! אַ פינסטערער טאָג וועט אויך אָנקומען אויף די, וועלכע האָבען זיך יעצט אַזוי צוהוליעט אין זייער אָנגערויבטער רייכקייט, ס'וועט אויך זייער שעה קומען!

און דער פאַרביטערטער אַגענט נעמט זיין ביטער הארץ אויס־לאָזען צו די אַלע באַרייסער, וועלכע מאַכען זיין לעבען אַזוי שווער, צו די אַלע ספּעקולאַנטען, וועלכע דערלאָזען ניט אַז זיינע קינדער זאָלען זיין אָנגעטאָן אין אַ נייעם שוך און אַ נייעם מלבוש, צו די הויט־שינדער וועלכע רייסען זיינע לעצטע פאַרדינסטען אויף די כסדר־געהעכערטע און געהעכערטע מקחים אויף אַלע נויטיגיסטע לעבענסמיטעל, און אין זיין ביטערקייט און אין זיין פלאַגענדער פאַרצווייפלונג רעדט דער אַגענט, רעדט אַז די קינדער זאָלען הע־רען.

— גנבים זיינען זיי אַלע... אָט די רייכע, וועלכע איהר זעהט. שווינדלער, מענשען־פרעסער זיינען זיי. מיט דעם ארעמאַנ'ס בלוט זיינען זיי אָנגעזויפען... קינדערלאַך מיינע, זיי זיינען שמוציגע עקעלהאפטע באַשעפענישען! אויף זייער רייכקייט האָבען זיי זיך דערלעבט פון דעם אָרעמאַנ'ס שוויים און בלוט. זייער צירונג, זייערע שעהנע קליידער האָבען זיי געקויפט פאַר געלד, וועלכע זיי קריגען אריין האַנדלענדיג מיט מענשענפלייש.

און דעם פּאָטער׳ס ווערטער, וועלכע זיינען אַ וועהטאָגס־אויסגעשריי פון אַ צופּייניגטער, פון אַ פאַרצווייפעלטער נשמה, מאַכען אַ געוואַלדיגען איינדרוק אויף די יונגע צאַרטע עמפּפינד־ליכע נשמה׳לאַך פון זאַלצמאַן׳ס קינדער.

און דעם אַגענט׳ס קינדער הייבען אָן האַסען מיט אַ ביטערען, מיט אַ שווערען האַס אַט די אַלע, אויף וועמען זייער פּאָטער וואַרפט אַזעלכע שווערע באַשולדיגונגען.

אָבער ווער זיינען זיי אַט די יעניגע, וועמען דעם אַגענט׳ס קינדער פאַנגען אָן אַזוי ביטער צו האַסען? ווער זיינען זיי אַט די רייכע אין זייער געגענד? ווער זיינען זיי, די וואָס רייסען די אויגען מיט זייער רייכקייט?

ווער איז דער לענלאָרד וואָס רייסט אַוועק דעם אַגענט׳ס לעצטען דאָלאַר? ווער איז דער גראָסערימאַן וואָס שינדט די הויט? ווער איז דער בוטשער, פון וועמען דעם אַגענט׳ס פרוי קומט אַהיים אַלע פריהמאָרגען אַ פאַרצווייפעלטע, אַן אומגליקליכע? ווער זיינען אַט די אַלע וועלכע גיבען דעם אַגענט׳ס קינדער צו פיהלען דעם ביטערען טעם פון הונגער?...

דער אַגענט איז דאָך אַ איד, וואוינט צווישען אידען, האַנדעלט מיט אידען. במילא קומט דאָך אויס, אַז ער ווערט באַריסען און באַשונדען פון די זייניגע... און עס קומט אויך שוין במילא אויס, אַז זיי זיינען אַלע אידען, אַט די, געגען וועמען דער אַגענט פלאַנצט איין ביטערען האַס אין די יונגע עמפּפינדליכע הערצער פון זיינע קינדער.

ניט אַכטענדיג אויף דעם וואָס זאַלצמאַן איז לויט זיינע פּרינ־ציפּען אַ פרייגעזאָננער מאַן, איז ער אָבער אויך אַ איד מיט אַן אמת׳דיג הייסע אידישע האַרץ.

זאַלצמאַן׳ס שעהנסטער חלום איז, אַז אידען זאָלען ווערען אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער. זאַלצמאַן׳ס גאַנצער וועזען ווערט ווי אויפגעציטערט ווען ער דערהערט, אַז וואו־עס־איז איז אַ איד אַלס איד באַליידיגט געוואָרען. און, אָה, וויפיל וועהטאָג זאַלצ־מאַן׳ס האַרץ האָט איבערגעליטען איבער די רדיפות, פּאָגראָמען און שחיטות, וועלכע זיין אומגליקליך פאָלק איז אויסגעשטאַנען און שטעהט נאָך אויס יעצט אויף יענער זייט ים, אין די פון דער מלחמה ווילד־ און משוגע־געוואָרענע לענדער!

קיינעם אין דער וועלט האָט ניט אַזוי זאַלצמאַן, ווי אַ אידען

וועלכער פארלייקענט זיין אידישע אָבשטאַמונג, און צו קיינעם ציהט ניט אזוי זאַלצמאַנ׳ען ווי צו זיינע אידען. און וואָס זאַלצמאַן האָפט און גלויבט איז, אז זיינע קינדער, וועלכע ער האָט ליב מיט דער צערטליכסטער ליבע, וועלען אויסוואקסען אלס אידישע קינדער, געטריי און איבערגעבען זייער אידישען פאָלק.

און דאָך אין זיין פארביטערטקייט, אין זיין פארצווייפלונג, איבער זיין שווערער ארעמקייט, איבער דער גאנצער ארומיגער בייזער לאַגע, האָט זאַלצמאַן — דער איד, מיט דער אידישער נשמה, אויף אזוי פיל פארגעסען זיך, דאָס ער האָט גאָר ניט א טראַכט געטאָן וועגען דעם, אז מיט זיינע פארצווייפעלטע ווערטער מאכט ער זיינע אייגענע קינדער פאר אידען־האסער, פאר אידען־פאַראַכטער.

אין זיין פארביטערטקייט, און זיין פארצווייפלונג איז זאַלצמאַן אויף איין מינוט ניט געקומען צו דעם באוואוסטזיין, אז מיט זיין פארצווייפעלטען רעדען צו זיינע קינדער גרייט ער צו פאר זיך א נייעם גרויסען אומגליק, אן אומגליק, וועלכער וועט פיליכט שרעקליכער אויסקומען ווי די ביטערסטע פארצווייפעלטסטע ארעמקייט, און וועלכער קען זיך אפשר ענטוויקלען פאר איהם אין א לעבענס־טראַגעדיע.

נאָר איין מאָל האָט זיך זאַלצמאַן אויפגעכאַפּט, און ווען ער האָט באגריפען וואָס ער טוט, איז ער אן אויפגעשוידערטער געוואָרען.

אין גאָס האָט זאַלצמאַן דערוואוסט זיך וועגען א שווינדעל, וואָס איין אידישער ריעל־עסטייטניק, איינער פון די איבער־נאַכט אויפגעקומענע נגידים, האָט אין דער ווילדער יאַגעניש נאָך געלד־מאַכען באגאנגען געגען א צווייטען ריעל־עסטייטניק, האָט ער „די נייעס״ גלייך אהיים געבראַכט.

ווען נאָר זאַלצמאַן פלעגט האָבען צו דערצעהלען וועגען עפּעס א שווינדעל אָדער גלאַט א געמיינהייט וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען אין דער וועלט פון די „אויפגעקומענע״, ווען נאָר עס פלעגט זיך מאַכען א געלעגענהייט צו דערצעהלען אין דער היים וועגען די „סדום און עמורה״־רציחות וועלכע ווערען באגאנגען פון די נייע אויפגעקומענע נגידים, פון די נייע לענדלאָרדס, פון די נייע באַרייסער און הויטשינדער, פלעגט ער דאָס זעהן טאָן אזוי, אז זיין פרוי און זיינע אלע 3 קינדער, זאָלען דאָס דורכאויס הערען. אָט זאָלען

זיי וויסען ווער עס זיינען אַט די נייע נגידים, זאָלען זיי וויסען וועלכע שווארצע, וועלכע פינסטערע הערצער דיזע מענשעלאך פארמאָגען, זאָלען זיי איבערצייגט ווערען, אז אזעלכע פינסטערע מעשים ווי זיי טוען אָב קענען לאַנג ניט פארשוויגען ווערען, און זאָלען זיי ניט האָבען וואָס און ועמען מקנא צו זיין. פלעגט זאלצמאן וועלען, אז זיין גאנצע פאמיליע זאָל הערען ווי ער שילדערט די פארברעכענס פון די נייאויפגעקומענע נגידים. יעצט, האָט דער אַגענט געטראָפען אין דער היים בלויז זיין פרוי און עדין, זייער עלטערען זוהן אַ בחור'ל פון אַ יאָהר זעכצעהן האָט ער גלייך געפרעגט זיין פרוי:

— סיידי, וואו זיינען די איבעריגע קינדער?

— רייטשעל איז אוועק אין לייברערי, און די אינגערע שפּילט זיך אין גאַס, — האָט סיידי אָבגעגעבען רעכענונג פאר איהר מאן וואו די קינדער געפינען זיך.

דעם אגענט האָט זיך זעהר געוואָלט, אז דאָס וואָס ער האָט צו דערצעהלען זאָלען אַלע זיינע קינדער הערען. ער איז אָבער געווען צופיל ענטריסטעט פון דעם, וואָס ער האָט געהערט אין גאַס, אז ער זאָל קענען ווארטען ביז די איבעריגע קינדער וועלען אהיים קומען, האָט ער זיך באנוגענט מיט דער אַנוועזענהייט פון זיין פרוי און זיין עלטסטען זוהן, און ווענדענדיג זיך צו זיין פרוי האָט ער גענומען רעדען האסטיג און אויפגערעגט:

— סיידי, ווייסטו ווער עס וואָוינט יעצט אין דעם שעהנעם דרייפלאָריגען פּאַלעסטעלע, די צווייטע הויז פון קאָרנער מיט דעם שעהנעם גאָרטען ארום און ארום?

— נו, פאַרוואָס זאָל איך ניט וויסען? — וואונדערט זיך סיידי מיט איהר מאַנ'ס פראגע — ווער ווייס עס ניט? עפּעס אַן אונגאַרישער רייכער איד.

— ניין, ניט מעהר — ענטפערט דער אַגענט — דער אונגאַרישער איד האָט זיך שוין ארויסגעקליבען, יעצט וואוינט אַ איד אַ ליטוואַק.

— נו, וואָס איז פאר אונז ניט אַלץ איינס — ענטפערט סיידי דעם אַגענט'ס ווייב גאַנץ אומשולדיג — אַן אונגארישער צי אַ ליטוואַק ניט אונזערע דאגות.

— מען האָט ביי דעם אונגארישען זיין הויז אויסגעשווינ־

דעלט! — קלינגט אָפּ זאלצמאַן'ס שטימע, און יעדער וואָרט זיינער קומט ארויס פול מיט באשולדיגונג, פול מיט ענטריסטונג — איין איד האָט אפּגענארט א צווייטען, באשווינדעלט א צווייטען, באַ־שווינדעלט!

— אויסגעשווינדעלט? — פרעגט איבער סידי און ווערט שוין נייגעריג, אויך ווערט נייגעריג עדי, זאלצמאַן'ס עלטערער זוהן, וועלכער איז מיט זיין כאראקטער עמפּפינדליך און נערוועז אזוי ווי זיין פאָטער איז.

— יעס, אויסגעשווינדעלט, און אזוי מיאוס, אזוי העסליך — ענטפערט דער אגענט, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט וועלען מיט דעם זיינע פריהערדיגע ווערטער אלץ מעהר און מעהר קראַפט געבען, און אָבּבאַפּענדיג דעם אָטעם האָט זאלצמאַן אין די שווארצ־סטע פארבען געשילדערט די שווינדלערישע „ריעל־עסטייט" ספּע־קולאציע, דורך וועלכער איין אויפגעקומענער איד האָט האלב אָפּ־געקויפט און האלב אויסגעשווינדעלט ביי א צווייטען אידען זיינע א הויז.

און בעפאָר דער אַגענט האָט צייט געהאַט צו דערענדיגען דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו דערצעהלען, איז פאָלגענדעס גע־שעהן:

פאר עדין, וועלכער האָט פאר די לעצטע צייטען געגוג פון זיין פאָטער אָנגעהערט זיך וועגען די ווילדע מעשים פון אידישע ריעל־עסטייטניקעס און ספּעקולאנטען, און וועמעס יונג עמפּ־פינדליך הארץ איז שוין געווען גענוג פארגיפטעט מיט האַס צו אָט די אלע באַרייסער און הויט ־ שינדער איז דאָס, וואָס זיין פאָטער האָט איצט דערצעהלט, געוועזן דאָס לעצטע, וואָס האָט איבערפילט די מאָס פון דעם קינד'ס שווערע ביטערע גע־פיהלען... עדי'ס פּנים איז פּלוצלינג בלאַס געוואָרען און ביי ביידע שלייפען האָבען זיך איהם צוויי רויטע פלעקען צושפּילט: רייסענדיג פאר אויפרעגונג מיט ביידע הענד די שווארצע האָר פון זיין שעהנעם קינדערשען קאָפּ און איינגראָבענדיג דעם געזיכט אין דעם בוך, ביי וועלכען ער איז געזעסען, האָט זיין גאנצער קערפּער גענומען צוקען און ציטערען... און באלד האָט זיך דערהערט ווי עדי'ן שטיקט א געוויין אין האלז...

פארשוידערטע זיינען געבליבען שטעהן עדי'ס פאָטער און מוטער...

— עדי, זוהן מיינער, וואָס איז מיט דיר? — האָט עדי'ס מוטער אויסגעשריען פארשטיקט פאר שרעק.

עדי'ס פאָטער איז געווען צופיל ערשטוינט, צופיל דערשראָ־קען, אז ער זאָל קענען א וואָרט אויסרעדען.

— „אָ, מאַי גאָד! מאַי גאָד!" — האָט עדי עפּעס אזוי ווי ארויסגעקרעכצט, זיין פּנים האָט ער אלץ טיפער און טיפער אין בוך איינגעגראָבען און זיין גאנצער קערפּער האָט ניט אויפגעהערט צו ציטערען.

עדי'ס פאָטער איז צו זיך געקומען, צוגעלאָפען צו זיין קינד און זיין קאָפּ פון בוך אויפגעהויבען. דעם באָיס געזיכט איז נאָך בלאסער געווארען, נאָר פון די שלייפען זיינען די רויטע פלעקען אין די באקען אריבער... זיינע ליפען זיינען געווען אויסגעקרימט, עפּעס אזוי ווי אין אַ היסטערישען שמייכעל און אין די אויגען זיינען איהם טרעהרען געשטאַנען.

— וואָס איז דער מעהר מיט דיר? — האָט עדי'ס פאָטער קוים אויסגערעדט פאר שרעק און אויפרעגונג.

— „אָ, וואַי אַר ווי דזשוס"? — האָט עדי ווי אויסגע־קרעכצט און מיט זיינע ביידע הענד האָט ער געכאַפּט דריקען די שלייפען פון זיין קאָפּ. — ווארום זיינען מיר אידען?... „אַי עם אשעים אָוו מאַי פּיפּל"... „אַי עם אשעים אוו מאַיסעלף" — האָט עדי האַלב היסטעריש געשריען אין א האַלב־אידישען האַלב־ענגלי־שען זשארגאָן. און דעם קינד'ס עטליכע ווערטער זיינען ארויס־געקומען עפּעס אזוי ווי אויסגעפּלאגט פאר וועהטאָג און יסורים.

ווידער איז זאַלצמאַן געווען צופיל ערשטוינט, אז ער זאָל ענטפערען אויף זיין קינד'ס רעדען.

און פּלוצלינג האָט זיך עדי'ס קינדערש געזיכט אזוי ווי מיט א פלאַם אָנגעצונדען. די טרערען אין זיינע אויגען זיינען מאָ־מענטאל אזוי ווי אויסגעברענט געווארען. און אנשטאָט קינדערשע צאַרטע טרערען האָט פון זיינע אויגען האס און כעס ארויסגע־קוקט... ניט ווי אַ קינד האָט יעצט דער זעכצעהן יעהריגער עדי אויסגעקוקט, נאָר ווי אן ערוואַקסענער מאַן, און דער פלוצלינג אויסגעוואַקסענער מאַן האָט גענומען שרייען פול מיט האס און צאָרן:

— „אָה, פּאפּא, אַי העיט דהעם"... איך וועל אנטלויפען ער־געץ, וואו עס זיינען גאָר ניטאָ קיין אידען!...

אַנקוקענדיג זיין זוהן, און הערענדיג אזעלכע ווערטער פון זיין קינד'ס מויל, איז זאלצמאן ווי א טויטער בלאַס געוואָרען.

זאַלצמאַן האָט פּלוצלינג פארשטאַנען, אז אין זיין פארביטערונג, אין זיין פארצווייפלונג, האָט ער זיך צופיל פארגעסען און איז צו ווייט פאַרגאַנגען.

און זאלצמאן האָט ווידער ערוואַכט, און ווידער איז זיין ערוואַכונג געוועזן אַזאַ שווערע, אַזאַ פּיינליכע...

* * *

דעם זעלבען טאָג, ווען זאַלצמאַן האָט ווידער ערוואַכט, און אין די פילע אנדערע טעג, וועלכע זיינען שפּעטער געקומען, האָט דער אגענט פיל גערעדט צו זיינע קינדער, אָבער דאָס זיינען שוין מעהר ניט געוועזן געשפּרעכען וועגען אידישע לענדלאָרדס, וועגען אידישע הויט־שינדער און באַרייסער.

זאַלצמאַן האָט געשילדערט פאר זיינע קינדער דעם לעבען פון פּילע אידישע מארטירער, פילע אידישע ליכטיגע גרויסע נשמות. האָט אָנגעצייגט, זיינע קינדער אויף די אידישע ארבייטער, וועלכע ארבייטען אָפּ זייער גאַנץ לעבען אין די שעפּער, אין די פעקטאָרים, מאַכען רייך מיט זייער ארבייט אמעריקע, זייער נייע היימאַט און אליין שטארבען זיי אין נויט און אין ארעמקייט. פּיל, פּיל האָט דער צושראָקענער זאלצמאַן יעצט גערעדט צו זיינע קינדער. אָבער ווער קען וויסען וואָס פאר א נייע ערוואַכונג עס ערווארטעט דעם פאַראַרעמטען אגענט?...

פאַרוואָס זימביל האָט זיך געוואָלט אויפהענגען

אין איין שעהנעם פריהמאָרגען האָבען זיך פון מיסטער זימביל׳ס סטאָר דערטראָגען מורא׳דיגע היסטערישע געוואלדען, ווען די ארו־מיגע שכנים־סטאָרקיפּער און גלאַט פארבייגעהער זיינען זיך אין סטאָר אָנגעלאָפען, האָט מען אינוועניג אין סטאָר געטראָפען זימב־לען און זיין פרוי, די הויכע דאַרע און קאָסאָקע גאָסי, זימביל איז געשטאַנען א טויט־בלאַסער, מיט אַזא מאָדנעם שרעק־אָנוואַרפענדן שמייכעל פארגליווערט אויף זיינע ליפּען, גאָסי האָט געהאַלטען א שטריק אן אויסגעבונדענע אין א „פּעטליע״, איהר גאַנצער קער־פער האָט געציטערט און זי האָט כסדר היסטעריש געשריען:

— וועה איז מיר, ער האָט זיך דאָך געוואָלט אויפהענגען, איך האָב דאָך ביי איהם די שטריק פון האלז ארונטערגעריסען, פינסטער איז מיר מיין וועלט, ער איז משוגע געוואָרען מיין מאַן, ער האָט זיין גלייכען פארשטאנד פארלאָרען...

האָט זיך געטומעלט און געקאָכט אין אונזער גאַנצען געגענד אָט וועגען דער פּאַסירונג אין זימבילס קענדי און טאַבאַק סטאָרקע, די אנדערע ארומיגע סטאָרקיפּערס און גלאַט ארומיגע שכנים האָבען כסדר געפרעגט איינס דעם צווייטען, געפרעגט אין א שטי־לען סוד׳ענען זיך:

— הער א מעשה, גאָר אויפהענגען זיך?

זיינען געפאלען פארשיידענע סברות, האָט מען געקענט הערען פארשידענע מיינונגען וועגען די סיבות, וואָס האָבען זימבילען גע־בראַכט צו אַזא צושטאַנד, אז ער האָט געוואָלט א סוף מאַכען צו זיין לעבען. מיסטער סיראָטא דער גראָסערימאַן, זימבילס נעקסט־דאָריגער שכן, א יונגערמאַן גאָר ניט קיין נארעשער און א פלינ־קער ווי קוועק זילבער, האָט מיט א שמייכעלע מיט די הענט אוועק־געמאַכט:

— קינדער, דער זימביל איז עפּעס ניט מיט אַלעמען, ער האָט אין זיך אַזעלכע מאָדנע משוגעת׳ן, פון איהם קען מען אַלץ ער־ווארטען.

דער אפטעיקער פון דעם קאָרנער־אפטעיק, א איד א סוכאָטער מיט א פארמעט־פארגעלטען און פארטריקענטען געזיכט, האָט גערעדט מיט א הייזעריגליכען קול:

— ער מאכט, נעבאך, ניט קיין לעבען אין זיין סטאָרקע, ער מוטשעט זיך, נו, האָט איהם דערעסען אזא לעבען, מען האָט שוין פאר צוויי מאָנאטען פאר דער סטאָרקע קיין רענט ניט געצאָהלט, איך וויים.

דער בוטשער, א איד א דיקער א געזעצטער, אלעמאָל אין אנגעטאָנענער אין א פארבלוטיגטען פארטוך, האָט יעדען איינעם אויף זיין בוטשערשען שטייגער בסוד דערצהעלט:

— דאָס איז זי די גאָסיליע זיינע, די הויכע פארדארטע טשיקען זיינע, יעצט האָט זי זיך צוקוואָקעט, געמאכט א גוואלד, איך וויים אבער, אז נעכטען האָט זי געזאָלט פארנעמען די קינדער און אוועקגעהן פון איהם, אז א רוח אין איהר טאַטענס טאַטען אריין.

דער מאן פון דער בעקערי סטאָר, א איד אלעמאָל א פארשלאָפענער, מיט א פנים וואָס דערמאָנט אָן א צוגעברענטען „קאָפּעקעיק", א איד אן אייביג־אָנגעטאָנענער אין א פארמעליגטען פארטוך, האָט מיט א פארשלאָפענעם שמייכעל און מיט האלב צוגעמאכטע אויגען גערעדט אין דער וועלט אריין:

— א משוגענער באָלשעוויק... איז וואָס דען?... ווי מען פארקנעלט די טייג אזוי געהט עס אויף... וואָס דען? געוויס, ניט היינט איז מאָרגען... וועט זיך אויפהעגנגען... וואָס דען?

ס'איז ביז א געוויסען גראַד געלעגען א שטיק אמת אין אָט די אלע אויסגעדריקטע סברות וועגען דער פארצווייפעלטער פאסירונג מיט זימבלען, ווי דער גראָסערימאן האָט באמערקט האָט זימביל טאקע „געהאט אין זיך אזעלכע מאָדנע משוגעת'ן". אין זיין סטאָרקע, וואָס ס'איז געווען שייך צו „מאכען א לעבען", האָט זימביל טאקע געמוטשעט זיך, די ווייב איז איהם אויך דערגאנגען די יאָהרען און א „משוגענער באָלשעוויק" איז ער שוין איינמאָל געווען, דאָך אָט די אלע זאכען וואָלטען פאר קיין פאָל ניט געבראכט צו דעם, אז זימביל זאָל גאָר פארטראכטען א „פעטליע" אויפ'ן האלז אָנטאָן. דער אמת'ר אמת איז גאָר געווען, אז צו זימביל'ס פארצווייפלונג האָבען געבראכט געוויסע געשעהענישען אין דעם באָלשעוויסטישען רוסלאנד, אָט דאָס וואָס אין דער שוין עטאב־

לירטער קאָמוניסטישער אָרדענונג איז פּלוצלינג פון לענינען אליין ערקלעהרט געוואָרען דער נייער עקאָנאָמישער צושטאַנד, וואָס איז באוואוסט געוואָרען אונטער דעם נאָמען: „די נעפּ". אָט די גע־שעהעניש פון וועלכער מען האָט געקענט דרינגען, אז צו דעם רוסישען קאָמוניזם איז שוין א סוף געקומען. אָט די געשע־העניש אין דעם וויטען רוסלאנד אויף יענער זייט ים האָט זימבילען דאָ אין ניו יאָרק אין א בראָנקסער קענדי און טאביק סטאָרקע, געבראכט צו אזא מין שווערער ענטוישונג, אז דער מענש האָט מעהר ניט געפיהלט קיין שום אינטערעס אין לעבען און ער האָט נאָר געוואָלט צו אלץ א סוף מאכען...

ווען ס'וועט פאר אייך מעהר אָדער ווייניגער געשילדערט ווע־רען וואָס פאר א מין מענש זימביל איז געווען, וואָס פאר א סאָרט סטאָרקע ער האָט פארמאָגט און אין וואָס פאר א סאָרט נאכבאר־שאפט זיין סטאָרקע האָט זיך געפונען, וועט אייך, אזוי ווי איך האָף מעהר אדער ווייניגער קלאָר ווערען וואָס פאר א שייכות ס'האָט געהאט דער באָלשעוויסטישער „נעפּ" מיט זימביל'ס לעבען און מיט זיין פארצווייפעלטען באשלוס צו מאכען א סוף צו זיין לעבען...

* * *

וועט איר אָנקוקען אונזער געגענד, וועט איהר טראכטען: ס'מוז זיין א גאַנץ רייכע נאכבארשאפט.

די טענעמענט הייזער אין אונזער געגענד זיינען שעהן און מאָדערנע געבויט. און צווישען די טענעמענט הייזער ווארפען זיך דורך גאַנץ אָפט זעהר שעהן געבויטע פריוואַט הייזער. עס פעהלען אויך ניט אוים פּריוואַטע גאראדזשעס פאר אויטאָמאָבילס. די מעהרסטע גאַסען ציהען זיך ארום און ארום א שעהנעם פארק. ווען איהר קוקט אָן אונזער געגענד, טראכט איהר ביי זיך: ס'מוז זיין א גאַנץ רייכע נאכבארשאפט. און ווען איהר טראכט אזוי, האָט איהר זיך ניט אינגאנצען אָפּגענאַרט.

ווער באוואָהנט אונזער שעהנעם געגענד, וואָס ציהט זיך ארום און ארום דעם פּארק? קבצנים וועלען אין אזא געגענד ניט וואה־נען. דער אָרט איז צו שעהן פאר אָרימע לייט!

וואָהנען אין אונזער געגענד פאבריקאַנטען, ריעל־עסטייטני־קעס, ביזנעסלייט; זיי פארנעמען דעם אויבען־אָן, זיי זיינען מעהרס־טענטייל די באוואָהנער פון די שעהנע פריוואַט הייזער מיט די גאראדזשעס ביי די זייטען. אין די אַפּאַרטמענטס פון אונזערע

מאָדערנע טענעמענט הייזער וואָהנט שוין אביסעל אן ארימערער קלאַס מענשען. אָבער אויך ניט אבי ווער. „פּאַרלייטע" פון שעפּער, סיילסלייט פון דעפּארטמענט סטאָרס, לאָיערס, דאָקטוירים, דענ־טיסטען — א קלאַס מענשען, וועלכע זיינען ניט קיין קאַפּיטאַליס־טען, אָבער וועמען ס'גערט ניט שלעכט אין אמעריקא.

אָבער גאָר אין גאנצען פריי פון אָרימקייט איז אונזער גע־גענד אויך ניט. אין די זייטיגע געסלאך, „אין די רומס צו די בעק", אויף דער פינסטערער זייט, טוליעט זיך דער דלות. דאָ טרעפט איהר שוין דעם ברודער־ארבייטער, וועלכער ווייסט, וואָס עס הייסט סלעק אין אמעריקא. דאָ טרעפט איהר לעבענס־פארזיכערונגס אגענ־טען, נעה־מאשין אגענטען, גלאט אזוי אגענטען; שדכנים, מלמדים, אידישע שרייבער, קהל'שע קליאמקעס, אלערליי קאָלעקטאָרס, גלאט ווינט־מענשען. און ווען איהר וועט זיך אביסעל בעסער צוקוקען צו אונזער געגענד, וועט איהר שוין טראכטען: „טאקע א גאנץ רייכער געגענד, אָבער א פּנים, אז אין קבצנים איז דאָ אויך ניט קיין שטארקער מאנגעל".

אָבער וואָס איז אחוץ רייכקייט און ארימקייט, אחוץ „גוט אָפּ" און „שלעכט אָפּ", וואָס זיינען זיי גלאט פאר א סאָרט מענשען, אָט די באוואָהנער פון אונזער געגענד? און וואָס באשטעהט זייער גייסטיג לעבען? וועלכע אידעאלען האָבען זיי? און וואָס פאר א גאָט אָדער אין וועלכע געטער גלויבען זיי?

פארשידען, פארשידען זיינען זיי, די איינוואוהנער פון אונזער געגענד. די רייכערע גלויבען מיינסטענטיילס נאָר אין זייער איי־גענעם פּאקעט. דער דאָלאר איז זייער גאָט. זיי פארגעטערען אלעס, וואָס קען נאר פארזיכערען פאר זיי דעם דאלאר, און זיי האסען און זיי האָבען מורא פאר אלעס, וואָס מינערט, וואָס שוואכט אָפּ די זיכערקייט פון זייער „גוט אָפּ" זיין אין אמעריקא. דער אָרימערער טייל פון אונזער נאָכבארשאַפט איז געוועהנליך דער מעהר אידעא־ליסטישער. דאָ האָבען מיר שוין משכילים, ציוניסטען, סאָציאליס־טען. דאָ איז שוין די נשמה ניט אזוי איינגעשרומפּען אין קעשענע. ארום די גאראדזשעס, קלאמערט מען זיך צו דאָס אַלטע, מען האָפט, מען וויל נאָר זיין זיכער, אז אלעס וועט פארבלייבען ביים „אלטען", ווייל זייט ביי זייט מיט דעם אלטען פיהלט זיך זיי, די רייכע, אזוי גוט, אזוי זיכער, אזוי רוהיג. אין די זייטיגע געס־לאך, אין די בעק־רומס, אויף דער פארדונקעלטער זייט, זיינען

שוין די נשמות ווארימער און ליכטיגער; דאַרטען האַפּט מען אויף עטוואָס נייעס. און טוט נאָר א בלאָז א נייער ווינטעל, ווערט לע־בעדיג צווישען אונזערע אָרימע לייט.

בעט איך אייך, אדרבא, טרעפט נאָר, וואו קומען זיך צוזאַ־מען אָט די אַלע עלעמענטען פון אונזער נאַכבארשאַפט? וואו, דענקט איהר, פארקלייבט מען זיך? ווען ס'פיהלט זיך ווי צו רעדען אביסעל „פּאָליטיק", ווען עס ווילט זיך אביסעל א שמועס טאָן וועגען די פראַגען פון טאָג, וואו, מיינט איהר, טרעפען זיך די פאַר־שידענע עלעמענטען פון אונזער נאַכבארשאַפט?

אין מיסטער זימביל'ס קענדי־סטאָר!

זימביל פארקויפט אין זיין סטאָר אחוץ קענדי אויך טאבאַק, פּאַפּיראָסען, סיגארען און אויך ענגלישע און אידישע צייטונגען. קומען אונזערע שכנים קויפען אין סטאָר טאבאַק־ארטיקלען צום רויכערען און צייטונגען צום לעזען. אָבער דאָס איז גאָרנישט. דאָס איז ניט דאָס וויכטיגסטע. איבערהויפּט קומט מען אין זימביל'ס קענדי־סטאָר רעדען פּאָליטיק.

וואָס אין קיין אנדער סטאָר וואָלט ניט מעגליך געווען, איז מעגליך און נאַטירליך אין זימביל'ס סטאָר, ווייל זימביל קערט ניט, צי מען קויפט ביי איהם עפּעס אין סטאָר, צי ניט. זימביל קוקט איבערהויפּט אוים אויף א געלעגענהייט צו רעדען. נו, געבען מיר זימבילען די געלעגענהייט.

און אין אונזער נאַכבארשאַפט ווייסט מען שוין, אז ווען מען וויל נאָר אביסעל א רעד טאָן, דארף מען נאָר אריינגעהן אין זימ־ביל'ס קענדי סטאָר, וועט זיך שוין געפינען מיט וועמען צו רעדען און וועגען וואָס צו רעדען.

איהר דארפט גאָר ניט קויפען אין זימביל'ס סטאָר. זימביל איז אייך א סך מעהר פריינד, ווען איהר באַדערט איהם ניט און דולט איהם וואָס וועניגער א קאָפּ וועגען קויפען עפּעס. זימביל וויל נאָר, אז איהר זאָלט רעדען ביי איהם אין סטאָר. פאַרפיהרט איהר נאָר א שמועס אין זימביל'ס סטאָר, מישט ער זיך אליין גלייך אריין אין דעם רעדען און זימביל לעבט א גוטען טאָג אויף דער וועלט!

זימביל'ס קענדי סטאָרקע איז ניט קיין בת יחידה אויפ'ן בלאָק. אין איין שורה מיט דער באַשיידענער קענדי־סטאָרקע לויפען נאָך סטאָרס. ס'איז דאָ א גראָסערקע, א בייקערי־סטאָר, אן אַפּטייר־קעל, א בוטשער סטאָר, א גרין סטאָר, און נאָך סטאָרס. און אָט

די אַלע סטאָרס זיינען שוין איין מאָל סטאָרס. מען זעהט, אז ביי די סטאַרקיפּערס זיינען זייערע געשעפטען דאָס גאנצע חיות. ניט אזוי איז דער פאַל מיט זימבלען. וואָס פאר א געשעפטס־מאַן איז זימביל? ווי קומט ער צו געשעפט! געפאָהרען איז דער יונגערמאַן אין אמעריקא מיט דעם אויסשליסליכען געדאנק צו זיין דאָרט אן ארבייטער, אָבער ווען ער איז שוין געקומען אין דעם גאָלדענעם לאַנד, איז אויסגעקומען גאָר ניט אזוי גרינג צו קריגען ארבייט, און דאָ איז ביי איהם געוואָרען א ליבע מיט דער הויכער קאַסאָקער גאָסי'ן. די מיידעלס משפחה האָט זיך אריינגעמישט און זימביל האָט ניט צייט געהאַט ארומצוקוקען זיך ווי מען האָט איהם „אריינגע'שדכנ'ט" א קענדי סטאָרקע... קוקט זימבעל אויף זיין סטאָרקע ווי אויף אן אפּקומעניש, און אָט האָט זימביל שוין א ווייב און קינדער, וועלכע זיינען עפּעס אזעלכע אומרוהיגע באַשעפענישען אויף דער וועלט, וואָס נאָר מען דאַרף האָבען געלד פאר זיי. איז אום אביסעל צו בארוהיגען אָט די באַ־שעפענישען, האַלט אָן זימביל זיין קענדי סטאָר. און אז עס פאַלט אריין א סענט לייזונג אין סטאָר, גיט עס זימביל אוועק זיינע אומרוהיגע באַשעפענישען. ווייטער קערט זימביל פאר זיין קענדי־סטאָר אזוי ווי איהר קעהרט.

ווילט איהר קומען אין סטאָר און געבען צו לייזען, איז אַלרייט, וועט זימביל אייך פון סטאָר ניט ארויסטרייבן. טאָמער ווילט איהר קומען אין סטאָר אזוי פארברענגען און ניט באַדערען איהם, מיט קויפען זאכען, איז ער נאָך מיט אייך מעהר צופרידען.

אַלע סטאָרקיפּערס יאָגען זיך נאָך קאַסטימער, ניט זימביל. אַלע סטאָרקיפּערס וועלען פאר א רעכטען קאַסטימער אייך טאַטע־מאַמע פארקויפען. ניט זימבעל. זיינע דאגות! ווילט איהר עפּעס קויפען ביי איהם אין סטאָר, קויפט. ווילט איהר ניט, איז וועמען אַרט עס?

קומט א זומער־פריהמאָרגען, נעמען אַלע ארומיגע סטאָרקי־פּערס פּוצען די סטאָרס. מען וואשט, מען שייערט די פענסטער, מען קעהרט אָפּ דעם סיידוואָק, מען וואשט אָפּ מיט וואסער — ניט זימביל... ער וועט זיך גהן עסק'ן? וואשען און רייניגען? זיינע דאגות?

און ווען זימביל זעהט ווי אַלע איבעריגע סטאָרקיפּערס האָוען ארום זייערע סטאָרס, רייניגען און וואשען, שמייכעלט ער מיט זיין

געוועהנליכען גוטמוטיגען געלאַסענעם שמייכעל, קוועטשט מיט די פּלייצעס און מורמעלט פאַר זיך:

— פרעג, וואָס צאַפּלען זיי זיך אַזוי, די קליינע מענשעלעך?

זימביל איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, ערשט אין די פערציגער אַריינגעטראָטען. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ געלאַסענעם, קאַלט־בלוטיגען און אַביסעל פוילען מענשען. אָבער ניט אימער איז זימ־ביל געווען אַזאַ געלאַסענער, אַזאַ קאַלטבלוטיגער. אין זיין יוגענד איז זימביל געווען גאָר, גאָר אַן אַנדער סאָרט מענש. אַ סך הייַ־סער, אַ סך קאָכעדיגער זיינען דאַן געפּלאָסען די בלוטען אין זימ־ביל'ס אָדערען. דער מוח און די האַרץ זיינען געווען אָנגעפילט מיט פאַרשידענע ברענענדע יוגענד־חלומות. און אָט די שטורמ־דיגע חלומות האָבען דעם יונגנמאַן אין אַמעריקא געבראַכט. אָבער דאָ, אין דער נייער וועלט, האָט דער אידישער יונגער אימי־גראַנט זיך גענוג אָנגעהונגערט, גענוג אָנגעפּלאָגט. און דער שווערער לעבען אין דעם פרעמדען, אומבאַקאַנטען לאַנד האָט כסדר גע־קיהלט און געגליוערט דעם יונגען מאַנ'ס הייסע יוגענד־חלומות. דערנאָך זיינען געקומען ווייב און קינדער, און האָבען אַלץ מעהר און מעהר געקיהלט און געגליווערט דעם יונגען מאַנ'ס הייסע בלו־טען. נאָר די גרעסטע קיהלונגס־אַרבייט האָט איבער זימבלען אויפ־געטאָן זיין קענדי־סטאָרקע, זיין אייביגע טורמע.

זימביל האָט איינגעזעהן, אַז דאָ, אין דער נאַרישער קענדי סטאָרקע, ענדיגען זיך אַלע זיינע חלומות. און אָט דיזער באַוואוסט־זיין, אַז די קענדי־סטאָרקע איז דער סוף, דער רעזולטאַט פון אַלע זיינע האָפענונגען, פון אַלע זיינע יוגענד שטרעבונגען, האָט אויסגע־לאָשען דעם פייער פון דעם מאַנ'ס נשמה, און ביסלעכווייז האָט די קענדי־סטאָרקע, די געלאַסענע, קאַלטבלוטיגע קענדי־סטאָרקע אויס־געאַרבייט פון זימבלען אַ געלאַסענעם, קאַלטבלוטיגען מענשען.

דאָך אין גאַנצען טויטען זימביל'ס נשמה האָט אפילו די קענדי־סטאָרקע ניט געקענט, אין זימביל'ס נשמה איז דאָך פאַר־בליבען לעבען אַ טיפע בענקעניש נאָך עטוואָס, וואָס די קענדי־סטאָרקע האָט איהם ניט געקענט געבען, און זימביל שטילט זיין טיפע בענקעניש מיט רעדען. זימביל האַלט אין איין רעדען, און דער רעדען איז זימביל'ס גייסטיגע באַפרידיגונג. זימביל רעדט, זימביל האַלט אין איין רעדען.

אַ געוועהנליכער סטאָרקיפּער קוקט קרומלאַך אויף איינעם,

וואָס קומט אריין אין געשעפט, און רעדט א סך מעהר ווי ער האנ־
דעלט סחורה. מיט זימבלען איז אָבער פארקערט דער עסק: ביי
זימבלען אין קענדי־סטאָרקע זיינען אממעהרסטען אָנגעלעגט, אמ־
מעהרסטען ווילקאָמען יענע אריינגעהער, וועלכע קויפען וואָס וועני־
ניגער און רעדען וואָס מעהר, און מיט זייער רעדען גיבען זיי, נאַ־
טירליך, א געלעגענהייט איהם אליין אויך צו רעדען. ווען א גע־
וועהנליכער סטאָרקיפּער צייגט אייך אָן אויף דעם און דעם אלס
„נודניק", אלס „באדערניק", פארשטעהט איהר, נאַטירליך, אז ער
מיינט איינעם, ווער ס'קומט אריין אין סטאָר און נודיעט און באַ־
דערט און רעדט מעהר ווי ער קויפט. ניט אזוי איז אָבער דער פאַל
מיט זימבילען: ווען זימביל שטעהט אין זיין קענדי־סטאָרקע און
ארום איהם שטעהט א רעדעל מיט אריינגעהער און מען איז פאר־
טיפט אין רעדען, און זימביל זעהט דערוויילי דורכ'ן פענסטער פון
זיין סטאָר, אז ס'קומט צו איינער, וועגען וועמען ער וויים, אז דער
איינער קומט ניט רעדען, נאָר טאקע עפּעס קויפען, באמערקט זימ־
ביל זעהר ניט גערן, זעהר ניט צופרידען:

— עס שלעפּט זיך שוין אהער א „באדערניק", א „נודניק".
איך דאַרף שוין פארקויפען סחורה, א וואָרט לאָזט מען ניט אויס־
רעדען.

אָט אזא מין מענש איז זימביל און אזא מין קענדי־סטאָרקע
פארמאָגען מיר אין אונזער נאכבארשאפט.

ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען די נייע צייטען, די מלחמה־
צייטען, האָט אין זימביל'ס קענדי־סטאָר געקאָכט און געפלאַקערט.
דאָ אין סטאָר זיינען שלאכטען געוואונען געוואָרען און שלאכטען
זיינען פארלאָרען געגאנגען. אין זימביל'ס קענדי־סטאָר זיינען אויס־
געארבייט געווארען די מערקווירדיגסטע מלחמה־פּלענער און זימביל
אליין איז געווען אזוי פארטיפט און פארקאָכט אין אויסארבייטען
מלחמה־פּלענער און באשפרעכען מלחמה־פראגען, אז אויף אזא
ניט־וויכטיגקייט ווי פארקויפען סחורה צו א קאָסטאָמער, האָט ער
אין גאנצען מיט די הענט אוועקגעמאכט. האָט איהר געוואָלט, האָט
איהר גענומען א צייטונג און אוועקגעלעגט עטליכע פענים. האָט
איהר געוואָלט א סיגאר, האָט איהר געקאָנט צוגעהן צום „שאָו
קייס" אויסקלייבען א סיגאר און באצאָהלען. איהר האָט זיך אָבער
געמוזט אליין באַדינען. זימביל האָט זיך מיט אזעלכע קלייניגקיי־
טען ניט געלאָזט באדערען. ער איז געווען צופיל פארנומען מיט
מלחמה־ענינים.

נאר די מלחמה איז, נאָך אלעמען, געווען ניט אזוי וויכטיג פאר זימבלען, ווייל אייגענטליך איז ער געווען פרינציפּעל גאָר אין גאַנצען געגען מלחמה. ביזי. טאקע באמת ביזי איז זימביל געווען, ווען אין רוסלאנד האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע, און ס'האָט זיך אין זימביל'ס קענדי־סטאָר אָנגעפאנגען א סדרה: „רעוואָלוציע אין רוסלאנד".

וועגען קאָסטאָמער טענדען איז שוין ביי זימבלען איצט געווען אָפּגערעדט. ס'איז אין זימביל'ס קענדי־סטאָרקע געווען, ווי מען זאָגט פסח צום סדר אין דער הגדה: „כל דכפין יתא ויאכל" (ווער ס'וויל נאָר, זאָל קומען און עסען). קינדער, וועלכע זיינען געקומען קויפען קענדי, האָבען אליין גענומען די קענדי. ווער ס'האָט נאָר געוואָלט, האָט זיך געשטעלט אין זימביל'ס סטאָר „הינטער'ן קאָנ־טער" און איז געוואָרען סטאָרקיפּער. זימביל האָט מעהר פאר גאר־נישט געקעהרט. ער איז געווען צופיל ארייננעטאָן אין דער רוסי־שער רעוואָלוציע, איהם זאָל גאָר אין קאָפּ ליגען וועגען דעם, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דער קענדי־סטאָרקע אין זיינער. פון אין דער פריה ביז שפּעט אין דער נאכט איז זימביל'ס סטאָר געווען אָנגע־פּאַקט מט דעבאַטאַנטען וועגען דער רוסישער רעוואָלוציע. זימביל אליין האָט, נאַטירליך, אין יעדער דעבאטע אנטייל גענומען, און זימביל האָט פון אין דער פריה ביז שפּעט אין דער נאכט געהאל־טען אין איין באשפּרעכען, אן איין אויספּלאָנעווען די רוסישע רעוואָלוציע.

איז דאָך זימבלען געווען שוין גוט גענוג, זיינען אָבער אָנגע־קומען פאר איהם נאָך בעסערע צייטען... אין רוסלאנד האָט זיך אָנגעהויבען דער באָלשעוויזם, דער קאָמוניזם. איצט האָט זימביל ערגייכט זיין העכסטען אידעאל!

די מלחמה האָט צווישען די פארשידענע עלעמענטען אין אונ־זער נאַכבאַרשאַפט ניט ארויסגערופען קיין איבעריגע צוויסטיג־קייטען און ניט געבראַכט צו אירגענד וועלכער באַדייטענדער מחלוקה. אייניגע זיינען אפילו געווען דאגעגען מלחמה, אייניגע זיינען געווען פּאַרברענטע פּאַטריאָטען... אָבער אזוי ווי וועגען דער מלחמה האָט מען בכלל מורא געהאט א פרייע מיינונג אויסצו־דריקען, זיינען פאָרגעקומען פארהעלטניסמעסיג גאנץ ווייניג מחלוקות וועגען מלחמה ענינים אין אונזער נאַכבאַרשאַפט; וואָס עס איז שייך דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבען די פארשידענע

עלעמענטען פון אונזער נאכבארשאפט אויך ניט געהאט וועגען וואס צו קריגען זיך. די ארעמערע שכנים אין אונזער נאכבארשאפט האבען זיך מעהר געפרעהט און מעהר אינטערעסירט זיך מיט דער רוסישער רעוואלוציע, ווי די רייכערע פון אונזער געגענד, אבער אויך די רייכערע און אפילו גאר גאר די רייכע האבען אויך גארנישט געהאט דאגעגען דעם, אז אין רוסלאנד זאל זיין א רעוואלוציע, אז אין רוסלאנד זאל זיין ניט קיין קייסער נאר א פרעזידענט, אזוי ווי דא אין אמעריקא. און דער גייסט פון אונזער נאכבארשאפט האט זיך פינקטליך אפגעשפיגעלט אין זימבעל'ס קענדי סטארקע. געקאכט האט מען זיך אי וועגען דער מלחמה, אי וועגען דער רע־וואלוציע... מען האט גערעדט, מען האט דעבאטירט, אבער צו מחלוקות איז ניט געקומען. ווען עס איז אבער געקומען צו דער פראגע וועגען באלשעוויזם און קאמוניזם איז שוין דער ביז־אהע־רינער פרידען אין אונזער נאכבארשאפט אין גאנצען צושטערט גע־ווארען.

די רייכערע פון אונזער נאכבארשאפט האבען דערשפירט, אז אזא זאך ווי באלשעוויזם און קאמוניזם איז עפעס גאר ניט אזא טייערע צאצקע פאר זייערע אינטערעסען. א רעוואלוציע? יע! איבערהויפט ווען די רעוואלוציע איז גאנץ ווייט פון אמעריקא. ארונטערגעווארפען א פאסקודנעם קייזער און געמאכט א פרייע לאנד? אלרייט! דאס יע!! אבער באלשעוויזם? קאמוניזם? מאכען די לענדלארדס פאר אוים לענדלארדס, באסעס פאר אוים באסעס און נגידים פאר אוים נגידים? פע! דאס איז שוין גאר א מיאוסקייט!

ווען א גאנצער פאלק נעמט און מאכט לענדלארדס פאר אוים לענדלארדס, באסעס פאר אוים באסעס און גלאט אזוי, מיר ניט, דיר ניט נעמט מען צו „פראפערטקעס", מען מאכט גאר די ארימע־לייט, די פשוט'ע „קאמענע" ארבייטער פאר גאנצע מיוחסים און אין א גאנצער מדינה ווערען די נגידים אוים נגידים, און מען פאר־דערט נאך, אז דער נגיד זאל מוחל זיין און געהן ארבייטען אין א פאבריק, ווען ניט, גיט מען ניט קיין עסען — אויב אזוי, איז דאך עפעס די וועלט גאר קיין וועלט ניט! אמת, דאס אלעס איז געשעהן ווייט, ווייט פון אמעריקא. אבער נאך אלעמען, ווער ווייסט! ס'קען נאך אמאל די מגפה פון יענער זייט ים פארשלעפט ווערען אהער אויך.

זיינען די רייכע פון אונזער נאכבארשאפט פלוצלינג געווארען

טוידט־שונאים צו רוסלאנד. און האָט נאר איינער סימפּאַטיזירט מיט די רוסישע באָלשעוויקעס און קאָמוניסטען, אזוינער איז ביי די רייכערע פון אונזער געגענד פארעכבענט געוואָרען אלס דער גע-פעהרליכסטער פארברעכער. די אָרימערע טייל פון אונזער נאכ־בארשאפט האָט אין דעם רוסישען באָלשעוויזם, אין דעם רוסישען קאָמוניזם דערשפירט דעם אָנקומען פון אן ענדליכער אויסלייזונג אפשר אויך פון זייער אייגענעם שווערען לעבען.

פאר דער אָרימערער טייל פון אונזער נאכבארשאפט, וועמעס לעבען עס האָט זיך געשלעפּט שווער און האָפנונגסלאָז, האָט דער רוסישער באָלשעוויזם און קאָמוניזם אָפּגעקלונגען עפּעס אזוי ווי דער שאַלען פון דעם שופר של משיח.

האָט זיך צוטיילט אונזער נאכבארשאפט אויף צוויי פיינד־ליכע לאגערען, און די פיינדליכע און קריגערישע שטימונג צווישען די פארשיידענע, עלעמענטען אין אונזער נאכבארשאפט האָט זיך גלייך אָפּגעשפּיגעלט אין זימביל׳ס קענדי־סטאָר.

וואָס ס׳איז געווען שייך צו דער מלחמה און אפילו צו דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד האָט זיך פון זימבלען אין באצוג צו זיינע קאָסטימער ניט געפאָדערט קיין באשטימטע שטעלונג, ווען אין רוס־לאנד איז אָבער געקומען צום באָלשעוויזם און די קאָסטימער אין זימביל׳ס סטאָר האָבען זיך איינגעטיילט אין צוויי באשטימטע געג־נערישע לאגערן, האָט שוין זימביל געמוזט ארויסצייגען זיין ריכ־טיגען קאָליר, האָט זיך זימביל ניט געלאָזט בעטען און איז אָפען און פריי ארויסגעטראָטען פאר דער אידעע פון קאָמוניזם.

כאָטש די וועלט פון געשעפט האָט זימבלען ווייניג וואָס אינ־טערעסירט, כאָטש ער האָט גאנץ ווייניג מקנא געווען די אלע ארו־מיגע געשעפטסלייט, וועלכע האָבען געמאכט געלד און מען איז אין דער מלחמה־פּראָספּעריטי רייכער און רייכער געוואָרען, כאָטש ער האָט אָט די אלע „אויפגעקומענע" באטראכט אלס „קליינינקע מענ־שעלאך", האָט מען אָבער וועגען דעם זעלבען זימבלען פאר קיין פאַל ניט געקענט זאָגען, אז איהם אליין לעבט זיך גוט און רוהיג אין זיין וועלטעלע.

האָט דאָך זימביל פּאָרט געהאט וייב און קינדער, וועמען ס׳איז אויסגעקומען צו ליידען פון אָרעמקייט און נויט און דאָ האָ־בען מענשען ארום און ארום געלד געמאכט, און מען איז פון טאָג צו טאָג רייכער און רייכער געוואָרען, זימבילס א ליבליכער שוואָגער, דער ווייבס א ברודער איז אריין אין „ריעל־עסטייט" און

איז פאר א גאנץ קורצער צייט געוואָרען שטיין־רייך. זימבעלס אַנ־דערע קרובים זיינען אויך אין דער מלחמה־פּראָספּעריטי רייך גע־וואָרען און נאָר ער אַליין איז פאַרבליבען אויף גרויסענע צרות. האָט דער מענש קיין האָניג ניט געלעקט, ניט פון זיין ווייב, ניט פון דער רייך־געוואָרענער משפחה און אפילו ניט פון די ארומיגע פּראָספּעריטי־געשעפטסלייט.

די ווייב האָט פון זימבלען „שטיקער געריסען". טעג און נעכט האָט זי איהם געיאַדיעט פארוואָס ער לאָזט דורך אזעלכע גאָלדענע צייטען און פּרובירט אפילו ניט אַביסעל זיך ארויפצוארבייטען. די רייכע קרובים, האָבען איהם אויסגעלאכט מיט שפּאָט און מיט גיפט:

— בטלן, מלמד, וויסטער קאַליקע!

— ס'וואָלט געווען א מצוה, ווען דיין ווייב שלאָגט מיט דיר כפרות.

— דו ביזט דאָך א גזלן, א מערדער איבער דיינע אייגענע קינדער.

און כאָטש זימביל האָט זיך פאַרטרונקען אין מלחמה און רע־וואָלוציע ענינים, איז אָבער איהם פאַרט געווען ווייניג וואָס מקנא צו זיין.

איז געקומען דער קאָמוניזם אין רוסלאנד און האָט זימבלען פּשוט געראַטעוועט, אויס רייך, אויס אָרעם, אויס געשעפטען, אויס באַרייסען, אויס שווינדלערייען, אויס ריעל־עסטייט, אלע זיינען גלייך, אלע מוזען געהן ארבייטען, אויס יחסנים — אָט דאָס איז א וועלט, אָט דאָס הייסט אויפגעטאָן טאַקע א ממשות'דיגע שטיקעל ארבייט!

א שעהנערען חלום האָט זימביל זיך גאָר ניט געקענט פאָר־שטעלען. איז זימביל געוואָרען אן אויסגעשפּראָכענער באָלשעוויק, ער האָט גענומען פּרעדיגען באָלשעוויזם און קאָמוניזם פריי און פּראַנק פאר די אריינגעהער אין זיין קענדי־סטאָר... האָבען די עט־ליכע רייכע קאַסטאָמער, וועלכע פלעגען דאָרט אמאָל קויפען א סיגאַר און א צייטונג, גענומען לויפען פון זימביל'ס סטאָר אזוי ווי מען לויפט פון א שרפה!

אָבער זימביל האָט זיך פון דעם, וואָס די רייכערע קאַסטימער זיינען פון זיין סטאָר געלאָפען, ווייניג וואָס צום הארצען גענומען. פאַרקערט, זימביל האָט זיך נאָך געפיהלט געשמייכעלט פון דעם, וואָס ער האָט אין גאנצען אויסגעקאַסירט פון זיין סטאָר די

„סוועלס״, ווי ער פלעגט אָנרופען די רייכערע קאָסטאָמערס.
איצט האָט זימביל עררייכט זיין העכסטען אידעאַל. פּטור געװאָרען פון די „סוועלס״, וועלכע פלעגען אמאָל עפּעס קויפען ביי איהם אין סטאָר, האָט ער מעהר ניט געהאַט וועך עס זאָל איהם באַדערען מיט ביזנעס ענינים. איצט זיינען געקומען צו איהם אין סטאָר בלויז ריידער, בלויז דעבאַטאַנטען, בלויז אַזעלכע, וועלכע זיינען גלייך מיט איהם נעוועזן איבערגעבענע באָלשעוויקעס און פאַרברענטע קאָמוניסטען; פאַרקויפען סחורה האָט שוין איצט זימביל ניט געדאַרפט, און ער האָט זיך געפיהלט זעהר געהויבען. זימביל האָט אריינגענומען א פאָנאָגראַף אין זיין סטאָר, דער פאָנאָגראַף האָט ניט אויפגעהערט צו שפּילען דעם אינטערנאַציאָנאַל. און פון אין דער פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אין זימביל׳ס סטאָר מיט פייער און ברען באַשפּראָכען די רוסישע קאָמונע.
זימביל האָט איצט געלעבט אין א וועלטעל פון שעהנע חלומות. און ווען זימביל פלעגט אָנקוקען זיין שכן, דעם גראָסערימאַן, וועלכער איז געווען בלייך און צומוטשעט פון געלד מאַכען; ווען ער פלעגט אָנקוקען זיין צווייטען שכן, דעם רייכען בוטשער און זעהן ווי די צוויי געטרייע שכנים זיינע לעגען איין וועלטען, אבי דעם דאָלאַר צו מאַכען, פלעגט ער פיהלען ווי ער ווערט דערשטיקט פאַר געלעכטער. און אזוי טריאומפירענד לאַכענדיג פלעגט ער רעדען צו זיינע שכנים :
— איהר קליינינקע נאַרעשע ברואים׳לאך, וואָס רייסט איהר אַזוי איין אייערע געדערים, ס׳וועט דאָך סאַי־ווי־סאַי באַלד זיין א וויסטער סוף צו אייערע פעטע באַנק־ביכלאַך, א סוף צו אייערע טענעמענט הייזקעס, איהר, געלד-חברה׳לע וועט באַלד ווערען אויס קאַפּעליוש־מאַכער.
— איז „דאַטסאַו״? — פלעגט דער גראָסערימאַן מיט שפּאָט אָנקוקען דעם גליקליך־פאַרפלאַמטען זימבלען — איז „דאַטסאָו„ און ווער וועט דאָס אונז מאַכען פאַר אוים קאַפּעליושמאַכער, אפשר דיינע רוסישע באָלשעוויקעס?
— דאָ איז ניט רוסלאַנד, ס׳איז ניט חם־מוזשיק, דאָ ברודערל, וועט מען דערלאַנגען איבער די לאַפּקעלאַך — פלעגט דער בוטשער ארויסהעלפען זיין שכן — דעם גראָסערימאַן.
— מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט אין רוסלאַנד אויך קיינער ניט געגלויבט אז צו דעם וועט קומען, מען איז זיך אויך רוהיג געשלאָפען, איז אָבער פאַר אַזעלכע פאַראַזיטען ווי איהר זייט פאָרט

דער בראָך געקומען — פלעגט זימביל ענטפערן מיט ברייטקייט — אָט אזעלכע מענשעלאך ווי איהר זייט, האָבען אויך אין רוסלאנד זיך אויסגעלאכט און אויך געשריען, אז מען וועט געבען איבער די הענט, האָט מען אָט די אלע שרייער גאָר געגעבען איבער די הענט, אזוי ווי מייז האָט מען זיי אויסגעטיליגט און זייט גאָר ניט אזוי רוהיג וועגען אייער אמעריקע, ס'וועט ניט נעמען לאַנג און מען וועט אייערע מענשעלאך דאָ אויך צורעכט מאכען.

און דער גראָסערימאַן און דער בוטשער און די אלע אנדערע „גוט אָפּניקעס" צו וועמען דער טריאומפיהרענדער זימביל פלעגט אזוי רעדען, האָבען געפּיהלט אין דער טיפעניש פון זייערע הערצער ווי ארויפוואָרפען זיך אויף זימבלען און איהם אויף שטיקער צור־רייסען, אָבער דערפאר טאקע ווייל זיי האָבען געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאנד, האָבען זיי זיך געפיהלט אָפּהענדיג און אָנגעשראָקען, פלעגען זיי זיך אָפּהיטען צו פאַרפיהרען מיט איהם צו לאַנגע ארגומענטען און זיי פלעגען בלויז אוועקמאכען מיט די הענט:

— אָה, מען האָט אייך פּאַרפאַקט, משוגענער באָלשעוויק!

זימביל האָט אָבער געגלויבט, אז דער יום־טוב איז איצט שוין אויף זיין גאַס און ער פלעגט ענטפערען מיט א צופרידענעם לאכען:

— אָט די משוגענע באָלשעוויקעס וועלען די גאַנצע וועלט איבערנעמען.

די אויפגעקומענע קרובים, די רייך־געוואָרענע משפחה האָבען גענומען אויסוייכען זימבלען, אזוי ווי מען ווייכט אויס א מגפה, זיין רעדען וועגען דעם קאָמוניזם האָט זיי שווער געמאכט אויף די הערצער, זיין נביאות זאָגען, אז דער קאָמוניזם וועט ניט פארבלייבען בלויז אין דעם ווייטען רוסלאנד, אז קוים האָט זיך די שרפה אָנגעצונדען וועלען שוין פונקען אויך אהער אין אמעריקע פאר־קלייבען זיך, האָט זייערע הערצער מיט שרעק אָנגעפיהלט, האָבען זיי בעסער מעהר אויף די אויגען ניט געצייגט זיך.

איבער דעם וואָס די רייכע משפחה האָט זיך מעהר אויף די אויגען ניט געצייגט האָט זיך זימביל'ס מאטעריעלע לאַגע באדיי־טענד פארערגערט, משפחה פלעגט פאָרט ווען ניט ווען געבען צו לייזען אין זימביל'ס סטאָרקע, און אנדערש מאָל פלעגט מען זימ־ביל'ס ווייב מיט עטליכע דאָלער ארויסהעלפען, מען פלעגט די נויט־באַדערפטיגע קינדערלאך ברענגען קליידער, שיך, איצט איז צו דעם אלץ אַ שנעלער סוף געקומען. האָט די נויט זימבעל'ס פאמיליע

ביים סאַמע האַלז אָנגעכאַפּט און געשטיקט גאָר אָן רחמנות, האָט זימביל׳ס ווייב אַ גוואַלד געמאַכט:

— זימביל, אַ בראָך איז צו אונז, מען לייזט דאָך אין סטאָר אַ סענט ניט, האָסט דאָך אַזוי ווי מיט פלעקער פון סטאָר פאַרטריבען יעדען אַנשטענדיגען קאָסטימער.

ווערט זימביל וועניג נתפעל פון זיין ווייב׳ס פּראָטעסטירען און ענטפערט אויף זיין געוועהנליכען געלאַסענעם שטייגער:

— ווער דאַרף זיי די „סוועלס״, די בורזשוקעס, די ביליגע אַל־רייטניקעס? זאָלען זיי נאָר געהן, אין רוסלאַנד איז מען שוין פון זיי פּטור געוואָרען, ס׳וועט לאַנג ניט נעמען, מען וועט פון זיי דאָ אויך פּטור ווערען.

— מיין ברודער, אונזערע אַלע קרובים האָסטו דאָך מיט דיין משוגענעם רעדען פאַרטריבען פון אונז, מען האָט דאָך אונז ווי אויפ׳ן וואַסער איבערגעלאָזען, מען וויל אפילו אויף אונז קיין ברעקעל רחמנות ניט האָבען — ברעכט די זימבעליכע די הענט אין איהר פאַרצווייפלונג.

— ווער דאַרף זייער רחמנות — ענטפערט אָבער זימביל — באַלד וועט אויף ז י י זיין אַ רחמנות, ס׳קומען אָן נייאינקע צייטען אויף דער וועלט.

און זימביל האָט געמיינט וואָס ער האָט גערעדט, אין דער טיפעניש פון זיין האַרצען, האָט דער מענש געצערטעלט אַ האָפענונג, אַז איבער דער גאַנצער וועלט קומט אָן איבערקערעניש, אַז אָט־אָט היינט אָדער מאָרגען וועט די גאַנצע וועלט ווערען אַ גן־עדן, ס׳וועט זיין אַ וועלט אָן פּאַסקודנע קענדי־סטאָרקעס, וואו אַזאַ מענש ווי ער איז, דאַרף אָבפינסטערן זיינע טעג און יאָהרען, ס׳וועט זיין אַ סוף צו רייכע קרובים, וואָס צורייצען זיין ווייב׳ס אַפּעטיטען און מאַכען זיין לעבען נאָך שווערער, ס׳וועט זיין אַ נייע וועלטעלע. און זימביל האָט געשוועבט אין אַ וועלט פון שעהנע האָפענונגען, זיסע, ליכטיגע טרוימען...

* * *

אָבער אָט האָבען זיך זאַכען גענומען ענדערען אין רוסלאַנד, לענין דער אָנפיהרער פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט פּלוצלונג געהייסען איינפיהרען די נייע עקאָנאָמיע, וואָס ס׳האָט געהייסען: „די נעפּ״ און ס׳האָבען גענומען דערטראָגען זיך מאָדנע נייס וועגען רוסלאַנד, ס׳האָט געהייסען אַז ס׳איז שוין אויס קאָמונע, ס׳האָט

געהייסען אז לענדלאָרדס אין רוסלאנד קריגען צוריק די „פּראָפּעט־קעס" וואָס די רעוואָלוציע האָט ביי זיי צוגענומען, די פאבריקאנ־טען קריגען צוריק זייערע פאבריקען, ס'האָט געהייסען, אז גאָר, גאָר גרויסע מענשען אין רוסלאנד האָבען איינגעזעהן, אז מיט דער גאנצער קאָמונע האָט מען א „מיסטעיק" געמאכט, און זימבלען האָט זיך פון אָט די אלע געדוסען, וואָס זיינען כסדר אָנגעקומען פון רוסלאנד, כסדר אין הארצען אָפּגעריסען.

זימביל'ס רייכע משפחה האָט זיך ווידער גענומען צייגען און מען האָט מיט א גיפטיגען נצחון גערייצט זיך מיט איהם:

— זימבעלע, ס'איז א סוף צו דיין קאָמונע!

און ווי משפחה האָט געלאכט פון זימבלען, ווי מען האָט איהם צו „פּענדזשע" געמאכט, ווי מען האָט איהם ערנידעריגט און באַ־ליידיגט!

— וואַרט אוים, ס'איז נאָך ניט קיין סוף, אייערע מענשעלאך וועלען נאָך האָבען צו זאָגען און צו זינגען — פלעגט זימביל ענט־פערן דער רייכער משפחה, אָבער אין זיינע ווערטער האָט אויסגע־פעהלט דער אמאָליגער ברען, זימביל'ס הארץ איז איצט געוועזען פארפייניגט פון א צווייפעל, דאָס האָט זיך געשפּירט אין זיין רעדען און זיין דראָהען האָט קיין איינדרוק ניט געמאכט.

די שכנים — די סטאָרקיפּערס האָבען דערלעבט נקמה פון זימבלען, פון דעם „משוגענעם באָלשעוויק", האָבען זיי זיך איצט איבער דעם מענשען איזדיעקעוועט מיט א שד'שער גרויזאמקייט, האָט דער בוטשער איהם נאָר דערטאַפּט דרויסען ביים סטאָר, האָט ער אויסגעבראָכען אין א פעטען לאכען:

— נו באָלשעוויק, ביזט אויף געהאקטע צרות אין דיין „צאָ־ציאליסטישען" רוסלאנד האָט מען דיין קאָמונע דערוואָרגען.

— אז דערוואָרגען זאָלט איהר ווערען, איהר שטיק פעטס — פלעגט זימביל ענטפערען כלומרשט מיט א נאכלעסיגען שמייכעל, אָבער געפיהלט האָט ער ווי שפּייען דער גאנצער וועלט אין פּנים אריין.

— „די משוגענע באָלשעוויקעס וועלען די גאנצע וועלט איי־בערנעמען" — פלעגט דער גראָסערימאן איבערערדען זימביל'ס אמאָליגע ווערטער און ער פלעגט לאכען דערביי מיט אזא בייזען געלעכטער.

זימביל איז ארומגעגאנגען א מוטלאָזער, ווי די ערד א פאר־

פינסטערטער, דערזעהן איהר מאן מיט ארונטערגעהאקטע פליגעל, האָט זיך די ווייב פאר איהם געגומען מיט א נייעם ברען:

— דו זימבעלע בעסער ווער א מענש, הער אויף צו חלומ׳ן, נעם זיך פאר דער ביזנעס, אין סטאָר זאָלסטו נעכטיגען און טאָגען, דיין פאָנאָגראף וועל איך צוברעכען, אוים קאָמונע, זימביל, זעה ברענגען צוריק די אלטע קאָסטימער, מעגסט פאר אונזערע קרובים אויך אביסעל בויגען דיין נאַרעשען, דיין משוגענעם קאָפּ, האָב רחמנות, גיב זיי נאָך.

זימביל האָט ניט געענטפערט, ווי א פארהעלצערטער איז ער געשטאַנען, עפּעס ווי איינער פון גאָר אַן אַנדער וועלט, האָט גאָסיע די הויכע ווייטער גערעדט:

— ס׳איז דאָך אוים מיט דיינע באָלשעוויקעס, מיט דיין קאָ־מונע, ס׳איז דאָך א שמחה אויף דעם גאַנצען בלאָק, וואָס דארפסטו זיין דער איינציגער משוגענער, ס׳איז דאָך מיר איבער דיר די וועלט ניט ניחא, אז ניט ניחא זאָל דיר זיין דיין לעבען, אז שווער זאָל דיר זיין אזוי צו עטעמען ווי מיר איז שווער צו לעבען.

— שעלט, פלוך, הוליע, גאָסקע — האָט זימביל געמורמעלט, נאָר פון אָרט האָט ער זיך ניט גערירט און איז אַלץ געשטאַנען ווי א נעכטיגער.

— וועסט זיך איבערבעטען מיט מיין ברודער, וועסט זיך בויגען פאר די קרובים, וועלען זיי צו אונז בעסער ווערען, וועלען זיי אונז מיט אביסעל געלט ארויסהעלפען, מען וועט אין סטאָר אביסעל נייעם סטאַק אריינגעמען, מען וועט אויספוצען א פענסטער, קאָסטימער וועלען נעמען אריינקומען.

זימביל האָט א וואָרט ניט געענטפערט, איז די הויכע זימ־בעליכע ווילדער געוואָרען, האָבען איהרע קאָסאָקע אויגען דעם מאַן מיט ווילדקייט אָנגעקוקט, האָט זי גענומען פּאטשען מיט די הענט און פּארשטיקט שרייען:

— אין אלע סטאָרס דאָ מאכט מען געלד, די סיראָטיכע געהט ארום אַן איינגעטונקטע אין דזשולערי און איך בין א שלעפּערקע, איך וויל אז דו זאָלסט מיך אויפהערען פּלאָגען, איך וויל לעבען מיט מענשען גלייך, איך וואָרען דיך, משוגענער זימביל, איך וועל מיט די קינדער אנטלויפען פון דיר, איך וועל דיך אליין איבערלאָזען אזוי ווי א משוגענעם הונט, „פעיגערען״ זאָלסטו.

זימביל האָט גאָרנישט געענטפערט, אַן איינגעבראָכענער איז

ער געוואָרען און פון רוסלאַנד זיינען כסדר אָנגעקומען נייס, וואָס האָבען כסדר געקיהלט זיינע בלוטען, זימביל האָט געפיהלט ווי דער סאַמע באָדען וואָלט פאַרזונקען געוואָרען פון אונטער זיינע פיס, א שווערע פראָסטיגע פינסטערניש האָט זיין צופייניגטע נשמה ארומ־גענומען. זימבעל האָט גענומען טראַכטען וועגען א סוף מאַכען צו אַלץ, ער האָט מעהר ניט געוואָלט לעבען און ווי ער האָט דערנאָך פאר נאָהענטע מענשען דערצהעלט, האָט ער שוין עטליכע מאָל צוגעקליבען אויפהענגען זיך אויף א „געז־פיקסטשור" אין דעם פינסטערן צימערל אהינטערן סטאָרקע, נאָר אַלעמאָל ווען ער איז שוין געשטאַנען מיט דער שטריק פארבונדען ארום האלז פלעגען זיך איהם שפּאַרען געדאַנקען אין קאָפּ, אז טאָמער וועט אין רוס־לאַנד ווידער קומען צו אַן ענדערונג. אָט די געדאַנקען פלעגען איהם אָפּהאַלטען פון צו מאַכען א שנעלען סוף פון זיך און איינמאָל ווען ער איז אזוי געשטאַנען מיט דער „פּעטליע" ארום האלז, איז אנגע־גאַנגען זיין גאָסיע און זי האָט געמאַכט א גוואַלד...

זימביל'ס סטאָרקע האָט זיך שוין מעהר ניט געעפענט, אין די הענט פון אַן „אָקשיאָניר" איז די סטאָרקע אריבער. די זימבעלס האָבען זיך פון אונזער געגענד ארויסגעקליבען, ווייסען מיר ניט וואוהין זיי זיינען אהינגעקומען. מיט דער צייט האָבען זיך דער־טראָגען צו אונז פארשיידענע קלאַנגען, האָט מען דערצעהלט, אז זימביל איז אוועקגעפאָרען קיין באַלטימאָר צו זיינעם אַן אמאָליגען חבר אַן ארבייטער און אויך א באָלשעוויק, אנדערע האָבען דער־צעהלט, אז זימביל האָט זיך מיט זיין פאמיליע אריבערגעקליבען קיין באַלטימאָר, אז ער האָט זיך דאָרט אויסגעלערענט א מלאכה און ארבייט אין א שאָפּ, אנדערע זאָגען, אז ער איז אוועק אָהן זיין פאמיליע, אז די הויכע גאָסיען האָט מען גאָר געזעהן אויף ריווער־סייד דרייוו, וואו איהר רייכער ברודער וואוינט, ווייסען מיר ניט אויף ריכטיג וואָס מיט זימבלען איז געוואָרען. אנדערע זאָגען, אז ער האָט זיך גאָר אוועקגעלאָזען טרעמפּעווען, ווער ווייסט? אין רוסלאַנד איז דערווייל געוואָרען טאַקע א סוף צו דעם „נעפּ", ס'זיינען געקומען ענדערונגען נאָך ענדערונגען, וואָלט זיך אזוי ווע־לען ווייסען ווי אזוי אָט די אלע כסדר'דיגע ענדערונגען דאָרט אין די „סאָוועטען" האָבען זיך אָפּגערופען אויף זימביל'ס נשמה, עס וואָלט זיך וועלען ווייסען:

וואו ביזטו פארשוואונדען געוואָרען, זימביל?!

די בשורה ביי איהר חתן׳ס קבר

און איך, דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם ראָזענבערג׳ס פריינד און חבר, און עטעל, די שעהנע יונגע עטעל, ראָזענבערג׳ס איבערגע־בליבענע כלה, ביידע זיינען מיר געשטאַנען א לענגערע צייט ביי ראָזענבערג׳ס קבר, ביי דעם קבר פון מיין פריינד און חבר און עטעל׳ס חתן, ביידע גלייך האָבען מיר געשוויגען, אָבער ס׳איז עפּעס געווען א מורא׳דיגער שווייגען.

ס׳איז געווען א ווינטער טאָג, א כמורנער, א פארוואָלקענטער טאָג, דער גאנצער בית עולם איז געווען מיט שנעע פארלייגט און פאַרוואָרפען, און פון דעם שנעע זיינען עפּעס אזוי ווי פארגלי־ווערטע געשפּענסטער ארויסגעוואקסען די פארשידענע מצבות און די עטליכע קלענערע און גרעסערע ווינטערדיג־פאַרדאַרטע בוימער, וועלכע זיינען דאָ און דאָרט געווען עפּעס אזוי ווי צואוואָרפען איבער דעם אומענדליך ווייטען בית עולם, און אויף דעם גאנצען פעלד פון טוידט האָט מען קיינעם ניט געזעהן, בלויז איך און ראָ־זענבערג׳ס יונגע שעהנע כלה. בלויז מיר צוויי האָבען זיך געפונען אויף דעם פארשטילטען בית עולם. אזוי זיינען מיר ביידע גע־שטאַנען א לענגערע צייט פארשטילט און פארגליווערט אזוי ווי ס׳זיינען געשטאַנען פארשטילט און פארגליווערט די אלע ארומיגע מצבות.

נאָר אָט האָט עטעל אוועקגעזעצט זיך ביי דעם קבר פון איהר חתן, צוגעלעגט איהר פּנים צום ווייסען שנעע, מיט וועלכען דער קבר איז פארוואָרפען געווען, באלד האָט זיך דערהערט איהר פאַר־שטיקטער געוויין, און אזוי וויינענדיג האָט עטעל געזונגען ביי דעם קבר פון איהר חתן, אבער וואָס פאר א מורא׳דיגער זינגען דאָס איז געווען! עטעל האָט געזונגען דאָס רוסישע רעוואָלוציאָנערע טרויער־ליעד!

„ווי זשערטוואָיו פּאלי"
„וו׳באָרביע ראָקאָוואָי".

אימה׳דיג האָט איבער דעם ווינטערדיגען וויסטען ווייסען בית

עולם אָפּגעקלונגען עטעל'ס זינגען... מיר דאַכט זיך, אז אזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען וועל איך ניט פארגעסען עטעל'ס מורא'דיגען זינגען ביי דעם קבר פון איהר חתן...

* * *

ווען ראָזענבערג איז געקומען נאָך אמעריקא, איז ער אלט געווען א יאָהר פינף און צוואנציג; אין רוסלאנד איז ראָזענבערג געווען א געטרייער, איבערגעבענער סאָציאליסט; פאר זיינע אידעען איז ער אין פילע רוסישע טורמעס געזעסען, איבער זיינע אידעען האָט ער געמוזט פון רוסלאנד לויפען און דער יונגער אידיש־רוסישער ענטהוזיאסט איז נאָך אמעריקא געקומען.

ראָזענבערג איז ניט געקומען נאָך דער נייער וועלט, א נייעם גליק צו זוכען, אָדער א נייע היים פאר זיך געפינען... צו טייער, צו הייליג איז פאר דעם יונגען סאָציאליסט רוסלאנד געווען, אז ער זאָל נאָר ווען עס איז קענען א טראַכט טאָן וועגען זוכען פאר זיך א היים אין א נייעם לאנד; ראָזענבערג איז געקומען אין אמעריקא אזוי זיך אויף דערווייל, אָפּזיין דאָ אביסעל צייט ביז רוסלאנד וועט פריי ווערען, און דערנאָך צוריק אהיים פאָהרען אין ראָססיא! ראָססיא, וועלכע האָט איהם אזוי גרויזאם באהאנדעלט, ראָססיא, וועלכע האָט איהם געפייניגט און געפּלאָגט און געזוכט אומצובריינ־גען אי אלס אידען, אי אלס סאָציאליסט; ראָססיא, וועלכע ער האָט אָבער פון זיין הארצען ניט געקענט און ניט געוואָלט ארויסרייסען. ראָססיא וועלכע ער האָט אזוי הייליג, אזוי משוגע געליבט; אין ראָססיא וועט ער צוריק פאָהרען. צוריק אין זיין שהענעם לאנד, אין זיין הייליגע, הייליגע היים!

ראָזענבערג'ס חלום איז מקוים געווארען, זיין ראָססיא איז פריי געוואָרען, אָבער דעם אָרימען טרוימער איז ניט באשערט געווען זיין שעהנסטען, זיין הייליגסטען חלום צו דערלעבען.

ראָזענבערג, וועלכער איז פון נאַטור געווען א טרוימער, האָט זיך זעהר שלעכט צוגעפּאסט צו דעם פּראקטישען אמעריקאנעם לעבען און איבערהויפּט ווען דער מאן האָט זיין לעבען אין אמע־ריקא באַטראַכט, נאָר ווי א צייטווייליגע אָפּקומעניש, וועלכע דארף זיך היינט־מאָרגען ענדיגען. ווייל ראָזענבערג איז זיכער געווען, אז די צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז נאָהענט און ער וועט דאָך באַלד סאַי ווי סאַי פּאָהרען אהיים. נו, טאָ צו וואָס זאָל ער זיך ברעכען דעם קאָפּ וועגען אזא זאַך, ווי קענען מאַכען א לעבען

אין אמעריקא? ווער רעדט שוין וועגען טראכטען קומען צו עפּעס א שטיקעל פּראקטישען תכלית?

צו וואָס? ראָזענבערג האָט פאר אַזעלכע זאכען ניט געגאַרט, האָט ער טאַקע ניט געהאַט קיינמאָל וואו דעם קאָפּ אוועקצולעגען, האָט ער טאַקע קיין מאָל א רעכטען זאטען מאָלצייט ניט אָפּגע־געסען, און אין דער צייט, ווען ער איז געווען ארייננגעטאָן אין זיינע חלומות וועגען רוסלאנד, האָט דער טרוימער גאָר ניט באַ־מערקט, אז זיין אייביגע פּלאָגעניש, זיין שטענדיגער הונגער פאנ־גען אָן צו פאָדערען זייער קרבן; אין דער צייט, וואָס דער אידיש־רוסישער אינטעליגענט האָט געהאָפט, אז אָט אָט פאָהרט ער צוריק אין זיין געליבטער ראָססיא, האָט ער גאָר ניט באמערקט, אז איהם געהט שוין דער טויט נאָך טריט ביי טריט.

ראָזענבערג האָט זיך פארליבט אין א מיידעל, אויך א אידיש־רוסישע טרוימערין. ראָזענבערג איז פון דער מיידעל געליבט גע־ווען מיט א הייסער, מיט א ברענענדער ליבע. און צוליב זיין גע־ליבטער, צוליב זיין כלה, האָט ראָזענבערג אויף א ווײַלע פארגעסען אָן רוסלאנד און ער האָט גענומען שטרעבען צו קומען צו עפּעס א שטיקעל תכלית טאַקע דאָ אין אַמעריקא. אָבער לאַנג האָט דער טרוימער שוין איצט ניט געדארפט שטרעבען. דער תכלית האָט שוין איהם ערווארטעט, און עררייכט האָט ער זיין תכלית אויף א בעטעל אין אַ ניו יאָרקער האָספּיטאל.

ראָזענבערג איז געשטאָרבען.

דאָקטוירים האָבען ערקלערט, אז ראָזענבערג איז געשטאָרבען פון א מאָגען־קראנקהייט. מיר, וועלכע האָבען איהם געקענט און געוואוסט ווי אזוי דער מאַן האָט זיך געפּלאָגט אין אמעריקא — מיר האָבען געוואוסט, אז דער רוסישער טרוימער איז אין אמעריקא לאנגזאַם אויסגעגאַנגען פון הונגער.

ביי דעם טרוימער׳ס טויטען־בעט בין איך געווען, איך און זיין כלה, מעהר קיינער ניט. מעהר האָט ער קיינעם ניט געהאַט אויף דער וועלט. און דער שטאַרבענדער טרוימער האָט געזאָגט צו אונז

— איך שטאַרב... ניט באַשערט מיר צו זעהן א פרייען רוס־לאנד. אָבער איך ווייס, אז באלד וועט רוסלאנד פריי זיין. און איך וויל פון אייך, אז ווען עס וועט קומען דער גרויסער טאָג פון דער רוסישער פרייהייט, זאָלט איהר ביידע קומען צו מיין קבר און מיר אָנזאָגען די גליקליכע בשורה.

און דער שטאַרבענדער האָט לאַנגזאַם אַנגעקוקט זיין כלה און ער האָט צוגעגעבן:

— און ווען דו, מיין עטעלע, וועסט קומען צו מיין קבר, זאָלסטו זינגען דאָס, וואָס איך האָב אימער פון דיר אַזוי ליעב גע־האַט צו הערען. זאָלסט זינגען ביי מיין קבר:

„ווי זשערטוואָיו פּאַלי,
וו'באַרביע ראַקאַוואָי".

דאָס זיינען געווען ראָזענבערג'ס לעצטע ווערטער.

געשטאָרבען איז ראָזענבערג!

געשטאָרבען איז א רוסיש אידישער טרוימער, געשטאָרבען אין א רייכען, אָבער א פרעמדען לאַנד, געשטאָרבען פון הונגער אין א רייכען, זאַטען לאַנד!

און ווען ס'איז אריבער א צייט פון עטליכע יאָהר נאָך דעם טרוימער'ס טויט, איז דעם טרוימער'ס חלום מקוים געווארען. עס איז געקומען צו א גאַנצער וועלט איבערקערעניש. ס'האָט אויס־געבראָכען א וועלט־מלחמה. דער רוסישער טראָן איז צושמעטערט געוואָרען. רוסלאַנד איז א פרייע סאָציאַליסטישע לאַנד געווארען. און אין א געוויסען זונטאג פריהמאָרגען — ס'איז געווען א ווינ־טער פריהמאָרגען, אַזא אומעטיגער, אַזא כמורנער פריהמאָרגען, ווען צו מיר איז געקומען עטעל, ראָזענבערג'ס איבערגעבליבענע כלה.

עטעל איז געווען אַנגעטאָן אין שווארצען. די כלה האָט אימער נאָך איהר פארשטאָרבענעם חתן טרויער־קליידער געטראָגען. איהר שעהנער געזיכט איז אויסערגעוועהנליך בלאַס געוואָרען, און איהרע שעהנע אויגען האָט זיך אזוי פיל וועה, אזוי פיל שמערץ אַנגעזעהן.

עטעל האָט צו מיר געזאָגט:

— האָבען מיר טאַקע דערלעבט א פרייען רוסלאַנד!

— יעס, רוסלאַנד איז ענדליך פריי — האָב איך געענטפערט.

— מ י ר האָבען דערלעבט, אָבער ראָזענבערג ליגט אין קבר — האָט עטעל ווייטער באמערקט.

מיר האָט אין האלז א קנויל פון טרערען געשטיקט. איך האָב די טרערען ארונטערגעשלונגען, אָבער רעדען האָב איך ניט גע־קענט.

און עטעל האָט מיך געפרעגט:

— גערענקט איהר, וואָס ראָזענבערג האָט אונז געבעטען פאַר זיין שטאַרבען?

— יעס, איך גערענק. געוויס גערענק איך.

— איך פאָהר איצט צו ראָזענבערג׳ס קבר. ווילט איהר מיט־פאָהרען?

איך האָב עטלען אָנגעקוקט, איהר בלאַסער פּנים איז אזוי הייליג־ערנסט געווען, און איהר הייליגע ערנסטקייט האָט זיך עפּעס אזוי ווי אין מיין אייגענעם הארצען פאַרקליבען; איך האָב קיין איין וואָרט ניט ארויסגערעדט, עפּעס אזוי ווי איך וואָלט מורא גע־קראָגען, אז רעדען קען וואָכעדיג מאכען דעם הייליג־ערנסטען מאָמענט.

שווייגענדיג האָב איך מיינע אויבערקליידער אָנגעטאָן. שוויי־גענדיג בין איך מיט עטלען פון מיין הויז ארויס, און איך און עטעל זיינען ביידע אוועקגעגאנגען אויף דעם קבר פון מיין חבר עטעל׳ס חתן.

דער בית עולם איז געווען מיט א קלאָרען שנעע באדעקט, און די מצבות און די נאקעטע ביימער זיינען פון דעם שנעע ארויסגע־וואקסען און זיינען געשטאנען אזוי ווי פארגליווערטע גייסטער. דער טאָג איז געווען א כמורנער, א וואָלקענדיגער און איך און עטעל זיינען אזוי געשטאנען ביי דעם קבר פון אונזער חבר און ביידע האָבען מיר א לאנגע צייט געשוויגען.

און אזוי שטעהענדיג מיט א געזונקענעם קאָפּ איבער איהר חתן׳ס קבר, האָט עטעל גערעדט:

— רוסלאנד איז פריי געוואָרען. איך ערפיל דיין לעצטען וואונש, מיין טייערער, מיין ליבער. איך בין געקומען דיר די בשורה אָנזאָגען...

מורא׳דיג האָבען געקלונגען עטעל׳ס עטליכע ווערטער... א שוידער איז מיר אריבער איבער מיין גאנצען לייב... און ווען עטעל איז אנשוויגען געוואָרען, האָט זיך מיר געדאכט, ווי איהרע ווערטער הערען זיך נאָך אלץ. מיר האָט זיך געדאכט, ווי איהרע ווערטער וואָלטען זיך צושפּרייט איבער דער גאנצער ווייטקייט פון דעם בית עולם... מיר האָט זיך געדאכט, ווי אלע מצבות רעדען איבער עטעל׳ס ווערטער, עטעל׳ס בשורה צו איהר פארשטאָרבענעם חתן.

און איך און עטעל האָבען ווייטער געשוויגען. נאָר אַט האָט עטעל אוועקגעזעצט זיך ביי דעם קבר פון איהר חתן, צוגעלייגט איהר פּנים צו דעם קלאָרן ווייכען שנעע, מיט וועלכען איהר חתן׳ס קבר איז געווען באדעקט און באלד האָט זיך דערהערט עטעל׳ס פארשטיקטער יאָמער.

און אַט האָט עטעל ווידער איהר קאָפּ אויפגעהויבען. שטיק-לאך שנעע פון איהר חתן׳ס קבר זיינען געווען באהעפט צו איהר קאָפּ און צו איהר בלאסען געזיכט. צווישען דער בלאסקייט פון איהר געזיכט און דער וויסקייט פון דעם שנעע האָט זיך א גאנץ קליינער אונטערשיד באמערקט. און פּלוצלונג האָט עטעל גענומען זינגען:

„ווי זשערטוואָיו פּאלי,

„וו׳באָרביע ראקאָוואָי”.

עטעל האָט ערפילט איהר חתן׳ס לעצטען וואונש.

אימה׳דיג האָט איבער דעם ווינטערדיגען בית עולם אָבגעקלונ-גען עטעל׳ס זינגען.

איך וועל די סצענע קיינמאָל ניט פארגעסען.

א באַנדעל פאַר די קרובים אין רוסלאַנד

ווען איך דאַ אין אמעריקע שיקט דאָס ניט היינטיגע צייטען א באַנדעל מיט שפּייז אָדער א פּעקעל מיט קליידער צו עפּעס א קרוב אין רוסלאַנד, אין דעם אייביגען, אייביגען רוסלאַנד. וואָרום ווען איך האָט דאָס ניט איבערגעלאָזען עפּעס א קרוב אין רוסלאַנד?

און אָט וועל איך אייך אריינפיהרען אין א אידישער הויז, וואו מען האַלט אין פּאַקען א באַנדעל פאַר רוסלאַנד, און מיר וועלען זיך אביסעל צוקוקען ווי אזוי עס געהט דאָרטען אָן מיט דעם פּאַקען.

ס'איז א ווינטער־נאַכט. דרויסען איז גאַנץ קאַלט, נאָר אין הויז איז ווארים. דער לענדלאָרד, וועלכער איז איבערגעשראָקען פון די לעצטע „טענענט־און־לענדלאָרד־געזעצע", מוז געבען סטיעם פאַר די שכנים, צי ער וויל, צי ער וויל ניט. ס'געהט סטים, די רעדיאייטאָרס „פּורשקען" און הוזשען, עס דאַכט זיך, ווי די סטים אין די רעדיאייטאָרס וואָלט געמורמעלט: „ס'מוז, ס'מוז זיין סטים, ס'מוז"... א געזעץ.

אין הויז איז ווארים, און מחמת דעם עסק מיט'ן פּאַקען דעם באַנדעל פאַר רוסלאַנד איז אין הויז אַן אויפרעגונג, די עלעקטריק ברענט אין אלע חדרים, און ס'איז ווארים און ס'איז ליכטיג אין הויז, ליכטיגער ווי אימער.

די גאַנצע פאַמיליע איז אין דערהיים. טאַטע־מאַמע און אלע פיער קינדער זיינען ביזי מיט'ן פּאַקען דעם באַנדעל. די קינדער זיינען אלע אמעריקאַנער געבאָרענע. זיי ווייסען ווייניג וועגען רוסלאַנד. זיי טראַכטען און שטעלען זיך פאָר „ראָשיא" אלס עפּעס א ווייט, ווייט, האַלב־ווילד געהיימניספול לאַנד. זיי שטעלען זיך פאָר רוסלאַנד, די אמעריקאַנער געבאָרענע קינדער, אזוי ווי טאַטע און מאַמע שטעלען זיך פאָר „טשיינאַ" אָדער עפּעס א שבט פון האַלב־ווילדע מענשען ערגעץ־וואו אין אפריקא, נאָר די קינדער די אמעריקאַנער געבאָרענע קינדער, זיינען אויך ביזי מיט'ן פּאַקען

דעם באַנדעל פאר „ראַשא", און די גאַנצע פאַמיליע איז דעם אבענד אויסערגעוועהנליך אויפגערעגט.

דער טאַטע דרוקט אוים אויף א ווייסען סיוועגט דעם רוסישען אדרעס. די עלטערע טאָכטער דרוקט אוים דעם אַדרעס אין ענגליש. דער עלטערער זוהן האָט געבראַכט פון גראָסערי א זאַק און פון סטיישאָנערי סטאָר האָט ער געבראַכט שטריק און פאַק־פאַפּיער צו מאַכען דעם באַנדעל פאר רוסלאַנד. די מאַמע פּאַקט אין זאַק די זאַכען. די אינגערע צוויי קינדער קוקען זיך גלאַט צו מיט גרויס נייגעריגקייט צו דעם ווי עס געהט אָן די ארבייט פון פּאַקען דעם באַנדעל נאָך רוסלאַנד און עס איז רעש'דיג אין הויז.

אויף דעם גרויסען קיילעכדיגען טיש אין דייגינג־רום זיינען אָנגעלעגט די זאַכען, וועלכע מען דאַרף איינפּאַקען. אַלטע קליידער, נייע קליידער מכל המינים: זאָקען, שיך, קאַלאָשען, זומערדיגע זאַכען, אונטער־וועש, אויבער־וועש. א גאַנצער בערגעל איז אָנגעוואָרפען אויפ'ן טיש; מאַן און ווייב קוקען איבער נאָך אמאָל און נאָך אמאָל די זאַכען. און די פרוי רעדט האַלב־פאַרטראַכט, עפּעס ווי צו זיך אליין.

— אפשר איז ווייניג, אפשר נאָך עפּעס שיקען?

— וואָס נאָך קען מען שיקען? דאַכט זיך, אַלעס, וואָס עס איז געווען אין הויז, איז שוין דאָ אויפ'ן טיש! — ענטפערט דער מאַן.

דעם באַנדעל שיקט מען דאָס איצט צו דער פרוי'ס א שוועסטער'ס צוויי טעכטער. די שוועסטער איז געשטאָרבען, איבערגעבליבען זיינען די צוויי מיידלאַך עלענד, ווי די שטיינער. האַלטען אין איין צושיקען בריף: „טייערער אָנקעל, ליבע טאַנטע, האָט רחמנות, שיקט פּאָסילקעס, שיקט עפּעס צום עסען, לאָזט ניט אויסגעהן פון הונגער. שיקט קליידער. העלפט אונז!"

עסענוואַרג האָט מען שוין ארויסגעשיקט עטליכע מאָל. איצט שיקט מען קליידער, א באַנדעל מיט קליידער, און די מוהמע שטעהט ביים טיש א צורודערטע, א פאַרזאָרגטע:

— אפשר איז ווייניג? אפשר דאַרף מען נאָך עפּעס שיקען?

— וואָס קען מען דען נאָך שיקען? — קוועטשט דער אָנקעל מיט די פּלייצעס — דאַכט זיך, וואָס ס'איז נאָר דאָ אין הויז, וואָס מ'קען נאָר שיקען, פּאַקט מען איין.

זאָגט לילינקע, א מיידעלע פון א יאָהר צוועלף:

— מאַמאַ, פּאַק איין מיין ספּרינג־קאָוט.

— נאַרישע מיידעלע, צו וואָס טויג דיין ספּרינג קאָוט? — קוקט אָן די מאַמע מיט ליבע און מוטערליכע צערטליכקייט איהר יונג טעכטעריל — ס'וועט זיין צו קליין. די מיידלאַך דאָרט זיינען פיל עלטער און גרעסער פון דיר.

— שיק אוועק מיינע ראָבער בוטס — שלאָגט זיך אָן דער צעהן־יעהריגער מאַקסעלע.

— אָ, זיי שטיל — בייזערט זיך אָן גוטמוטיג דער פאָטער אויף מאַקסעלען און טאַטע און מאַמע פּאַקען ווייטער דעם באַנ־דעל.

א שכנה פון „נעקסט דאָר" לויפט אריין.

— איהר שיקט א באַנדעל נאָך רוסלאַנד? — פרעגט אויפ־געדעגט די שכנה.

— יעס, נאָך רוסלאַנד.

— איך האָב שוין דריי באַנדלאַך אוועקגעשיקט.

— מיר שיקען דעם פערטען באַנדעל.

— זאָל אייך גאָט דערפאַר בענשען — ווינשעוועט די שכנה נעהט צו צום טיש און נעמט העלפען פּאַקען דעם באַנדעל.

נאָך א שכנה איז אריינגעקומען, א שכנה פון איבער'ן גאַס.

— וואָס פּאַקט מען דאָס? — פרעגט זי.

— א באַנדעל פאַר רוסלאַנד.

— צו קרובים?

— צו מיין שוועסטער'ס צוויי טעכטער — ענטפערט שפרה.

— שיקט זיי זאַלץ — גיט אַן עצה די שכנה פון איבער'ן גאַס.

— זאַלץ גאָר? — פרעגט איבער די שכנה.

— יעס. זאַלץ. צו מיין בוטשער איז פון רוסלאַנד, פון זיין שטעדטעל, א בריף אָנגעקומען. שרייבט מען, אז מען נויטיגט זיך אין זאַלץ.

— איך האָב שוין געשיקט זאַלץ — דערצעהלט די נעקסט־דאָריגע שכנה, און אַלע העלפען איינפּאַקען און איינבינדען דעם באַנדעל פאַר רוסלאַנד.

עדי, דער עלטערער באָי, איז אריינגעגאנגען אין פראָנט־רום און אריינגעלעגט אין דער וויקטראָלא א רוסישען רעקאָרד. עדי ווייס, אז טאַטע און מאַמע גלייכען די „רוסישע סאָנגס". ער אליין גלייכט דאָס ניט, נאָר צוליב דער שמחה מיט דעם פּאַקען פון באָנדעל האָט ער נאָכגעגעבען די עלטערען. הערען זיך צו עדי'ס טאַטע און מאַמע צום הימן פון דעם פרייען רוסלאנד, און ביידע בלייבען שטעהן אזוי פארטראַכט, טיף פארטראַכט, טיף פאר־חלום'ט.

עס טראַכט זיך וועגען רוסלאנד די מענשען. ס'חלום'ט זיך וועגען רוסלאנד, וועלכע איז אזוי ווי אויף אייביג אין קאָפּ און אין הארצען ווי איינגעוואַקסען געבליבען.

רוסיש־אידישע אינטעליגענטען זיינען זיי אָט די צוויי מענשען, אָט די מאַן־און־פרוי, וועלכע שיקען איצט דעם באָנדעל נאָך רוסלאנד, רוסיש־אידישע אינטעליגענטען, ביי וועמען רוסלאנד איז אלץ אָן אייביגע היילינקייט פארבליבען. און מאַן און פרוי, די צוויי רוסיש־אידישע אינטעליגענטען, שטעהען אזוי פארטראַכט ביים גרויסען טיש אין דיינינג־רום. מען הערט זיך צו די טענער פון דעם רוסישען פרייהייטס־הימן, מען רוקט זיך צום זאַק מיט די איינגעפּאַקטע זאַכען, און ביי ביידען גלייך לעגט זיך אויף די ליפּען א ביטערער, א וועהטאָגדיגער שמייכעל.

— וועה איז מיר, וועה איז מיר! — קוקט אָן די פרוי דעם זאַק מיט די זאַכען. וואָס פאר א שווערע צייט רוסלאנד לעבט איבער.

— אָך, באָזשע מאָי, באָזשע מאָי! — רייסט זיך ארויס א שוואַכער זיפץ פון דער סאַמע טיפעניש פון דעם מאַן'ס הארצען.

און מאַן און פרוי פּאַקען ווייטער די זאַכען אין זאַק אריין, פּאַקען ווייטער דעם באָנדעל פאר רוסלאנד.

און אין פראָנט־רום שטעלט עדי אריין אין דער וויקטראָלא א צווייטען רוסישען רעקאָרד און איבער'ן הויז צוטראָגען זיך די טיף־גרייפענדע טענער פון אן אלטער רוסישער פאָלקס-ליד:

„אָך, טי דאָליא, מאָיא דאָליא,
„זאַטשעם טי דאָליושקא מעניא,
„דאָ סיבירי דאָוועלא?"

און ס'טראָגט זיך אוועק דעם מאַן'ס נשמה אין דעם ווייטען רוסלאַנד. אָט איז ער אין דער היים. אָט איז ער צוריק יונג, ווי ער איז געוועזן דאַן, ווען ער האָט רוסלאַנד פארלאָזען. אָט זיינען זיינע חברים, מיט וועלכע ער האָט באַלאַנגט צו דער דאַמאָלסדיגער אונ־טערערדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָט איז רוסלאַנד מיט איהרע רוסישע ארבייטער אין בלוזעס. אָט זיינען רוסישע דערפער, רוסישע פּויערים, אָט איז רוסלאַנד, וועלכע איז אזוי איינגעבאַקען, אזוי איינגעבּרענט אין זיין טיפען הארצען.

און פּלוצלינג נעמט דער מאַן רעדען צו זיין פרוי, רעדען האַס־טיג, רעדען מיט אימפּעט:

— וועסט זעהן, שפרה, רוסלאַנד וועט זיין אָלרייט, רוסלאַנד וועט אלע איהרע אומגליקען איבערלעבען, אי איהר הונגער, אי אלע איהרע אנדערע צרות. רוסלאַנד וועט ארויסקומען ערהאַבענער, הייליגער, ליכטיגער ווי אימער. וועסט זעהן, שפרה, אָט די רוסלאַנד, וואוהין מיר שיקען איצט באַנדלאַך מיט עסענוואַרג און קליידער, וועט נאָך זיין די האָפנונג און די טרייסט פון דער גאנצער וועלט!

— הלואי, הלואי — מורמעלט שפרה און ביי מאַן און ווייב בלישצען טרערען אין די אויגען.

אן אויסערגעוועהנליכער פריהמאָרגען

איינער א מאן אין די מיטעלע יאָהרען, איינער פון די אלע אנדערע, וועלכע האָבען באמונה שלמה געגלויבט, אז מיט דעם סוף פון דער שוידערליכער בלוטיגער וועלט־מלחמה, וועט אויך זיין א סוף צו די אלע אומגליקען און צרות, אין וועלכע די וועלט האָט זיך געטרונקען; איינער וועלכער האָט געגלויבט, אז מיט דער ערקלעהרונג פון פרידען אויף די שלאכטפעלדער פון פראנקרייך, וועט געבאָרען ווערען א נייע גליקליך־ליכטיגע צייט, האָט באשריבען וואָס ער האָט איבערגעפילט אין יענעם אויסערגעוועהנליכען פריהמאָרגען, ווען מען האָט שוין געוואוסט אז די מלחמה איז געענדיגט, אז פרידען איז ערקלעהרט געוואָרען און אָט איז פאר אייך דעם מאנ'ס הארץ־אויסגוס:

וואָס פאר א פריהמאָרגען, וואָס פאר אן אויסערגעוועהנליכער פריהמאָרגען!

ענדליך, ענדליך איז אָנגעקומען דער גרויסער טאָג, דער הערליכער טאָג, דער טאָג פון פרידען!

ענדליך איז געקומען דער טאָג אויף וועלכען די גאנצע וועלט האָט געווארט מיט א פארשטיקטען אָטעם.

שוין באגינען האָט דער רעש פון טראָמפּייטען, גלאָקען און דאָס פייפען פון די שיפען אויף די שטאָטישע וואסער־ברעגען און פארביילויפענדע שטאָטישע באהנען, אָנגעזאָגט די גרויסע, די אימה־דיג־גרויסע בשורה, אז א נייע צייט איז געבאָרען געוואָרען!

געענדיגט איז די וועלט־מלחמה. געענדיגט איז די וועלט־שחיטה. מענשען וועלען זיך אויפהערען צו קוילענען. פרידען קומט אָן.

ס'געהט אוועק א בלוטיגע, א שווערע, א פינסטערע נאכט און עס קומט אָן א וואונדערבארער פריהמאָרגען!

און עס האָפט זיך און עס גלויבט זיך, אז עס וועלען פארשוואונדען ווערען די אלע בייזע, די אלע פינסטערע גייסטער, וועלכע האָבען ליב נאכט. דער אָנקומענדער ליכטיגער טאָג וועט זיי פאר־יאָגען פון דער וועלט, פון דער ניי־געבאָרענער וועלט.

ווי גוט, ווי גרינג ס'וועט זיין דאָס לעבען אין אזא מין שעהנער, פרייער נייער וועלט.

מיין האַרץ האָט מיר האַסטיג געקלאַפּט פאר פרייד, פאר אויפרעגונג.

איך האָב אויפגעוועקט מיין פרוי. איך האָב מיינע קינדער פון זייער זיסען שלאָף אויפגעריסען.

„קינדער שטעהט אויף. עס איז א שאָדען, מיינע ליבע, אזא מין מאָמענט צו פאַרשלאָפען. א נייע צייט ווערט געבאָרען... א גרויסע צייט, א שעהנע צייט, אן ערהאַבענע צייט!"

„הערט זיך צו, קינדערלאַך, ווי עס יובעלט, שאַהלט, קלינגט הערט זיך צו און פיהלט זיך גליקליך וואָס איהר זייט נאָך אזעלכע יונגע צווייגעלאַך, ווייל אייך וועט אויסקומען צו וואַקסען און בליהען אין א שעהנער, אין א נייער וועלט. אייער יוגענד וועט ניט דערשטיקט ווערען פון דער אַרומיגער, שווערער, דריקענדער פינסטערניש, אזוי ווי עס איז געשטיקט געוואָרען די יוגענד פון אייער פאָטער. איהר טייערע, איר גליקליכע, קינדערלאַך. אייך וועט אויסקומען בליהען אין א פרייער וועלט. אייך וועט אויסקומען וואַקסען און באָדען זיך אין לויטער זונען־שיין".

אויפגעוועקט די קינדער, געמאַכט פרעהליך, רעש'דיג מיין הויז, האָב איך שוין באַזאָרגט ווער עס זאָל זיך פרעהען אין מיין שטילער היים און איך בין אין דער גאַס אַרויס.

ווי פרעכטיג, ווי ערהאַבען, ווי אויסערגעוועהנליך שעהן אָט דעם היינטיגען פריהמאָרגען איז די זון אויפגעגאַנגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אז אזא אויסערגעוועהנליכען זונען־אויפגאַנג האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזעהען.

עפּעס אזוי ווי די זון וואָלט אויך באַגריפען די וויכטיגקייט פון דער אוסערגעוועהנליכער צייט. זי איז ערשינען פייערדיג־רויט, פול מיט פרייד, פול מיט גרויסקייט, שמחה און נצחון.

און די זון האָט אריינגעשיינט אין די פענסטער פון די אנטקעגענדיגע הייזער, און אין די פענסטער האָבען זיך טויזענדער גלענצענדע פייערלאַך אָנגעצונדען. וואָס פאר א הערליכע, וואָס פאַר א שעהנע שרפה!

און מיין גאַנצער וועזען איז אויפגעציטערט געוואָרען. עפּעס אזוי ווי פון אן אימה'דיגען רעליגיעזען געפיהל. מיר האָט זיך געוואָלט גלויבען אין עטוואָס גרויסעס, אין עטוואָס אומבאַגרייפליכעס,

אין עטוואָס היילינעס. מיר האָט זיך געוואָלט א היילינע ברכה מאַכען. מיר האָט זיך געוואָלט „שהחינו" זאָגען.

עס האָט זיך מיר געוואָלט דאַנקען, דאַנקען אימיצען פאַר דעם גרויסען מזל מיינעם, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו דערלעבען אזא מין אינטערעסאַנטע, אזא מין הערליכע, אזא מין אויסערגעוועהנ־ליכע צייט!

אויף דער גאַס האָבען זיך געגומען קינדער ציינען. יונגע אומ־שולדיגע קינדערלאַך!

די קינדער האָבען געהאַט „האַרנס" און גלעקלאַך, האָבען זיי געשאַהלט, געקלונגען און געטאַנצט פול מיט פרייד, פול מיט גליק.

איך האָב געקוקט אויף די קינדער און איך האָב זיי מקנא געווען!

איך האָב זיי ניט מקנא געווען זייער פרייד, זייער טאַנצען און שפּילען. זיי שפּילען און פרעהען זיך, ווייל זיי זיינען קינדער, ניט דערפאַר ווייל היינטיגער פריהמאָרגען איז אזא ערהאַבענער — דאָס פאַרשטעהען זיי דאָך ניט, אָרעמע!

איך האָב זיי מקנא געווען, ווייל די צוקונפט איז זייערע. איך האָב זיי מקנא געווען, וואָס אָט די יונגע נשמה'לאַך איז אויסגעפאַ־לען דער מזל צו זיין נאָך קינדער אין אזא מין צייט. און איך האָב ביי זיך געטראַכט:

אָה, איהר גליקליכע, ווען די נייע צייט וועט זיך צובליען אין איהר גאַנצער יוגענד און פּראַכט, וועט איהר ערשט דאַן זיין אין אייער בליהענדער יוגענד און ווי גוט און ווי אינטערעסאַנט אייער לעבען וועט זיין.

און וואָס וועט מיט מיר דאַן זיין?

אַלט! אָבגעלעבט. אָדער אין א גרוב א פאַרגעסענער!

און מיר איז געוואָרען אזוי שווער און פאַרדראָסיג, וואָס איך בין ניט אינגער ווי איך בין.

עס קומט דאָך יעצט אָן אזא שעהנע צייט אזא ערהאַבענע צייט — האָב איך ביי זיך געטראַכט — און יעצט ווען עס קומט אָן דער וועלט'ס שעהנעָ, ליכטיגער פריהמאָרגען, קומט אָן צו דער זעלבער צייט מיין אָוונד.

אך, ווי עס וואָלט זיך יעצט וועלען יונג זיין!

און וויפיל יאָהרען ס'האָבן זיך שוין אוועקגעקייקעלט זייט יענעם פריהמאָרגען, ווען דער באַגייסטערטער מאַן האָט אַזוי שעהן געטרוימט וועגען דער ליכטיגער צוקונפט וואָס ס'וועט קומען נאָכ־דעם, ווי די בלוטיגע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיגט... איך האָב געקענט אָט יענעם באַגייסטערטען מאַן... מיר פלעגען זיך באַגעגענען אַמאָל און מיר באַגעגענען זיך אויך איצט און אַלע מאָל ווען מיר באַגעגענען זיך איצט... ווען ס'זיינען שוין אַריבער אַזוי פיל יאָהרען נאָך יענעם פריהמאָרגען, רעדען מיר וועגען די איצטיגע שווערע, פינסטערע צייטען... און דאַן לאָזען מיר זיך אַריין אין עראינערונגען וועגען יענע, יענע צייטען און אַלע מאָל פרעג איך איהם דערביי:

— נו, לאַנדסמאַן, איהר געדענקט ווי איהר האָט פאַנטאַזירט, אַז ס'קומט אַ ליכטיגע צוקונפט, אַז ס'ווערט געשאַפען אַ נייע וועלט?

— געוויס געדענק איך — ענטפערט ער אַלע מאָל מיט דעם זעלבען אומעטיגען שמייכעל — בין איך דען געווען דער איינציגער, וואָס האָט אַזוי פאַנטאַזירט און גע'חלום'ט?... געווען מאָדנע צייטען... אַלע האָבען ערוואַרטעט און זיינען זיכער געווען, אַז אַ נייע, גליקליכע, פרייע צייט קומט אָן... עפּעס איז אין דער לופטען געהאַנגען גוטע, טייערע פאַרשפּרעכונגען... געווען אַזאַ מאָדנע צייט... אַלע האָבען געהאָפט, פאַנטאַזירט. מען איז ווי די פאַרטשאַדעטע אַרומגעגאַנגען...

אין שאַפּ און אין דערהיים

דער נייער טאַטע

יאַנקעל'ס פאַך איז געווען: שטעפּעריי ביי דאַמען־העטקעס און אויף דעם אידיש־אַמעריקאַנעם לשון הייסט עס, אז ער איז געווען אַן אָפּרייטער ביי מילינערי. יאַנקעל איז אַלעמאַל געווען זעהר א גוטער און זעהר א שנעלער ארבייטער. ביי די באַלעבאַטים פון זיין פאַך האָט יאַנקעל א גרויסען נאָמען געהאַט, יעדער איינער האָט איהם געוואָלט אין זיין שאַפּ אריינקריגען און יאַנקעל האָט פאַר יאָהרען און יאָהרען, וואָך איין, וואָס אויס, אהיים צו דער ווייב גוטע וועידזשעס געבראַכט.

נאָר פּלוצלונג זיינען אריין אין דער מאָדע „פעלט העטס", ס'הייסט, העטקעס אויסגעארבייט פון אזא מין וואָליס, „טאָרבעס", ווי אין דער מילינערי פאַך האָט מען דעם סאָרט העטקעס אָנגע־רופען. קינד און קייט, אָרים און רייך, אַלט און יונג, די יונגע פּלעפּערקע, דער פּלעפּערקע'ס מוטער, די באָבע, די ווירטהין און די דינסט — אַלע האָבען זיך אין „טאָרבעס" אויסגעפּוצט. אָבער צו די „טאָרבעס" האָבען זיך זעהר ווייניג אָפּרייטערס געפּאָדערט. איין איינציקער אָפּרייטער האָט געקענט אין א טאָג ארויסגעבען א גאַנצען ים מיט „טאָרבעס". זיינען טויזענטער מילינערי אָפּריי־טערס ארויסגעשטופּט געוואָרען פון זייער פאַך, און געבליבען ארבייטסלאָז.

צווישען די ארויסגעשטופּטע איז אויך אונזער יאַנקעל געווען.

שווערע טעג זיינען אָנגעקומען פאַר יאַנקלען. יאַנקעל, איבער־וועמען באַסעם פּלעגען זיך שלאָגען, האָט איצט אומזיסט געקלאַפּט אין די טירען פון מילינערי שעפּער. מען האָט איהם מעהר ניט געדאַרפט האָבען. יאַנקעל'ס הימעל איז מיט א שווערער כמאַרע פאַרצויגען געוואָרען.

ווייסט איהר וואָס ס'הייסט צו זיין ארבייטסלאָז אין אמע־ריקע? ווייסט איהר וואָס ס'הייסט צו זיין אין קאָלאָמבוסעס מדינה: א מאַן אָהן א דזשאָב? ניט געפּראָאווט זאָל מען ווערען. די ערד ווערט פאַרזונקען פון אונטער אייערע פיס און איבער אייער

קאָפּ איז אָנשטאָט א הימעל — א האָפנונגסלאָזע פינסטערניש אויסגעשפרייט. פאַר דער גאַנצער וועלט שיינט די זון נאָר ניט פאַר דעם ארבייטסלאָזען, פאַר איהם וויל די זון ניט לייכטען. מענ־שען וויסען פון וואָך און יום־טוב. פאַר דעם ארבייטסלאָזען איז נישטאָ קיין אונטערשייד פון איין טאָג ביז א צווייטען. אלע טעג זיינען ביי איהם גלייך; אלע, ווי פון א שווערען בליי אויסגעגאָסען.

איהר זייט ערגער אָפּ ווי דער שווערסטער חולה. א קראַנקען קומט מען געוואָהר ווערען; צו א קראַנקען קומט מען מיט טרייסט־ווערטער. פון אַן ארבייטסלאָזען אין אמעריקא ווייכט מען. אייערע באַקאַנטע, אייערע בעסטע פריינד ציטערען צו הערען אייער נאָמען דערמאָנט. אייער אייגען ווייב און קינדער הויבען אייך אָן צו באַ־טראַכטען מיט אומרוהיגקייט און שרעק.

וועה איז צו דעם ארבייטסלאָזען.

און יאנקעל איז איצט געווען ארבייטסלאָז, א מאַן אָהן א דזשאַב. און אזוי איז ער פארבליבען — א מאַן אָהן א דזשאַב — כמעט דריי יאָהר צייט.

פאַר די דריי יאָהר צייט איז יאנקעל, נאַטירליך, ניט געזעסען אין שטוב און געוואַרט אויף דער גאולה. יאנקעל האָט גאַנצע טעג געזוכט, כאָטש וואָס ער זוכט האָט ער אליין ניט געוואוסט. דער מענש האָט זיך געוואָרפען ווי א פיש אויף דער יבשה. געזוכט ארבייט ביי דרעסעס, ביי טשוועקעס, ביי האָלץ, ביי אייזען; גע־שטאַנען אָהן א היטעל פאַר אַן אָנקעל, א רייכען סוועטער־באָס; געשטאַנען מיט אַן איינגעבויגענעם רוקען פאַר נאָך עפּעס א קרוב, א פארמעגליכען ריעל־עסטייטניק; געפּרואווט קענוועסען, קלאַפּען אין טירען; געמאַכט א שטיקעל דזשאַב דאָ, דאָרטען; אמאָל גע־ארבייט א טאָג, אמאָל צוויי אָדער דריי טעג כסדר; אמאָל אויף איין דזשאַב פארבליבען א גאַנצע וואָך צייט און נאָכדעם ווייטער א האַלב יאָהר צייט געזוכט. געזוכט און געזוכט.

אזוי האָבען זיך אוועקגעקייקעלט דריי יאָהר צייט און יאנקעל, פארגעסט ניט, האָט געהאַט א ווייב, קינדער און א לענדלאָרד.

היינט ווי אזוי־זשע לעבט מען דורך דריי יאָהר צייט ווען דער קאָפּ פון דער פאַמיליע איז — א מאַן אָהן א דזשאַב? פרעגט ניט קיין צופיל קשיות. מען לעבט, אבער אלץ הייסט „געלעבט".

וואו נאָר עס איז געווען אַן אָפּגעשפּאָרטער סענט, האָט מען דאָס אויפגעגעסען... ס'רעדט זיך אזוי — אויפגעגעסען; געציילט

די ביסענס... און מיט יעדען ביסען געוואָרגען זיך. איינגעקוועטשט די הוצאה ביז קוים די נשמות צו דערהאַלטען. ניט פאַרגונען זיך אויף דער ליכטיגער וועלט אן איבעריגען קוק צו טאָן... מען האָט געלעבט און אויף עפּעס געוואַרט, געהאָפט.

קינדער זיינען אונטערגעוואַקסען. א טאָכטער האָט דורכגע־מאַכט א קאָמערציאַלע הויך-שול און געקראָגען א שטעלע אין אן אָפיס. צוויי בחורים'לאַך, יונגינקע, צאַרטע, האָבען פאַר דער צייט אָפּגעזעגענט זיך מיט די אמביציעס, וועגען וועלכע מען האָט גע־טרוימט, ווען דער טאַטע איז נאָך א גוטער פאַרדינער געווען. מען האָט זיך אויפגעזוכט דזשאָבס; גענומען ביסלעכווייז פאַרדינען, און אין הויז די פאַרדינסטען אָפּגעגעבען.

די מאַמע איז געווען די קאַסירערין און מיט מוטערליכער ווייַ־טאָגדיגער צערטליכקייט האָט זי די קינדערשע האָרעוואַניע, ווי די אויגען אין קאָפּ, אָפּגעהיט. טויזענט מאָל האָט זי אויסגערעכענט און איבערגערעכענט, אז קיין איין-און-איינציגער סענט זאָל, חס וחלילה, אומזיסט ניט פאַרשוועגדעט ווערען.

אזוי האָט זיך גענומען פיהרען א הויז — אין גאַנצען אָהן א טאַטענ'ס הילף.

און יאַנקעל? יאַנקעל האָט נאָך אַלץ געזוכט. טאָג איין טאָג אויס אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, צוגעגרייט ברעקפעסט פאַר די קינ־דער — פאַר די נייע ברויטגעבער; שטילערהייט פון הויז זיך ארויסגעכאַפּט, און אוועקגעלאָזט זיך טאַפּען ווענט אין דער פינס־טער און זוכען און זוכען דעם נעכטיגען טאָג. און אַלע פאַרנאַכט איז יאַנקעל אהיים געקומען אן איינגעבויגענער, אן איינגעהויי־קערטער, מיט א פאַרגעלטען געזיכט, א געפאַלענער ביי זיך, א האָפנונגסלאָזער, א פאַרצווייפעלטער, א פאַרשוויגענער, א מידער, א צובראָכענער.

איינמאָל איז יאַנקעל פון זיין אייביגער זוכעניש געקומען אהיים, ניט נאָר א נידערגעשלאָגענער, נאָר טאַקע אויך א קראַנקער. ער האָט זיך אין בעט ארייגגעוואָרפען.

יאַנקעל'ס ווייב האָט פאַרבראָכען מיט די הענט און האָט וויינענדיק אין זיך גענומען בעטען ביי איהר חולה:

— יאַנקעל, וועה איז צו מיינע יאָהרען! הער אויף! האָב רחמנות! הער אויף דיין זוכעניש! וועסט דאָס גאָר ניט אויס־האַלטען! דו געהסט דאָך אויס ווי אן אָנגעצונדענע ליכט!...

יאנקעל, ס'ווערט דאָך מיר פינסטער פאַר די אויגען ווען איך קוק דיך אָן פאַר זיך!

— נו, וואָס דען זאָל איך טאָן? — האָט יאַנקעל אויסגע־קרעכצט — זאָל איך זיצען מיט פאַרלייגטע הענט? דו ווייסט דאָך, פאַניע, אז איך קען עס ניט. דו ווייסט דאָך, אז ס'איז ניט אין מיין כאַראַקטער.

— נו, און אז דו לאָזט זיך ארוים זוכען און שלעפּסט זיך ארום א גאַנצען טאָג, און שלאָגסט זיך אומזיסט און אומנישט פון די כחות ארוים, איז דען בעסער?

— מען האָפט דאָך... אפשר...

— ניטאָ קיין „אפשר", — האָט יאַנקעל'ס ווייב מיט צערט־ליכקייט געבייזערט זיך אויף איהר מאַן. —איך וועל דיך פון הויז ניט ארויסלאָזען, איך וועל פאַרשפּאַרען אלע טירען! זאָל נעמען א סוף צו דיין זוכעניש!

— זאָל איך אפשר אזוי זיצען מיט צונויפגעלייגטע הענט און צוקוקען ווי מען עסט פון די קינדערשע פּאָרדינסטען. הא, פּאַניע? — האָט יאַנקעל, מיט טרערען־פאַרלאָפענע אויגען, אָנגעקוקט זיין ווייב.

פון דעם דערמאָנען אז מ'לעבט פון די קינדערשע פאַרדינסטען, האָט פאַניען א ריס געטאָן אין הארצען. ווען זי האָט אָבער אָנגע־קוקט איהר מאַן, ווי קראַנק ער איז, האָט זי אויף איהם גענומען זיך בייזערען ווי מען בייזערט זיך אויף א קינד:

— נו וואָס איז? — וואָס איז דער אומגליק אזוי גרויס ווען קינדער העלפען אוים אין א שלעכטער צייט? וועניג האָט מען פאַר זיי געהאָרעוועט? ניט געפעהרליך, קיין עין הרע, קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַדען. פריש, פרעהליך, געזונט. נו וואָס איז?

— ווען דו וואָלסט וויסען, פאַניע ווי ס'עסט מיר מיין הארץ!

— ביזט א גרויסער נאַר, — האָט פאַניע איבערגעלייגט די קישעלע אין איהר יאַנקעל'ס צוקאָפּען.

די קינדער זיינען אָנגעקומען. א רעש'דיגע פרעהליכקייט האָט אָנגעפילט די הויז.

— די קינדערלאַך, — האָט זיך אויף יאַנקעל'ס אויסגעמוטשעטען געזיכט א פאָטערליכער שמייכעל באַוויזען.

— לעבען און געזונט זאָלען זיי ביי אונז זיין — האָט די מאַמע נאָכגערעדט דעם טאַטען און איז ארוים צו איהרע קינדער.

ווען די קינדער האָבען דער מאַמע'ס שוואַר־פאַרזאָרגטען גע-

זיכט דערזעהן, האָבען זיי גלייך פאַרשטאַנען, אז עפּעס איז דער מעהר. און יעדער, אויף זיין אייגענעם שטייגער, האָט גענומען איהר פאַנאַנדערפרעגען:

— „וואַט איז דהי מעטער, מאַ״?

— „וואַט העפּפּענד״? (וואָס האָט געטראָפען).

— „וואַט איז דהי טראָבעל״?

— דער טאַטע איז קראַנק — האָט די מאַמע געענטפערט און טרויעריג גענומען שאָקלען מיט'ן קאָפּ — צוגעפאַלען איבער זיין זוכעניש. א קלייניגקייט אלע טאָג וואַכען לאַנג... וואָס רעד איך — וואָכען? חדשים, יאָהרען, ווי ער שלעפּט זיך ארום און מעסט די גאַסען און זוכט... איך וויים וואָס? ס'קען דעם גרעסטען גבור איבערברעכען.

די קינדער זיינען אריין אין דעם צימער, וואו דער פאָטער איז געלעגען, די מאַמע איז אויך אריינגעקומען און אלע האָבען זיך ארומגעשטעלט ארום דעם טאַטענ'ס בעט.

יאַנקעל האָט אָנגעקוקט זיין געזינדעל. איהם האָט זיך גע־דאַכט, אז קיין שעהנערע און ליבערע קינדער זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ און אויך זיין פרוי'ס, פאַר־דער־צייט פאַרעלטער־טער געזיכט, האָט איצט אין זיינע אויגען טויזענט חן'ען געהאַט. זיין הארץ איז איבערגעפילט געוואָרען מיט ווארימער ליכטיגער ליבשאַפט.

— „וועל... וועל... האַו איז דהי אָלט גאַי״?... — האָט אויפ־מונטערענד אויף זיין אייגענארטיגען שטייגער באַגריסט זיין פאָטער איזידאָר, דער עלטערער זוהן, א בחור'ל פון א יאָהר צוואַנציג.

— די גאַי איז קראַנק — האָט יאַנקעל געענטפערט מיט א שמייכעל.

— „יו לוק איט״ (דו זעהסט טאַקע אוים אַזוי) — האָט מיט יוגענטליכער אָפענהערציגקייט באַמערקט סעם, דער אינגערער.

און סאָפי, א מיידעל פון א יאָהר זעכצעהן, האָט געמאַכט א פאָרוואורף איהר פאָטער:

— „יו אָוט טו בי עשעימד אָוו יור־סעלף, דעדי״! (דו דאַרפסט זיך שעהמען, טאַטע).

— פאַר וואָס טעכטעריל, פאַר וואָס עפּעס איז „עשיימד אָוו יורסעלף״?

— „ביקאָז יו העוו נאָ ביזנעס״ ארומצושלעפען זיך און פאַר־לירען דיין סטרענטה פאַר נאַטהינג״ — האָט סאָפי אין א מאָדנער

צומישעכץ פון ענגלישע און אידישע ווערטער זעהר ערנסט גערעדט צו איהר פאָטער.

— פארוואָס עפּעס: „פאַר נאטהינג" סאָפּעלע? איך געה דאָך ארום זוכען ארבייט — האָט יאַנקעל עפּעס אזוי ווי פארענט־פּיירט זיך פאר זיין טאָכטער.

— „באָט יו קענט פיינד עניטהינג, דעדי דיר" (אָבער אז דו קענסט גאָר ניט געפינען, טאַטע טייערער) — האָט פאר רחמנות סאָפּי איהר פאָטער דעם קאָפּ א גלעט געטאָן — וואָס איז די יוז? (ארויסגעוואָרפענע מיה).

— נאָ מאָר, פּאָפּ, נאָ מאָר — איז איזידאָר, דער עלטערער זוהן יאַנקעל'ס, געוואָרען זעהר ערנסט — ווערסט מעהר ניט געהן זוכען ארבייט, פאָרגעט איט, אָלד ספּאָרט! פארגעט איט.

סעם, דער אינגערער, האָט איינגעשטימט מיט זיין ברודער, דער טאַטע זאָל מעהר ניט געהן זוכען קיין ארבייט.

איזידאָר האָט אָנגעקוקט זיין פאָטער. אין זיינע אויגען האָט דער פאָטער זיינער אויסגעקוקט צו זיין זעהר א קראַנקער מאַן.

— „ענד עני האו וועלען מיר דיך מעהר ניט לאָזען ארבייטען איוון ווען דו וועסט געפינען א דזשאָב" — האָט ער געזאָגט בייז, אָבער מיט א טאָן פון ליבע אין זיין בייזקייט.

— וואָס דען וועל איך טאָן, מזוזות שרייבען, דו נארישער באָי?

— „וועלל, סאָם טאַים יו וויל העוו טו סטאָפּ וואָרקינג" (ווען עס איז, וועסטו דאָך מוזען אויפהערען ארביטען) — איז איזידאר געווארען אלץ מעהר און מעהר ערנסט — סאָ יו מאַיט דזשאָסט עס וועל דו איט נאָו (טאָ סטאָפּ שוין בעסער גלייך). זאָל דוכטען דו געוואָרען סעווענטי יאָהרען אלט. דו דארפסט מעהר ניט אר־בייטען"!

— איך בין דאָך אָבער, זוהן מיינער, נאָך ניט אַלט קיין זיבעציג יאָהר. נאָך גוטע פינף און צוואנציג יאָהר צו זיבעציג.

— „באָט דו ביזט אזא שוואכער — יו קענט וואָירק, ווהאַט איז די יוז, זאַי אין טהי האוז ענד דאַטסאָל".

— דאַטצאָל האַ, דאַטצאָל — האָט יאַנקעל גוטהארציג, אָבער מיט א פארשטיקטען וועהטאָג איבערגערעדט זיין בחור'ל'ס ווערטער — נאָך ניט אַלט קיין פינף און פערציג יאָהר און שוין: „דאַט־צאָל"?

— „באָט, דעד — איז סעם אויך געוועזן זעהר ערנסט — באָט יו לוק לאַיק סעווענטי."

— „ווי העוו אָל נאַים פּאָזישאַנס" — האָט איזידאָר, דער עלטערער, גערעדט אין א געשעפטסמעסיגען טאָן — מיר פּארדינען, „ווי אָל טשיפּ אין, און דו דארפסט מעהר ניט ארבייטען, אָלד גאַי".

סאָפי, די טאָכטער, האָט אָנגעקוקט איהר פּאָטער. איהר עמ־פינדליכע גוטע הארץ האָט דערשפּירט ווי אזוי אויפ'ן טאטען האָבען געווירקט איהרע ברידער'ס ווערטער, איז זי צוגעלאָפען צו אים, א קוש געטאָן איהם אין שטערען און מיט קינדערשער צערטליכקייט צו איהם גערעדט:

— „דאָנט מאַינד דהעם, דעדי דיער, דהעי דאָנט נאָו וואָט דהעי אַר טאָקינג אבאוט, דהי פולס" (מאַלע וואָס זיי רעדען! זיי ווייסען ניט וואָס זיי רעדען, די נאַראָנים). „ביזט סיק, אבער ווען דו וועסט געזונט ווערען, וועסטו אויסקוקען ווי א יאָנג מען."

די מיידעל'ס אויגען האָבען זיך מיט טרערען אָנגעפילט און זי האָט אויף איהרע ברידער געוואָרפען א בייזען בליק.

— נו, געהט, געהט וואשט זיך איין און איך גיב סאָפּער צום טיש, פארזאָרגער מיינע — האָט די מוטער די קינדער פון צימער ארויסגעשיקט.

— נו, — האָט יאנקעל אָנגעקוקט זיין ווייב — נו, וואָס זאָגסטו?

— נו, וואָס זאָל איך זאָגען?

— האָסט געהערט ווי די קינדער ריידען?

— געהערט, ניט געהערט... קינדער.

— האָסט געהערט? „דאטצאָל".

— נו, קינדער... וואָס ווייסען זיי!

— אפשר טאַקע „דאטצאָל" — האָט זיך דעם קראַנקען'ס גע־זיכט אויסגעקרימט מיט א ביטערען שמייכעל — אפשר טאַקע „דאטצאָל". (אליץ געענדיגט).

— אַי, לאָז מיך אָפּ! געפונען וועגען וואָס צו ריידען. זאָג מיר בעסער ווי דו פיהלסט זיך.

— איך וועל זיך פיהלען אָלראַיט.

די קינדער'ס אָפענהערציגע באמערקונגען וועגען זייער פּאָטער, אז מיט איהם איז שוין אַלעס געענדיגט, אז ס'איז שוין: „דאט־צאָל", זיינען ווי שווערע שטיינער געפאַלען אויף ביידענס הערצער — אויף דער מוטער'ס אזוי גוט ווי אויף דעם פאָטער'ס. און דאָס וואָס פאַניע האָט זיך געמאכט, אז זי טראַכט גאָר ניט וועגען דעם— איז נאָר געווען אן אָנשטעל, כדי איהר מאַן זאָל וועגען דעם

ניט טראַכטען. איהר אַנשטעל האָט אָבער ניט געהאָלפען. יאַנקלען האָט זיך יע געטראַכט און אויך פאַני'ען האָט זיך געטראַכט, און שווערע, שווערע רעיונות האָבען אין זייערעביידענס קעפּ געעג־בערט זיך און ביי ביידען די בלוט אין די אָדערען געקילט.

פאַניע האָט מיט זייטיגע בליקען כסדר אָנגעקוקט איר מאַן און זי איז געווען אונטער'ן איינדרוק, אז זי האָט ערשט באַמערקט ווי איהר יאַנקעל איז אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט. ווי צו־קניטשט זיין געזיכט איז און ווי פאַרעלטערט ער איז געוואָרען.

— „דאַטצאַל" — האָט ווי מיט א קול אין איהרע געדאַנקען אריינגעשריען — „דאַטצאַל" ! און ס'האָט איהר פאַרקלעמט ביים האַרצען און ס'האָט זיך איהר וויינען געוואָלט.

די קינדער האָבען פון דאַינינג־רום גערופען זייער מוטער, אז זי זאָל סאַפּער צום טיש געבען, און זאָגענדיג יאַנקלען, אז זי וועט באַלד לעבען איהם ווידער זיין איז זי ארויס פון צימער.

יאַנקעל האָט גאָר ניט געהערט וואָס זיין ווייב האָט צו איהם גערעדט. ער איז געווען אריינגעטאָן אין זיין אייגענעם וועהטאָג. ער האָט זיך געפיהלט מאָדנע שוואַך, און ער איז זיכער געווען, אז ער וועט שוין אויף אַלע מאָל פאַרבלייבען אזא שוואַכער, אזא צו־בראָכענער.

יאַנקלען איז אַמאָל אויסגעקומען בייצואוואוינען א טראַגישע סצענע אין א שאָפּ, וואו ער האָט געאַרבייט: ס'איז דאָרטען געווען זעהר ביזי, מען האָט צו דער ארבייט אריינגענומען אַן אָפּרייטער, וואָס איז שוין ניט געווען יונג, און דערצו סתם א שוואַכער מענ־שעל. מען האָט דעם מאַן א מאַשין געגעבען און ער האָט זיך אוועקגעזעצט צו דער ארבייט. דאָס האָט געהייסען, אז דער נייער אָפּרייטער דאַרף דאָ אַן עקזאַמען אויסהאַלטען; מען דאַרף זעהן צי ער קען פאַרנעמען אַן אָרט אין אַ שאָפּ.

דער מאַן האָט זיך גענומען פאַר דער ארבייט, אָבער דער גאַנ־צער קערפּער זיינער האָט זיך געטרייסעלט און געציטערט, און ער האָט קוים מיט צרות ארויסגעגעבען א העלפט פון דער אָנגענו־מענער מאָס ארבייט, וואָס אַן אָפּרייטער דאַרף ארויסגעבען. דער פאָרמאַן איז צוגעקומען, א קוק געטאָן אויף דעם מאַנ'ס ארבייט און איהם אָפּגעשטעלט.

— מיסטער, — האָט ער געזאָגט מיט א שפּאָטישען שמיי־כעלע, — אייער אָרט איז ניט אין קיין שאָפּ, איהר דאַרפט אריינ־געבען אַן אַפּליקיישאָן אין אַן אינוואַלידען האָום.

און דער פֿאַרמאַן האָט צוגענומען די ניט־דערמאַכטע אַרבייט און געהייסען דעם אַפּרייטער זיך נעמען דעם וועג.

אַזוי ליגענדיג אין בעט און טראַכטענדיג אַז מיט איהם איז שוין אַלץ אָפּגעם „דאַטצאַל״, האָט יאַנקעל זיך געזעהן אין דער ראָל פֿון יענעם אַפּרייטער, וועלכער האָט זיין עקזאַמען ניט אויס־געהאַלטען. יאַנקלען איז געוואָרען ענג אין האַרצען; דאָס גאַנצע וועלטל זיינס האָט זיך געענדיגט.

* * *

יאַנקעל איז געזונט געוואָרען. צוויי טעג בלויז אין בעט געלע־גען, אַביסעל אויסגערוהט זיך, און טאַקע ווייטער אוועק זוכען; און עפּעס אַזוי ווי אויף צו־להכעיס דעם „דאַטצאַל״, וואָס האָט נאָך אַלץ געגעבערט אין זיין מאַרך און געדריקט אויף זיין האַר־צען, האָט ער איצט מיט אַ דאָפּעלטער פֿלייסיקייט דער זוכעניש זיך איבערגעגעבען. אָבער געפֿונען האָט ער פּאַרט גאָרנישט...

נאָר אָט איז אין דער מילינערי טרעיד ווידער געקומען צו אַן איבערקערעניש: די „טאָרבעס״ זיינען אַרויס פֿון דער מאָדע. צו די וואָליק־העטקעס האָט זיך גענומען דער סוף צורוקען. אין די שעפּער האָט מען שוין גענומען אַרויסגעבען סעמפּעלס פֿון סאַמעט און זיידענס. אויף דעם פּאַרוואָלקענטען הימעל פֿון חברה מילינערי אַפּרייטערס האָט זיך די ליכטיגע זון באַוויזען.

אין די אָפּיסעס פֿון דער מילינערי־יוניאָן וואו ס'האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט אַ שווערער געמיט, האָבען איצט פֿרישע, קוויקענדע ווינטעלאַך גענומען בלאָזען.

אַרבייטסלאָזע אַפּרייטערלאַך פֿלעגען אין די אָפּיסעס די טירען אָפּשלאָגען און אַרבייט געבעטען, געפֿאָדערט. וואו זאָל אָבער די יוניאָן נעמען אַרבייט ווען אַנשטאָט העטקעס טראָגען ווייבער גאָר „טאָרבעס״ אויף די קעפּ? איז געווען שלעכט. אָפּט פֿלעגען זיך דאָרטען אָפּשפּילען טראַגישע סצענעס.

נאָר אָט האָבען די טעלעפֿאָן־גלעקלאַך גענומען פֿרעהלאַך קלינ־גען אין די יוניאָן־אָפּיסעס:

— אַפּרייטערס!... שיקט אַפּרייטערס!

ס'איז נאָר אַ נייער לעבען געוואָרען. אַפּרייטערס קריגען ברי־וועלאַך פֿון די יוניאָן אָפּיסערס. מען געהט צו דער אַרבייט. מען געהט ניט, נאָר מען לויפֿט.

אַט איז אויך יאַנקעל אין דער יוניאָן און אַ „שרייב" געקראַ־גען. וואָס פאַר אַ טייערער קוויטעלע!

— אַט האָסטו דיר יאַנקעל אַ „שרייב", גאה זעץ זיך אַרבעי־טען!

פון וואַנען האָבען זיך דאָ צו יאַנקעל'ען אַזוי פיל כחות גענו־מען, פרישע, נייע כחות? קוקט נאָר אָן ווי ער לויפט צו דער אַר־בייט, ווי אַ יונגערמאַנטשיק.

יאַנקעל אַרבייט. אוי אַרבייט ער! ער האָט אויף אַ האָר ניט אָנגעוואָרען זיין אַמאָליגען „ספיד" אין דער אַרבייט. די הענט זיינען איהם פאַרבליבען גאָלדענע ווי אַמאָל. דער באָס קוועלט אָן פון יאַנקעל'ן:

— יאַנקעל, אַ בראָך צו דיר. ביזט דאָך אָלראַיט ווי אין די אַמאָליגע צייטען!

ווי די שעהנסטע מוזיק קלינגען דעם באָס'ס ווערטער אין יאַנקעל'ס אויער. יאַנקעל לאַכט, יאַנקעל זינגט ביי דער אַרבייט.

יאַנקעל ברענגט שוין ווידער אַהיים די קאָנווערטלאַך מיט „פעידעס". די יאַנקעליכע קוקט אָן איהר מאַן מיט אַ פאַרפלאָמטען פנים און קוועטשט מיט די אַקסלען:

— יאַנקעל, יאַנקעלע, קיין עין הרע זאָל דיר ניט זיין! איך גלויב דאָך מיינע אייגענע אויגען ניט.

און יאַנקעל ענטפערט מיט אַזאַ ברייטקייט:

— נו, פאַניע, אונזערע קינדערלאַך האָבען ניט געטראָפען, ס'איז נאָך ניט „דאַטצאָל".

און מיט די קינדער רייצט זיך דער זיגרייכער יאַנקעל:

— נו, קינדער, ניט געטראָפען, האַ? מיט'ן טאַטע'ן איז נאָך ניט אַזוי שמאָל. ס'איז נאָך ניט „דאַטצאָל".

קוועלען אויך אָן די קינדער, און זיי לאַכען, שפּאַסען יעדערער אויף זיין אייגענעם שטייגער:

— יו אַר איי וואָנדער (דו ביזט אַ וואונדער) — שפּאַסט איזידאָר. דער עלטערער — „יו אַר עי וואָנדער, אָלד גאַי!"

— „איי מיראַקל" (אַ נס) — לאַכט דער אינגערער בחור'ל.

— ווי העוו איי ניו דעדי (מיר האָבען אַ נייעם טאַטען) — קלייבט סאָפי נחת פון איהר פאָטער.

א פאַרשטעלטע מאַמע

מיסטער מערלין איז אַ פאַבריקאַנט פון דרעסעס. אַ באַלע־באָס פון אַן „אָפּען שאַפּ" איז ער.

מיסטער מערלין איז שוין גאָר ניט קיין יונגערמאַנטשיק, ער איז שוין אַ איד אין די הויכע זעכציגער, אָבער אין זיין שאַפּ באַשעפטיגט ער בלויז יונגע — ער האָט פיינט אַלטע, דערהויפּט באַשעפטיגט מערלין אין זיין שאַפּ יונגע מיידלאַך, און ווען ער העגגט אַמאָל ארויס אַ סאַין פאַר „העגט", און עס מעלדעט זיך אין שאַפּ אַ פרוי, וואָס קוקט אויס ניט איבעריגס יונג, נעמט מערלין ניט צו אַזאַ צו דער ארבייט, מעג די „עלטערע" פרוי פאַרזיכערען, אַז זי איז אַ שנעלע „האַנט", קען ארויסגעבען מעהר ארבייט פאַר אַ יונגער; מעג די „עלטערע" פרוי וועלען ארבייטען פאַר קלענערע ווידזשעס ווי עס באַקומט אין זיין שאַפּ אַ „יונגע", איז מערלין דאָך ניט געגייגט אַזאַ פרוי אין זיין שאַפּ אריינצונעמען.

מערלין אליין, וועלכער איז שוין אַלט אַ יאָהר זעקס און זעכ־ציג, דענקט וועגען זיך, אַז ער איז זעהר אַ פעהיגער מענש, אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אָנשטעלען ארבייטער אין זיין שאַפּ, קוקט ער נאָר ארויס אויף יונגע, ניט קיין יונגע האָט ער פיינט. ער גלויבט ניט אין זייערע פעהיגקייטען, ער זוכט זיי ווי ווייט מעגליך אויסצומיידען.

עס איז געוועזן ביזי אין מיסטער מערלינ'ס שאַפּ, עס האָט זיך געפאָדערט אריינצונעמען נאָך אַן אקזאַמינער, איינעם אדער איינע, וואָס זייער ארבייט איז איבערצוקוקען, עקזאַמענירען די פאַרטיג־געמאַכטע דרעסעס, אויב די ארבייט איז געמאַכט געוואָרען פּאַלקאָם ריכטיג. האָט מערלין אריינגערופען אין זיין אָפיס די איינציגע עמזאַמענערין פון זיין שאַפּ, אַ מיידעל פון אַ יאָהר צוואַנציג, און ער האָט צו איהר געזאָגט:

— סאָפיע, מיר קענען איצט באַשעפטיגען אַ צווייטע עקזאַמע־נערין, אויב דו ווייסט פון אימיצען, קענסטו זי מיט זיך ברענגען.

סאָפיע'ס מוטער איז ביי איהר טרעיד אויך אַ דרעסמייקערין,

און די פרוי האָט אייניגע מאָל געארבייט אלס עקזאַמענערין. סאָ־פיע׳ס מוטער איז געווען אויסער ארבייט, און ארבייטען האָט די פרוי זעהר נויטיג געמוזט, ווייל זי איז געווען אן אלמנה, א מוטער פון צוויי אינגערע קינדער אויסער סאָפיע׳ן: קינדער, וואָס זיינען נאָך געגאנגען אין סקול, האָט סאָפיע דאָ געזעהן א געלעגענהייט צו קריגען א דזשאב פאר איהר מוטער, און זי האָט געענטפערט:

— יעס, מיסטער מערלין, איך וועל מאָרגען ברענגען אן עקזאַמינער.

— א מאַן אָדער א פרוי? — האָט דער באָס געפרעגט.

— א פרוי.

— גוט.

— אָללראיט! — האָט סאָפיע געענטפערט מיט פרייד.

— קען זי די ארבייט? — האָט דער באָס ווייטער געפרעגט.

— זעהר גוט.

— ווייס זי דעם פרייז וואָס מיר צאָלען?

— איך וועל איהר זאָגען.

אין מיסטער מערלין׳ס שאָפּ צאָלט מען די קלענסטע, די קלענליכסטע פרייזען פאר דער ארבייט, און מיסטער מערלין האָט געפונען פאר נויטיג צו פרעגען:

— דענקסטו, סאָפיע, אז זי וועט אָננעמען דעם דזשאב.

— איך בין אין דעם זיכער.

— ווען וועסטו איהר ברענגען?

— מאָרגען.

— רוף איהר אָפּ גלייך דאָ פון אָפיס און פרעג איהר, — איז דער באָס געוואָרען נייגעריג.

— איך דארף איהר ניט רופען. איך וועל איהר זעהן ווען איך וועל קומען אהיים פון דער ארבייט, — האָט סאָפיע געענטפערט מיט א שמייכעל.

דעם באָס איז געוואָרען אויפפאַלענד סאָפיע׳ס שמייכעל, און ער האָט געפרעגט:

— וואָס לאַכסטו, סאָפיע?

— איך לאַך ניט.

דער באָס האָט זיך ניט געפיהלט באַנוגענט מיט דער מיידעל׳ס ענטפער, און ער האָט געפרעגט:

— קענסט איהר, די עקזאַמענערין?

— זעהר גוט, — האָט סאָפיע געענטפערט און ווידער גע־שמייכעלט.

— עפּעס לאַכסטו ? — האָט מיסטער מערלין מיט מיסטרויען אָנגעקוקט דאָס מיידעל.

— זי איז מיין מוטער, — האָט סאָפיע געענטפערט, דערפאר לאַך איך דאָס.

— דיין מוטער ?

— יעס.

דעם באָס׳ גע‌זיכט האָט זיך פּאַרוואָלקענט.

סאָפיע האָט זיך דערפיהלט אומרוהיג און זי האָט גענומען לויבען די ארבייט פון איהר מוטער.

— מאַמע איז זעהר אן ערפאַהרענע עקזאַמאַנערין. זי איז פיל בעסער פון מיר. איהר וועט זיין מיט איהר זעהר צופרידען.

— ניין. — האָט מערלין געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניט.

— ווארום ניין ? — האָט סאָפיע מיט א שווערען הארצען געפרעגט.

— ברענג מיר, סאָפיע, א מיידעל, א יונגע אזוי ווי דו ביזט. דו זעהסט דאָך, מיר באַשעפטיגען ניט אין אונזער פירמע עלטערע פרויען.

סאָפיע האָט דערפיהלט א וועהטאָג אין הארצען, א וועהטאָג פאר איהר מוטער. אויף א מינוט איז זי געבליבען א פאַרשוויי־גענע. באַלד איז זי אָבער געקומען צו זיך און זי האָט זיך ווידער אָנגענומען פאר איהר מוטער.

— מיין מאַמע איז אָבער ניט קיין „עלטערע פרוי". מיין מאַמע איז א יונגע פרוי, זעהר א יונגע.

— ניין, סאָפיע, איך וויל ניט קיין פאַרהייראַטע פרויען.

סאָפיע האָט שוין געמאַכט א טריט אויף צוריק, וועלענדיג ארויסגעהן פון אָפיס, ווען עס איז איהר אריין א געדאַנק אין קאָפּ און זי האָט געפרעגט:

— וועט איהר נעמען צו דער ארבייט אן אנדערע ?

— ווער איז די ?

— מיין מוטער׳ס שוועסטער. מיינע א טאַנטע.

— זי קען די ארבייט ?

— זעהר גוט.

— א פאַרהייראַטע פרוי ?

— ניין.

— א יונגע?

— וועלל, — האָט סאָפיע פאַר עפּעס געשטאַמעלט אין איהר איצטיגען ענטפער — וועלל, זי איז ניט זעהר יונג... עלטער פון מיר... באָט, איהר וועט זיין מיט איהר צופרידען.

— אָל ראַיט, ברענג זי.

* * *

סאָפיע האָט אָפּגענאַרט איהר באָס. עס איז ניט געווען קיין טאַנטע. עס איז געווען טאַקע איהר אייגענע מוטער וועמען דאָס מיידעל האָט פאַרטראַכט צו ברענגען צו דער ארבייט אין איהר שאָפּ, און אויף מאָרגען אין דער פריה, ווען מען האָט געדאַרפט געהן צו דער ארבייט האָט סאָפיע אויפגעפּאַסט, אז איהר מוטער זאָל אויסזעהן וואָס איינגער. סאָפיע האָט דער מוטער געגעבען אָנ־צוטאָן איהר אייגענע מיידעלשע העט, אויך האָט זי אויפגעפּאַסט, אז די מאַמע זאָל טראָגען איהר סקוירט קירצער ווי אלע מאָל. זי האָט געזעהן, אז די מאַמע זאָל אביסעל צופאַרבען די ליפּען און אויך די האָר זאָל זי פאַרקאַמען אויף א מיידעלשען שטייגער.

סאָפיע'ס מוטער איז געווען שטאַרק ניט צופרידען מיט איהר טאָכטער'ס פּלאַן אָפּצונאַרען איהר באָס, און אויף דער ערשטער מינוט האָט זי זיך פון דעם ענטשידען אָפּגעזאָגט.

— ניין, טאָכטער, איך וויל דאָס ניט.

— פאַרוואָס ניט, מאַמע?

— פאַרשטעלען זיך, אָנגעבען זיך אלס דיין טאַנטע... עס איז מיר עפּעס ניט צום הארצען.

— עס איז אָבער אומעטום אין דער טרעיד סלעק, און דאָ ביי אונז וועט פאַרט זיין א דזשאָב פאַר דיר.

סאָפיע'ס מוטער האָט זיך זעהר און זעהר גענויטיגט אין א דזשאָב. די אָרימקייט, די נויט איז שוין ביז'ן האַלז דערגאַנגען, אָבער זי האָט זיך עפּעס אַלץ געפיהלט אונרוהיג איבער דעם, וואָס איהר וועט אויסקומען צו פאַרשטעלען זיך און צו נאַרען, און צו דעם נאָך האָט די פרוי גלאַט גענומען פאַרדריסען פאַרוואָס זי דאַרף זיך אינגאַנצען פאַרשטעלען, און מיט א פּראָטעסט, וואָס האָט זיך געטראָגען פון איהר טיפסטען הארצען, האָט זי גערעדט צו איהר קינד:

— פאַרוואָס זאָל ער מיך ניט צונעמען צו דער ארבייט אָט

אזוי ווי איך בין? וואָס אַרט עס איהם ווער איך בין, וואָס איך בין און ווי אַלט איך בין? ער דאַרף מיט מיר דען חתונה האָבען? איך קום דען ביי דיין באָס נדבות בעטען? ווען ער וועט ניט זיין צופרידען מיט מיין ארבייט, זאָל ער מיך אוועקשיקען.

סאָפיע איז אָבער צוגעשטאַנען צו דער מוטער, אז זי זאָל יאָ געהן אָננעמען דעם דזשאָב, און אָנגעבען זיך אַלס איהר אייגענע שוועסטער און אַלס נאָך ניט קיין פארהייראַטע. זי האָט גערעדט צו דער מוטער אויף א יונגען, שטיפערישען שטייגער און אויף אַן אייגענאַרטיגען זשאַרגאָן. א צומישעכץ פון ענגליש מיט אידיש, וואָס איז געווען ניט קיין ענגליש און ניט קיין אידיש.

— „גאָ מאָטהער, גאָ"... וואָס קערסטו? איך גלייך אָפּצו־פולען מיין באָס, דהי האַטען אָלד פאָני... האַו אַי העיט הים! אליין קוקט ער אויס ווי א פּגירה, כאָטש נעם איהם צו זיין פיונעראַל און וויל נאָר יונגע מיידלאך זאָלען פאַר איהם ארבייטען — דהי דעוויל טעיק הים!"

— ער וועט מיך ניט צונעמען, — האָט די מוטער אַלץ ניט געלאָזט זיך איינשמועסען — וועט מיר פאַרדריסען, וועט דיך פאַרדריסען.

— „הי וויל!" — איז סאָפיע באַשטאַנען אויף דאָס איהריגע — וועסט זעהן, מאַמע, אז דו קריגסט דעם דזשאָב, „ענד ווי וויל העוו סאַם סאַטיספעקשאָן".

סאָפיע'ס מוטער וואָלט אפשר דאָך ניט איינגעשטימט מיט איהר טאָכטער'ס פּלאַן, האָט זיך אָבער אין איהר מח דורכגעשני־טען א געדאַנק, אז ווען זי זאָל זיך ענטזאָגען, וועט איהר טאָכטער אפשר פאַרטראַכטען, אז זי, איהר מוטער פוילט זיך גאָר אינגאַנצען צו געהן ארבייטען. פון דעם געדאַנק האָט דער פרוי א שטאָך גע־טאָן אין הארצען, ווייל זייט זי איז ארומגעגאַנגען אָהן א דזשאָב, האָט די פאַמיליע געלעבט אינגאַנצען אויף סאָפיע'ס פאַרדינסטען. קען די טאָכטער נאָך פאַרטראַכטען, אז איהר מוטער איז צופרידען מיט'ן לעבען אויף דער מיידעל'ס חשבון. אָט פון דעם חשד האָט זיך דער מאַמען אָפּגעריסען אין הארצען, און זי האָט אָהן וויטערע רעדערייען מסכים געווען אויף אַלץ וואָס איהר טאָכטער האָט נאָר געהייסען.

סאָפיע האָט אינגאַנצען גענומען אין איהרע הענד דער מאַ־מע'ס אָנטאָן־זיך און אויספּוצען־זיך. און ווען די טאָכטער איז

געווען פארטיג מיט דעם „יונג־מאַכען" די מאַמע, האָט זי טריאומ־פירענד אָנגעקוקט איהר מוטער און שטיפעריש־פרעהליך אויסגע־שריען:

— מאַמע, דו קוקסט אוים ווי א יונגע מיידעלע!

— „שור, סוויט סיקסטין"!... — האָט די מאַמע זיך אליין אויסגעלאַכט. ווען זי האָט אָבער א קוק געטאָן אין שפּיגעל, האָט זי ווירקליך געגלויבט, אז זי קוקט אוים ווי א יונג מיידעל, און אויף דער מינוט איז דער פרוי גוט געווען אויפ'ן הארצען.

* * *

סאָפיע און איהר מוטער זיינען אריין אין מערלינ'ס שאָפּ. גלייך האָט די טאָכטער איהר מוטער אין אָפיס אריינגעבראַכט. מערלין איז שוין געווען אין אָפיס און סאָפיע האָט פאר איהר באָס פאָרגעשטעלט די מוטער:

— „מאַי ענטי, עי פּוירסט קלעס עקזאַמינער."

מיסטער מערלין האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און אָנגע־קוקט די פרוי, וואָס סאָפיע האָט מיט זיך געבראַכט. די שטאַרקע עהנליכקייט פון דער מוטער מיט איהר טאָכטער האָט זיך איהם גלייך אין די אויגען געוואָרפען. אויך האָט דער כיטרער און ער־פאַהרענער פאַבריקאַנט דערקענט, אז די פרוי איז דאָ צוגעפּוצט מיט דעם צוועק צו פאַרלייקענען יאָהרען. צו אלעם דעם האָט ער זיך נאָך דערמאָנט ווי דאָס מיידעל האָט נעכטען פאר עפּעס גע־שמייכעלט, ווען זי האָט גערעדט וועגען ברענגען איהר מוטער און נאָכדעם איהר טאַנטע. א חשד איז אריין אין דעם באָס גערדאַנקען, א חשד, אז סאָפיע האָט דאָ איהר מוטער געבראַכט. א קאַלטע בייזקייט פאַרוואָס מען וויל איהם דאָ נארען, האָט פאַרשטיקט זיין אלטע, קאַלטע הארץ. זיין געזיכט האָט זיך פאַרוואָלקענט, און ער האָט מיט א קאַלטען בליק דורכגעדרונגען ביידען גלייך, אי די טאָכ־טער אי איהר מוטער.

סאָפיע האָט איהר באָס גלייך אין די אויגען אריינגעקוקט. ביי סאָפיע'ס מוטער האָבען זיך אָבער די קנעכלאַך א בויג געטאָן. דער באָס האָט עס באַמערקט, ער איז נאָך מעהר זיכער געוואָרען אז סאָפיע האָט איהם גענארט. און די קאַלטע בייזקייט אין זיין האר־צען איז נאָך קעלטער און בייזער געוואָרען.

אויף דער ערשטער מינוט האָט דער באָס געוואָלט ארויספּלאַ־צען מיט דעם חשד, וואָס עס שטיקט איהם אויפ'ן הארצען. זאָגען

גלייך, אז איהם קען מען ניט נעמען אויף זיכער, און ער ווייס זעהר גוט ווען סאָפּיע האָט דאָ מיט זיך געבראַכט. מערלינ׳ם באָסישע פּראַקטישקייט האָט אָבער איהם אָפּגעהאַלטען פון אזוי צו רעדען, און ער האָט געזאָגט צו סאָפּיע׳ן:

— סאָפּיע, איך האָב נעכטען א מיסטעיק געמאַכט. מיר דאַר־פען פאַרלויפיג ניט האָבען קיין צווייטען עקזאַמינער.

סאָפּיע האָט פאַרשטאַנען, אז דער באָס נעמט ניט אָן איהר מוטער, ווייל ער פאַרדעכטיגט דעם אמת. און מיט א פאַרשטיקטען אָבער פּיינליכען פּראָטעסט האָבען זיך פון איהר מויל ווערטער ארויסגעריסען:

— איהר ווילט זי ניט אָננעמען, ווייל איהר דענקט אז זי איז ניט מיין טאַנטע, נאָר מיין מוטער?!

— וועל!... — האָט מערלין מיט א בייזען נצחון אָנגעקוקט דאָס מיידעל.

ביי סאָפּיע׳ן האָט דאָס געזיכט אויפגעפלאַמט, די אויגען האָ־בען אויפגעפינקעלט, און פאַרשטיקט פון אויפרעגונג און האַס האָט זי אויסגעשריען:

— וועלל, זי איז מיין מוטער. „יעס, מאַי דאַרלינג מאַדהער". זי איז ניט קיין גנב׳טע, איך שעהם זיך ניט מיט איהר, און איך דאַרף זיך מיט איהר ניט באַהאַלטען. „ענד יו אַר מאַטש אָלדער דהען מאַי מאַדהער ענד סטיל יו דאַנט וואַנט טו דאַי, ענד יו אָוט טו בי עשעימד אוו יורסעלף!" (דו ביזט פיעל עלטער פון מיין מוטער פונדעסטוועגען ווילסטו ניט שטאַרבען. שעהמען מעג־סטו זיך).

סאָפּיע האָט ארומגעכאַפּט איהר מוטער, און פאַר דעם באָס אין די אויגען האָט די אויפגערעגטע, אויפגעצאַרענטע שאַפּ־מיידעל באַדעקט איהר מוטער׳ס געזיכט מיט הייסע קושען...

— קום, מאַמע, מיר זוכען ניט קיין טשאַריטי; מיר ווילען אַר־בייטען, און מיר וועלען געפינען אן אנדער שאַפּ!... — מיט די ווערטער האָט סאָפּיע איהר מוטער פון אָפּיס האסטיג ארויסגע־פיהרט. און טאָכטער און מוטער האָבען פאַרלאָזען מיסטער מער־לינ׳ם פאַבריק פון דרעסעס.

אַ קריסטמעס פרעזענט פאַר אונזער פאָרמאַן

ביי אונז אין שאַפּ ארבייט מען א ביליגערען סאָרט דרע־סעס, אָבער אלע מאָנטאג און דאָנערשטאג בייטען זיך די „סטאַילס" פון די דרעסעס. איז דער שניט, דער פעטערן פון א סטאַיל לייכטער, איינפאכער, קען מען פארטיג מאכען פון אַכט ביז א טוצען דרעסעס א טאָג. ווען מען יאָגט זיך צו, מאכט מען אַכט דרעסעס דורכ'ן טאָג, ווען מען יאָגט די נשמה פון זיך ארויס, מאכט מען א טוצען דרעסעס; ווען דער סטאַיל איז אָבער א מעהר קאָמפּ־ליצירטער, איז אין דערזעלבער דרעס דאָ צוויי מאָל און דריי מאָל אזוי פיל ארבייט וויפיל אין אן איינפאכער דרעס; און ווען מען קריגט נאָך צו דעם אריין א שלעכטען, א ביליגען סאָרט סחורה, וואָס איז אָדער הארט ווי א ברעט, אָדער אזוי דין, אז עס צוקריכט אונטער די פינגער, מוז מען איבער דעם ארבייטען מיט א דאָפּעל־טער פאָרזיכטיגקייט. און ביי אונז אין שאַפּ איז דאָ איין פרייז פאַר אלע סאָרטען דרעסעס, איין „סטענדערד" פרייז — פערציג סענט א דרעס. איז ווען אלץ געהט פויגעלדיג, וואָס עס פּאסירט זעהר זעלטען, קען א שנעלע האנט — און ווען מען ארבייט אריבער די כוחות — אויסארבייטען קנאַפּע דריי טאָלער א טאָג. א „סלאָי־ערע" האנט ארבייט שוין אויס ווייניגער. אָבער ווען מען כאַפּט אריין א שלעכטען פעטערן דרעס און צו דעם נאָך שלעכטע „גודס", קען די שנעלסטע האנט ביי אונז אין שאַפּ אויסארבייטען קדחות, און א „סלאָיע" האנט — נו, פרעגט שוין ניט!

פארלאַנגען פון באָס, אָדער פון פאָרמאַן, אז פאַר א שווערער דרעס זאָל מען צאָלען מיט עטליכע פּענים מעהר, דאָס פּאַלט קיינעם ניט איין אין אונזער שאַפּ, וויל מען קען פאַר אזא מין „פרעכהייט" „ארויסגעפייערט" ווערען, אדער, אין בעסטען פאַל, איז מען שוין געדעמעדזשטע סחורה אין דעם פאָרמאַנ'ס אויגען. און אז אָך און וועה וועט זיין צו יענעם ארבייטער אין אונזער שאַפּ, אויף וועמען דער פאָרמאַן האָט אן אויג געוואָרפען... פארמוטשעט וועט ווערען אזא „האנט", פארמוטשעט ווערען ביז חלשות. מען וועט שוין אזאַ חוצפּה'דיגע „האנט" געבען די ערגסטע באַנדלאַך ארבייט, די

שווערסטע דרעסעס, און מ׳וועט לאָזען א האַלבען טאָג וואַרטען פון איין באַנדעל ביז דעם צווייטען באַנדעל ארבייט. עס איז שוין בעסער, עס איז שוין גלייכער, אז מ׳זאָל א קאָפּ ניט אויפהויבען אָט אזא שאַפּ איז אונזערער. עס איז אן „אָפּען שאַפּ״, א פאַרשאָלטען שאַפּ!

אין אונזער שאַפּ ארבייטען מעהרסטענטיילס פרויען. מערהס־טענטיילס יונגע מיידלאך. מיר האָבען דאָך אויך פאַרהייראַטע פרויען, גרושות, עגונות, אלמנות, וועמעס מענער עס האָבען אין דעמזעלבען שאַפּ געאַרבייט, ביז מען איז קראַנק געוואָרען, שווינד־זוכט באַקומען, געשטאָרבען, און איצט ארבייט דאָ די אלמנה. אָבער מעהרסטענטיילס ארבייטען דאָ יונגע מיידלאך, וועלכע פאַר־וועלקען אין אונזער שאַפּ און ווערען אַלט פאַר דער צייט. אָט אזא שאַפּ האָבען מיר!

האָט אונזער שאַפּ א פאָרמאַן. אוי, איז דאָס א פאָרמאַן! אן אַלטער בחור, א מענשעל מיט א האַרץ פון קאַלטען שטיין. א חיה וואָס האָט ווילד הנאה פון פייניגען אן ארבייטער.

געטריי איז אונזער פאָרמאַן צו זיין באָס, אזוי ווי א הונט. דער מענשעל האַלט אין איין קליגען זיך ווי אזוי ארויסצוקוועטשען וואָס מעהר סענטען, וואָס מעהר דאָלארס פון די ארבייטער. ער האָט פיינט די ארבייטער, פיינט מיט א ביטערער שנאה. ער באַ־טראַכט די ארבייטער ווי גנבים. ער היט זיי מיאוס, עקעלהאַפט. אַלעס אין שאַפּ האַלט ער אונטער׳ן שלאָס, עפּעס אזוי ווי דער שאַפּ וואָלט ווירקליך געווען אָנגעפּילט מיט גנבים. און ביי אזא מענשען געפינען מיר זיך אין די הענט. וואָס ער וויל, קען ער מיט אונז טאָן. ניטאָ קיין דין און קיין משפּט. עס איז אן „אָפּען שאַפּ״.

אויף סיידי׳ן האָט אונזער פאָרמאַן אן אויג געוואָרפען. סיידי׳ן האָט ער פיינט באַקומען מעהר פון אַלעמען. זי, סיידי איז אן אינ־טעליגענטע מיידעל. אין איהרע פרייע שטונדען באַזוכט זי לעק־ציעס אין א קאַלעדזש. אז עס פאַרבלייבען איהר עטליכע מינוטען פון דער מיטאָג־שטונדע, קוקט זי אריין אין א סאָציאַליסטישער צייטונג. דער פאָרמאַן האָט דאָס, אפנים, געמוזט באַמערקען. זיינע שטעכיגע, קאַלטע בליקען נאָך זיי „נישטערען״ און נאָך זיי פאָר־שען, צי איז אַלעס אין דער בעסטער אָרדנונג ביי די ניי־מאַשינען... ער האָט דאָס געמוזט באַמערקען, און ער האָט פיינט באַקומען סיידי׳ן מעהר פון אַלע אנדערע ארבייטערינס. די ערגסטע ארבייט קריגט סיידי.

און אַט איז אויסגעפּאַלען אַ שווערע, שווערע וואָך פאַר סיי־די'ן. אַ שרעקליכען סאָרט ארבייט קריגט סיידי די גאַנצע וואָך. זי האָרעוועט מיט איהרע לעצטע קרעפטען, יאָגט זיך, ווערט באַ־גאָסען מיט שוויס, נאָר פאַרדינען פאַרדינט זי זעהר ווייניג. און עס פּלאַצט סיידי'ן אין הארצען. נאָר ווי קען זי זיך בעסער מאַכען?

אַט קומט צו סיידי צום אָפּיסל נאָך אַ באַנדעל ארבייט. האָפּט דאָס מיידעל, אַז אפשר וועט זיך שוין איהר אָפּקומעניש אמאָל ענדיגען. אפשר וועט זי שוין אמאָל קריגען אַ לייכטערען באַנדעל ארבייט... שטעהט סיידי און וואַרט אויף איהר באַנדעל ארבייט. נו, וואַרט זי... קומען צו צום אָפּיסעל נאָך מיידלאַך, קריגען זיי אַלע ארבייט. נאָר סיידי'ן לאָזט מען וואַרטען. וואַרט סיידי און עס פּלאַצט די הארץ ביי דער מיידעל, און עס ציטערען ביי איהר די פּיס... ענדליך רייסט זיך ארויס אַ פאַרשטיקטער פּראָטעסט פון איהר טיפען פאַרוואונדעטען הארצען:

— מיין „נעקסט" איז שוין פון לאַנג אָן געווען; איך בין דאָך די ערשטע אין דער לאַין געווען, פאַרוואָס גיט איהר ארבייט אנדערע, און מיר ניט?

— וואַרט אויס! — האָט דער פאָרמאַן סיידי'ן אַ צייכען גע־געבען. מעהר מיט'ן וואונק ווי מיט ווערטער — וואַרט אויס, פאַר אייך האָב איך עפּעס.

סיידי'ן איז אריין אַ געדאַנק, אַז דער פאָרמאַן האָט דאָס מאָל פאַר איהר אַ באַנדעל „בעסערע ארבייט". אויף איהר שווערען, אָנגעווערהטאָגטען הארצען איז אביסעל לייכטער געוואָרען. נאָר אָט האָט זיך שוין די „לאַין" געענדיגט. סיידי איז אַליין פאַרבליבען, די לעצטע פאַרבליבען, און דער פאָרמאַן האָט איהר דערלאַנגט אַ באַנדעל ארבייט — דיזעלבע קלאָגעדיגע, דיזעלבע ביטערע, שווערע ארבייט, וואָס זי האָט געקראָגען אַ גאַנצע וואָך. ביי סיידי'ן האָט דאָס בלוט אין פּנים אַ קלאַפּ געטאָן, און זי האָט באַמערקט:

— ווידער דיזעלבע ארבייט...

דער פאָרמאַן האָט גאָרנישט געענטפערט.

— טאָ צו וואָס־זשע האָט איהר מיר געלאָזט אַזוי לאַנג וואַר־טען? — האָט סיידי געוואָגט צו פרעגען.

דעם פאָרמאַן'ס קאַלטער בליק האָט סיידי'ן דורכגענומען... און אַ קאַלטע, פּראָסטיגע שטימע האָט געענטפערט:

— אויב אייך לוינט זיך ניט, קענט איהר געהן.

מיט א פאַרוואָלקענטען געזיכט איז סיידי אוועק צו איהר ניי־מאַשין. א ווײַלע איז זי געבליבען זיצען, ווי א פאַרגליווערטע. סיידי האָט פאַנאַנדערגענומען איהר באַנדעל ארבייט. און פּלוצלינג איז איהר געזיכט געוואָרען געל ווי וואקס. איהרע אויגען האָבען זיך האַלב צוגעמאכט. איהר קאָפּ איז ארונטערגעזונקען. סיידי איז געבליבען זיצען א פאַר׳חלש׳טע ביי איהר ניי־מאַשין מיט איהר באַנדעל ארבייט אין די הענט.

צוויי חבר׳טעס, סיידי׳ס שאַפּ־חבר׳טעס, זיינען צו איהר צוגע־לאָפען:

— סיידי!

— וואַטס׳ מעטער?

— פאָר גאָד׳ס סייק, סיידי!

מ׳האָט סיידי׳ן מיט אביסעל קאַלטע וואסער אפּגעשפּריצט. מ׳האָט איהר אין מויל אביסעל וואסער אריינגעגאָסען. סיידי איז צו זיך געקומען.

— וואָס איז מיט דיר, סיידי?

— פיהלסט ניט גוט?

— איך פיהל אָלרייט — האָט זיך אויף סיידי׳ס ווייסע ליפּען א פיינליכער שמייכעל באַוויזען.

די מיידלאַך האָבען לעבען סיידי׳ס ניי־מאַשין דעם פענסטער געעפענט. איין מיידעל האָט ביי סיידי׳ן געפיקסט די האָר אויפ׳ן קאָפּ. די צווייטע מיידעל האָט סיידי׳ן א קוש געטאָן... און מען איז אוועק ארבייטען.

* * *

דער טאָג, ווען סיידי האָט גע׳חלש׳ט ביי איהר ניי־מאַשין איבער דעם פאָרמאַנ׳ס הפקר׳דיגע גרויזאמקייט, איז אויסגעפאַלען אין דער קריסטמעס וואָך, און ביי אונז אין שאַפּ גיבען די ארבייטער יעדען קריסטמעס אונזער פאָרמאַן, אונזער פיי־ניגער, א קריסטמעס פּרעזענט. מען מאַכט א קאָלעקשאָן, און יעדער „האַנט״ גיט פון א האַלבען טאָלער ביז א טאָלער. און מען קויפט אונזער „אינקוויזיטאָר״ א שעהנעם קריסטמעס פּרעזענט. מיר בעטען דעם טויט אויף אונזער פאָרמאַן. פון אונזערע אָנגעוועהר־טאָגטע הערצער רייסען זיך קללות אויף זיין קאָפּ. נאָר עס איז אַן „אָפען שאַפּ״; ניטאָ ווער עס זאָל זיך פאַר אונז אָננעמען. האָבען

מיר מורא פאר אונזער פייניגער, און מיר גיבען איהם יעדען יאָהר א קריסטמעס פרעזענט.

און עטליכע שטונדען נאָך דעם ווי סיידי האָט גע'חלש'ט ביי איהר ארבייט, האָט מען געמאכט דעם יעהרליכען קאָלעקשאָן פאר א קריסטמעס פרעזענט פאר אונזער פאָרמאַן. צוויי מיידלאך, צוויי שאָפ־מיידלאך, זיינען געווען די קאָלעקטאָרס. און אָט זיינען די צוויי מיידלאך צוגעקומען צו סיידי'ן:

— סיידי, וויפיל וועסטו געבען, א האלבען דאָלאר, א דאָלאר?

— אויף וואָס? — האָט סיידי געפרעגט.

— האָסט פארגעסען? ס'איז דאָך קריסטמעס היינטיגע וואָך... א קריסטמעס פרעזענט פאר'ן פאָרמאַן.

— פאַר אָט דעם הונט? — האָט סיידי פארשטיקט אויס־געשריען.

— שאַ!

— וואָס איז דער מער מיט דיר? — האָבען די צוויי מייד־לאך מיט שרעק זיך איבערגעקוקט—ביזט משוגע געוואָרען, סיידי?

— ער צאַפּט פון מיר מיין בלוט, און איך — —

— פאָר גאָד'ס סייק!

— קיפּ סטיל! — האָבען די מיידלאך סיידי'ן ניט געלאָזט דערריידען.

סיידי איז געבליבען זיצען ווי א פארגליווערטע. האָבען זיך אריינגעמישט די צוויי מיידלאך, וועלכע האָבען איהר פריהער אפּגע־מינטערט — די מיידעל, וועלכע האָט סיידי'ן די האָר צוגעפיקסט. און די מיידעל, וועלכע האָט איהר געקושט.

— גיב, סיידי!

— אַז דו וועסט ניט געבען, וועט ערגער זיין.

— ער וועט זיך דערוויסען.

— גיב א דאָלאר, אָדער א האלבען דאָלאר.

סיידי האָט געגעבען א דאלאר, א ווײַלע איז זי געבליבען זיצען ביי איהר נעה־מאשין ווי א פארגליווערטע. פּלוצלונג האָט זיך פון איהר סאמע הארצען מיט אימפעט ארויסגעשריען א מאָד־נער ווילדער אויסגעשריי:

— גוואלד!! גוואלד פארוואָס מוטשעט מען אונז אזוי . . !

און סיידי האָט אויסגעבראָכען אין א היסטערישען יאָמערן.

לאָזען אויס זייערע ביטערע הערצער
צו דער קאַץ

נעטי און דזשעני, צוויי שוועסטער, באוואוינען א קליינינקען, אָבער ציכטיגען אפּאַרטמענט פון צוויי צימערען, און אין זייער דירה'לע האַלטען זיי אויף א קאַץ.

די קאַץ האָט זיך ממש אויף די הענט ביי די צוויי שוועסטער אויפגעהאָדעוועט. האָבען זיי דאָס באַשעפעניש זעהר ליב און זיי רופען עס „דאַרלינג".

נעטי און דזשעני זיינען ארבייטער־מיידלאך. אין דער היים עסען זיי זייערע אָנבייסענס און זייערע סאַפּערס, און בלויז זייער מיטאָג־מאָלצייט האָבען זיי אין א „קאַפּעטעריע", וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דעם אָרט, וואו זיי ארבייטען. צו דער ארבייט קומט אוים די מיידלאך צו געהן פאַרפריה, האָבען זיי װעניג צייט אָפּצו־געבען זיך צופיל מיט צוגרייטען זייער אָנבייסען. טרינקט מען אוים א טאָס קאַווע, מען בייסט צו מיט א זעמעל און שוין.

דער הויפּט מאָלצייט ביי די צוויי מיידלאך איז זייער סאַפּער. און מען קען זאָגען, אז זייער קאַץ „דאַרלינג" שטופּט אַפּ איהר קעצעשען לעבען אויך בלויז מיט סאַפּערס.

אינדערפריה גיבען די מיידלאך זייער „דאַרלינג" בלויז אביסעל מילך און שוין. דערנאָך לאָזט מען איהר ארוים אין גאַס, און דעם גאַנצען טאָג, וואָס די מיידלאך ארבייטען, מוז שוין דאַרלינג אויף זיך אליין אויפפּאַסען. ווען עס קומט אָבער צום סאַפּער, קען מען זאָגען, אז די מיידלאך טיילען מיט זייער קאַץ פּשוט יעדען ביסען. נאָר איין מאָל האָבען די צוויי שוועסטער איבערגעלעבט א שווערע ענטוישונג. אין זייערעביידענס הערצער האָט געשטיקט א שווע־רער, שווערער פּראָטעסט. האָבען זיי ביידע זייער גאַנצע פאַרבי־טערונג אויסגעלאָזען צו זייער „דאַרלינג", וועלכע די מיידלאך האָ־בען זעהר שטאַרק ליב געהאט. דאַרלינג האָט יענע נאַכט ניט גע־האַט אפילו קיין סימן פון סאַפּער. און צו דעם האָט דאָס אָרימע באַ־

שעפעניש געמוזט נאָך די נאַכט איבערנעכטיגען דרויסען, פּשוט אויף דער גאַס.

דאַרלינג איז קיין שום פאַרברעכען ניט באַגאַנגען. אין איהר אומגליק איז גאָר געווען שולדיג דער טויט פון א מאַן, א מיליאָ־נער, א פּרעזידענט פון א רייכען גרויסען דעפּאַרטמענט סטאָר. דאַרלינג האָט דעם מענשען זיכער קיינמאָל ניט אָנגעקוקט מיט איהרע גוטע לאַשטשענדע קעצעשע אויגען. די צוויי שוועסטער זיינען געטראָפען געוואָרען פון דעם מיליאָנער'ס טויט, און ניט אזוי פון זיין טויט, ווי פון דער צוואה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען. און אין זייער ענטוישונג און פאַרביטערטקייט האָבען זיי אזוי גרויזאַם באַשטראָפט זייער ליבלינג, די קאַץ. ערשטענס דערפאַר, ווייל די מיידלאַך האָבען אין זייער איינזאַמקייט און עלענדקייט ניט פאַר־מאָגט קיין שום אנדער באַשעפעניש, צו וועמען זייערע ביטערע הערצער אויסצולאָזען, און צווייטענס דערפאַר, ווייל די קאַץ איז געווען א קאַץ.

און אָט ווי די געשיכטעלע קען זיך דערצעהלען:

דזשעני און נעטי ארבייטען אין א דעפּאַרטמענט־סטאָר, אין דער אָפּטיילונג, וואו מען מאַכט „צו אָרדער" קאָסטבאַרע קאָרסעטען פאַר רייכע קאָסטאָמער. א דעפּאַרטמענט־סטאָר איז ניט דער אָרט, וואו אן ארבייטער קען קריגען גוט באַצאָלט. ארבייטער און אָנגע־שטעלטע ווערען דאָ מעהרסטענס אומבאַרעמהאַרציג עקספּלואַטירט. דזשעני און נעטי ארבייטען אויס זעהר, זעהר קליינע וועידזשעס, אָבער באַשעפטיגט איז מען שטענדיג. די צוויי שוועסטער זיינען זעהר עלענד אין אמעריקע, האָט מען מורא, ציטערט מען צו פאַר־לאָזען א שטעלע און זוכען עפּעס בעסערס, און מען האַלט זיך מיט דעם דזשאָב שוין א צייט פון צעהן יאָהר.

א לעבען מאַכען די צוויי שוועסטער. מען האָט וואָס צו עסען, מען האָט אויף רענט צו באַצאָלען. אין קליידען זיך מוז מען שוין זיין אויסגערעכענט. די צוויי שוועסטער זיינען געווען יונג, ווען מען האָט זיי צו דער ארבייט צוגענומען. זייער יוגענד האָט דאַ־מאָלסט ערשט אויפגעבליט. צעהן יאָהר האָבען שוין אָפּגעאַרבייט די צוויי מיידלאַך. און ווי זיי האָבען זיך פאַרענדערט! אָבער מען מאַכט א לעבען. נאָר אויף וואָס צו האָפען איז ניטאָ. זיי ווייסען, די צוויי שוועסטער, אז ווען עס וועט ניט זיין מעהר קיין כח, ווען

זיי וועלען שוין מעהר ניט קענען ארויסגעבען אזוי פיל ארבייט, וויפיל עס פאָדערט זיך, ווען מען מיט זיי זיך גאַנץ ווייניג צערע־מאָניען, און מען וועט זיי ארויסוואַרפען. האָבען די צוויי מיידלאך מורא צו טראַכטען וועגען דעם „שפּעטער״, נאָר זיי ווייסען, אז האָפּען איז ניטאָ אויף וואָס.

איז געשטאָרבען דער פּרעזידענט, דער סאַמע פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַניע וואָס פאַרמאָגט דעם רייכען גרויסען דעפּאַרטמענט־סטאָר. געוועזען איז ער אַן אַלטער בחור, איינער אליין, ווי א שטיין, נאָר ער איז געוועזען מורא'דיג רייך. אַן אַלטע, אַלטע פירמע איז די דעפּאַרטמענט־סטאָר. אין אָנהויב איז דאָס געוועזען א צימליך קליי־נער געשעפט. אָבער עס האָט זיך צוואוואָקסען, און עס איז גרויס און רייך געוואָרען.

הונדערטער און הונדערטער מענשעלאך, אנגעשטעלטע ארביי־טער, האָבען געפּראַצעוועט אין סטאָר פאַר נישטיגע געהאַלטען. מענשעלאך האָבען דאָ באַגראָבען זייערע טעג, זייערע יאָהרען. מען איז דאָ פון יונג פאַר דער צייט אַלט געוואָרען. מען האָט דאָ גע־פוילט און מען איז פאַרפוילט געוואָרען אין אָרימקייט, אין נויט און אין שפל'קייט. און אַן אַלטער בחור האָט זיך אויף מיליאָנען פאַרלעבט, אויף צעהנדליגער מיליאָנען. און אָט האָט דער אַלטער בחור זיינע זשעדנע, זיינע קיינמאָל־ניט אָנגעזעטיגטע אויגען צוגע־מאַכט, איבערגעלאָזען א פאַרמעגען פון צעהנדליגער מיליאָנען, און קיין יורש איז ניט געבליבען.

האָבען זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אז פון דער רייכער ירושה וועלען א טייל אויך געניסען די אָנגעשטעלטע, די ארבייטער פון דעם רייכען גרויסען דעפּאַרטמענט־סטאָר. און פאַרהאָרעוועטע, פאַרפּראַצעוועטע מענשעלאך האָבען פּלוצלינג די אויגען אויפגע־הויבען מיט א פרייען בליק. מענשעלאך, וואָס פוילען אין אָרימקייט און אין נויט, האָבען דערשפּירט, אז עס קומט פאַר זיי א שטיקעלע פאַרלייכטערונג, א שטיקעלע הילף. פאַר האָפנונגסלאָזע מענשעלאך האָט זיך באַוויזען א שטיקעל האָפנונג, און מען האָט זיך אָן דער האָפנונג געקלאַמערט!

עס זיינען געווען קלאַנגען, מען האָט געמורמעלט, אז מען וועט אויסטיילען די רייכע ירושה פאַר די ארבייטער לויט די יאָהרען וואָס זיי האָבען אָפּגעארבייט אין סטאָר. וואָס מעהר יאָהרען איי־

נער האָט געארבייט אין סטאָר, אַלץ מעהר וועט ער פון דער ירושה קריגען. און מענשען, וועלכע האָבען ביי דער ארבייט א גאַנצען לעבען אוועקגעלייגט און האָבען שוין מיט אנגסט ערוואר־טעט היינט אדער מאָרגען ארויסגעשמיסען צו ווערען און בלייבען אויף דער עלטער הילפלאָז, האָבען פלוצלונג אין זייערע פינסטערע ערוואַרטונגען א ליכטיגען שטראַהל באמערקט.

אויך נעטי און דזשעני, די צוויי קאָרסעטען-ארבייטער, זיינען אין דער אלגעמיינער האָפנונג אריינגעצויגען געוואָרען. פאָרט שוין צעהן יאָהר, ווי זיי ארבייטען דאָ, וועט מען זיי דאָך געוויס אין דער ירושה ניט פארטיילען. און צוויי שוועסטער, צוויי ארבייטער־מיידלאך, וועלכע האָבען מורא געהאט צו טראַכטען וועגען זייער מאָרגען, זיינען פלוצלונג אויפגעריכט געוואָרען פון א נייער שעה־נער האָפנונג.

נעטי, די עלטערע שוועסטער, וועלכע איז געווען די מעהר־געלאַסענע, די מעהר־פראַקטישע, האָט זיך אין איהרע ערוואַרטונגען ניט צופיל צוּוואָרפען. זי האָט גערעכנט, אז מען וועט מסתמא קריגען צו עטליכע הונדערט דאָלער. האָט אבער דזשעני, די אינ־גערע, וועלכע איז געווען א שטיקעל היץ־קאָפּ זיך אויסגעלאַכט פון איהר שוועסטער:

— דו מיינסט, אז דו ביזט א גאַנצע חכמה; זאָג איך דיר, אז דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט.

— זיי זיכער מען וועט דיך פאר א נגידה ניט מאכען — האָט נעטי זיך אפּגעהאלטען פון האָפען אויף צופיל.

— מען זאָגט, אז עס זיינען פארבליבען אפשר פערציג מיליאָן, און וויפיל אָנגעשטעלטע און ארבייטער זיינען אזוי דאָ אין סטאָר? ניט מעהר ווי עטליכע הונדערט ארום און ארום, און קיין אנדערע יורשים זיינען ניטאָ, איז אַז מען זאָל צוטיילען אזא פארמעגען, וועט אויסקומען אמווייניגסטען צו עטליכע טויזענד דאָלער פאר אונזביידען — האָט זיך געקאָכט און געהיצט דזשעני די אינ־גערע אויף איהר היציגען אויפגערעגטען שטייגער.

אָבער אי די עלטערע, אי די אינגערע שוועסטער האָבען גע־האַט גוטע האָפנונגען, און די צוויי מיידלאך זיינען ארומגעגאַנגען אזוי ווי פארטשאַדעטע פון די גרויסע ערוואַרטונגען.

עס איז אריבער א צייט פון עטליכע טעג. געווען שוין די

באערדיגונג פון דעם פרעזידענט. און אַט איז אין די צייטונגען פאַרעפענטליכט געוואָרען דעם פאַרשטאָרבענעם מיליאָנער'ס צוואה. נעטי און דזשעני זיינען געקומען אהיים פון זייער ארבייט. און כאָטש מען האָט זיך געפיהלט מיד און צובראָכען, איז מען אָבער געווען גוט אויפגעלייגט צוליב די גוטע האָפנונגען וועגען דער ערווארטעטער ירושה.

דזשעני די איגגערע האָט געטאַנצט און געלאַכט און אין דער הויך כסדר גע'חלומ'ט:

— אַי, עס קען דאָך זיין, אז מיר וועלען איינגיכען נגידים ווערען.

האָבען די צוויי שוועסטער צוגעגרייט א גוטען סאַפּער. די קאַץ האָט געשמעקט מיט איהר קעצעשער נאָז, פרעהליך געוואַשען זיך און געמיאַוקעט עפּעס אזוי, ווי זי וואָלט גערעדט אויף איהר לשון:

— נו, ווען וועט שוין זיין סאַפּער?

און דזשעני און נעטי, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען, וואָס די קאַץ וויל, האָבען איהר כסדר געגלעט און גערעדט צו איהר:

— באַלד, דאַרלינג, וועסטו האָבען דיין סאַפּער.

— באַלד, פּוסינקע, וועסטו עסען.

דער פאַרשטאָרבענער מיליאָנער, אויף וועמעס ירושה עס האָבען געהאָפט אזוי פיל אָרימע מענשעלאַך, צווישען זיי אויך די צוויי שוועסטער, האָט זיין פאַרמעגען איבערגעלאָזען פאַר פאַרשידענע קירכען און אנדערע רעליגיעזע אנשטאַלטען. אויך האָט ער איבערגעלאָזען א גרויסען טייל פון זיין קאַפּיטאַל, אז מען זאָל פאַר דעם געלד אויסבויען און אויפהאַלטען אן אַנשטאַלט מיט אַלע מעגליכע באַקוועמליכקייטען פאַר הינט און קעץ, וועלכע נויטיגען זיך אין א היים.

אַט האָט נעטי אריינגעקוקט אין איהר אבענד צייטונג, איהר בליק איז געפאַלען אויף דעם אָרט, וואו עס האָט זיך באשריבען ווי אזוי דער פאַרשטאָרבענער פרעזידענט פון דעפּאַרטמענט-סטאָר, וואו זי און איהר שוועסטער האָבען געארבייט, האָט איינגעטיילט זיינע איבערגעלאָזענע מיליאָנען.

נעטי האָט אויסגעבראָכען אין א ביטערען האַלב-היסטערישען

לאַכען. עס האָט לאַנג ניט גענומען, און אויך דזשעני האָט גע־וואוסט, וואָס עס איז געשעהן, און אויך זי האָט ביטער געלאַכט.

געלאַכט האָבען זיי פון זיך אליין, געלאַכט מיט ביטערקייט, מיט גאַל און גיפט. ווי פארצווייפעלט און ווי ביטער אנטוישט די צוויי מיידלאך האָבען זיך דערפיהלט!

— הער נאַר, הער נאַר, — האָט דזשעני פארביטערט און אויפגערעגט געשריען, — הער נאַר, היינט און קעץ האָט ער גאַר באַזאָרגט, און פאר די ארבייטער, וועלכע מען באַרייסט אָהן אייג־זעהעניש, אָהן רחמנות אין זיין סטאַר, האָט ער אפילו א סענט ניט איבערגעלאָזען.

און דאָ האָט „דארלינג״ גענומען מיאוקען.

— אז דער'הרג'עט מענסטו ווערען מיט אלע קעץ אינאיינעם!

— האָט דזשעני אין איהר כעס א כאַפּ געטאָן די קאַץ און א שלייּ־דער געטאָן דורכ'ן טיר און שוין. — קעץ האָט ער גאַר פאַר־זאָרגט, דער ממזר.

—וואָס איז די קאַץ שולדיג? — האָט נעטי באמערקט. אבער אין איהר פארביטערונג האָט אויך נעטי אָן דער קאַץ פארגעסען, האָט דאָס באַשעפעניש צוריק אין הויז ניט אריינגענומען.

„דארלינג״ איז די נאכט טאַקע געבליבען אָהן איהר געוועהנ־ליכען גוטען סאַפּער, און צו דעם איז איהר נאָך אויסגעקומען אי־בערנעכטיגען אין גאַס, ווייל די צוויי שוועסטער איז אין יענער נאַכט אין קאָפּ ניט געלעגען צו טראַכטען וועגען זייער קאַץ.

א פאַמיליע, וואָס לעבט מיט האָפנונגען

אין אָט דער פאַמיליע לעבען אַלע מיט האָפנונגען. מען האלט אין איין האָפען. עס האָפט דער פאָטער, עס האָפט די טאָכטער, עס האָפט דער זוהן. און די מאַמע? זי אליין האָט ניט אויף וואָס צו האָפען. איהר אייגענע האָפנונג האָט זי ניט; איהר האָפנונג איז די האָפנונג פון די אַלע אנדערע מיטגלידער פון איהר פאַמיליע, פון דער פאַמיליע, וואָס האָפט.

דער פאָטער איז אַן ארבייטער, אָבער אַן ארבייטער אָהן אר־בייט. א מענש האָט אָפּגעארבייט אין די שעפּער ביי א צוואנציג יאָהר צייט, געהאט פארשידענע צייטען; אויסגעפאַלען זיינען צייטען, ווען עס איז געוועזען שטארק ביזי אין זיין פאַך, און ער פלעגט ארבייטען „אָווערטאַים״; געוועזען צייטען פון סלעק, אָבער מען האָט ווי־עס־איז געמאכט א לעבען. נאָר אָט זיינען אָנגעקומען ביטערע, שווערע צייטען. עס איז ביי זיין ארבייט פארגעקומען א ראדיקאַלע ענדערונג: אין די שעפּער ביי זיין פאַך האָט מען אריינ־געשטעלט מאָדערנע מאַשינען. עס זיינען פון דעם פאַך א גרויסער טייל פון די ארבייטער דרויסען ארויסגעשטעלט געווארען. ער איז איינער פון די ארויסגעשטעלטע. און עס איז שוין א יאָהר צייט, ווי ער געהט ארום אָהן ארבייט. ניטאָ, ניטאָ קיין ארבייט.

ער זוכט ארבייט. ער זוכט נאָך אַלץ ארבייט ביי זיין פאַך. נו, וואָס דען, ער וועט געהן אויף די עלטערע יאָהרען לערנען זיך א נייע ארבייט? עס טוט זיך ניט אזוי לייכט ווי עס רעדט זיך. עס איז שווער אויף דער עלטער צו ווערען א לערן־איינגעל. און ווער דארף איהם דען ביי א „נייער ארבייט״? מען ווארט דען אויף איהם? אין יעדען פאַך, ביי יעדער ארבייט, זיינען דאָ ביל־בערע פון איהם. די יעניגע, וועלכע זיינען שוין דערביי, זיינען ביל־בער. און סיי־ווי־סיי זיינען אין יעדער אנדערען פאַך פאַראַן מעהר ארבייטער, ווי מען דארף. טאָ וואָס־זשע וועט ער זיך נאַריש מאַ־כען?

קלאַמערט זיך א מענש נאָך אַלץ צו זיין ארבייט, צו זיין פאַך.

אפשר, אפשר וועט זיך דאָך עפּעס פאַרבעסערען... אפשר וועט זיך איהם פאָרט מאַכען א דזשאָב. וואַרט א מענש. און אזוי וואַר־טענדיג, געהט ער ארום שוין א יאָהר צייט אָהן ארבייט, אָבער טאַקע גאָר אָהן ארבייט.

עס געהט אוועק א טאָג נאָך א טאָג. די טעג זיינען אזעלכע שווערע, אַזעלכע לאַנגע, אזעלכע פריידלאָזע. און עס איז ניטאָ קיין ארבייט. עס געהען אוועק וואָכען, און קיין „פיידע״ ברענגט מען ניט אהיים. פּוסטע, ליידיגע, און דאָך אזעלכע שווערע וואָכען געהען אוועק... אבער יעדע וואָך, וואָס געהט אוועק, לאָזט איבער א שווערקייט הינטער זיך. ווי א שווערער, קאַלטער שטיין בלייבט איבער אויף דעם וועג פון דער פאַרשוואונדענער וואָך. און פון די וואָכען זיינען חדשים געוואָרען. עס וואַקסט די צאָל פון די שווערע שטיינער, און זיי בויגען און זיי ציהען צו דער ערד דעם ארבייטער אָהן ארבייט.

דער ארבייטער אָהן ארבייט האָט שוין גענומען זוכען „עפּעס אנדערעס״. ניט ביי זיין ארבייט, ניט ביי זיין פאַך. אפשר?... אפשר וועט זיך עפּעס מאַכען... וואָס ער זוכט, ווייס ער ניט. ער טאַפּט אין דער פינסטער, און ער זוכט עפּעס. יעדען טאָג שטעהט ער אויף גאַנץ פריה, קויפט א צייטונג, און פאַרטיפט זיך אין די אַנאָנסען אין דער אפטיילונג, וואו עס ווערען פאַרלאַנגט ארבייטער. ער עסט זיך איין מיט די אויגען אין יעדע שורה. זיין גוף ציטערט פון אויפרעגונג. יעדע ווילע טוט איהם א קלאַפּ אין הארצען, ווייל עס דאַכט זיך איהם, אז „עפּעס״ איז יע דאָ. אָבער עס לאָזט זיך אויס גאָרנישט מיט גאָרנישט. פאר איהם איז ניטאָ גאָרנישט און ער מאַכט אוועק מיט׳ן האַנט:

— ניטאָ, ניטאָ, גאָרנישט.

אָבער דער ארבייטער אָהן ארבייט האָט פאָרט א האָפנונג. די האָפנונג זיינע האָט ער פאַרבאָרגען טיף ביי זיך אין הארצען. עס איז א מאָדנע, אַן אויסערגעוועהנליכע האָפנונג. ער קען גאָר ווע־גען דעם קיינעם ניט דערצעהלען.

דער ארבייטער איז ניט קיין איבעריגס געזונטער מאַן. א מאַן האָט א היבש ביסעל יאָהרען אָפּגעארבייט אין דעם אמאָליגען אי־דישען סוועט־שאָפּ, און קיין געזונט איז דעם מענשען דערפון ניט צוגעקומען. ליידט ער פון אסטמאַ; ער האָט אביסעל רומאַטיזם, און ער האָט אויך א שוואַכע הארץ. אבער דאָס איז נאָך אַלץ נאר־

נישט. ניט אין אָט די קראַנקהייטען ליגט זיין האָפנונג. די לעצטע צייטען האָט ער גענומען צוהוסטען, און אָפט, גאַנץ אָפט טוט איהם א שטאָך אין א זייט. דאָקטוירים זאָגען, אז ער האָט די טרו־קענע פלוראסי. אָבער דאָס איז נאָך אלץ גאָרנישט. פון דער טרו־קענער פלוראסי קען ער נאָך אלץ וועניג וואָס געהאָלפען ווערען. איז אָבער דאָ א סברא, עס איז דאָ א מעגליכקייט, אז ער קען ווע־רען קראַנק אויף „קאָנסאמפשאָן”. און אָט דאָס טאקע גיט דעם ארבייטער האָפנונג.

דער מאַן באַלאַנגט צום ארבייטער רינג. ער איז א גוטער, געטרייער מיטגליד. ער ווייס, אז דער ארבייטער רינג האָט א סאַ־נאַטאָריום פאר „קאָנסאמפטיווס”. אז א מיטגליד ווערט קראַנק אויף „קאָנסאמפשאָן”, נעמט מען איהם אריין אין סאנאטאָריום אויף גאַנצע ניין חדשים צייט. און אָט אין דעם באַשטעהט דעם ארבייטער'ס האָפנונג. אז ער וואָלט געקראָגען „קאָנסאמפשאָן”, וואָלט מען איהם גלייך אריינגענומען אין סאנאטאָריום, ער וואָלט ניין חדשים, גאַנצע ניין חדשים געווען פריי פון אלע זאָרגען. אויס זוכען ארבייט, אויס קומען אלע טאָג אין הויז אריין מיט דעם אייביגען ענטפער: „ניטאָ, ניטאָ קיין ארבייט”. די פארצווייפלטע ווייב וועט ניט אָנקוקען מיט איהר פארצווייפעלטען בליק... ער וועט זיך אָפּרוהען ניין חדשים...

מיט א פּאָר יאָהר צוריק איז דער ארבייטער געווען מיט א באַזוך אין דעם סאנאטאָריום פון ז י י ן ארבייטער רינג. דאמאָלסט האָט ער געלייגט רחמנות אויף די פּאציענטען, וועלכע ער האָט אָנגעקוקט. ער געדענקט, אָבער, ווי שעהן דער סאנאטאָריום האָט אויסגעקוקט. עס איז אזוי געווען דאָרט ווי אין א קאָנטרי. עסען גיט מען פון דאָס בעסטע, מ'שלאָפט אויף א שעהן בעטעל, און מ'זעהט אוים אזוי ריין... ער געדענקט דאָס אלץ אזוי גוט. חלומ'ט ער אָנצוקומען אין סאנאטאָריום. ער איז קראַנק אויף אסטמא, ער ליידט פון רומאטיזם. אָבער דאָס איז גארנישט. אפילו די טרוקענע פלוראסי איז אויך גאָרנישט... מ'באטראכט איהם עפּעס גאָרניט ווי א חולה.. אָבער ווען ער וואָלט געקראָגען קאָנסאמפּשאן, וואָלט שוין גאָר אנדערש געווען.... קומט ער גלייך אָן, אין סאנאטאָריום און שוין! און א חוץ דעם וואָלט מען זיך דערוואוסט, אז ער איז קראַנק, און אפשר וואָלט מען זיך אָן איהם דערמאָנט, און א האַנט פון הילף איהם

דערלאַנגט. ער האָט רייכע לאַנדסלייט, פריינד, געוועזענע חברים. אָבער טאַקע גאָר־גאָר רייכע. איינער איז אַ פאַבריקאַנט פון פאַ־פיר, ער איז שטיין־רייך, נאָר ער האַלט אין איין רעכענען, און דער־צעהלען מעשיות, אַז אַלע ארבייטער האָבען געלט אין באַנק, ער איז זיכער אין דעם. און קאַרג איז דער מיליאָנער, אַן אמת׳ער „מאַיזער". אפשר, ווען דער ארבייטער אָהן ארבייט וואָלט גע־קראָגען „קאָנסאמפּשאָן", וואָלט דער רייכער פאַבריקאַנט, דורך גע־וויסנסביסע און צוליב אויספיינען זיך פאַר אנדערע, עפּעס געטאָן פאַר איהם. און אָט איז נאָך אַ געוועזענער חבר, אויך אַ שטיין־רייכער, אַ ריעל־עסטייטניק. פאַראַן נאָך גאַנץ רייכע פריינד, נאָר זיי ווייכען איהם אוים; און איבערהויפּט זייט מ׳האָט זיך דער־וואוסט, אַז ער איז אויף גרויסע צרות, אַז ער ארבייט ניט, באַהאַלט מען זיך פון איהם, און מ׳ציטערט וועגען זיך אפילו לאָזען הערען. אָבער „קאָנסאמפּשאָן" וואָלט זיי אפשר אביסעלע צורודערט, זיי וואָלטען מיט עפּעס צוהילף געקומען. היינט די ניין חדשים רוה אין סאַנאַטאָריום... ער וואָלט עפּעס גאָר אַן אנדער מענש געוואָ־רען...

און אַ מענש צערטעלט אין זיין טיפען הארצען אַ האָפנונג צו ווערען קראַנק אויף „קאָנסאָמפּשאָן". אין „קאָנסאָמפּשאָן" זעהט ער זיין רעטונג.

* * *

דעם ארבייטער׳ס טאָכטער איז אַ מיידעל פון אַ יאָהר צוואַנ־ציג. זי האָט געענדיגט האַנטער קאלעדזש, געקראָגען אַ „דעגרי", געקראָגען אַ דיפּלאָמאַ, און זי איז בארעכטיגט צו זיין אַ לעהרערין אין אַ ניו יאָרקער פּאָבליק סקול. נו, איז זי בארעכטיגט... פון זיין בארעכטיגט ביז טאַקע קריגען אַ שטעלע איז פאָלג מיך אַ גאַנג.

קינדער, וועלכע דאַרפען געהן אין די פּאָבליק סקולס, זיינען דאָ גענוג, גענוג אין ניו יאָרק. אָבער אין דער גרעסטער, רייכסטער שטאָדט פון דעם גרעסטען, רייכסטען לאַנד אין דער וועלט פעהלען אוים סקולס פאַר די קינדער... האָבען די לעהרער ניט וואָס צו טאָן. און אַז אַן אָרעמער ארבייטער שינדט פון זיך פּאַסען און לאָזט זיין טאָכטער ענדיגען קאַלעדזש, קריגט די „געענדיגטע" אַ דיפּלאָמאַ. נאָר צו פאַרדינען אויף אַ שטיקעל ברויט, איז ניטאָ קיין מעגליכ־קייט.

און דעם ארבייטער׳ס טאָכטער, די לעהרערין, איז דערוויל א „סאָבסטיטוט״. עס הייסט, זי מוז ארויסקוקען, אפשר, טאָמער וועט אין ערגעץ א סקול קראנק ווערען א לעהרערין, און זי וועט קריגען א טאָג אָדער צוויי ארבייט...

שטעהט דעם ארבייטער׳ס טאָכטער אויף גאנץ פריה אלע טאָג, און זי נעמט זיך ארומיאָגען פון איין סקול אין א צווייטער, און זי קלאָפּט אין די טירען און מעלדעט זיך אין די סקול אָפּיסעס, אפשר דאַרף מען האָבען א „סאָבסטיטוט״.

מען דאַרף ניט!

און אז מ׳דאַרף יע, זיינען דאָ בילכערע... פאַראַן טיטשערינס, וועלכע האָבען „פּאָליטישען״ פּול, מ׳האָט „צדדים אין דער משפּחה״. דעם ארבייטער׳ס טאָכטער האָט קיינעם ניט. דאַרף מען איהר ניט. ווערען ביי איהר פארשוואָלען און פארדראָלען די פיס פון ארומלויפען אלע טאָג איבער די סקולס פרעגען, אפשר דאַרף מען איהר. אָבער מען דאַרף איהר ניט...

און די מיידעל קומט אהיים און וויינט...

נאָר אָט איז א נס געשעהן, אן אמת׳ער נס. מ׳האָט דעם ארבייטער׳ס טאָכטער גערופען אין א סקול. א לעהרערין האָט גע־מאָלדען, אז זי איז ניט געזונט, אז זי קען ניט קומען „טיטשען״, האָט מען דעם ארבייטער׳ס טאָכטער גערופען. וואָס פאר א פרייד, וואָס פאר א שמחה עס איז געווען אין דער הויז פון דעם ארבייטער אָהן ארבייט...

און דעם ארבייטער׳ס טאָכטער לערענט אין סקול איין טאָג, א צווייטען טאָג... פארדינט איינמאָל זעקס דאָלאר, א צווייטען מאָל זעקס דאָלאר. וואָס פאר א גליק, וואָס פאר א גליק! ביי דער אָרע־מער מיידעל ליגט אָבער א שרעק אויפ׳ן הארצען, אז די לעהרערין, וועמעס אָרט זי פארנעמט, קען יעדען טאָג געזונד ווערען, צוריק אין סקול קומען, און צו איהר גליק וועט א סוף נעמען. אָבער עס האָפּט א „סאָבסטיטוט״, עס האָפּט דעם ארבייטער׳ס פאראָרעמטע טאָכטער, אז אפשר, אפשר וועט די לעהרערין, וועמעס אָרט זי פאר־נעמט, קראנק זיין כאָטש עטליכע וואָכען, כאָטש צוויי וואָכען, כאָטש איין וואָך...

* * *

דעם ארבייטער׳ס זוהן איז א בחור׳ל פון א יאָהר אכטצעהן, א בחור׳ל אָהן א „טרייד״, אָהן א פּראָפעסיע, אָהן א באַשעפטיגונג, גלאַט א בחור׳ל, וועלכער „שווימט״ און ווייס ניט, צו וואָס זיך צו כאַפּען. אָבער אויך אָט דער בחור׳ל טראָגט זיך ארום מיט א האָפ־נונג אין זיין טיפען הארצען.

עס איז פאראן אין ניו יאָרק א רייכער, גרויסער מעבעל־געשעפט וואו עס זיינען באַשעפטיגט א סך קלוירקס, א סך אָנגעשטעלטע. דער געהילף פון דעם הויפט - פארוואַלטער פון דעם געשעפט איז א זוהן פון דעם בחור׳ל׳ס פאָטער׳ס אַן אַמאָליגען חבר; און דעם הויפט - פארוואַלטער׳ס געהילף האָט זיך אויסגעדריקט, אז ווען גאָט וועט איהם העלפען און ער וועט אליין ווערען דער הויפּט־פּארוואַלטער פון דעם מעבעל־גע־שעפט, וועט ער זעהן אריינצונעמען דעם ארבייטער׳ס זוהן אין סטאָר. אָבער דערווייל איז דאָך דער „צד אין דער משפחה״ בלויז א געהילף צום הויפּט־פּארוואַלטער, און „אסיסטענט מענעדזשער״... איז דאָך ניט גוט... איז אָבער פאָרט דאָ א שטיקעל האָפנונג. דער מענעדזשער, וועמעס אָרט עס האָפט צו פארנעמען דער „אסיסטענט מענעדזשער״, ליידט פון „האי בלאָד פּערשור״ (א שטאַרקען בלוט־דרוק אין די אָדערען). ער איז א דיקער מאַן מיט א רויטען געזיכט און מיט א רויטען קאַרק. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט ער שוין איינמאָל געהאַט א לייכטען אָנפאַל פון אפּאָפּלעקציע. ער איז גע־זונט געוואָרען. אָבער צו יעדער צייט קען ער קריגען נאָך אַן אָנ־פאַל פון אפּאָפּלעקציע... און אין אַזאַ פאַל וועט דער מענעדזשער שוין זיכער ניט געזונט ווערען, עס וועט זיין אויס מענעדזשער... און דער אסיסטענט מענעדזשער האָפט, אז דאַמאָלסט וועט ער שוין זיכער דערהויבען ווערען צו דער שטעלע פון הויפּט מענעדזשער. און ווען דאָס וועט געשעהן, האָפט דעם ארבייטער׳ס בחור׳ל צו קריגען א דזשאָב אין דעם רייכען מעבעל־געשעפט... עס איז ניט קיין זיכערע האָפנונג, אָבער דאָך א שטיקעל האָפנונג...

א האָפנונג אויף אפּאָפּלעקציע...

פונקט דאָס זעלבע איז מיט זיי אליין געווען

סעם, אַן אמעריקאַנער געבאָרענער בחור'ל פון א יאָהר דריי־פיר און צוואנציג, איז ביי א יאָהר צייט ארומגעגאנגען מיט זיין „גאָירל־פרענד" (כלה). ווי נאָר סעם האָט געקראָגען א שטיקעל שטעלע, וואָס האָט פארשפּראָכען צו זיין מעהר אדער ווייניגער זיכער און דויערהאפט, ווי נאָר ער האָט אָפגענומען ביי א פיר־פינף רעגעל־מעסיגע „פּעי־דעס", האָט ער מיט זיין מיידעל חתונה געהאט!

סעם'ס עלטערן זיינען געווען שטארק דאגעגען, אז דער באָי זאָל שוין פארהייראטען זיך. דאָס מיידעל, סעם'ס, איז זיינע על־טערן גראד יאָ געפעלען געוואָרען, זיי האָבען אָבער געדענקט, אַז סעם דאַרף אָפּוואַרטען מיט דעם פארהייראטען זיך ביז ער וועט האָבען אָפּגעארבייט אביסעל א לענגערע צייט און וועט האָבען אָפּגעשפּאָרט אביסעל געלט.

— וואָס איז מיט דיר די איילעניש אזוי גרויס, — האָט די מאַמע גערעדט אויפגערעגט און געערגערט, — וואָס ברענט דאָס אזוי? דיין מיידעל נעמט ביי דיר קיינער ניט אוועק, מען וועט ביי דיר ניט אויסכאפּען. ארבייט אָפּ אביסעל צייט, שפּאָר אָפּ עטליכע דאָלער. ווי נעמט מען דאס און מען געהט זיך פארבינדען די יאָהרען מיט א ווייב, ווען מען האָט א סענט ניט ביים לייב און נשמה און מיט דיין דזשאָב ביזטו נאָך אפשר אויך ניט אזוי זיכער... וואָס ברענט דאָ אזוי?

— זוהן מיינער, ס'איז א גאַנץ ערנסטער עסק אָט דער חתונה האָבען, — האָט דער פאָטער שוין גערעדט געלאַסענער און ווירדי־גער פון דער אויפגערעגטער מוטער. — ס'איז א גאַנץ פאַראַנט־וואָרטליכער דזשאָב, ווען דו וועסט האָבען אביסעל געלד און ווען דו וועסט זיין זיכערער מיט דיין דזשאָב... איז אָלרייט, אָבער איצט, ווי די לאַגע איז? ניין, מיין זוהן, דו בעסער וואַרט אָפּ.

האָט סעם אויסגעהערט וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט און וואָס די מאַמע האָט געזאָגט, דעם טאַטען האָט סעם גאָרנישט געענט־פערט, נאָר דער מאַמען האָט ער שטיפעריש־ליבליך ארומגענומען און איהר א קוש געטאָן אין קאָפּ:

— „טוטסי מאמא״!

און אויף מאָרגען איז סעם אוועק מיט זיין גאָירטי׳ן (אזוי הייסט סעם׳ס מיידעל) אין סיטי האָל און מען האָט ארויסגענומען מערידזש־לייסענס. ווען די עלטערען האָבען זיך דערוואוסט, אז ס׳איז שוין א פארפאַלענע זאַך, אז ס׳איז שוין לאחר המעשה, האָט מען זיך געפּיהלט ווי אביסעל אָפּגעשמיסען. די מאמע האָט די הענט געבראָכען און גע׳טענה׳ט:

— וואָס איז דאָס פאַר אן אומגליק מיט די היינטיגע באָיעס און מיט די היינטיגע מיידלאך, ווי מען ווערט דאָס פארברענט, ווי מען צינדט זיך דאָס אָן, ווי מען ברעכט די קעפּ, ווי מען לויפט דאָס חתונה האָבן! ניט מען איז זיכער מיט א לעבען מאַכען, ניט מען פרעגט א טאַטען, א מאַמען!...

— שאַ, שאַ, קאָך זיך ניט אזוי — האָט דער טאַטע די מאַמען בארוהיגט — האָסט אפּנים פארגעסען, אז מיט אונז אליין איז אויך אזוי געווען; מען איז אויך געלאָפען משוגע׳נערווייז און פארדרעהט זיך די קעפּ. איך געדענק זעהר גוט, אז איך האָב איינגאַנצען א סענט ניט פארדינט. פון דעסטוועגען האָט דאָס אונז ניט אָפּגעשטעלט און מען איז געוואָרען מאַן און ווייב... ס׳איז אָלרייט... זיי ליבען זיך? נו, געהט מען און מען האָט חתונה... זיי האָבען גאָרניט אָפּגעטאָן אזא גזל׳וואָיע... ניטאָ וואָס צו קאָכען זיך... אין אונזער צייט האָבען מיר פּונקט דאָס זעלבע געטאָן...

* * *

האָבען סעם׳ס טאַטע און מאַמע אריינגעקראָגען א שנור אין הויז און מען האָט מיט דעם שיקזאַל שלום געשלאָסען און שוין.

זיינען אריבער ביי א דריי גוטע מאָנאַטען ביי דעם יונגען פּאָרעל. סעם האָט געארבייט, פיין פארדינט, אויסגעקליידט זיין יונג ווייבעל, אויסגעקליידט זיך אליין אביסעל, אָפּגעלייגט א דאָלער אין דער באַנק. דאָס פּאָרעל האָט שוין גענומען פּלאַנעווען ווע־גען נעמען אן אייגענע דירה׳לע, ווערען פאַר זיך באַלעבאַטים... און מיט אַמאָל — א סטרייק!... אין דעם שאַפּ, וואו סעם האָט א דזשאָב געקראָגען איז פון דער יוניאָן א סטרייק ערקלערט גע־וואָרען און סעם איז שוין מיט מזל א סטרייקער, פּיקעט דעם שאַפּ,

ווען ער קומט אהיים איז ער אזוי „עקסייטעט", אזוי פאַרפּלאָמט — א יום־טוב'דיגער איז סעם אלע זיבען טעג אין וואָך... און גאָירטי, די יונגע ווייבעל, איז אויך א גוואלדיגער בעל שמחה: א קליינינ־קייט, א י ה ר סעם סטרייקט... איז זי געהויבען, זי לאכט, זי זינגט... ס'איז איהר גוט, און א סוף...

אָבער סעם'ס עלטערן איז שוין געווען גאָר ניט יום-טוב'דיג אויף די הערצער, שטיינער שווערע, שווערע שטיינער האָבען זיך די ערפאהרענע מענשען אויף די הערצער אוועקגעלייגט. סעם'ס עלטערן האָבען שוין צו־גוט געוואוסט וואָס ס'הייסט א סטרייק און וואָס ס'הייסט א פארצוויגענער סטרייק, און אז ס'קען אמאָל זיין א פאַר־שפּילטער סטרייק... סעם'ס פאָטער האָט שוין געהאַט אויף זיין לעבען אי פארצוויגענע סטרייקס, אי פארשפּילטע סטרייקס. סעם'ס עלטערן ווייסען דעם טעם פון דעם, זיי האָט זיך געטראַכט וועגען זייער זוהן אוןביידענס הערצער זיינען פארקלעמט געווארען פאר אומרוהיגקייט, פאר שרעק, ווען די מאַמע פלעגט אזוי אָנקוקען איהר זוהן און איהר שנור, ווי זיי זיינען ביידע אזוי פרעהליך, אזוי זאָרגלאָז, פלעגט זיך איהר דאכטען ווי זיי ביידע וואָלטען געווען געפעהרליכע חולאים און וועגען זייער ערנסטער קראנקהייט קיין שום באגריף ניט געהאַט... איהר הארץ פלעגט פארקלעמט ווערען און זי פלעגט אזוי בלייבען זיצען מיט פארבראָכענע הענט און ריידען צו איהר מאַן :

— קוק זיי אָן ביידען, אונזער זוהנדעל, אונזער שנור — ווי מען איז דאָס געהויבען... וועה איז צו מיין קאָפּ... א סטרייק ! איין גאָט ווייס מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיגען... דער מוח הויבט זיך מיר, און זיי ? ס'אַרט זיי ווי דער וואנט... גאָט מיינער, וואָס פאר א מין מענשען זיינען דאָס די היינטיגע יונגוואַרג ! עפּעס האָבען זיי דאָך גאָר א טראָפּען מאַרך ניט אין זייערע קעפּ !

האָט סעם'ס טאַטע שוין ווייטער דער מאַמען געטרייסט :

— ניט קליגער און ניט נאַרישער פון אונז ווען מיר זיינען געווען אין זייערע יאָהרען, אדרבא דערמאָן זיך ווען מיר זיינען געווען ערשט נאָך אונזער חתונה און קיין קינדער זיינען נאָך ניט געווען אויף דער וועלט, איז וואָס פלעגט זיין ווען מיר אדער דיר פלעגט אויסקומען סטרייקען ?... מיר האָבען דאָך דאמאָלסט ביידע אין די שעפּער געארבייט. פלעג איך סטרייקען און דו פלעגסט סטרייקען אלע מאָנטאג און דאָנערשטאג. נו, זיינען מיר געווען

קנאַפּע בעל־שמחות ? געדענקסט ווען מיר האָבעןביידע אַמאָל געסטרייקט צוזאמען און דער סטרייק האָט זיך אזוי פארצויגען, אז מיר האָבען אזוי געזונד אונטערגעהונגערט. נו זיינען מיר עפּעס גע־ווען פארזאָרגט? עסען איז טאקע ניט געווען וואָס, נאָר צו א לעקציע אָדער צו א קאָנצערט אין סענטראַל פּאַרק איז מען סיי־ווי־סיי געלאָפען.

די מאמע, סעם'ס, בלייבט א ווײַלע ווי א פּאָרטרונקענע אין ערינערונגען... ס'צייגט זיך א שמייכעל אויף איהר שווער־פאר־וואָלקענטען געזיכט און זי מורמעלט האַלב־פאַרטראַכט:

—אמת, נו וואָס דען, ס'איז ניט אזוי ? ווער האָט דאמאָלסט געקערט צי ס'איז דאָ צום עסען צי ס'איז ניטאָ צום עסען. ווער האָט געוואָלט וויסען פון דאגות ? געשפּרונגען און געטאַנצט און געזונגען די מארסעלעזיע.

* * *

מען האָט ניט געקענט זאָגען, אז סעם און די אַלע אנדערע ארבייטער פון זיין שאַפּ האָבען דעם סטרייק פארלאָרען, אבער אָהן ברויט איז מען סיי־ווי־סיי פארבליבען, ווייל דער באָס איז אין גאנצען ארויס פון געשעפט, צוגעמאכט די פאבריק, די סטרייקער האָבען ניט מעהר געהאַט מיט וועמען צו סטרייקען, און נאַטירליך איז אויך סעם געבליבען אָהן א דזשאָב.

סעם'ס פאָטער האָט נאָכגעפאָלגט זיין זוהן'ס סטרייק פּיליכט מיט מעהר אָנשטרענגונג און מיט מעהר הארץ־קלאַפּעניש ווי סעם אליין. וועגען דעם וואָס ס'איז געשעהן האָט סעם'ס פאָטער גע־וואוסט איידער סעם איז נאָך אהיים געקומען. ווען סעם'ס פאָטער איז אריין אין הויז, גלייך נאָך דעם ווי ער האָט אין דרויסען די שלעכטע נייעס זיך דערוואוסט, איז זיין געזיכט געווען אזוי ווי מיט ערד צומישט, ווי נאָר סעם'ס מוטער האָט דערזעהן איהר מאן האָט זי גלייך פארשטאַנען, אז ס'איז עפּעס ניט גוט, און מיט א פאר־באַפּטען אָטעם האָט זי געפרעגט:

— וואָס איז ?... וואָס האָט געטראָפען ?

— אוים סטרייק !

— פארלאָרען ? — האָט די צושראָקענע פרוי, אָהן אן אָטעם, גלייך איהר מאן אין די אויגען אריינגעקוקט — פארלאָרען ?

— אזוי גוט ווי פאַרלאָרען... און נאָך אפשר ערגער ווי פאַר־לאָרען.

— נאָך ערגער? — האָט סעם׳ס מוטער איבערגעפרעגט און איהר בליק האָט זיך מיט שרעק אָנגעפילט.

— דער באָס איז ארויס פון ביזנעס.

— ווי איז צו מיין לעבען! — האָט זיך סעם׳ס מוטער מיטביידע הענט פאַר׳ן קאָפּ אָנגעכאַפּט — דאָס הייסט דאך, אז סעם בלייבט אָהן א דזשאָב.

— נו וואָס דען הייסט עס? — האָט זיך מיט א ביטערען שמייכעל געקרימט דער געזיכט ביי סעם׳ס פאָטער, — נו וואָס דען?

מאַן און ווייב זיינען א ווײַלע געבליבען שטעהן אזוי ווי פארגליווערטע און ביי ביידען זיינען די געזיכטער געל געוואָרען.

סעם׳ס מוטער האָט גענומען ריידען מיט א טאָן אזוי ווי מען באַקלאָגט א טויטען:

— מיין אָרימער זוהן... וואָס פאַר א ביטערען, וואָס פאַר א שווערען מזל ער האָט געבאַך... נאָך ניט אָנגעהויבען צו לעבען און שוין אזוי פיל, אזוי פיל צרות... איין קליינינקייט, אָהן א דזשאָב געבליבען, איין קליינינקייט!... ס׳וועט זיך אָנהויבען א זוכעניש, א וועגט־טאַפּעניש, אלע טאָג אוועקגעהן אין דעם אפיסעל פון דער יוניאָן, זיצען דאָרטען טעג און וואַרטען אויף דעם נעכטיגען טאָג און נאָך צוקוקען זיך, אז ווען ס׳מאַכט זיך שוין יע א שטיקעל דזשאָב שיקט מען אוועק א בילכערען צו דער ארבייט, טיילט מען אוים אַן אייגענעם ברודער און דו זיץ וואַרט און קריג די סוכאָטע און אזוי טאָג איין טאָג אוים. אוי, וואָס פאַר א ביטערע, וואָס פאַר א פינסטערע גזרה... און ער האָט שוין גע׳חלום׳ט א היים איינ־פיקסען...

און ביי דער מאַמען זיינען די אויגען מיט טרעהרען פאַר־לאָפען געוואָרען און דער פאָטער האָט צו איהר גערעדט מיט גע־בעט:

— הער זשע. סעם וועט דאָך שוין דאָ באַלד ארייין א פאַר־צרה׳טער, א פארפינסטערטער, מיט אַן אָפּגעריסענעם הארצען, זאָלסטו זיך ניט א כאַפּ טאָן פאַר איהם, זאָלסט איהם ניט נעמען באַקלאָגען, פארקערט, ווי ביטער ס׳זאָל ניט זיין די לאַגע דארף

מען איהם א גוט וואָרט זאָגען, זאָל ער ניט פיהלען ביי זיך אזוי נעפאַלען. א רחמנות... א קינד...

און ביי דער מאַמען האָבען זיך געקייקעלט און געקייקעלט טרערען פון די אויגען...

סעם און גאָירטי זיינען געקומען. אפּנים מען האָט אָפּגערעדט, באַציטענס, וואו צו באַגעגענען זיך, האָט מען זיך באַגעגענט און מען איז אינאיינעם אהיים געקומען, טאַטע און מאַמע האָבען גלייך דערזעהן אז דאָס פּאָרעל קוקט גאָר ניט אויס אזוי ווי די וועלט וואָלט זיך פאר זיי געענדיגט.ביידע האָבען געשיינט צו זיין גאַנץ גוט אויפגעלייגט, סעם'ס עלטערן האָבען זיך דורכגעקוקט און גע־בליבען שטעהן מיט אָפענע מיילער.

— „ווי בעררייד הים" (מיר האָבען איהם באַגראָבען) — האָט סעם אויף זיין שטייגער גענומען אָנזאָגען אין הויז די נייעס וועגען דעם סטרייק — „ווי פינישד הים" (מיר האָבען איהם געענדיגט).

— ווענען ? — האָט דער פאָטער פאַרעגט.

— אונזער באָס... „הי העד טו קלאָז אָפּ" (ער האָט געמוזט צומאכען), מיר האָבען איהם אינגאַנצען ארויסגעטריבען פון ביז־נעס. „לעט הים גאָ טו העלל".

— אָלל־ראיט, אז דער באָס זאָל געהן אין די העלל אָרט מיך ניט, אָבער וואָס וועסטו איצט טאָן ? — האָט די מאַמע אויסגע־שאָסען די ערשטע קויל. אָבער דער מאַמע'ס קויל האָט ניט איבריגס שטאַרק געטראָפען אין ציעל, און סעם האָט גאַנץ קאַלטבלוטיג מיט די הענט אוועקגעמאַכט :

— „אָה, אַל געט איי דזשאָב" (איך וועל קריגען א דזשאָב).

און אין דעם זעלבען אָטעם האָט זיך סעם געווענדעט צו זיין יונג ווייב, שלינגענדיג איהר מיט די אויגען :

— „קאָם גויט טו די מואַוויס !"

— און סאַפּער ? — האָט די מאַמע אויסגעשריען מיט א פאַר־כאַפּטען אָטעם, — איך גיב דאָך סאַפּער צום טיש.

— „מי ענד סעם, ווי העד אַאור סאַפּער" — האָט גאָירטי געענטפערט האַסטיג און קורץ און דאָס פּאָרעל איז פון הויז ארויס. טאַטע־מאַמע זיינען געבליבען שטעהן ווי די פריטשמעלעטע....

* * *

שפּעטער, ווען סעם'ס עלטערן זיינען געזעסען ביים טיש און סאַפּער געגעסען, האָבען זיי ווידער גערעדט און דערמאָנט זיך, אז

אמאָל, ווען זיי זײַנען יונג געווען איז מיט זיי אַליין טאַקע געווען פּונקט דאָס זעלבע ווי מיט זייער זוהן און זייער שנור, און סעם׳ס פֿאָטער האָט גערעדט צו זײַן פרוי:

— געוויס, איך דערמאָן זיך אַזוי ווי דאָס וואָלט ערשט נעכ־טען פּאַסירט... מיר האָבען שוין דאַמאָלסט געהאַט אונזער ערשט קינד, דאָרעלע איז שוין באַלד א יאָהר אַלט געווען. איך האָב גע־סטרייקט און א לאַנגע־לאַנגע צייט געסטרייקט און מען האָט פאַר־לאָרען. איך געדענק, אַז מיר האָבען אַריינגעקראָגען א מוף־צעטעל און מיר האָבען ביידע אַרײַנגעקוקט אין א ווערטער־בוך, אויסגע־טײַטשט, וואָרט פאַר וואָרט, וואָס ס׳האָט זיך געזאָגט אין דעם מוף־צעטעל און איך געדענק, אַז מיר ביידע זײַנען געבליבען אָהן זייטען פאַר לאַכען, ווײַל אונז איז פאַר עפּעס אויסגעקומען זעהר קאָמיש ווי אַזוי דער מוף־צעטעל איז געווען געשריבען. און כאָטש מיר האָבען נאָך ניט געוואוסט אויב מיר וועלען מיט עטליכע טעג שפּעטער האָבען וואו די קעפּ אײַנצוקולייגען, האָבען מיר גענומען דאָרע׳לען און מען איז אויף א וועטשערינקע פון דעם „בונד" אוועקגעלאָפען...

— מען איז געווען יונג איז מען געווען משוגע — האָט סעם׳ס מאַמע געשמייכעלט פאַרטראַכט.

— דאָס זאָג איך דאָך — האָט אויך סעם׳ס פֿאָטער געשוואו־מען אין ים פון זכרונות...

ווער ס׳האָט ארויסגעהאָלפען גאָט׳ס געשעפטען

דער טאַטע איז געווען א שאַפּ־ארבייטער, א געטרייער יוניאָן־מאַן, אָבער געווען איז ער א איד מיט א באָרד, א רעליגיעזער, א פרומער. איידער ער איז אוועק אין שאַפּ צו דער ארבייט, האָט ער קיינמאָל ניט פארפעלט אָפּצודאַווענען. עס האָט געמעגט זיין ווי ביזי ביי זיין „טרעיד" האָט איהר ביי איהם ניט געקענט אויס־פיהרען, אז שבת אָדער יום־טוב זאָל ער אין שאַפּ אפילו אריינ־שמעקען. ער איז געווען א איד פון דער אַלטער וועלט און די ווייב זיינע איז געווען א פשוטע גוטהארציגע אידענע, אויך א רעליגיעזע, א פרומע. אבער הערי, זייער איין־און־איינציגער זוהן איז אויסגע־וואקסען א ראַדיקאַל־געשטימטער.

איז ווען הערי פלעגט ריידען וועגען דער אומגערעכטיגקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, ווען ער פלעגט ריידען וועגען דעם ארבייטערס לאַגע, פלעגט דער טאַטע גוטמוטיג צושמייכלען און זאָגען צו דער מאַמען :

— לאָך ניט פון הערי׳ן, ער ווייס וואָס ער רעדט, מיר גע־פעלט נאָר ניט וואָס ער איבערטרייבט אביסעל די מאָס און איז אביסעל צו היציג.

— מיר פאַר זיין קאָפּ, מיר פאַר זיינע ביינער, געזונד און שטאַרק זאָל ער נאָר ביי אונז זיין, — פלעגט די מאַמע ענטפערען.

האָט זיך הערי׳ס ראַדיקאַליזם צוואוואַקסען און צובליהט, איז ער מיט אמאָל געוואָרען א פארברענטער געגנער פון רעליגיע, געגנו־מען באַזוכען אנטי־רעליגיעזע אונטערנעמונגען. ווען הערי׳ס טאַטע האָט זיך דערוואוסט וועגען די אלע זאכען, האָט ער גענומען זיך פיהלען באַאומרוהיגט וועגען זיין בחור׳ל און ער פלעגט אָפּט מיט פּאַרדרוס באַמערקען צו זיין זוהן :

— וואָס ווילסטו האָבען פון רבונו של עולם ? לאָז איהם אָפּ, ער טשעפּעט דיך ניט, טשעפּע איהם ניט.

— איך וועל שוין יע „טשעפּען" — פּלעגט הערי אויף א טראַציגען שטייגער איבעררײדען דעם טאַטענס וואָרט, און מיט זיין גאַנצען יוגענדליכען פייער פּלעגט ער גלייך אויפ'ן אָרט דער־לאַנגען א פיינע פּאָרציע „פּראָפּאַגאַנדע" געגען רעליגיע און געגען גאָט. פּלעגט שוין הערי'ס טאַטען ווערען געל פאר די אויגען און אין זיין פארצווייפלונג פּלעגט ער זיך ווענדען צו דער ווייב:

— נו, חנה פריידע, האָסט געהערט אונזער חתן־בחור'ס לשון, וואָס זאָגסטו צו דעם? ביזט דאָך עפּעס די מאַמע.

פּלעגט די מאַמע, א בלאַסע, א צורודערטע, א צושראָקענע, קוועטשען מיט די פּלייצעס און ניט וויסען וואָס צו ענטפערען.

— ווען ער „צודאַרשענט" זיך אזוי, פיהל איך אָן אנדערש־מאָל ווי אָנצונעמען דעם בחור'ל מיינעם פאר'ן קאָלנער און זאָל ער געהן, — פּלעגען פון הערי'ס טאַטענס האַרצען ארויסרייסען זיך שווערע, פארצווייפעלטע ווערטער, ווערטער פאר וועלכע ער אליין פּלעגט זיך שטארק דערשרעקען.

— ביזט משוגע געוואָרען, שונאי ציון, וואָס איז מיט דיר, חיים בער, וואָס רעדסטו דאָס? — פּלעגט ביי דער מאַמען דער געזיכט ווי פּארמעט געל ווערען און אין די אויגען פּלעגט זיך א טויט־שרעק צייגען, — עפּעס א סך קינדער האָבען מיר? איין אויג אין קאָפּ, און וואָס איז דער גאַנצער לעבען אָהן הערי'ן? דאַכט זיך, דו אליין געהסט ארום מיט אן אויסגעצוויגענער נאָז, אזוי ווי אלע דיינע שיפען וואָלטען דיר אונטערגעגאַנגען, ווען הערי פארשפּעטיגט זיך אמאָל מיט דעם קומען אהיים אין צייט.

מיט א פארזונקענעם קאָפּ פּלעגט חיים בער בלייבען שטעהן אויף זיין אָרט, וואָס עס איז געוועזען א סימן, אז אין זיין טיפען הארצען גיט ער רעכט זיין ווייב. עס פּלעגען זיך אָבער דעם פרומען אידען שפּאַרען שווערע געדאנקען אין קאָפּ אריין און ער פּלעגט מורמלען אינדערשטיל:

— ס'איז דאָך אזוי ווי ד ו זאָגסט, איך בין דאָך משוגע פאר איהם, עס איז דאָך הערי און ווייטער הערי, אָבער איך זאָג דיר, חנה פריידע, זיין פּראָפּאָגאַנדע וועט מיר מקצר זיין די טעג און די יאָהרען.

ס'האָט זיך ניט אויסגעלאָזען אזוי ווי הערי'ס פארצווייפעלטער טאטע האָט גערעדט; מיט דער צייט האָבען זיך גאָר ענטוויקעלט אזעלכע אומשטענדען, וואָס גראָד הערי'ס „פראָפאגאנדע" האָט דעם טאטען א סך נוצען געבראכט.

* * *

הערי האָט פארליבט זיך אין א מיידעל און גענומען טראכטען וועגען חתונה האָבען. דער בחור איז געוואָרען אביסעל ערענסטער. די צייטען זיינען געווען נאָך ניט אזוי שלעכט אין אמעריקע, האָט הערי געקראָגען א שטעלע אלס א קלוירק אין אן אָפיס פון א פאַבריק. ער האָט מיט זיין געליבטער געהייראט און אין זיין איי־גענער היים זיך אריינגעקליבען און איז א טאטע געווארען.

מיט אמאָל האָבען אבער אין דער טיר פון דער רייכער אמעריקע אָנגעקלאפּט זעהר שווערע, זעהר ביטערע צייטען, הערי האָט זיין דזשאב פארלאָרען, און עס האָט שוין לאנג ניט גענומען און הערי'ן האָט אויף רענט אויסגעפעלט. דער טאטע האָט נאָך געהאט זיין „דזשאב", האָט דער טאטע הערי'ס רענט באצאָלט, און מיט זיין זוהן, שנור און אייניקעל דעם לעצטען ביסען ברויט געטיילט.

זיינען די צייטען געוואָרען ביטערער און ביטערער און אויך הערי'ס פאָטער האָט זיין ארבייט פארלאָרען, איז דער זוהן געווען טעג פארנומען אין זוכען באשעפטיגונג פאר זיך, איז דער טאטע געווען פארנומען מיט זוכען „וועגען און מיטלען" ווי אזוי צו פארדינען ז י י ן שטיקעל ברויט. דער זוהן האָט גאָרנישט געפו־נען, נאָר דעם טאטען האָט זיך יע געמאכט א שטיקעל דזשאב.

דער אלטער חיים בער, וועלכען מען האָט אין זיינע קרייזען געקענט אלס אלטמאָדישען פרומען אידען, האָט דורך רעקאָמענ־דאציעס פון זיינע מענשען געקראָגען אן אָנבאָט צו ווערען א שמש אין א שוהלכעל. דער געהאלט איז געווען א קליינער, איינגאנצען אכט דאָלער א וואָך, אָבער אויסער דעם וועכענטליכען געהאלט האָט דער שמש געקראָגען א פרייע דירה פון פיר גראמע ליכטיגע צימער־רען, וואָס האָבען זיך געפונען אין בעיסמענט פון דער שוהל. דער אַלטער חיים בער האָט די שטעלע אָנגענומען.

הערי'ס לאגע איז געוואָרען ערגער און ערגער. דער טאטע

האָט פון זיין אכט־דאָלערדינען וועכענטליכען געהאַלט צופיל זיין זוהן ניט געקענט ארויסהעלפען, איז דעריבער געוואָרען א רייד, אז די קינדער זאָלען זיך ארייננקלייבען אין דעם טאַטענס דירה, אין די פיר גראמע צימערען, וואָס זיינען געווען אזוי וויסט, אזוי ליידיג פאר די צוויי אַלטע מענשען. הערי'ן דעם אויסגעשפּראָכענעם ראַ־דיקאַל, דעם פּרינציפּיעלען „גאָטפּרעסער", איז געווען אזוי פּריקרע פון דעם געדאַנק וועגען האָבען א דירה אין א בעיסמענט פון א שוהל. אָבער נויט ברעכט אייזען און הערי מיט זיין ווייב און קינד האָבען זיך טאקע ארייננגעקליבען צום טאַטען אין זיין פּרייער דירה אין בעיסמענט פון דער שוהל.

די צייטען זיינען אין אמעריקע געוואָרען ערגער און ערגער. אויף גאָט'ס געשעפטען האָט דער ביטערער עקאָנאָמישער קריזיס זיך אויך שטארק אָפּגערופען. די שוהל וואו הערי'ס טאַטע איז איצט שמש געווען איז אויך פון די שלעכטע צייטען גע־טראָפען געוואָרען. הערי'ן איז אויסגעקומען עטליכע מאָל אונ־טערצוהערען זיך ווי דער טאַטע באַקלאָגט זיך פאר דער מאַמען, אז די געשעפטען אויבען אין שוהל געהן פון שלעכט צו ערגער, אז אין שוהל קומען דאַווגען אַלץ וועניגער און וועניגער אידען, אז די וועלכע קומען יע, זיינען זעהר אויסגערעכענט אין א סענט, און אויב עס וועט אזוי אָנהאַלטען איז דאָ א סכנה, אז ער זאָל זיין שמש־דזשאָב פארלירען.

איינמאָל, אזוי אונטערהערענדיג דעם טאַטענס באַקלאָגען זיך, האָט הערי זיך מיט א וואָרט ארייננגעמישט. ער האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז אויב שוהל־אידען זיינען פאראינטערעסירט, אז זייערע געשעפטען זאָלען אויפלעבען, דארפען זיי ניט זיצען מיט פארלייגטע הענט, מען דארף עפּעס אויפטאָן, מען דארף געברויכען „אגיטאַציע", „פּראָפּאַגאַנדע".

דער אַלטער חיים בער, דער אמאָליגער שאַפּ־ארבייטער און איצטיגער שמש, האָט געמיינט, אז זיין זוהן מאכט פון איהם חוזק, האָט ער ניט געוואוסט צי וויינען, צי לאַכען, אָבער הערי איז גע־ווען זעהר ערענסט. הערי האָט טאַקע גערעדט סאַרקאַסטיש און פאַרביטערט, אָבער די עצות וואָס ער האָט געגעבען, האָבען דעם טאַטען פּאַרט געלייגט זיך אויף'ן גלייכען שכל און דער איד האָט דערזעהן פאר זיך נייע האָפענונגען, נייע וועגען ווי אזוי אויפצור־

לעבען אויבען די שוהל, וואָס האָט געהאַלטען עפּעס אזוי ווי אין אָפּשטאַרבען.

מיט איינינע טעג שפּעטער איז דער גאַנצער ארומיגער געגענד פאַרפּלייצט געוואָרען פון הענד־בילס, וואָס האָבען אַנאַנסירט, אז אין דעם און אין דעם אבענד, אין דער שוהל וואו הערי׳ס פאָטער איז איצט שמש געווען, וועט פאַרקומען א מאַסמיטינג, וואו עס וועט פּראָטעסטירט ווערען געגען די נאַצי־רציחות אויף אידען אין היטלער׳ס דייטשלאַנד. עס איז אַנאַנסירט געוואָרען, אז צוויי באַ־ריהמטע „ראַבאַים" און א קאַטוילישער אידען־פריינדליכער פּריסט, וועלען האַלטען רעדעס וועגען דער אידישער שווערער לאַגע.

ווען ס׳איז געקומען דער אַנאַנסירטער אבענד איז די שוהל געווען איבערגעפּאַקט. הונדערטער אידען האָבען געמוזט צוריק־געהן, ווייל אין שוהל איז שוין ניט געווען קיין אָרט פאַר זיי. עס האָבען טאַקע געהאַלטען רעדעס די אַנאַנסירטע ראַבאַים און אויך דער קאַטוילישער פּריסט. די שוהל האָט אין דעם אבענד אריינ־געקראָגען ביי א צוויי הונדערט מעמבערס, אויסער דעם האָבען אלע אַלטע מעמבערס באַצאָלט זייערע הינטערשטעליגע שולדען.

פאַר די מעמבערס פון דער שוהל האָט עס געהייסען, אז דאָס האָט דער פּרעזידענט פון דער שוהל אַלץ אויפגעטאָן, דער פּרע־זידענט האָט טאַקע געוואוסט, אז עס איז געווען דעם שמש׳ס עצה, נאָר ער האָט וועגען דעם געמאַכט א שוויינ. דער שמש, ווידער, האָט געוואוסט, אז עס איז זיין זוהנ׳ס „פּראָפּאַגאַנדע", נאָר ער האָט אויך געמאַכט אַ שוויינ, ניט ווייל ער האָט חלילה געוואָלט פאַר זיך צונעמען דעם קרעדיט וואָס האָט געקומט זיין זוהן, נאָר ער האָט גלאַט מורא געהאַט וועגען זיין ראַדיקאַלען זוהן א וואָרט צו דערמאָנען אין דער שוהל, און דער זוהן האָט דאָס געוויס ניט געוואָלט.

עס האָט לאַנג ניט גענומען ווי דער שמש פון שוהל האָט פאַרטרויט דעם פּרעזידענט א צווייטען פּלאַן ווי אזוי אויפצולעבען די שוהל. דער פּרעזידענט איז פון דעם צווייטען פּלאַן ענטציקט געווען ניט ווענינער ווי ער איז ענטציקט געווען פון זיין שמש׳ס ערשטע געלונגענע עצה. דער פּרעזידענט האָט ווידער פאַר זיך גע־נומען דעם גאַנצען קרעדיט און האָט ווידער פאַרשוויגען וועגען

דעם מערקווירדיגען שמש זיינעם, וואָס טאָקע נאָר גאָט האָט איהם צוגעשיקט, און דער שמש האָט ווידער פארשוויגען וועגען זיין זוהן.

ס'איז אויסגעפיהרט געוואָרען דעם שמש'ס צווייטע עצה, די שוהל האָט ווידער צוגעקראָגען נייע מיטגלידער און איז אויפגע־לעבט געוואָרען מיט א נייער נשמה, מיט א נייעם לעבען.

דער פרעזידענט פון שוהל האָט שוין איצט אויסגעפירט, אז מען זאָל דעם שמש'ס געהאלט באדייטענד העכערען. מען האָט אויך דעם שמש'ס וואוינונג פון דאָס ניי אויסגעפארבט און איינ־געפיקסט פילע מאָדערנע אויסבעסערונגען.

דערנאָך איז דער מערקווירדיגער שמש געקומען מיט א דריטער און א פערטער עצה. אלע פלענער וואָס דער שמש האָט פארטרויט דעם שוהל־פרעזידענט זיינען פינקטליך אויסגעפירט געווארען. די שוהל וואָס האָט שוין געהאלטען ביים אָפשטארבען, האָט איצט גע־האלטען אין איין אויפברויזען מיט נייעם לעבען. עס איז דארטען געוואָרען פראָספעריטי אריבער די ברעגען, און ווען וואָלט דאָס גאָר געקענט אין די געדאנקען אריין, אז אין שוהל האָבען גאָטס געשעפטען אזוי אויפגעבליט א דאנק דער „פראָפאגאנדע" פון אזא אויסגעשפראָכענעם ראדיקאל און קעמפער געגען רעליגיע, ווי עס איז געווען הערי, דער זוהן פון דעם שמש.

ער האָט געוואָלט ריידען

ניטאָ, ניטאָ קיין ארבייט. יעדען פריהמאָרגען געהט ארויס דער מאַן פון שטוב מיט דער האָפנונג צו געפינען עפּעס א „דזשאב", און יעדען אבענד קומט ער אהיים מיט גאָרנישט.

ווי נאָר די ווייב דערזעהט איהר מאַן ווען ער קומט אהיים, דאַרף זי שוין ביי איהם קיין צופיל קשיות ניט פרעגען. נאָך זיין פּנים נאָך, לויט זיין אריינקומען אין שטוב, זעהט זי שוין אז עס איז ווי אלע טאָג, אז עס איז גאָרנישט; זעהט זי שוין אז איהר מאַן איז געקומען אהיים מיט ליידיגען; פארשטעהט זי שוין אז ניט נאָר האָט איהר מאַן ניט געקראָגען איצט קיין ארבייט, נאָר ער האָט אפילו ניט קיין שום אויסזיכט ווען עס איז צו קריגען ארבייט.

ווייל ווען דער מאַן זוכט א טאָג ארבייט, געפינט גאָר ניט און קומט אזוי אבענד־צייט אהיים, קומט ער אריין אין זיין אייגענער שטוב, אזוי ווי א בעטלער קומט אריין אין א פרעמדער שטוב. דער מאַן קומט אריין א פארשטילטער, א פארשוויגענער. דער געזיכט איז שווער פארוואָלקענט. ער טרעט אַן פאַמעלאך, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט מורא געהאט אימיצען אויפצואוועקען. פארשוויגען און פארשטילט טוט זיך דער מאַן פאנאנדער; אטעמט זיך אָפּ, געהט אריין אין פראָנט־רום, טוט אויס די שיך, ווייל די פיס זיינען צו־וועהטאָגט און צוקוועטשט פון דעם לאַנגען ארומגעהן זוכען דזשאבס. און דער מידער מאַן זעצט זיך אריין אין דעם אייביגען ראקער, און נעמט אריינקוקען אין זיין אבענד־צייטונג.

די ווייב איז אין קיך און עוסק'ט זיך דאָרטען מיט'ן צוגרייטען סאפּער. זי ווייס שוין, אז איהר מאַן האָט גאָר ניט געקראָגען. מיט א שווערען געמיט, אזוי שווער שווייגענדיג געהט זי אַן מיט איהר ארבייט אין קיך.

דער מאַן הערט זיך צו צו זיין ווייב'ס עוסק'ן זיך. ער הערט ווי זי גרייט צו סאפּער און עס טראכט זיך איהם: „ווי לאַנג נאָך

וועט זיין די מעגליכקייט צו קאָכען סאַפּערס ווען עס וועט אַלץ קיין ארבייט ניט זיין?"

— איז דאָ סאַפּער? — פרעגט ער פארבלייבענדיג אויף זיין אָרט.

ניטאָ קיין ענטפער פון קיך. ניטאָ קיין שום ענטפער.

טראַכט דער מאַן, אז די ווייב איז בייז, ווייל ער האָט ניט געפונען קיין ארבייט. עס פארדריסט איהם, ער פיהלט זיך שטאַרק געטראָפען און ער שרייט שוין אוים העכער און בייזער:

— דאָ וואָס צו עסען, לאה?

— מיר וועלען באַלד עסען סאַפּער, — ענטפערט לאה פון קיך. איהר קול קלינגט אָפּ ווייך און גוטהערציג, און דעם מאַן פארדריסט שוין וואָס ער איז געוואָרען בייז אויף זיין ווייב. עס פאַרקלעמט איהם זיין האַרץ פאר דער אָרימער ווייב, וועלכע שטיקט זיך פאר נויט, פאר ארימקייט, און עס ווילט זיך איהם אזוי שטארק, אזוי שטארק צו האָבען ארבייט, צו קריגען א דזשאָב, צו פאַר־דינען, צו ברענגען ווידזשעס דער ווייב... ער פיהלט אָט אין דער מינוט אז ער וואָלט געקענט וועלטען איבערקערען ווען מען זאָל איהם נאָר געבען א דזשאָב, און ער באַשליסט ביי זיך אין האַרצען מאָרגען צו זוכען א דזשאָב מיט מעהר ענערגיע, מיט מעהר פייער; ער וועט אויסגעהן אַ גאַנצע וועלט, אבי קריגען א דזשאָב; ער וועט טאָן אַלץ וואָס מען וועט איהם נאָר הייסען טאָן; וואָס עס איז פאר אַן ארבייט עס זאָל זיך איהם ניט מאַכען וועט ער אָננעמען: ער וועט זיך פון גאָרנישט אָפּזאָגען. ער מוז קריגען א דזשאָב.

פון זיין אייגענעם פעסטען באַשלוס דערפיהלט זיך דער מאַן אזוי ווי ער וואָלט שוין טאַקע געקראָגען אַן אויסזיכט אויף א דזשאָב, און עס ווערט איהם אויף א מאָמענט פרייער אויפ'ן האַר־צען.

דער מאַן הערט ווי די ווייב גרייט צום טיש, און דער פאַר־לאַנג, דער וואונש צו זיין א מאַן וועלכער האָט א דזשאָב, באַהערשט איהם מיט אזא קראַפט, מיט אזא פיינליכער קראַפט, אזש טרערען ציינען זיך איהם אין די אויגען.

— נו, קום צום טיש, אשר? — רופט די ווייב פון דיינינג־רום.

— יעס, לאה׳לע, — ענטפערט דער מאַן און ער געפינט זיך א מאָמענט אונטער דעם איינדרוק אז ער האָט טאקע א דזשאב, און אז ער איז דאָס היינט געקומען אהיים פון דער ארבייט.

דער מאַן געהט אריין אין עס־צימער, פארנעמט זיין אָרט. די ווייב שווייגט, איהר שווייגען מאכט איהם ווייטער צו פיהלען זיך אָפּהענטיג און געפאלען. ער קוקט אָן מיט א זייטיגען בליק זיין ווייב, עפּעס אזא שטיל געזיכט, עפּעס אזא פארשוויגענע... אזא שווערקייט, א שטומע שווערקייט ליגט ווי אויסגעשפּרייט אויף איהר געזיכט, און דער מאַן דערפיהלט זיך נאָך מעהר אָפּהענדיג, נאָך מעהר געפאלען.

מאַן און ווייב עסען סאַפּער.

עס איז שטיל ביים טיש... שווער שטיל, עפּעס נאָר ווי א טויטער אָדער א געפעהרליכער חולה וואָלט זיך אין שטוב געפונען.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס? — רייסען איבער די שווערע שטילקייט די ווייב׳ס ווערטער — אזעלכע קאלטע, אזעלכע שווערע ווערטער.

— גאָרנישט — ענטפערט דער מאַן איין וואָרט. אזא איינ־געקאָרטשעט וואָרט, אזא שרעקעדיג וואָרט, אזא קראנק וואָרט.

— ניטאָ גאָרנישט?

— דערוויילע גאָרנישט.

— געווען וואו? געזוכט? נאָכגעפרעגט זיך?

— נו, וואָס דען, געטאַנצט האָב איך? — איז קענטיג שווער דעם מאַן צו רעדען.

— דאָ אָן אויסקוק אויף עטוואָס?

— איך וועל קריגען ארבייט, — ענטפערט דער מאַן.

די ווערטער זיינען ניט קיין שלעכטע... אָבער דער טאָן איז א שלעכטער. אין טאָן פיהלט זיך ניט קיין זיכערקייט... פארלירען

די ווערטער זייער וועזען, מאכען די ווערטער גאָר קיין שום איינ־דרוק ניט אויף לאה׳ן, און עס איז ביים טיש שווער און שטיל ווי פריהער.

ווילט זיך אזוי שטארק, אזוי שטארק דעם מאַן זאָגען עפּעס א גוטעס, א צערטעל־וואָרט דער ווייב, עפּעס א וואָרט, וואָס זאָל איהר שווער געמיט כאָטש מיט א שוואַכען שטראהל פון האָפנונג באלייכטען... אָבער וואָס זאָגט מען ?... וואָס רעדט מען ?...

ניטאָ וואָס צו זאָגען.

עסט דער מאַן, עסט און שווייגט.

און די ווייב שווייגט אויך.

עסט דער מאַן און נעמט ארײנקוקען אין זיין צייטונג. עס טראַכט זיך דעם מאַן, אז אפשר וועט ער זיך אָנשטויסען אויף עפּעס אין דער צייטונג, אויף עפּעס, וועגען וואָס ער זאָל קענען א וואָרט אויסריידען... ווייל ער וויל אזוי ריידען, ווייל דער שווייגען מוטשעט איהם. אָבער אביסעל האָט ער אויך מורא פאַר אָנהויבען ריידען; ער האָט מורא אז דער ריידען זאָל ניט ארויספיהרען אויף א געשפּרעך וועגען סלעק, וועגען דעם וואָס ער האָט ניט קיין אר־בייט, וואָס ער קען ניט געפינען קיין דזשאַב... פאַר אזאַ מין ריידען האָט ער מורא. פאַר אזאַ מין געשפּרעך ציטערט ער... קוקט ער אריין אין צייטונג, לעזט ער, אז א סך מענשען, זעהר א סך, געהן ארום ליידיג... וויל ער וועגען דעם נעמען ריידען... ווייל דאָס וואָס ער איז ניט דער איינציגער, דאָס וואָס א סך געהן ארום ליידיג, נעמט עפּעס פון איהם ווי ארונטער טיילווייז די שולד... וויל ער שוין נעמען ריידען, האָט ער ד אָ ך מורא, ווער ווייסט צו וואָס דער ריידען קען פיהרען ? בעסער ניט ריידען וועגען דעם, לעזט ער ווייטער... לעזט ער, אז דער וועלט דראָהעט די געפאהר פון א נייער וועלט־מלחמה...

„א געשפּרעך וועגען מלחמה — טראַכט דער מאַן — האָט דאָך גאָר ניט צו טאָן מיט דעם ענין פון סלעק און פון דזשאַב־זוכעניש“. און ער לאָזט זיך הערען :

— זאָל גאָט אָפּהיטען !

— וואָס איז ? — הויבט אויף די ווייב די אויגען.

— מלחמה!

— וואָס הייסט מלחמה?

— עס הייסט אַז עס קען גאָר אין גיכען אויסברעכען אַ צווייטע מלחמה... ווייטער אַ וועלט-מלחמה.

לאה׳ן אין קאָפּ שפּאַרט זיך גלייך אריין אַ געדאַנק אַז איהרע קינדערלאַך זיינען נאָך זעהר יונג, דאָס עלטערע קינד איז אַ באַר־מיצוה פון אַ יאָהר פיר, און דאָס צווייטע קינד איז נאָך גאָר אַ בייבי, וועלען איהרע קינדער אין דער מלחמה ניט געהן. נו, וואָס־זשע האָט זי מורא פאַר מלחמה? בלייבט זי שווייגען, און דעם מאַנ׳ס ריידען איז עפּעס אויסגעקומען ווי אַ ברכה לבטלה... עפּעס האָט ער געזאָגט, נערעדט, און די ווערטער זיינען ווי אין וואַסער אריינגעפאַלען. פיהלט דער מאַן עפּעס ווי פון מויל וואָלט איהם אַ פּוסט־קייט ארויסגעקראָכען, פיהלט ער זיך ניט באַפרידיגט... צו דער זעלבער צייט איז ער אָבער באַרוהיגט, וואָס דער דערמאָנען וועגען מלחמה האָט ניט ארויפגעבראַכט אויף דעם ריידען וועגען אַרבייט. נאָר דאָ לאָזט זיך די ווייב הערען:

— ווען עס איז געווען די מלחמה, איז פונדעסטוועגען געווען אַ סך אַרבייט. מען האָט פאַרדינט און געמאַכט אַ לעבען.

עס פאַלט דעם מאַן אין הארצען איין, און ער קוקט האַסטיג אין צייטונג אריין... ער זוכט אין איילעניש עפּעס אַן אַנדער שטיקעל „נייעס", וועגען וואָס ער זאָל קענען נעמען ריידען, כדי ניט צו ריידען מעהר וועגען מלחמה... און דער מאַן האָט שוין ווייטער עפּעס געפונען און ער לאָזט זיך ווייטער הערען!

— אוי, וועה איז מיר... אוי, אַן אומגליק!

קוקט די ווייב אָן איהר מאַן מיט אַ פראַגע־צייכען. עס הייסט, זי פרעגט בלויז מיט די אויגען, פרעגען מיט ווערטער געפינט זי נאָך דערווייל ניט פאַר נויטיג, און דער מאַן לאָזט ארויס פון מויל נאָך אַ וואָרט, אַ וויכטיגען וואָרט:

— אַ שרפה!

— אַ שרפה? — פרעגט איבער די ווייב — וואו?

— דאַון־טאַון. אַ טענעמענט הויז אָפּגעברענט.

וואָס די שרפה איז געווען דאַון־טאַון בארוהיגט אביסעל דער ווייב, ווייל זי וואָהנט אין די בראנקס, ווייט פון דאַון־טאַון.

— צוויי קליינע קינדער אומגעקומען — לאָזט דער מאַן ארויס פון מויל נאָך עטליכע ווערטער, נאָך וויכטיגערע ווערטער ווי פריער.

— אוי, א בראָך! — דערשרעקט זיך די ווייב, דערשרעקט זיך די מאַמע פון די צוויי קליינע קינדער. זי לויפט אוועק אין שלאָפ־צימער, וואו די קינדער ליגען אין די בעטלאך און שלאָפען שוין. באַלד קומט זי צוריק א בארוהיגטע. די קינדער זיינען גאנץ. זיי שלאָפען.

דער מאַן זוכט שוין אין זיין צייטונג נאָך עפּעס וועגען וואָס צו ריידען. ווען די ווייב לאָזט זיך הערען:

— נו, וואָס דען, ווען מען איז ארימע־לייט און מען וואָהנט אין ביליגע טענעמענט הייזער, איז מען מיט'ן לעבען אויך ניט זיכער. און וואָס איז דאָ, אונזער הויז? אויך א חורבה... זאָל די בייזע שעה ניט זיין, מען קען דאָ אויך אומקומען. ווען דו וואָלסט כאָטש געמאכט א לעבען, וואָלט מען אפשר געפּרואווט ארייננמופען אין א לייטישערע דירה. נו, געהסטו דאָך ארום שלינג און שלאַנג, און אפילו פון אָט דער חורבה וועט מען אונז מסתמא אויך איינ־גיכען ארויסוואַרפען דרויסען...

דער מאַן קאָרטשעט זיך צוזאמען, ער פּארטיפּט זיך אין צייטונג. מיט'ן קאָפּ, מיט'ן גאנצען פּנים טוט ער זיך אין דער צייטונג אריין... ער זוכט שוין אָבער ניט מעהר צו געפינען וועגען וואָס צו ריידען... ער וויל זיך באהאלטען. ער וויל אנטרונען ווערען אין דער צייטונג.

די פרעהליכע בשורה...

דער סאַפּער איז שוין פון לאַנג אָן פאַרטיג, דער טיש איז גע־גרייט, נאָר מען וואַרט מיט דעם עסען, ביז דזשוליום וועט אהיים קומען. אָבער דזשוליום האָט זיך דאָס מאָל עפּעס פאַרשפּעטיגט.

דזשוליום, א בחור פון א יאָהר צוואַנציג, איז דער אינגסטער זוהן ביי זיינע עלטערען. אַן עלטערער זוהן און אַן עלטערע טאָכ־טער זיינען שוין פאַרהייראַט, האָבען שוין זייערע היימען. אמאָל איז געווען טומעלדיג אין הויז. געווען נאָך א זוהן, געווען א טאָכ־טער. צו דער טאָכטער פלעגט איהר חתן אַרויפקומען, צו דעם עלטערען זוהן פלעגט זיין „מיידעל" אַרויפקומען. צום טיש צו די מאָלצייטען פלעגט מען אָפט זיצען זאַלבע־זיבעט. איצט זיינען אין דער פאַמיליע בלויז דריי פאַרבליבען, — פאָטער, מוטער און דזשו־ליום, זייער אינגסטער זוהן, זייער „בייבי". איז עפּעס אומעטיג דעם טאַטען און דער מאַמען צו זעצען זיך ביים טיש אליין אָהן דזשו־ליום'ן. וואַרט מען אָפּ מיט דעם עסען, ביז ער וועט קומען.

דזשוליום איז א היימישער בחור'על, פּאַסירט זעהר זעלטען, אז ער זאָל פאַרפעהלען קומען אהיים צו סאַפּער. איבערהויפּט איצט, ווען ער אַרבייט ניט און פאַרדינט ניט א סענט, האַלט ער זיך אָפּ פון אַריינצוגעהן אין א רעסטאָראַן. קומט ער אַלעמאָל אהיים עסען אין צייט. נאָר דאָס מאָל האָט ער זיך פאַרשפּעטיגט. וואַרטען טאַטע־מאַמע. ווען עס געהט אַריבער א האַלבע שטונדע, א גאַנצע שטונדע און דזשוליום איז נאָך אַלץ ניטאָ, ווערען זיי שוין אומ־רוהיג.

— וואָס קען זיין, וואָס דזשוליום קומט ניט? — פרעגט די מאַמע, פרעגט מיט א שווערקייט אויפ'ן האַרצען.

— וועט מסתמא באַלד קומען, — ענטפערט דער טאַטע כלומרשט געלאַסען, אָבער טיף אין האַרצען פיהלט ער זיך שוין אויך אומרוהיג.

דזשוליוס איז א גוטער, פעהיגער ארביטער, אבער אין זיין „טרעיד״ האָט אויסגעבראכען א מורא׳דיגע ארבייטסלאָזיגקייט, עס איז שוין העכער א יאָהר צייט, ווי ער געהט ארום אָהן ארבייט. יעדען פריהמאָרגען אין דער וואָך געהט ער זוכען ארבייט, און יעדען אבענד קומט ער אהיים אן ענטוישטער, א פארביטערטער, ווייל ער געפינט גאָרנישט.

— אפשר האָט ער געקראָגען א דזשאב, און ער איז ערגעץ געבליבען ארבייטען ? — באַמערקט די מאַמע.

— אפשר, — ענטפערט דער פאָטער. אָבער ביידע גלייך גלויבען זיי ניט, אז עס איז טאַקע אזוי.

יעדען טאָג קומט דזשוליוס אין דעם אָפיס פון זיין יוניאָן, אזוי ווי עס קומען אנדערע ארבייטסלאָזע, און ער פרעגט, אזוי ווי עס פרעגען אלע אַנדערע ארבייטסלאָזע, אויב עס איז דאָ אן אויס־קוק אויף עפּעס א דזשאב, און אלעמאָל ענטפערט מען, אז עס איז ניטאָ און ניטאָ. מיט א צייט צוריק האָט מען איהם יאָ געגעבען כמעט ווי א צוזאָג, אז אין יענעם און אין יענעם שאָפּ וועט זיך וואהרשיינליך „אָפּליידיגען״ א מאשין, און ער וועט קריגען דעם דזשאב. אָבער עס איז שוין א מעשה פון עטליכע וואָכען, און אפנים, אז אין יענעם שאָפּ האָט זיך פאָרלויפיג קיין מאשין ניט „אָפּגעליידיגט״, ווייל דערווייל האָט מען איהם פון דער יוניאָן צו דער ארבייט ניט געשיקט.

טאַטע־מאַמע ווייסען וועגען דעם פארשפרעכען, וואָס די יוניאָן האָט געגעבען זייער זוהן, און די מאַמע לאָזט פאַלען א באַמערקונג :

— אפשר האָט מען איהם פון דער יוניאָן געשיקט אויף א דזשאב ? מען האָט דאָך איהם צוגעזאָגט.

— אפשר, — גיט א מורמעל דער פאָטער. אָבער עס איז קענ־טיג, אז ביידע גלויבען דאָס ניט.

דזשוליוס איז געקומען, און ער איז אריין אין הויז אזא אויפגעלייגטער, אזא פרעהליכער.

— איך האָב א סטעדי דזשאב געקראָגען, איך האָב געארבייט ! — האָבען אָפּגעקלונגען איבער׳ן הויז בלויז עטליכע ווערטער, אָבער

א ים מיט פרייד, א ים מיט שטאַלצקייט איז אין אַט די עטליכע ווערטער געלעגען. דער אומעט, וואָס איז געהאַנגען איבער דער גאַנצער הויז זינט דזשוליוס האָט פאַרלאָרען דעם דזשאַב און איז ארומגעגאַנגען ליידיג, איז איצט מאָמענטאַל פארשוואונדען, א שטילע פרייד האָט זיך געליכטיגט אין יעדען ווינקעלע. אויך טאַטע־מאַמעס געזיכטער האָבען אויפגעלויכטען, פרייער האָבען זיי ביידע אָפגעאָטעמט.

— א סטעדי דזשאַב און שוין געארבייט! — האָט דזשוליוס נאָכאמאָל געלאָזט הערען די עטליכע טייערע, גאָלדענע ווערטער.— איך האָב שוין געארבייט!

— טאַקע פון דער יוניאָן געשיקט? האָט די ווי־פון־דאָס־ניי געבאָרענע מאַמע געפרעגט.

— יעס, פון דער יוניאָן.

— טאַקע דעם דזשאַב, וואָס מען האָט דיר צוגעזאָגט?

— יעס, מאַמע.

— א רעכטער דזשאַב? — האָט די מאַמע ניט אָפּגעלאָזען איהר זוהן, — עפּעס א רעכטער דזשאַב?

— לאָז איהם אָפּ, — האָט זיך דער טאַטע גוטהארציג אָנגע־בייזערט אויף דער מאַמען. — לאָז איהם אָפּכאַפּען דעם אָטעם. לאָז איהם איבערטאָן זיך, ארומוואַשען זיך. לאָז איהם אָפּ א ווײַלע.

— נו, געה, געה, מיין קינד, טו זיך איבער, וואַש זיך ארום, ווּעלען מיר עסען סאַפּער, — האָט זיך דער מאַמעס הארץ געצווייגען מיט ליבע צו איהר זוהן.

עס האָט לאַנג ניט גענומען, און ביים געגרייטען טיש זיינען געזעסען דריי גליקליכע מענשען, פאָטער, מוטער און דער זוהן, וועלכער האָט נאָך א לאַנגער, ביטערער, האָפנונגסלאָזער סלעק ענד־ליך א דזשאַב געקראָגען. פאָטער און מוטער האָבען געברענט פאַר נייגעריגקייט צו דערוויסען זיך וואָס מעהר וועגען דעם זוהנ׳ס דזשאַב. אָבער ניט ביי דעם טאַטען און ניט ביי דער מאַמען האָט געכאַפּט הארץ איבערצושלאָגען דעם זוהנס עסען, זיי האָבען גע־שוויגען. עס איז אָבער געווען אזא פריידיגער, אזא גליקליכער שווייגען.

— איהר הערט, — האָט דזשוליום דער ערשטער די שטילקייט איבערגעריסען. — איהר הערט, איצט וועל איך אייך דערצעהלען.

— האָב צייט, — האָט די מאַמע איהם איבערגעשלאָגען. — עס אָפּ, רוה זיך אָפּ א ווײלע, וועסטו דערצעהלען. עס וועט ניט אנטלויפען.

האָט אָבער דזשוליום שוין אָנגעהויבען צו ריידען, האָט ער שוין ניט געוואָלט סטאָפּען, און ער האָט ווייטער דערצעהלט:

— ווי עס קוקט אויס, וועל איך האָבען זעהר א גוטען דזשאָב און טאַקע אויף א לאַנגער צייט, ווייל אין שאַפּ איז מען זעהר ביזי. דער באָס האָט דערזעהן מיין ארבייט, איז ער גלייך פאַר מיר א פאַר־ברענטער געוואָרען. איך האָב געזעהן, אז ער קען זיך זאָט אויף מיין ארבייט ניט אָנקוקען.

— וואָס אמת, איז אמת, — האָט דער טאַטע מיט א שטאָל־צער פרייד דעם זוהן איבערגעשלאָגען. — אַן ארבייטער ביזטו א טייערער.

— קיין בייז אויג זאָל איהם ניט שאַדען, — האָט געשטראַהלט דער מאַמעס געזיכט, — מיר פאַר זיין קאָפּ!

— נו, גענוג, גענוג שוין דיר, — האָט דער פאָטער איבערגע־שלאָגען דער מוטער און זי מיט אזוי פיל ליבע און צערטליכקייט אָנגעקוקט.

— אונזער יוניאָן „מינימום סקעיל” ווייסט איהר דאָך, — איז דזשוליום אָנגעגאַנגען מיט זיין פריידיגער געשיכטע. — איך וועל אָבער קריגען מעהר ווי דעם מינימום. דער באָס האָט מיר גלייך וועגען דעם געגעבען אָנצוהערען.

טאַטע און מאַמע זיינען געזעסען יום־טוב׳דיגע, מיט פריידיגע הערצער געשלונגען דעם זוהנ׳ס יעדען וואָרט, און דזשוליום האָט ווייטער דערצעהלט:

— עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס דער באָס האָט זיך מיט מיר אזוי דערפרעהט. פריהער איז ביי דער זעלבער מאַשין געזעסען א מאַן, וועלכער האָט כמעט ווי אומזיסט אַן אָרט פאַרנו־מען אין שאַפּ. ער איז שוין געווען אַן אלטער מאַן, אַן אויסגעאַרביי־

טער. דער באָס האָט שוין לאַנג געוואָלט פון איהם פּטור ווערען. און דאָ האָט דער באָס מיך דערזעהן. ער האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט.

די מאַמע איז נאָך אַלץ געזעסען אַ פאַרגאַפטע אין פרייד. אָבער דעם טאַטענס געזיכט האָט זיך פּלוצלינג פאַרענדערט, דער אויסדרוק פון פרייד אין זיין געזיכט איז פאַרשוואונדען. עפּעס אַ אומעטיגער איז ער פּלוצלינג געוואָרען. איז עס קענטיג געווען, אַז אַ דריקענדע שווערקייט האָט זיך דעם מענשען אויפ'ן הארצען אוועקגעלייגט.

דזשוליוס'עס פאָטער איז געווען אַ איד שוין אין די הויכע פופציגער, אַ איד מיט אַ ווייסען קאָפּ. ער האָט פאַרנומען אַ שטעלע אין אַ געוויסער וואהלטעטיגער אינסטיטוציע, וואו ער איז געווען באַשעפטיגט שוין זייט צעהנדליגער יאָהרען. ווען ער איז געווען אינגער, איז ער געווען זעהר ענערגיש אין זיין ארבייט. ער האָט שטענדיג געהאט דעם באוואוסטזיין, אַז די אינסטיטוציע נויטיגט זיך זעהר שטארק אין זיינע לייסטונגען, און ער איז אַלעמאָל געווען אַזאַ שטאָלצער, אַזאַ צופרידענער מיט זיך.

זיינען יאָהרען געלאָפען און געלאָפען, אין אָפיס פון דער אינ־סטיטוציע האָבען זיך כסדר באוויזען נייע אָנגעשטעלטע, יונגע־לייטלאך, אַזוי ווי ער אליין איז אמאָל געווען. איהם האָט זיך גענומען דאַכטען, אַז די באַלעבאַטים פון דער אינסטיטוציע הויבען אָן אויף איהם צו קוקען ווי אויף אַן איבעריגען, ווי אויף אַן אויס־געשפּילטען. און דער מענש האָט גענומען זיין מוט פאַרלירען. יאָה־רען זיינען ווייטער געלאָפען, דער שוין עלטערער מאַן האָט גענומען הערען באַמערקונגען, פון וועלכע זיין בלוט פלעגט אין זיינע אָדערען פאַרקילט ווערען.

— יונגע בלוט און נאָר יונגע בלוט מוז מען האָבען אין אונ־זער אינסטיטוציע, — פלעגען באַמערקען די הויפּט־פאַרוואַלטער. און זיי פלעגען דאָס אַזוי זאָגען, אַז ער זאָל דאָס אומבאַדינגט הערען. ער האָט געוואוסט, אַז אַ וואָהלטעטיגע אינסטיטוציע וועט ניט אַזוי גיך וואגען אָפּזאָגען אַן אָנגעשטעלטען, וועלכער האָט אין דער אינסטיטוציע אָפּגעארבייט אַ גאַנצען לעבען, אַז ער איז מיט זיין שטעלע כמעט ווי זיכער. אָבער ער האָט געשפּירט, אַז מען דאַרף איהם ניט, און אַ וואָרים האָט גענעסען זיין האַרץ.

ער איז נאָך באַשעפטיגט אויף זיין שטעלע, אָבער ער ווייס, אז ער איז אן איבעריגער, כאָטש ער ארבייט מיט זיינע לעצטע קרעפטען און פאַסט אויף, אז ער זאָל אומזיסט זיין געהאלט ניט קריגען. ער איז אין אָפּים אלעמאָל א פארגעסענער. מען קערט זיך פון איהם אָפּ. מען שענקט איהם ניט קיין שום אויפמערקזאמקייט. און אלעמאָל ווען ער איז אויף די אויגען, האלט מען אין איין לויבען, אין איין באריהמען די אינגערע, די נייע אָנגעשטעלטע. ער מאכט זיך ניט וויסענדיג, אבער טיף אין הארצען ביי איהם פלאַ־דען זיך שלאַנגען, און א טראַגעדיע איז דעם מענשענ׳ס לעבען.

און דאָ קומט דער יונגער זוהן און דערצעהלט, אז ער האָט דעם אָרט פון אן „אלטען" פארנומען, אז מ׳האָט שוין פון דעם „אלטען" לאַנג געוואָלט פטור ווערען. און דזשוליוס׳עס פאָטער זעהט אין זיינע געדאנקען זיך אליין אין דער ראָלע פון יענעם „אל־טען", וועמעס אָרט זיין זוהן האָט איצט פארנומען, און אזא שווע־רער געפיהל האָט זיין הארץ פארדריקט.

— דער באָס האָט שוין לאַנג געוואָלט דעם אלטען אוועקשי־קען, — דערצעהלט וויטער דער זוהן אזא פריידיגער, אזא גליק־ליכער, — נאָר די יוניאָן האָט אלץ ניט דערלאָזען. אָבער אייביג האָט דאָס ניט געקענט אזוי אָנגעהן. די יוניאָן האָט זיך ניט גע־קענט העלפען. דער אלטער האָט געמוזט געהן.

דער טאַטע האָט נאָך אלץ זיך צוגעהערט צו זיין זוהנ׳ס ריי־דען, אבער ער איז געבליבען זיצען ביים טיש אזא דערשלאָגענער, אזא אומעטיגער.

אויס יום־טוב

מר. באיער האָט דעם פריהמאָרגען גערעכענט ניט צו געהן צו זיין טעגליכער באשעפטיגונג, פארבלייבען אין דער היים, מאכען יום־טוב, אָבער...

מר. באיער איז א לעבענס־פארזיכערונגס אגענט. א מענש איז ער א טעטיגער, א „האָסטלער", ווען עס האנדעלט זיך נאָר וועגען א סענט צו פארדינען, מעג ער זיין ווי מיעד, ווי אָנגעהאָרעוועט, וועט דאָס איהם ניט אָפּהאלטען. ער וועט לויפען, פליען, מעג עס דונערען און בליצען. און דאָס איז ניט דערפאר, וואָס מר. באיער איז א מענש א געלד־גייציגער, נאָר ווייל מען דארף, מען מוז. ער האָט א ווייב מיט קינדער, און ער ווייס זעהר גוט, אז ווען ער וועט ניט ארייגברענגען וויפיל מען דארף, וויפיל עס פאָדערט זיך, וועט איהם קיינער ניט דערגעבען, ניט דערלעגען, און עס וועט איהם אויספעלען.

אָבער מר. באיער איז שוין א איד אין די יאָהרען. די בלאָנדע האָר אויפ'ן קאָפּ זיינען שוין געדיכט מיט ווייסקייט אויסגעמישט. אזוי איז ער נאָך א געזונטער מענש. ער איז, חס וחלילה, אויף גאָר־נישט קראנק. אָבער עס זיינען פאָרט ניטאָ די אמאָליגע יונגע כחות. די פיס לויפען עפּעס ניט אזוי פריי, אזוי האסטיג, ווי אמאָל, ווען מען איז אינגער געווען. עס קומט אויס צו קריכען אויף שטיגען, מוז ער זיך נאָכאנאנד אָפּשטעלען, דעם אָטעם אָפּכאפּען, און טאָמער פארגעסט ער זיך אמאָל, אדער ער דענקט, אז ער האָט זיך פאר־שפעטיגט, און ער מוז זיך צואיילען און ער איילט זיך טאקע צו, פיהלט ער, ווי דאָס הארץ נעמט איהם קלאפּען אזוי מאָדנע האסטיג. און צי עס איז דאָ צייט דערפאר, צי עס איז ניטאָ, מוז ער שוין אָפּוואַרטען א ווײלע, ביז ער כאפּט אָפּ דעם אָטעם און קען א וואָרט אויסרעדען. אוי, עס זיינען פאָרט ניטאָ די אמאָליגע כחות.

אמאָל ווען דער אגענט פלעגט קומען אהיים נאָך א טאָג פון ארומלויפען און קלאפּען אין טירען, אזוי ווי עס פאָדערט זיך ביי זיין פאך, פלעגט ער זיך גאָרניט פיהלען מיעד. און ווען עס איז נאָר געווען וואו אוועקצוגעהן צו עפּעס א מיטינג אָדער אן אונטער־

נעמונג, האָט מען אָפּגעגעסען סאַפּער, און מאַרש פון הויז ארויס. איז אויסגעקומען צו געהן אינאיינעם מיט דער ווייב, האָט מען שוין באַצייטענס באַשטעלט אימיצען צו פאַרבלייבען מיט די קינדער, און מען איז געגאַנגען. איז ניט געווען ווער עס זאָל בלייבען מיט די קינדער, איז באַיער אליין געגאַנגען. וואָס הייסט גאָר זיצען א גאַנצען אבענד אין דער היים? עס האָט זיך ניט איינגעזעסען. די שטורעמדיגע נשמה, די יונגע כחות האָבען ניט דערלאָזען גלאַט אזוי זיך בלייבען אין הויז און זיך אָפּרוהען. ווער האָט דאָס גע־דאַרפט, ווער האָט דאָס געוואָלט רוהען?

איצט, ווען מר. באַיער קומט אהיים פון א טאָג האָרעוואַניע, איז קוים וואָס מען פאַלט אין הויז אריין, כאַפּט מען גלייך פון זיך די שיך ארונטער, מען ווארפט ארונטער אן איבעריגען מלבוש, און, אָדער מען זעצט זיך אריין אין דעם אייביגען „ראָקער", אזוי ווי אן אונטערגעשאָסענער, אָדער מען פאַלט אריין אין בעט, און מען „ציט זיך אויס אויף א ווייַלע, ביז מען וועט געבען סאַפּער צום טיש". און ווען די אידענע רופט און וועקט צום טיש געהן, וואָלט מען שוין מוחל געווען דעם גאַנצען סאַפּער, אבי מען זאָל ניט דאַר־פען אויפשטעהן און לאָזען אזוי רוהען די מיעדע, די פאַרהעלצערטע גלידער.

שוין אזוי פיל יאָהרען, ווי מר. באַיער איז אין זיין יאָך איינ־געשפּאַנט! שוין אזוי פיל יאָהרען, ווי דער אַגענט מעסט די ניו־יאָרקער גאַסען! וויפיל שטיגען דער מענש האָט דאָס פאַר די לאַנגע יאָהרען ארויפגעקלעטערט און ארונטערגעקלעטערט! וויפיל „פּאָ־ליסיס" ער האָט דאָס פאַר זיין קאָמפּאַני געשריבען, און וויפיל טי־רען ער האָט דאָס אָנגעקלאַפּט! זינט ער געדענקט זיך, זעהט ער זיך אלעמאָל אין זיינע געדאַנקען „אָן די גאָו", אלעמאָל זעהט ער זיך ווי ער לויפט, ווי ער יאָגט זיך, ווי ער קלאַפּט אין טירען, ווי ער לויפט א פאַרסאָפּעטער, אייַלענדיג זיך צו זעהן זיך מיט „פּראָס־פּעקטס", דאָס הייסט, מיט מעגליכע קאָסטימער אויף ארויסצונעמען א פּאָליסי. ער זעהט זיך שטענדיג ווי ער האַלט אין איין „מאַכען נייע פּראָספּעקטס", ווי ער רעדט און רעדט און רעדט איין פאַר־שיידענע מענשען צו אינשורען זיך. עס ווערט איהם טרוקען אין האַלז, דער צונג ווערט ווי א פלאָקען, און אלעמאָל, אלעמאָל דאָס־זעלבע. געלאָפען און ווייטער געלאָפען, געזוכט, מיט'ן נאָז די ערד געאַקערט א דאָלער צו פאַרדינען, פּרנסה, פּרנסה, פּרנסה!

עס וואָלט זיך וועלען דעם מענשען אמאָל פיהלען פריי פון דעם יאָך, פון דעם שפּאַן! עס וואָלט זיך איהם וועלען אמאָל געהן אין גאַס, ווי עס געהען אנדערע מענשען, גלאַט געהן און ניט אויסען זיין פּרנסה זוכען. ער וואָלט וועלען אמאָל ארויסשלאָגען פון קאָפּ אָט דעם אייביגען טראכטען וועגען „פּראָספּעקטס", וועגען דער מעגליכקייט צו שרייבען וואו עס איז א פּאָליסי. עס וואָלט זיך איהם וועלען אמאָל פון זיך אליין באפרייען. אָבער מען קען ניט! מען טאָר ניט! וואָס הייסט, מען דאַרף דאָך אין אמעריקא א לעבען מאכען! און וואָס מען ווערט עלטער מיט א יאָהר, ווערט דער שפּאַן שווערער, דער יאָך גרויזאמער. די קינדער זיינען אונטערגע־וואקסען, מען פּאָדערט מעהר און מעהר. אויף אלץ דאַרף דער „אָלד מען" ארייגטראָגען, דער אייביגער „פּאָדריאַטשיק", און דאָ פיהלט דער „אָלד מען", אז עס לאָזען זיך אויס די כחות.

פיהלט מר. באיער, אז ער פאַלט אוועק אין זיין שפּאַן. אָבער וואָס שטאַרקער ער פיהלט, אז אָט־אָט און ער וועט אוועקפאַלען, אלץ שנעלער לויפט ער, אלץ שווערער און ביטערער האָרעוועט ער. טאַקע דער שרעק פאַר'ן אוועקפאַלען, טאַקע די מורא, אז עס לאָזען זיך אויס די כחות, טרייבט אין שפּאַן אריין מיט מעהר און מעהר אימפּעט. אָבער שווער איז באיער'ס לעבען, אוי, ווי שווער!

איז געווען א פריהמאָרגען, ווען מר. באיער איז ניט געגאַנגען וועגען זיין טעגליכער באשעפטיגונג און איז אין דער היים געבלי־בען. מען האָט אָפּגעגעסען ברעקפעסט, דער עלטערער זוהן איז אוועק אין קאַלעדזש, די טאָכטער איז אוועק אין האַי־סקול, און דאָס איינגסטע קינד, א איינגעלע פון א יאָהר אכט, איז אין סקול אוועק. געבליבען אין הויז זיינען טאַטע און מאַמע. די לעצטע האָט גענומען אויפראַמען פון טיש. ער, מר. באיער, דער אגענט, האָט ניט גענומען אָנטאָן זיך צום אוועקגעהן, אזוי ווי ער טוט דאָס יעדען אנדערען פריהמאָרגען, נאָר ער איז געבליבען זיצען אויף זיין אָרט ביים טיש.

האָט די ווייב זיך טאַקע אביסעל געוואונדערט. ווייל אנדערע פריהמאָרגענס ווערט גלייך נאָכ'ן עסען איהר מאַן אזוי שטאַרק ביזי, דאָ זוכט ער די העט, דאָ ווייס ער ניט, וואו ער האָט אוועקגעלייגט זיינע פּאַפּירען, דאָ פעהלט איהם אוים א נאָז־טיכעל, אדער ער כאַפּט זיך נאָר, אז עס איז איהם אויסגעריסען ערגעץ־וואו א קנע־

פעל, האָט ער אין איין וועגדען זיך וועגען זיינע „טראָבעלס" צו זיין ווייב, און נאָר ער שרייט:

— ביילקע (אזוי הייסט זי, זיין ווייב)! ביילקע! וואו איז מיין העמד?

— אוי, ביילקע, א באָטען האָט זיך מיר אויסגעריסען!

— ביילקע, וואו זיינען מיינע פּאַפּירען? איך מוז אוועקלויפען.

ביילקע איז ביזי מיט איהר מאַן, ביז ער געהט פון הויז ארויס.

און אָט היינטיגען פריהמאָרגען איז מר. באיער גאָר געבליבען זיצען אויף זיין אָרט און קוקט זיך אריין אין זיין צייטונג, עפּעס אזוי ווי אויף דער וועלט וואָלט גאָר קיין אנגעטסטווע ניט געווען. וואונדערט זיך ביילקע, נאָר זי שווייגט, ווי איינע וואָלט געטראַכט: לאָמיר נאָר זעהן וואָס דאָ וועט זיין.

אָבער אָט האָט דער אַגענט זיך יע פון זיין אָרט אויפגעהויבען, נאָר אנשטאט צו כאַפּען זיך גרייטען צום אוועקגעהן, איז ער גאָר צוגעגאנגען צום פענסטער און האָט ארויסגעקוקט דרויסען. אין דרויסען איז געווען עפּעס אזוי שלעכט, אזוי מיאוס. עס איז געווען א ווינטער־פריהמאָרגען, אזא וואָלקענדיגער, אזא כמורנער, אזא קאַלט־דעמפּיגער. אין הויז איז געווען עפּעס אזוי ווארעם, אזוי היימליך. דעם אַגענט האָט זיך שטארק געגלוסט דעם טאָג אין דער היים פארבלייבען. באשטימטע וואוהין צו געהן איז ניט געווען, ניט געווען קיין אַפּאָינטמענטס, קיין „פּראספּעקטס", גאָרנישט. עפּעס אזא פּוסטער טאָג אויסגעפאַלען. האָט מר. באיער די האנט פון הארצען ארונטערגענומען: „ער וועט דעם טאָג בלייבען אין הויז. ער וועט זיך אויסרוהען. זאָל אמאָל זיין א שטיקעל יום־טוב". האָט ער זיין געדאנק דער ווייב ארויסגעזאָגט:

— דו ווייסט, ביילקע, איך רעכען דאָך היינט גאָרניט ארויסגעהן. איך בלייב אין דער היים.

ביילקע האָט זיך דערפיהלט אומרוהיג. זי האָט אליין ניט געוואוסט פארוואָס זי האָט זיך אזוי דערפיהלט, נאָר אזוי איז דאָס געווען. א ווייב דערפיהלט זיך אלעמאָל אומרוהיג, ווען דער מאַן, דער ברויטגעבער, וועלכער געהט אלע טאָג צו דער ארבייט אוועק, פארבלייבט פּלוצלינג אין דער היים און געהט גאָר נים צו דער ארבייט. האָט זי געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געשוויגען.

פון זיין ווייבס שווייגען האָט באיער קיין צופיל מוט ניט געקראָגען, האָט ער ווייטער גערעדט:

— דער אמת איז, אז היינט איז ניטאָ ביי מיר וואוהין צו געהן. אָבער טאַקע גאָר ניטאָ. וואָלט איך ארויסגעגאַנגען, וואָלט דאָס געהייסען גלאַט אזוי זיך ברעכען די פיס. און עס איז עפּעס דרויסען דער וועטער אזוי שלעכט. לאָמיר אמאָל זיך מאַכען א יום־טוב.

— נו, מען צווינגט דיך דען? — האָט ביילקע געענטפערט.

ניט באַפרידיגט, זעהר, זעהר ניט באַפרידיגט האָט זיך באַיער געפיהלט פון זיין ווייב'ס ענטפער, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— מאָרגען וועל איך גראָד האָבען א גאַנץ שווערען טאָג אר־בייט. איך האָב מאָרגען א סך ערטער צו באַזוכען. איך האָף, אַז איך וועל מאַכען ביזנעס. טראַכט איך, אז לאָמיך זיך היינט אויס־רוהען. וואָס זאָגסטו, ביילקע?

— נו, רוה זיך טאַקע אויס, — איז ביילקע'ס ריידען געווען מעהר ערמוטיגענד.

— מאַך טאַקע, ביילקע, עפּעס א רעכטען דינער, און זאָל זיין א שטיקעל יום־טוב.

— אָלראַיט, — האָט ביילקע געענטפערט.

— איך פיהל זיך עפּעס אזוי מאָדנע מיעד. איך וועל זיך אָפּ־רוהען א טאָג, וועל איך זיך פיהלען ווי א נייער מענש.

— נו, שור, פאַרוואָס ניט? רוה זיך אויס. אז קיין ביזנעס מאַכען ערוואַרטסטו ניט, צו וואָס איז טאַקע דער ארומשלעפּען זיך? רוה זיך אויס.

באַיער האָט איצט געפיהלט, אז דער ווייב'ס צושטימונג קומט פון איהר טיפען הארצען ארויס. האָט ער זיך דערפיהלט מוטיגער. איז ער געמיטליך אריין אין פראָנט־רום און אָנגעהויבען זיין יום־טוב. ביילקע איז אריין אין קיך און האָט זיך גענומען פאר איהר הויז־ארבייט, און דער אגענט האָט זיך באַקוועם אין דעם ראָקער אריינגעזעצט, עפּעס טאַקע ווי עס וואָלט יום־טוב געווען.

זיצט דער אגענט אין ראָקער, אָבער ער פיהלט זיך עפּעס ניט יום־טוב'דיג. עס ווערט איהם מאָדנע אויפפאַלענד פאר זיך אליי עס קוקט אויס מאָדנע פאר זיך אליין, וואָס ער איז גאָר אין דער היים, גלאַט אזוי זיך אין א גאַנץ פּשוט'ען מיטוואָך. ער דערפיהלט זיך אונהיימליך און עס הויבט איהם פון ראָקער.

מיטאַמאָל דאַכט זיך דעם אגענט, ווי אימיצער וואָלט צו איהם אין סאַמע מאַרך אריינגערעדט:

„וואָס זיצסטו אין דער היים? וואָס פאר א יום־טובים מיטאמאָל? האָסט צופיל פּרנסה, וואָס?"

געפינט זיך שוין דער אגענט קיין אָרט ניט. עס דאכט זיך איהם, ווי די ווענט וואָלטען זיך גערייצט מיט איהם, וואָלטען אזוי ווי חוזק געמאכט פון איהם און אזוי ווי מיט ווערטער גערעדט:

„ביזט פויל, ברודערל!"

ווערט אומרוהיג דער אגענט, אויפ'ן הארצען ווערט איהם שווער, און די ווענט לאכען ווייטער:

„דער עלטער רוקט זיך אָן. עס ווילט זיך אין דער היים זיצען."

ווערט מר. באיער מעהר און מעהר אומרוהיג, און אויפ'ן הארצען ווערט איהם שווערער און שווערער.

עס שפּאָטען ווייטער די ווענט, עס שפּאָט דער סילינג, עס שפּאָט די ארומיגע שטילקייט, און אלץ רעדט אזוי ווי מיט ווערטער:

„דער עלטער לאָזט זיך פיהלען, זוכסטו תירוצים".

די פּיאנאָ, אויף וועלכער די טאָכטער שפּילט, לאָזט זיך אויך הערען און אזוי ווי זי וואָלט גערעדט מיט פאָרוואורף:

„ווילסט דאָך א פּיאנאָ האָבען, האָסט פארגעניגען, ווען די טאָכטער שפּילט. וואָס־זשע שטעקסטו אין הויז? וואָס־זשע פויל־סטו זיך?"

דערזעהט דער טאטע אין זיינע געדאנקען, ווי די טאָכטער קוקט איהם אָן מיט פאָרוואורף. גיט איהם א קלאפּ אין הארצען. ער האָט דאָך אזוי ליב זיין שעהנע, זיין געראָטענע טאָכטער...

* * *

מיט עטליכע מינוטען שפּעטער גיט א קוק ביילקע, זעהט זי, ווי איהר מאן, אן אָנגעטאָנענער, אן איינגעטוליעטער, רוקט זיך צום טיר. האָט זי אויסגעשטעלט א פּאָר אויגען:

— וואוהין איז דאָס?

— צו דער עבודה.

— וואָס חרטה געקראָגען?

— אפשר וועט זיך עפּעס מאכען. מען קען ניט וויסען. גלאָט זיצען אין דער היים איז א קנאַפּער שכל.

האסטיג איז מר. באיער פון הויז ארויס, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט מורא געהאט, אז ער זאָל ווייטער ניט חרטה האָבען.

אוים יום־טוב!

ווען מען רופט ארונטער אין גענעראל־אָפיס

ענני איז געווען א סעילסלעידי (א פארקויפערין) אין א גרויסען רייכען דעפּארטמענט סטאָר, אין דער אָפּטיילונג פאר דאמען־קליי־דער. די ארבייט פון א סעילסלעידי אין א דעפּארטמענט סטאָר, און איבערהויפּט אין דער אָפּטיילונג פאר פרויען־קליידער, איז אן אויסערגעוועהנליך שווערע. א פרוי, ווען זי האַלט אין קויפען זיך א דרעס, איז א געפעהרליכע באשעפעניש. מען דארף צו איהר האָ־בען אן אייזערנע געדולד. און מעג די סעילסלעידי פיהלען, אז עס פּלאַצט איהר די גאַל, טאָר זי זיך ניט פארלירען אויף א סעקונדע. אלעמאָל מוז זי זיך פארהאַלטען צו איהר קאָסטימער צוקער־זיס, און מעג מען פיהלען, אז די פיס בויגען זיך אונטער, טאָר דער שמייכעל פון געזיכט אויף א מאָמענט ניט פארשווינדען. א שווע־רער, א ביטערער שטיקעל ברויט איז צו זיין א סעילסלעידי ביי קליידער פאר פרויען. און ענני האָט אָפּגעארבייט ביי אָט דער מאָ־רודנער, אָנגעשטרענגטער ארבייט פערצעהן יאָהר צייט.

ענני איז געווען איבערגעבען איהר ארבייט. די פּארוואַלטונג האָט געמערקט איהר איבערגעבענקייט, געמערקט דעם אלעמאָל הארציגען שמייכעל אויף איהר געזיכט. האָט מען פון צייט צו צייט איהר איבערגענומען צו א מעהר וויכטיגער אָפּטיילונג אין געשעפט און אויך ביסלאכוויז געהעכערט איהר געהאַלט. ענדליך האָט מען איינגעזעהן, אז ענני וועט זיין א גוטע סעילסלעידי אין דער אָפּטיי־לונג פאר פרויען־קליידער. אין דיזער אָפּטיילונג איז זי טאַקע פאר־בליבען ביז דעם טאָג, ווען מיט איהר האָט פּאסירט דאָס, וואָס איך געה אייך דאָ דערצעהלען.

אין א געוויסען פריהמאָרגען, ווען ענני איז געקומען אין סטאָר צו איהר טעגליכער באשעפטיגונג, האָט מען איהר דערלאַנגט א בריף, וואָס איז געווען פאר איהר איבערגעלאָזען פון דעם הויפּט־אָפיס.

ווען עני האָט געזעהן אויף דעם קאָנווערט, פון וואַנען דער בריף קומט, האָט איהר ש ו י ן א ריס געטאָן אין הארצען, כאָטש זי האָט נאָך ניט געוואוסט, וואָס אין דעם בריף איז געשריבען. דאָס איז געווען דערפאר, ווייל אלע אָנגעשטעלטע אין געשעפט האָבען גוט געוואוסט, אז ווען מען וויל עמיצען זעהן אין הויפט־אָפיס, איז דאָס זעהר א שלעכטער סימן. מען האָט געוואוסט, אז אין הויפט־אָפיס רופט מען ארונטער נאָר דאמאָלסט, ווען מען האָט זיך מיט עפּעס שטארק פארזינדיגט. מען האָט געוואוסט, אז א בריוועלע פון הויפט־אָפיס שמעקט מיט פארלירען דעם דזשאָב, און ווען זי האָט בלויז דערזעהן דעם קאָנווערט און פון וואַנען דער בריף קומט, האָט איהר שוין באַצייטענס אָפּגעריסען אין הארצען.

מיט ציטערענדע הענט האָט עני אויפגעריסען דעם קאָנווערט און אין דעם בריף אריינגעקוקט. דער אינהאלט איז געווען א קורצער. מען האָט איהר בלויז געלאָזט וויסען, אז פונקט צוועלף דעם זייגער זאָל זי ארונטערקומען אין הויפט־אָפיס, ווייל מיסטער טאָמסאָן, דער הויפט־פארוואלטער פון דעם געשעפט, וויל איהר זעהן... ניט מעהר ווי דאָס, אָבער ס'איז געווען מעהר ווי גענוג, אז דער אָרימער עני'ן זאָלען נעמען ציטערען הענט און פיס.

ווען די אנדערע מיידלאך, וועלכע האָבען געארבייט אינאיינעם מיט עני'ן אין איהר אָפּטיילונג, האָבען דערזעהן, ווי איהר געזיכט איז געל געוואָרען, און ווי גרויסע טראָפּענס שווייס זיינען איהר אויף'ן שטערען ארויסגעקומען, איז מען צו איהר צוגעלאָפען און דערשראָקען געפרעגט:

— וואָס האָט געטראָפען, עני? „פאָר גאָד'ס סעיק", וואָס האָט געטראָפען, „וואט העפּענד"?

— א בריף פון „דזשענעראל אָפיס". מיסטער טאָמסאָן וויל מיך זעהן, —האָט עני ארויסגערעדט עטליכע איינציגע ווערטער. זי האָט די ווערטער ארויסגערעדט זעהר שטיל, עפּעס ווי גאָר אָהן א קול, און דאָך האָט זיך אין יעדען וואָרט א שטיקענדע מורא געפיהלט.

עני און אלע ארום איהר זיינען געבליבען שטעהן, ווי פארגליווערטע, ווייל אלע האָבען געוואוסט, וואָס דאָס הייסט, וואָס דאָס באדייט. אָבער באלד האָבען די מיידלאך גענומען צו זיך קומען.

יעס, מען האָט טאַקע געוואוסט, אז וועז דער אַלעמאָל־ערנס־טער, דער אַלעמאָל־קאַלטער, געשעפטסמעסיג־טרוקענער און טויט־ליך־פּראָסטיגער מיסטער טאָמסאָן וויל אימיצען זעהן, איז דאָס אזוי גוט ווי א טויט־אורטייל. אָבער ווען די מיידלאך זיינען אביסעל צו זיך געקומען און אביסעל באַטראַכט זיך, האָט ביי קיינעם פון זיי ניט געלייגט זיך אויפ׳ן שכל, אז א בריף, ווען אפילו פון הויפּט־אָפיס און מעג זיין אפילו, אז מיסטער טאָמסאָן אליין וויל זעהן, איז אָבער אין דעם פאַל גאָר עפּעס אנדערש. עס האַנדעלט זיך וועגען עני׳ן, דאַרף מען שוין וועגען שלעכטס ניט טראַכטען, ווייל וואָס קען מען דען צו איהר האָבען?

מען האָט געוואוסט, אז עני ארבייט אין געשעפט שוין אזוי לאַנג. מען האָט געוואוסט, אז זי איז דאָ זינט זי איז א קינד גע־וועז, אז זי איז ביי די פאַרוואַלטער זעהר אָנגענומען, אז מען שעצט איהר און מען אכטעט איהר. נו, וואָס־זשע דאַרף זי זיך שרעקען? ווען מיסטער טאָמסאָן וויל שוין זעהן, איז טאַקע ביטער ווי דער טויט, אָבער עני האָט פאָרט ניט וואָס צו שרעקען זיך. אַלע טאַקע יע, אָבער ניט זי!

און די אנדערע אָנגעשטעלטע האָבען גענומען טרייסטען און באַרוהיגען די צום־טויט דערשראָקענע עני:

— „אָ, עני דאַרלינג, איט איז נאַטהינג".

— ניטאָ גאָרניט וואָס צו שרעקען זיך.

— ווער־ווער, דו, עני, האָסט גאָרנישט וואָס מורא צו האָבען.

עני האָט געדאַנקט די מיידלאך פאַר זייערע פריינדליכע ווער־טער, געדאַנקט מיט איהר געוועהנליכער צערטליכקייט, מיט איהר שטענדיגען ליבען הארציגען שמייכלען, אָבער איהר הארץ איז גע־בליבען פאַרקלעמט פון א שטיקענדער שווערקייט.

ווען עס איז געקומען די קריטישע שטונדע איז עני ארונטער אין הויפּט־אָפיס. אזוי ווי איינע געהט אויסהערען א טויט־אורטייל. אָט איז זי אין מר. טאָמסאָנ׳ס אָפיס. דער מורא׳דיגער מיסטער טאָמסאָן איז פאַר איהרע סאַמע אויגען. ער זיצט ביי זיין דעסק אריינגעטאָן אין זיינע פּאַפּירען. עני שטעהט מיט א פאַרשטיקטען אָטעם. די קנעכלאך ברעכען זיך איהר אונטער. איבער איהר גאַנצען לייב געהט דורך יעדע ווייַלע דאָס א קעלט און דאָס א היץ...

אין האלז איז איהר אזוי מאָדנע טרוקען געוואָרען, און אין קאָפּ און אין הארצען האָט זי געפיהלט עפּעס אזא שווערע פוסטקייט.

מיסטער טאָמסאָן האָט ענדליך אויפגעהויבען זיינע קאַלטע שאַרפע אויגען, האָט אָנגעקוקט עני'ן. זי האָט געמוזט אָנשטרענגען איהרע לעצטע קרעפטען צו קאָנטראָלירען זיך, דעם ציטערען פון איהר גאַנצען קערפּער כאָטש אביסעל איינגעהאלטען, אז מען זאָל ניט באַמערקען.

אויף מיסטער טאָמסאָנ'ס טויטליך־ערנסטען געזיכט האָט זיך א שמייכעל באוויזען, און עני האָט דערהערט, ווי ווערטער ווערען גערעדט. איהר האָט זיך געדאכט, אז דער ריידען דערטראָגט זיך פון ערגעץ־וואו פון א ווייטעניש. זי האָט דאָך געוואוסט, אז ער מיסטער טאָמסאָן, רעדט דאָס. זי האָט דאָס געוואוסט, ווייל זי האָט געזעהן, ווי ער רעדט. און עני האָט געהערט עפּעס אזעלכע אונערווארטעטע ווערטער:

— עני, איך וויל, אז איהר זאָלט וויסען, אז מיר ערהאלטען פילע בריף פון אונזערע קאָסטימער, אויף וועלכע אייך איז אויס־געקומען צו „וועיטען" (באַדינען), מען שרייבט אונז, אז מען איז מיט אייער „סוירוויס" (באַדינונג) זעהר צופרידען. איהר פאַרלירט קיינמאָל ניט אייער געדולד אזוי ווי דאָס איז דער פאַל מיט די אנדערע אָנגעשטעלטע. איהר זייט אלעמאָל העפליך און פריינדליך. דאָס איז זעהר גוט, עני. מיר שעצען דאָס אָפּ, און איך פיהל, ווי אייך צו באַדאַנקען אין דעם נאָמען פון דער קאָמפּאַני.

א פאַרלאָרענע, א צוטומעלטע האָט עני ניט אויפגעהערט צו מורמלען צומישטע ווערטער:

— „אי טהענק יו... אי טהענק יו... עווער סאָ מאָטש."

מיסטער טאָמסאָן האָט עני'ס האנד געדריקט און מיט א וואונק איהר באַפרייט.

עני איז ארויס פון אָפיס. זי האָט עפּעס ניט געקענט פאַר־נאַנדערקייען, וואָס דאָ איז מיט איהר פאָרגעקומען. זי האָט יע געוואוסט, אז די געפאהר איז אוועק. זי האָט אפילו געשפּירט, אז עס איז ווייט־ווייט אוועק. זי האָט אויך געוואוסט, אז מען האָט איהר דאָ געלויבט. זי האָט געוואוסט, אז זי איז אריבער א גרויסע געפאהר, זי האָט געוואוסט, אז זי האָט עררייכט א כבוד, וואָס זעל־טען ווען אַ סעילעס־ליידי גיט זיך דאָס איין צו עררייכען. זי האָט

געוואוסט, אז זי דאַרף זיך פריַיען, אז זי דאַרף זיך פיהלען שטאָלץ, אָבער פאַר עפּעס האָט זיך איהר ניט געפיהלט אזוי גוט און די שווערקייט וואָס ס'איז איהר אויפן הארצען געלעגען, ווען זי איז פריהער א ווײַלע געגאַנגען אין הויפּט אָפּיס, האָט זיך פון איהר הארצען ניט אָפּגעטאָן.

עני איז אָבער האסטיג געלאָפען צוריק אין דער אָפּטיילונג, וואו זי איז געווען באַשעפטיגט און וואו איהרע חבר'טעס האָבען אין שפּאַנונג אויף איהר געוואַרט, ווען די אַלע אנדערע סעילעס־לעידיס האָבען איהר דערזעהן, האָט מען זי ארומגערינגעלט פון אַלע זייטען און באוואָרפען זי מיט פראַגען:

— וועל?

— „ווהאַט העפּענד" (וואָס איז געשעהן)?

— רעד, עני, שנעלער.

ווי א באַרוישטע איז עני געשטאַנען, א מינוט צייט האָט זי ניט געקענט ריידען, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט אליין ניט געוואוסט, וואָס ס'איז דאָ מיט איהר געשעהן, אָבער באלד איז זי צו זיך גע־קומען און אין איינצעלנע ווערטער, אין א פאַרשטיקטען טאָן האָט זי איהרע גוטע נייס דערצעהלט:

— מיסטער טהאָמסאָן האָט דאָך מיר קאָמפּלימענטען געגע־בען... מען האָט איהם וועגען מיר גוטע בריף געשריבען... מען דאַנקט מיר... מען האָט פון מיר געמאַכט א גאַנצען וועזען.

האָבען אַלע אנדערע אָנגעשטעלטע גראַטולירט דער גליקלי־כער עניִן, אייניגע האָבען זי קושען גענומען און פּלוצים האָט עני אין א פאַרשטיקטען ווײַנען אויסגעבראָכען, ווײַנענדיג האָט זי גע־לאַכט און ס'איז איהר אויפ'ן הארצען גרינגער און גרינגער גע־וואָרען...

א בליק אין פֿאַרשיידענע
ווינקעלאך

●

די עלטערע שוועסטער געהט צו א שדכן

פּאָלי און סאָפי זיינען שוועסטער. פּאָלי איז אַלט א יאָהר אכט און צוואַנציג; סאָפי איז אינגער מיט א יאָהר זיבען, אכט. דיביידע שוועסטער וואוינען אין א צוויי־רומיגער, שעהנער, ציכ־טיגער, מאָדערנער דירה; ביידע ארבייטען זיי אין דעם זעלבען שאַפּ, און פיהרען זיך א שטילען, איינזאמען ארט לעבען.

פּאָלי, די עלטערע שוועסטער, איז אַזא שטילע, אזא באשיי־דענע, אזא צוריקגעהאַלטענע מיידעל; אין איהר געוואוקס איז זי הויך, דאַר, איהר געזיכט, כאָטש א גאַנץ סימפּאַטישער, איז אבער ניט פון יענע געזיכטער, וואָס ציהען צו זיך א מאַנ׳ס אויפמערק־זאמקייט.

סאָפי, די אינגערע שוועסטער, איז שוין א שעהנערע, האָט אין זיך מעהר לעבען, מעהר פרעהליכקייט. אמאָל זינגט זי, אמאָל שפּרינגט זי און נאָר זי קוקט אויף זיך אין שפּיגעל, און נאָר זי פּוצט זיך. לאכט פּאָלי פון איהר שוועסטער, לאכט שוועסטער־ליך, גוטהערציג.

פּאָלי פיהרט די גאַנצע באַלעבאטישקייט: זי קאָכט און קויפט זאכען אין „מארקעט". אויף דער אינגערער שוועסטער קען זי זיך ניט פאַרלאָזען וועגען אזעלכע זאכען. סאָפי, די אינגערע, ווייסט אין איהר טיפען הארצען, אז אָהן דער עלטערער שוועסטער וואָלט זי געוועזן הילפלאָז, זי קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי אזוי זי וואָלט אָהן איהר עלטערער שוועסטער געקענט עקזיסטירען. אָבער צוגעבען, גיט זי דאָס קיינמאָל ניט צו, און ווען פּאָלי זאָגט אמאָל צו איהר:

— דו קענסט דאָך א קאַץ אן עק ניט פאַרבינדען, דו וואָלסט דאָך אָהן מיר פאַרפאַלען געוואָרען.

ענטפערט סאָפי, ענטפערט קאָקעטיש אויף איהר שטייגער:

— ניט געפעהרליך. איך וואָלט אָהן דיר אויך מיין שטעטעל באשטעהן.

ווען די שוועסטער ריידען זיך דורך אזוי, טראכט די אינגערע, אז וואָס וואָלט זי טאקע געטאָן אָהן דער עלטערער שוועסטער?

אָבער אויך פּאָלי, די עלטערע שוועסטער, טראַכט זיך: ווי עלענד זי וואָלט געווען אויף דער וועלט אָהן איהר אינגערער שוועסטער.

* * *

פּאָלי, די עלטערע שוועסטער, האָט גענומען טראַכטען וועגען געהן צו א שדכן. זי האָט אָפּט געלעזען אין די צייטונגען וועגען דעם, אַז מיידלאך געהען צו שדכנים און זיי קריגען חתנים. זי האָט געזעהן אין די זעלבע צייטונגען אדרעסען פון שדכנים און שטילערהייט, אַז די שוועסטער זאָל חלילה ניט דערזעהן, האָט זי גענומען אויסשניידען פון די צייטונגען פאַרשיידענע אדרעסען פון שדכנים. זי פלעגט די אויסגעשניטענע אדרעסען פאַרשטעקען עפּעס אין א זיכערען ווינקעלע אַזוי, אַז די אינגערע שוועסטער זאָל עס ניט געפינען. און אין איהרע פאַרבאָרגענע געדאַנקען האָט זי גע־טראַכט און געפּלאַנעוועט וועגען געהן צו א שדכן.

סאָפי, די אינגערע שוועסטער, האָט דערשפּירט, אַז עפּעס קומט פאָר מיט איהר שוועסטער. פּאָלי האָט ניט בלויז מיט א וואָרט, נאָר, דאַכט זיך, אפילו מיט א וואונק ניט באַטראָגען איהרע געדאַנקען און דאָך האָט סאָפי עטוואָס דערשמעקט, און זי איז איינמאָל צוגע־שטאַנען צו איהר שוועסטער:

— וואָס איז, פּאָלי? — זאָג, וואָס איז מיט דיר?

— וואָס מיינסטו? — האָט פּאָלי אָנגעקוקט איהר שוועס־טער.

—מיט עפּעס באַהאַלטסטו זיך פון מיר!

ווייל פּאָלי האָט זיך געפיהלט שולדיג, איז זי פון איהר שוועס־טער'ס פרעגען אין איהר געזיכט רויט געוואָרען. זי איז אבער גלייך צו זיך געקומען און געענטפערט, גלייך ווי זי וואָלט פון גאָרנישט געוואוסט.

— וואָס הייסט איך באַהאַלט זיך? מיט וואָס זאָל איך פון דיר באַהאַלטען זיך? וואָס פּלאַפּעלסטו, קינד וואָס דו ביזט?

סאָפי האָט זיך אָבער ניט באַרוהיגט, און ווען נאָר זי פלעגט בלייבען אליין אין הויז, פלעגט זי זוכען און נישטערען אין יעדען ווינקעלע... זי האָט אליין ניט געוואוסט וואָס זי נישטערט, וואָס זי זוכט, נאָר אין עטוואָס האָט זי חושד געווען איהר שוועסטער; זי האָט עטוואָס געוואָלט דערגעהן, כאָטש זי האָט ניט געוואוסט, וואָס דער „עטוואָס" איז. ביז איינמאָל האָט זי זיך דאָך אנגעטראָפען אויף דעם אָרט, וואו איהר שוועסטער האָט געהאַלטען איהר פּעקעלע

מיט די אדרעסען פון די שדכנים. סאַפי האָט די אדרעסען איבערגע־קוקט... פארשטאַנען, אז איהר שוועסטער האָט צו טאָן מיט שדכנים... איז זי געוואָרען מאָדנע אויפגערעגט. עס איז איהר געוואָ־רען היימ אין געזיכט, און זי האָט געטראַכט: ווען פאַלי וועט אריין אין הויז, זאָל זי איהר גוט אויסזידלען דערפאר, וואָס זי באהאלט זיך פון איהר.

ווען פאַלי איז געקומען, איז סאַפי אבער פארבליבען שטיל, וועגען איהר אויסגעפינען די שדכנים־אדרעסען. קיין איין־איינציג וואָרט ניט אויסגערעדט. אזוי איז זי אויף ווייטער פארבליבען א פארשוויגענע וועגען דער גאנצער אנגעלעגענהייט.

זונטאג, ווען די צוויי שוועסטער האָבען זייער ברעקפעסט אָפּגעגעסען, האָט פאַלי גענומען זיך אָנטאָן צום אוועקגעהן. זי האָט זיך דאָס מאָל אויסגעפוצט שעהנער ווי אלע מאָל. סאַפי איז געוואָ־רען אויפמערקזאם און פאר עפּעס האָט זי זיך דערפיהלט אומרוהיג.

— סאַפי — האָט פאַלי געזאָגט צו איהר שוועסטער, — איך מוז וואו אוועקגעהן.

— אָלראַיט, — האָט סאַפי געענטפערט.

— וועסטו קענען אליין מאכען דינער? — האָט פאַלי גע־פרעגט.

— איך וועל קענען, — האָט סאַפי געענטפערט קאַלט און פאר׳ברוגז׳ט.

— וואָס ביזטו ברוגז — האָט פאַלי געפרעגט.

— איך בין ניט ברוגז. נאָר — האָט סאַפי ניט דערערעדט.

— וואָס „נאָר", וואָס „נאָרקעסטו" ?

— פארוואָס זאָגסטו מיר ניט וואוהין דו געהסט? — האָט סאַפי גלייך דער שוועסטער אין די אויגען אריינגעקוקט.

— איך וועל דיר שפּעטער דערצעהלען... ווען איך וועל קומען צוריק, וועסטו זיין אין דער היים?

— איך וועל זיין.

פאַלי איז ארויס פון הויז.

סאַפי האָט געטראַכט, אז פאַלי געהט זיך באגעגענען מיט א חתן און דערפאר, וואָס איהר שוועסטער האָט איהר גאָרנישט געזאָגט, איז איהר הארץ פארדריקט געוואָרען פון א געפיהל פון א שווערער עלענדקייט.

פּאָלי איז ניט געגאַנגען זעהן א חתן. עס איז גאָר ניט געווען קיין חתן. זי איז געגאַנגען צו א שדכן.

* * *

פּאָלי'ס געהן זעהען זיך מיט א שדכן איז פאר דער מיידעל געווען א גאַנץ נייע און א גאַנץ שווערע איבערלעבונג. אין איהרע ליבע־טרוימען פלעגט פּאָלי באַגעגענען איהר אויסגעטראכטען און אויסגעטרוימטען געליבטען אויף פארשיידענע אופנים: אמאָל האָט זיך איהר געליבטער צו איהר אנטפּלעקט אין א שעהנעם פּארק, אין א שעהנער זומער־נאַכט; אמאָל האָט זי זיך מיט „איהם" געטראָפען צו א „מואווי"; אמאָל האָט זי איהם באגעגענט צו א מיטינג, צו א לעקציע, אָבער קיינמאָל איז אין איהרע געדאנקען ניט אריין, אז איהר וועט אויסקומען צו טרעפען זיך מיט איהר „באשערטען" דורך דער ארייגמישונג פון א שדכן, און איצט, ווען עס איז געקומען צו דעם, האָט זי געפיהלט אזוי, ווי זי וואָלט געטאָן א זאך, וואָס עס איז ניט שעהן צו טאָן. עס איז איהר געווען שווער און ניט אנגענעם, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט זיך פּאָלי געפיהלט ניי־געריג גערייצט, און אין הארצען האָט איהר שטארק געקלאַפּט.

פּאָלי האָט זיך געזעהן מיט א שדכן און עס האָט זיך ארויס־געצייגט, אז די זאַך איז גאָר ניט געווען אזוי שווער, ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט. דער שדכן איז געווען מיט פּאָלי'ן זעהר פריינד־ליך, און פּאָלי'ן האָט זיך געדאכט אזוי, ווי זי וואָלט דאָ געהאט צו טאָן מיט אן „אייגענעם מענשען". אין זיין ריידען האָט דער שדכן זיך אויסגעדריקט, אז זיין „פליכט" באשטעהט נאָר אין דעם, וואָס ער העלפט ארויס צו שליסן באַקאַנטשאפט צווישען מיידלאַך און בחורים, און אז א דאנק זיין ערפאהרענקייט, אנטוויקלען זיך פון אזעלכע באקאנטשאפטען די איבערגעבענסטע „ליבעס". אָט דער דערמאָנונג וועגען ליבע האָט פּאָלי'ן אינגאנצען בארוהיגט און זי האָט זיך אין דעם שדכן'ס אָפּיס געגומען פיהלען גאַנץ היימליך.

* * *

עס איז געווען אָפּגעמאכט אין דעם שדכנ'ס אָפּיס, אז דעם קומענדען זונטאג, אין דער און דער שטונדע, וועט פּאָלי'ן באַזוכען א יונגערמאַן (א פּארטי), וועלכען דער שדכן וועט צו איהר צושי־קען, און דערביי האָט דער שדכן געגעבען פּאָלי'ן עטליכע פריינד־

ליבע און פּראַקטישע עצות, ווי אַזוי צו באַגעהן זיך מיט דעם צו־געשיקטען יונגענמאַן.

אַז פּאָלי איז אהיים געגאַנגען איז זי געווען אַ שטאַרק צומראָ־גענע, אַ שטאַרק־אויפגערעגטע. אין איהר מוח האָבען זיך מעשים אָפּגעאַרבייט. פאַרשיידענע געדאַנקען האָבען זיך געדרודערט אין איהר מאַרך. די געדאַנקען האָבען זיך עפּעס אַזוי ווי אַריינגעפּלאָנ־טערט איינער אין צווייטען מיט אַזאַ האַסט, מיט אַזאַ אימפּעט. פּאָלי האָט אין איהרע געדאַנקען כסדר געזעהן דעם יונגענמאַן, וועלכער וועט צו איהר קומען. און דער „יונגערמאַן" האָט כסדר זיין געשטאַלט און זיין פּנים געביטען, נאָר אַלע מאָל האָט ער אויסגעקוקט אין איהרע מחשבות אַזאַ אינטערעסאַנטער, אַזאַ סימ־פּאַטישער, אַזאַ שטילער, אַזאַ אַנשטענדיגער. און אָט שטעלט זיך פאַר פּאָלי, ווי „ער" רעדט צו איהר אַזוי ליבליך, אַזוי וואַרעם, ער ווערט מיט איהר גלייך פאַראינטערעסירט, ער גיט איהר צו פאַר־שטעהן, אַז ער קוקט אַרום אויף אַ מיידעל אַ שטילע אַ באַשיידענע, אַ מיידעל וועלכע זאָל זיין אַ גוטע באַלעבאָסטע און אַ געטרייע ווייב. (פּאָלי האָט געוואוסט, אַז אַזאַ מיידעל איז זי אַליין).

אָט שטעלט זיך שוין פאַר פּאָלי, ווי דער יונגערמאַן ווערט שטאַרק פאַרליבט אין איהר. ער לאָזט איהר שוין ניט אָפּ. ער רופט זי אויסצוגעהן מיט איהם. ער נעמט איהר אין אַ רעסטאָראַן, וויל אויף איהר ספּענדען אַ סך געלט, נאָר זי דערלאָזט ניט צו דעם. אָט זיינען זיי אין אַ פּאַרק, ער נעמט איהר אַרום, ער קושט איהר. און אָט שטעלט זיך שוין פאַר פּאָלי, ווי זי האָט חתונה, ווי זי פּיקסט זיך איין אַ שעהנע היים און האַסטיג און ראַשיג שטויסען זיך די געדאַנקען אין פּאָלי'ס מאַרך, און איהר פּנים פּלאַמט און איהר האַרץ צאַפּעלט זיך. נאָר אָט דערזעהט זי אין איהרע געדאַנ־קען איהר אייגענע שוועסטער, זי דערפיהלט אין איהר האַרצען צו איהר אַזאַ וואַרעמע, אַזאַ מוטערליכע ליבשאַפט. און פּאָלי האָט געטראַכט, אַז ווען זי וועט חתונה האָבען און איינפּיקסען איהר ערשטע פאַמיליען-היים, וועט זי אַריינגעמען צו זיך איהר שוועס־טערל. זי וועט איהר אָפּהיטען, ווי די אויגען אין קאָפּ. זי וועט צו איהר זיין אַ געטרייע מאַמע. פאַר עפּעס האָט פּאָלי'ן גענומען וועה טאָן איהר האַרץ פאַר דער אינגערער שוועסטער, און עס האָט איהר פאַרשטיקט אין האַלז.

* * *

ווען פאַלי איז אהיימגעקומען, האָט זי געטראָפען סאָפי'ן א פאַרכמורעטע, א פאַר'ברוגז'טע, און עס האָט איהר נאָך שטארקער גענומען וועה טאָן איהר הארץ פאר דער אינגערער שוועסטער.

— סאָפּעלע — האָט פאַלי גערעדט צו איהר שוועסטער מיט צערטליכקייט — סאָפּעלע, געמאכט דינער?

— געמאכט.

— פאַרטיג?

— פאַרטיג.

— האָסט געגעסען?

— ניין.

— געוואַרט אויף מיר?

— שור, געוואַרט.

— ביזט הונגעריג, סאָפּעלע?

— נו, אודאי בין איך הונגעריג.

— משוגענע, ווער האָט דיר געבעטען אויף מיר וואַרטען? האָסט דאָך געקאָנט אליין עסען — האָט זיך פאַלי גוטהערציג גע־בייזערט אויף איהר אינגערער שוועסטער.

סאָפי האָט גאַרנישט געענטפערט. פאַלי האָט זיך איבערגע־טאָן, ארויפגעכאפּט אויף זיך א שירצעל און גענומען גרייטען דעם טיש. סאָפיע איז געזעסען א שווייגענדיגע, און פאַלי'ן האָט איהר שוועסטער'ס שווייגען געגעסען דאָס הארץ.

פאַלי'ן איז געווען שווער צו דערצעהלען איהר שוועסטער וועגען דעם, וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן. זי האָט געוואוסט, אז פונקט ווי איהר זעלבסט שרעקט דער געדאנק צו פארבלייבען נאָך מעהר עלענד, ווי זי איז, אין פאַל, אז די אינגערע שוועסטער וואָלט חתונה געהאט פריהער פון איהר, אזוי שרעקט זיך אויך די אינ־גערע שוועסטער, אז זי, די עלטערע, זאָל חתונה האָבען. און פאַלי האָט געוואָלט די נייעס אָפּציהען אזוי לאַנג, ווי עס וועט נאָר מעגליך זיין. אָבער ווען די צוויי שוועסטער האָבען זיך אוועקגעזעצט עסען, און סאָפי איז נאָך אלץ פארבליבען א פארכמורעטע, א פאַר־ברוגז'טע, האָט פאַלי שוין מעהר ניט געקאָנט אויסהאַלטען און זי האָט גענומען פריימאכען איהר הארץ:

— פארוואָס ביזטו ברוגז, סאָפי? איך וויל וויסען, פאַר־וואָס דו ביזט ברוגז.

— איך בין ניט ברוגז. וואָס טשעפּעסטו זיך צו מיר?
— איך זעה דאָך אָבער, אז דו בלאָזסט זיך.
סאָפיע האָט ניט געענטפערט.
— ווילסט וויסען, וואו איך בין געווען? — האָט פאָלי גע־פרעגט, און עס האָט איהר גענומען ציטערן אין הארצען.
— וואָס ארט עס מיך וואו דו ביזט געווען?
— איך בין געווען ביי א שדכן — האָט פאָלי שווער אָפּגע־אָטעמט און אָנגעקוקט איהר שוועסטער מיט א מאָדנעם שמייכעל.
— איך האָב פארשטאַנען — האָבען סאָפי'ס אויגען אויפגע־בלישטשעט.
— פארשטאַנען? — האָט פאָלי איבערגעפרעגט.
— יעס, פארשטאַנען.
— ווי אזוי האָסטו דאָס פארשטאַנען?
— פארשטאַנען.
— ווי אזוי? פון וואַנען?
— וויל איך דיר ניט זאָגען — האָט סאָפי גערעדט אין א טראַציגען טאָן.
— זאָג, ווי אזוי.
— איך האָב געזעהן די אדרעסען, וואָס דו האָסט באהאלטען — האָט זיך סאָפי מיט נצחון צולאַכט.
— ווי אזוי האָסטו דאָס אויסגעפונען?
— איך האָב עפּעס געזוכט, האָב איך געפונען — האָט סאָפי מיט אַן אָפּלאַכענדען שמייכעלע אָנגעקוקט איהר שוועסטער.
— נו, וואָס איז, טאָר מען ניט? — האָט פאָלי געזאָגט ארויס־רופענד, איהר קאָפּ אויפגעהויבען — האָסטו ניט באדארפט זוכען און נישטערן, האָסט געקענט פרעגען, וואָלט איך דיר דערצעהלט, און דו דארפסט זיך מיט מיר ניט שפּילען אין ברוגז'ן.
— פליז, לאָז מיך אָפּ! — האָט סאָפי געזאָגט און איז אוועק פון טיש.
—געה עסען! — האָט פאָלי געשריען אויף דער שוועסטער.
— וויל איך ניט!
פאָלי'ס הארץ איז געווען איבערפילט. זי איז ארויס פון טיש, צוגעגאַנגען צו איהר שוועסטער און גענומען ריידען צו איהר מיט געבעט:
— נו, זאָג אליין, וואָס ביזטו אין כעס? דו שניידסט דאָך

מיר מיין הארץ. איך וויל דאָך מיט דיר ריידען. מיט וועמען דען זאָל איך ריידען? וועמען האָב איך דען אויסער דיר? דו שלעכטס! וואָס רייסטו מיר מיין הארץ? זעץ זיך עסען, און איך וועל דיר אַלץ דערצעהלען.

ביידע שוועסטער האָבען זיך צוריק צום טיש געזעצט. ביי פאָלי'ן זיינען די אויגען געווען מיט טרערען פארלאָפען.

— וואָס וויינסטו? — האָט סאָפי געפרעגט.

— איך ווייס אַליין אויך ניט, א משוגענע בין איך — האָט פאָלי געשמייכעלט און אויסגעווישט די אויגען.

— ביזט טאַקע א משוגענע — האָט אויך סאָפי געשמייכעלט, אָבער שוין מיט אזא הארציגען, מיט אזא ריהרענדען שמייכעל.

פאָלי האָט גענומען ריידען שטיל, פארטראַכט, איינציגע ווער־טער, אָבער אין יעדען וואָרט איז געלעגען עפּעס אזא טיפע, אזא ריהרענדע ערנסטקייט.

— איך ווייס ניט, אפשר האָב איך דאָס ניט באַדאַרפט טאָן, נאָר איך האָב גערעכענט: פארוואָס ניט? א סך מיידלאך טוען דאָס. איך לעז וועגען דעם, מען דערצעהלט מיר... האָב איך גערע־כענט: פארוואָס ניט?... מיר קענען רעדען אמאָל ערנסט, סאָפי. מיר זיינען אזוי עלענד, איך, דו, מיר ביידע גלייך, אָבער איך בין דאָך פאָרט א סך עלטער פון דיר, די יאָהרען לויפען, שוועסטערל, און דו זעהסט דאָך, סאָפי, עס ווערט מיר שווערער און שווערער צו ארבייטען... און איך האָב געטראַכט, אז ווען עס זאָל זיך מאַ־כען א פּאַסענדער שדוך, נו, פארוואָס ניט?... גלויב מיר, סאָפּעלע, פון דיר וואָלט איך זיך אין יעדען פאַל ניט אָפּטיילען. מיין היים וואָלט סאַי־ווי־סאַי אַלעמאָל געווען דיין היים, ביז עס וועט קומען אויך דיין צייט און דו וועסט זיך טרעפען מיט דיין אייגענעם פריינד... און ווייטער איז דאָ סאַי־ווי־סאַי נאָך גאָרנישט, אויפ'ן הימעל א יאַריד. אפשר וועט אימיצער קומען, און אפשר גאָר קיי־נער ניט. און דערפאַר טאַקע האָב איך גאָר וועגען דעם ניט געוואָלט ריידען. אָבער איך וויל זיך דען פון דיר מיט עפּעס באהאַלטען? וואָס האָב איך זיך צו באהאַלטען?

— איך האָב זיך טאַקע געפיהלט געקרענקט — האָבען זיך שוין אויך ביי דער אינגערער שוועסטער געשטעלט טרערען אין די אויגען — איך האָב געטראַכט, אז ווען דו פּלאַנעוועסט עפּעס, פאר־וואָס זאָלסטו מיר ניט דערצעהלען?

איצט האָט שוין פּאָלי אַלץ דערצעהלט, וועגען יעדער קליי־ניגקייט און אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם שדכנ'ס אַפּיס האָט פּאָלי ניט פאַרפעהלט צו דערצעהלען. סאָפי איז געווען ווי א פאַרטרונקענע אין אויפמערקזאַמקייט. זי האָט פּשוט געשלונגען יעדען וואָרט, וואָס איז ארויס פון דער שוועסטער'ס מויל.ביידע שוועסטער זיינען געווען אַזוי באַלעבט, אַזוי אויפגערעגט ביי בײ־דען האָבען די געזיכטער כסדר געריטעלט זיך און ביידע האָבען געלאַכט אין א האַלב־היסטערישער פרעהליכקייט.

* * *

ס'האָבען זיך געצויגען לאַנגע, שווערע טעג אין שאָפּ ביי דער ארבייט, און נאָך די טעג זיינען געקומען נעכט פון רוה אין דעם פאַרשטילטען און ציכטיגען אפּאַרטמענט'ל פון די צוויי שוועסטער. פּאָלי האָט געטראַכט און גע'חלום'ט וועגען דעם יונגענמאַן, וועל־כער דאַרף קומען זונטאַג, אבער אויך סאָפי, די אינגערע שוועסטער, האָט שטילערהייט עפּעס אַזוי ווי „בגנבה" געטראַכט און געטרוימט וועגען דעם יונגענמאַן, וועלכען דער שדכן דאַרף צושיקען צו דער שוועסטער.

סאָפי, די פּלוידערקע, האָט זיך אויסגערעדט עטליכע ווערטער. האָט פּאָלי פון די ווערטער פאַרשטאַנען, אַז די אינגערע שוועסטער איהרע טראַכט עפּעס צופיל וועגען דעם „גאַסט", וואָס דאַרף קומען, און ביי דער מיידעל אויפ'ן הארצען האָט זיך אוועקגעלייגט א נייע שווערקייט.

פּאָלי האָט געקוקט אויף איהר אינגערער שוועסטער, ווי אויף נאָך גאָר א קינד. נאָך אָט האָט פּאָלי מיט א זייטיגען בליק באַ־טראַכט איהר שוועסטער. און עפּעס אַזוי ווי פּלוצלונג האָט זי דערזעהן, אַז סאָפי איז שוין א גרויסע מיידעל, אַזא אַנטוויקעלטע און אַזאַ שעהנע. און א נייע אומרוהיגקייט, א נייע שווערקייט האָט זיך ביי דער מיידעל אויפ'ן הארצען אוועקגעלייגט.

פּאָלי האָט געזעהן אין איהרע געדאַנקען א בילד, ווי א שעה־נער יונגערמאַן, צוגעשיקט פון דעם שדכן, קומט צו זיי אין הויז אריין. דער יונגערמאַן באַמערקט גלייך איהר אינגערע שוועסטער; איגנאָרירט איהר,—פּאָלי'ן און ווערט גאָר פאַראינטערעסירט מיט דער אינגערער. פּאָלי האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי סאָפי קאָקעטירט און „פלאָירט" מיט דעם יונגענמאַן, וועלכען דער שדכן האָט פאַר

איהר, — פּאָלי׳ן צוגעשיקט. און פּאָלי האָט אָט אין דער מינוט געפיהלט אין כעס אויף איהר שוועסטער.

פּאָלי האָט פעסט באַשלאָסען, אז ווען דער יונגערמאַן וועט דאַרפען קומען צו איהר, זאָל די שוועסטער ניט זיין אין דער היים. אָט איז שוין די וואָך אריבער. פרייטאג איז אריבער. אָט איז שוין שבת, און מאָרגען דאַרף דאָס שוין געשעהן.

ביי די צוויי שוועסטער אין זייער קליינער דירה׳לע האָט אלע־מאָל געפינקעלט פון ציכטיגקייט. אָבער דערהויפּט איז געווען זי, פּאָלי, וועלכע האָט דאָס אָנגעהאַלטען די ציכטיגקייט אין הויז. דאָס איז געווען פּאָלי, וועלכע האָט גערייניגט, געוואַשען, געשייערט. סאָפי פלעגט אפילו אמאָל יע צוהעלפען דער עלטערער שוועסטער, אָבער זי פלעגט דאָס קיינמאָל ניט טאָן מיט איהר אייגענעם גוטען ווילען, און נאָר דעמאָלט, ווען די שוועסטער פלעגט זיך אויף איהר צושרייען, ווי א מוטער צושרייט זיך אויף א קינד:

— סאָפי, מעגסט מיר אויך אביסעל צוהעלפען. נישקשה, וועסטו וועניגער קוקען אויף זיך אין שפּיגעל. קוק נאָר אָן, ווי דאָס האַלט אין איין פּוצען זיך!

דעמאָלט ערשט פלעגט סאָפי נעמען ארויסהעלפען דער שוועס־טער. אָבער זי פלעגט טאָן איהר ארבייט ניט גערן. נאָר דאָס מאָל איז די אינגערע שוועסטער פּלוצלונג געוואָרען א פייערדיגע באַלע־באָסטע, און זי האָט געפּוצט און גערייניגט די צימער־ען מיט אזא ברען, מיט אזא פליים... פּאָלי האָט דאָס גוט באמערקט. זי האָט געשמייכעלט צו זיך אליין מיט א ביטערען שמייכעל, און זי האָט געטראַכט: „רייניג, פּוץ, גרייט זיך, שוועסטערל, דו וועסט אָבער אין הויז ניט זיין, וועסט זיך מוזען באַצייטענס אָפּטראָגען.״

אָט איז שוין אריבער פרייטאג, אָט איז שוין שבת. און פּאָלי האָט נאָך דערוויי׳ל אפילו מיט א וואָרט ניט דערמאָנט, אפילו מיט א וואונק ניט געגעבען אנצוהערען איהר שוועסטער, אז זי דאַרף ניט זיין אין הויז, ווען צו איהר, פּאָלי׳ן, וועט קומען דעם שדכן׳ס יונגערמאַן.

ווען פּאָלי האָט באַשלאָסען, אז די שוועסטער זאָל ניט זיין אין דער היים, האָט זי געטראַכט, אז ווען עס וועט צו עפּעס קומען, וועט זי גאַנץ איינפאַך זאָגען צו איהר שוועסטער: „סאָפעלע, ווען דער יונגערמאַן וועט קומען, רעכען איך, אז עס איז גלייכער, אז איך זאָל זיין אין דער היים איינע אליין״. און שוין! וואָס איז,

זי דאַרף זיך דאָס אַזוי צערעמאָנירען מיט דער אינגערער שוועסטער?
אָבער ווען עס איז געקומען איהר באַשלוס דורכצופיהרען, איז דאָס אויסגעקומען שווער, מאָדנע שווער. אָט איז שוין פרייטאָג אַריבער, און אָט איז שוין שבת, און פאַלי קען פאַר קיין פאַל פון איהר מויל ניט אַרויסברענגען אָט די עטליכע פּשוט'ע ווערטער, וואָס זי האָט פאַרטראַכט צו זאָגען דער שוועסטער. פאַלי האָט מורא געקראָגען, אַז ווען זי וועט אַזוי ריידען צו דער שוועסטער, קען נאָך דער „קליינער" איינפאַלען איהר אויפצוואַרפען, אַז זי, פאַלי, איז שוין באַצייטענס אייפערזיכטיג: אַז זי, פאַלי, שרעקט זיך, אַז מ'זאָל ביי איהר דעם שדכנ'ס יונגענמאַן ניט אויסכאַפּען. און ווען פאַלי פלעגט אויף דעם פאַרטראַכטען, פלעגט זי באַצייטענס שטאַרק פאַרשעמט ווערען, און עס איז איהר געוועזן שווער, מאָדנע שווער צו ריידען צו דער שוועסטער וועגען דעם גאַנצען ענין.

אָבער אָט איז שוין אויך דער שבת אַריבער. פאַלי מערקט, אַז איהר אינגערע שוועסטער גרייט זיך צו דער מאָרגענדיגער שמחה פונקט אַזוי ווי זי אַליין גרייט זיך, דאַכט זיך, נאָך מעהר. און פאַלי האָט צו זיך אַליין נאָך ביטערער געשמייכעלט. און אָט האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט און גענומען ריידען צו איהר שוועסטער:

— סאָפי, דו דאַרפסט מאָרגען ערגעץ אַוועקגעהן?

סאָפי האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס איהר שוועסטער באַצוועקט מיט איהר פראַגע. האָט זיך איהר געזיכט פאַרדרויטעלט, איהרע אויגעלאַך האָבען אויפגעפינקעלט און זי האָט פון איהר זייט געפרעגט:

— אַנטקעגען וואָס איז דאָס פלוצלונג?

— גאָרנישט... איך מעג דאָך פרעגען.

— שור מעגסטו!

— נו, פרעג איך, נו, וואָס איז, וואָס האָסטו זיך אַזאַ כאַפּ געטאָן?

— איך האָב זיך גאָרניט אַ כאַפּ געטאָן — האָט סאָפי מיט אַ פיל־באַדייטענדען שמייכעלע אָנגעקוקט איהר עלטערע שוועסטער. און דער עלטערער שוועסטער איז געוואָרען ענג אויפ'ן האַרצען, ענג און ניט אַנגענעם.

ביידע שוועסטער האָבען אַ ווײַלע געשוויגען, און די עלטערע האָט ווידער גערעדט:

— נו, איז וועסטו זיין אין דער היים מאָרגען?

— ד ו ו ו י ל ס ט ד אָ ך נ י ט, אַז איך זאָל זיין אין דער היים — האָט סאָפי פּלוצלונג אַזוי מאָדנע און אַזוי ניט־אַנגענעם צולאַכט זיך.

— דו ביזט אַ נאַר און דו האָסט אין דיין נאַרישען קאָפּ נאַרישע און שלעכטע געדאַנקען — האָט די עלטערע שוועסטער אויפגעברויזט, און די אינגערע האָט גלייך אַרויסגעפּלאַצט מיט אָפענע דבורים:

— איך בין שוין גאָרניט קיין נאַר. איך פאַרשטעה אַלץ... עס דאַרף צו דיר קומען אַ יונגערמאַן, ווילסטו ניט, אַז איך זאָל זיין אין דער היים. האָסט מורא, אַז איך וועל איהם ביי דיר אויסכאַפּען.

— איך? איך האָב מורא פאַר דיר, מורא? — איז די עלטערע אויפגעשפּרונגען און געשריען מיט אַן אומנאַטירליכען, קוויטשענדיגען קול — איך? !

— ניין? — האָט די אינגערע שעלמיש איבערגעפרעגט.

— נו, וואָס דען, יע?

— און איך דענק, אַז טאַקע יע — האָט די אינגערע גערייצט זיך מיט פּאָלי'ן.

— וועלל — איז פּאָלי זעהר בלאַס געוואָרען — וועלל, אויב דו רעדסט שוין יע אַזוי, וועל איך שוין זעהן, אַז דו זאָלסט י ע זיין אין דער היים.

— און איך וועל שוין נ י ט זיין. דאַרפסט קיין מורא ניט האָבען.

— וועסט י ע זיין. איך וועל דיך צווינגען — האָט פּאָלי שוין ניט געקענט קאָנטראָלירען זיך — דו וועסט יע זיין!

און אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און די שוועסטער האָבען זיך צוקריגט, אויף מעסערס זיך צוקריגט.

די שוועסטער זיינען ברוגז געוואָרען, מען האָט אויפגעהערט ריידען איינע צו דער צווייטער. און אָט איז שוין זונטאַג. די שוועסטער זיינען נאָך אַלץ ברוגז. מען דרעהט זיך אַרום איבער'ן הויז פאַרכמורעטע, פאַרשוויגענע, און אין דער ציכטיגער, פּינקעלדיגציכטיגער דירה'לע פון די צוויי שוועסטער איז שטיל, אַזוי שווערשטיל געוואָרען.

דער טאָג איז געווען אַ ווינטערדיגער, אַ פאַרוואָלקענטער, אַ כמורנער טאָג, און די צוויי שוועסטער'ס דירה'לע איז עפּעס אַזוי

ווי פאַרטרונקען געווען אין אַ כמורנער, אומעטיגער, שווערער האַלב־טונקעלקייט. אין דער האַלב־טונקעלקייט דרעהען זיך אַרום צוויי שוועסטער, ווי צוויי שאָטענס און עס איז שטיל, אַזוי פּיינליך, אַזוי שווער שטיל.

די שעה, די קריטישע שעה ווען דעם שדכן'ס יונגערמאַן דאַרף שוין אָנקומען רוקט זיך צו אַלץ נעהנטער און נעהנטער. פּאָלי האָט זיך אָנגעטאָן אין איהרע בעסטע קליידער. סאָפי האָט זיך אויך אָנגעטאָן. מ'רעדט ניט איינע צו דער צווייטער מען שווייגט. אבער אָט זעהט פּאָלי ווי די שוועסטער טוט אָן איהר העט און קלייבט זיך, קענטיג, אוועקצוגעהן פון הויז. און וואוהין איז דאָס מיט אַמאָל פאַרשוואונדען געוואָרען פּאָלי'ס גאַנצער כעס, איהר גאַנצע פאַרביטערונג געגען איהר אינגערער שוועסטער?

אָט געהט סאָפי, שווייגענדיג, צום טיר, שווייגענדיג קומט איהר נאָך פּאָלי. עס דאַכט זיך ווידער פּאָלי'ן, אַז איהר אינגערע שוועסטער איז נאָך גאָר אַ קינד, אַ נאַריש, צופּיעשטשעט, אָבער אומשולדיג קינד, פּאָלי'ס האַרץ ווערט פאַרדריקט פון אַ מוטערליכען וועהטאָג, עס ציהט איהר אָפּצושטעלען איהר שוועסטער... כאַפּען איהר קושען און צוזאַמווײנען זיך... נאָר אָט איז שוין סאָפי פון הויז אַרויס, און פּאָלי איז אַזוי אַליין פאַרבליבען, אַליין מיט איהר וועהטאָג אין האַרצען.

געקומען דעם שדכן'ס יונגערמאַן. אַ שעהנער יונגערמאַן איז אין הויז אַריין. אַזאַ פאַרפּוצטער, אַזאַ צירליך־מאַנירליכער. פּאָלי האָט געפיהלט, אַז זי איז זעהר אויפגערעגט, און זי האָט איהרע לעצטע כוחות אָנגעווענדט צו האַלטען זיך רוהיג, געלאַסען און ווירדיג.

דער יונגערמאַן האָט איהר זעהר העפליך באַגריסט מיט אַ פיינעם, מעשה־יענקישען „האַו יו דו?"

— טהענק יו! אַי עם אָלרייט — האָט פּאָלי געענטפערט, אין דער זעלבער סעקונדע האָט זי געפיהלט, אַז זי האָט באַדאַרפט עפּעס אַנדערש ענטפערען. זי איז געוואָרען נאָך מעהר אויפגערעגט.

— איהר זייט דאָך פרייליין פּאָלי זימערמאַן? — האָט דער יונגערמאַן שוין געפרעגט אין אייגפאַכען מאַמע־לשון.

דאָס האָט פּאָלי'ן אביסעל באַרוהיגט, און זי האָט אין אַ רוהיגען טאָן געענטפערט:

— יעס, איך בין פּאָלי זימערמאַן.

— זעהר, זעהר אנגענעם אייך צו קענען.

— א ווארעמקייט איז עפּעס אזוי ווי דורכגעגאנגען איבער פּאָלי'ס הארצען, און זי האָט ווידער געענטפערט:

— טהענק יו!

אָבער אין דעם צווייטען „טהענק יו" איז שוין געלעגען ווע־ניגער אָנגעשטרענגטקייט און מעהר טעם.

דער יונגערמאן האָט געזאָגט זיין נאָמען, און געזאָגט, ווער עס האָט איהם געשיקט.

פּאָלי איז פארשעהמט געוואָרען און זי האָט עפּעס ניט גע־וואוסט, וואָס צו ענטפערען. באלד איז זי אביסעל צו זיך געקומען און אָנגעצייגט איהר גאסט אויף א שטול.

— זיצט, פּליז.

— טהענק יו, פריילין זימערמאן.

דער יונגערמאן האָט זיך געזעצט. ער האָט אָבער ניט אויס־געטאָן זיין אויבערמאנטעל. בלויז זיין הוט האָט ער ארונטערגע־נענומען און אזוי, מיט זיין הוט, שטאָק און אויסגעטאָנענע האנד־שוה אין די הענט, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף דעם אָנגעצייג־טען שטול.

און דער סאמע אָנהויב איז שוין אויסגעקומען עפּעס ניט אזוי ווי פּאָלי האָט ערווארטעט. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אז „דער יונגערמאן" וועט זיך פיהלען פיל היימישער, און ער וועט גלייך אויסטאָן זיין אויבערראָק. און דאָ איז ער גאָר געבליבען זיצען, ווי ער וואָלט געוועז עפּעס אן אגענט, אָדער א „קענוועסער", און ער איז געקומען מיט דעם געדאנק אפצו'פטר'ן א געשעפט און אוועק־געהן... דער ערשטער צווייפעל האָט זיך מיט אזא שווערקייט אויף פּאָלי'ס הארצען אוועקגעלייגט.

פּאָלי האָט אויף א טעציל צוגעטראָגען איהר גאסט פרוכטען, קענדי, „פּעיסטרי" און נאָך אזעלכע נאשערייען און זי האָט שמייכ־לענדיג געבעטען:

— נו, פארזוכט עפּעס.

— טהענקיו, פריילין זימערמאן.

און דער יונגערמאן האָט בלויז א שטיקעל קענדי גענומען.

פּאָלי האָט ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו ריידען, איהר בליק איז געפאלען אויף אן „אש טרעי" וואָס איז געשטאנען אויפ'ן טיש.

דאָס האָט איהר אויסגעהאָלפען און זי האָט געזאָגט צו איהר גאַסט אויף א שפּאַסיגען שטייגער:

— וועלל... מיר... מ י ר דאַ רויכענען ניט, אָבער ווען איהר ווילט פאַררויכענען האָב איך גאָרנישט דאַגעגען.

און ווידער האָט דער יונגערמאַן געענטפערט מיט א „טהענק יו".

פּאָלי האָט זיך ארומגעדרעהט ארום טיש און צוטראָגענער־הייט כסדר איבערגעשטעלט זאַכען. צייטענווייז פלעגט זי מיט זיי־טיגע בליקען אָנקוקען איהר גאַסט, און זי האָט געטראַכט: „וואָס פאַר א שעהנער יונגערמאַן", און עס האָט איהר געקלאַפּט אין הארצען. נאָר אָט האָט זי „אונטערגעכאַפּט" אויך דעם יונגענמאַנס א פּאָר זייטיגע בליקען. אזעלכע „קאַלטע" בליקען. דורך פּאָלי'ס מארך האָט זיך דורכגעריסען א געדאנק, אז זי געפעהלט ניט... און אויפ'ן הארצען איז זעהר שווער געוואָרען.

פּאָלי האָט ווידער מיט א זייטיגען בליק אָנגעקוקט איהר גאַסט. זיין געזיכט איז אזוי קאַלט געווען. א קאַלטער ציטער איז דער אָרי־מער פּאָלי'ן איבער איהר גאנצען קערפּער דורכגעקראָכען.

דער יונגערמאַן האָט עפּעס אזוי ווי ניט ווילענדיג ארויסגעלאָ־זען פון מויל עטליכע סקארבאָווע פראַזען, וועגען דעם וועטער, וועגען פּאָל'ס דירה... די ווערטער, דער טאָן פון זיין ריידען איז אויסגעקומען עפּעס אזוי טרוקען, עפּעס אזוי ווי געצוואונגען, און מיט יעדער מינוט מעהר וואָס דער יונגערמאַן האָט פארבראַכט אין פּאָלי'ס הויז אלץ שווערער און שווערער ענטוישט האָט זיך פּאָלי דערפיהלט.

בלויז עטליכע מינוטען איז דער יונגערמאַן פארבליבען מיט פּאָלי'ן, העפליך, צירליך־מאַנירליך אָבער אזוי קאַלט, אזוי פרעמד איהר „גוט־באַי" געזאָגט. די טיר האָט זיך א הינטער איהם פאַר־מאַכט, פּאָלי איז אליין פארבליבען.

— א וואָך צייט „געוואָלגויעט" זיך... א וואָך צייט געברענט אין שפּאַנונג און אין ערוואַרטונגען. א וואָך צייט אויף עפּעס אויסער־געוועהנליכעס געהאָפט, א וואָך צייט זיסע שעהנע טרוימען גע־טרוימט... און דאָס אלעס האָט זיך געענדיגט אין עטליכע מינוטען, און געענדיגט זיך עפּעס אזוי וואָכעדיג, אזוי קאַלט, אזוי פרעמד — האָט פּאָלי מיט ביטערקייט אליין צו זיך געמורמעלט און זי האָט זיך ארומגעקוקט. אזא שווערע, אזא קאַלטע, אזא האָפּ־

נונגסלאָזע פּוסטקייט האָט איהר אָפּגעענטפערט.זי האָט דערפיהלט ווי עס ציטערען איהר די פּיס. זי האָט זיך געמוזט צוזעצען. און זי איז געבליבען זיצען א ווײַלע מיט צוגעמאכטע אויגען, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט וועלען איבערטראכטען און בעסער באגרייפען וואָס דאָ האָט זיך מיט איהר אָפּגעטאָן.

עס איז געווען שטיל ארום. פּאָלי האָט זיך א כאַפּ געטאָן. וויסט און עלענד האָט אויסגעקוקט דער האלב־פּארדונקעלטער ציר מער. אזא שווערע עלענדקייט האָט פּאָלי קיינמאָל נאָך ניט איבער־געפיהלט.

— „עס וועט גאָרנישט זיין".

— „ניין, ניין, ביזט ניט געפעלען", — האָט די ארומיגע שווערע האלב דונקעלקייט צו דער ארימער פּאָלי'ן ווי מיט גיפטיגע ווערטער געערדט.

פּאָלי האָט געפיהלט אזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט איהר פון זיך אָפּגעשטויסען. עס האָט איהר געשטיקט אין הארצען, גע־שטיקט אין האלז, און זי האָט זיך א ווײַלע געפונען אונטער עפּעס א מאָדנעם איינדרוק; איהר האָט זיך געדוכט ווי די ווענט פון צימער רוקען זיך צו צו איהר פון אלע זייטען... רוקען זיך צו מיט שפּאָט, מיט בייזקייט, און ווילען איהר צודריקען... פּאָלי האָט אויף איהר שטערען אויסגעווישט גרויסע טראָפּענס שוויים.

* * *

שפּעטער איז סאָפי אהיימגעקומען, אריין אין הויז איז פּאָלי'ס איינגערע שוועסטער נאָך אלץ א פארכמורעטע, נאָך אלץ א פאר־ברוגז'טע, נאָך אלץ א פארשוויגענע, אָבער פּאָלי האָט שוין לייגגער ניט געקענט שווייגען, אויפגערעגט, אָבער פול מיט ליבשאפט, האָט זי גלייך גענומען מוטערליך ריידען צו סאָפי'ן :

— נו, משוגענע, וואָס ביזטו אנטלאָפען! וואָס... ווער... ווע־מען! דו נארישע מיידעל... הונדערט שדכנים, טויזענד יונגעלייט וועל איך פאר דיין מינדסטען נאָגעל אוועקגעבען... מעגען זיי אלע געהן אין דר'ערד. ווער דארף זיי... געמאכט זיך אביסעל נאריש... און דו זיי ניט ברוגז, דו הערסט!...

פּאָלי האָט פלוצלונג געכאפּט קושען איהר שוועסטער און ווען זי האָט איהר גוט גוט אָנגעקושט האָט זי געלאכט און געוויינט...

די מאַמע וואַשט די פענסטער

איינמאָל אין צוויי וואָכען וואַשט אוים רחל אַלע פענסטער אין אַלע חדרים פון איהר דירה.

רחל איז א פרוי שוין אין די פערציגער, און א מאַמע איז זי פון פיער ערוואַקסענע קינדער. צוויי טעכטער, וועלכע זיינען די עלטערע קינדער, געהען אין א קאָלעדזש. צוויי זיהן, וועלכע זיינען די אינגערע קינדער, געהען אין „האַי־סקול". דער מאַן רחל'ס איז א שאָפּ־ארבייטער. די פאַמיליע פון זעקס באַוואוינט א דירה פון זעקס צימערען, און עס זיינען דאָ אין הויז צוועלף פענסטער. איינ־מאָל אין צוויי וואָכען וואַשט אוים רחל די אַלע צוועלף פענסטער.

איינמאָל א וואָך נעמט אריין רחל אין הויז א פרוי, וועלכע העלפט איהר אין דער ארבייט פון אויסרייניגען די הויז. די פענס־טער וואַשען וויל אָבער די גערונגענע פרוי ניט. עס איז א דירה אויף דעם פערטען עטאַזש, און די גערונגענע פרוי האָט מורא צו וואַשען די פענסטער, ווייל עס קומט אוים ביים וואַשען ארויסצו־זעצען זיך דרויסען, זיצען אויף די פענסטער־„סילס" און אָנהאַלטען זיך אָן די שויבען־ראַמען. וויל דאָס ניט די פרוי, און זי זאָגט זיך אָפּ פון דעם:

— איך האָב מורא, איך ווער נערוועז; עס נעמט מיר שווינד־לען אין קאָפּ.

ביי אנדערע פון די שכנים וואַשט די פענסטער א מאַן, א רעגעלער פענסטער־וואַשער. ער רעכענט צוואַנציג סענט פאַר א פענסטער, און אויסוואַשען צוועלף פענסטער וואָלט רחל'ען געקאָסט העכער פון צוויי דאָלאַר. זאָגט רחל:

— ניין, איך קען ניט אוועקגעבען צוויי און האַלב דאָלאַר פאַר פענסטער וואַשען. עס איז ניטאָ פון וואַנען צו נעמען.

און רחל וואַשט אַליין די פענסטער.

שבת איז דער טאָג, ווען רחל וואַשט די פענסטער. אַלע אַנ־דערע מלאכות אין הויז טוט זי אָפּ אין די אַנדערע טעג דורך דער וואָך. די ארבייט פון די פענסטער וואַשען לאָזט זי אָבער איבער

אויף שבת, ווייל שבת קומט איהר קיינמאָל ניט אויס צו זיין אליין אין הויז, אזוי ווי דאָס איז דער פאַל מיט די אנדערע טעג דורך דער וואָך. שבת איז ניטאָ קיין קאָלעדזש, ניט קיין סקול, זיינען די קינדער אין דער היים. דער מאַן רחל׳ס איז שבת אויך אין דער היים. ווען עס איז ביזי ביי זיין פּאַק, ארבייט ער שבת א האלבען טאָג, ווייל אזאַ געזעץ איז דאָ אין דער יוניאָן, און רחל׳ס מאַן איז א גוטער, געטרייער יוניאָן־מאַן. ווען עס איז ניט איבעריגס ביזי, ארבייט רחל׳ס מאַן שבת אינגאנצען ניט, ער איז אין דער היים דעם גאַנצען טאָג, און רחל וואַשט די פענסטער נאָר שבת. וואָס פאַר אַן ארבייט איהר ווילט ניט, וועט זי ארבייטען דורך דער וואָך, אָבער ניט די פענסטער וואַשען, ווייל ווען זי וואַשט די פענסטער און זעצט זיך ארויס דרויסען אויף די פענסטער־סילס, וויל זי, אז אימיצער זאָל זיין דערביי אין הויז...

— איך דאַרף ניט, אז אימיצער זאָל מיר העלפען, ניט איך דאַרף און ניט איך וויל דאָס גאָר. נאָר עפּעס, ווען עס קומט אויס צו זיצען דרויסען, עס איז דאָך הויך, האָב איך אביסעל מורא. אָבער ווען איך זעה דורכ׳ן פענסטער, אז אימיצער איז אינעווייניג אין הויז, אַרט שוין מיר דאָס גאָרניט, — אזוי רעדט רחל וועגען איהר וואַשען די פענסטער. און דערפאַר טאַקע איז ביי איהר שבת דער בעסטער טאָג פאר די פענסטער וואַשען, ווייל עס איז דאָ אלע־מאָל אימיצער אין הויז.

די טעכטער רחל׳ס ווילען ניט, אז די מאַמע זאָל וואַשען די פענסטער, וואָס די מאַמע טוט דורך דער וואָך כל עבודות פּרך, וועגען דעם ריידען ווייניג די טעכטער. דאָס קומט אויס ביי זיי נאַטירליך. א מאַמע! דאַרף זי טענדען די הויז. און ווייטער, זיינען דאָך די מיידלאך יעדען טאָג דורך דער וואָך סאַי ווי סאַי אין קאָלעדזש און זיי זעהען גאָרניט ווי די מאַמע טאָפּטשעט זיך אַרום א גאַנצענעם טאָג איבער די זעקס חדרים; און וואַשט, און רייניגט, און מאַכט די בעטען, און קעכעלט, און ביגעלט, און פּרעסט, און צירעוועט זאָקען, און לויפט אין גראָסערי, צום בוטשער, אין גרין־סטאָר, און שלעפּט באַנדלאך, און רייסט זיך די קישקעס. דאָס אלץ זעהען גאָר ניט די טעכטער. מ׳ שטעהט אויף אין דער פריה פון די בעטען, לאָזט מען איבער אלץ אזוי ווי עס איז. מען עסט אָפּ ברעקפעסט, מען לויפט אוועק אין קאָלעדזש. און ווען מען קומט פאַרנאַכט אהיים, איז שוין די הויז אויפגעראַמט און

סאַפּער איז צונעגרייט. קומט דאָס אויס ביי די טעכטער עפּעס אזוי נאַטירליך, אזוי געוועהנליך; אזוי געוועהנליך, אזוי נאַטירליך, אזוי ווי אין דער פריה איז אין דער פריה, און פאַרנאַכט איז פאַרנאַכט. אָבער שבת ווען זיי זיינען אין דער היים, און די מאַמע נעמט וואַשען די פענסטער, ווילען די טעכטער ניט ליידען.

אביסעל ליידען די טעכטער, די קאַלעדזש־מוידען, פון געוויי־סענס־ביסע. עפּעס א מאַמע, און שוין ניט קיין יונגע פרוי, שוין ווייסע האָר דאָ אין קאָפּ... נעמט זי זיך גאָר פּאָר וואַשען די פענס־טער, און זיי, די טעכטער, די אינגערע, די שטאַרקערע, טוען גאָר־ניט, אפילו אין קאַלטע וואַסער א פינגער טונקט מען ניט איין. נו, „טאָרטשערט" אביסעל דער געוויסען און עס פּיהלט זיך עפּעס ניט אנגענעם. אליין א וואַש טאָן א פענסטער! דאָס טאָקע ניט... ניט זיי ווילען דאָס אליין טאָן, ניט די מאַמע וועט זיי לאָזען דאָס טאָן. אָבער פיהלען פּיהלען זיך עפּעס ניט אמבעסטען די טעכ־טער, ווען די מאַמע וואַשט די פענסטער. ווייטער זיינען די טעכטער גלאַט צוויי נערוועזע באַשעפּעניש. און ווען זיי זעהען ווי די מאַמע זעצט זיך ארויס דרויסען, ווערען זייערע נערוון צורודערט. בעטען זיך די צוויי שוועסטער ביי דער מאַמען:

— מאַמע, וואַש ניט די פענסטער.

— ווער דען וועט וואַשען? — פרעגט די מאַמע מוטערליך, גוטהאַרציג.

— זאָל וואַשען די פרוי, — גיט אן עצה די עלטערע טאָכטער.

— נעמסט דאָך אריין יעדע וואָך א פרוי אין הויז. זאָל זי צו־וואַשען די פענסטער.

— שור, — האַלט די אינגערע טאָכטער מיט דער עלטערער,

— זאָל די פרוי וואַשען. „לעט האָר דו איט."

— די פרוי האָט גענוג צו טאָן אָהן די פענסטער, — ער־קלערט די מאַמע.

— וואָלסטו בעסער געטאָן אן אנדער ארבייט, — גיט עצות די עלטערע טאָכטער, — און די פענסטער זאָל זי וואַשען.

— זי וויל אָבער די פענסטער ניט וואַשען. זי וויל ניט.

— פאַרוואָס וויל זי ניט?

— זי וויל ניט. נו, וואָס קען איך זיך העלפען. עס איז דאָך ניט א מאַמע, א פרעמדער מענש. מען קען דאָך איהר ניט צווינגען.

— עס איז דאָ א מאַן, וועלכער וואַשט די פענסטער, — דער־

צעהלט די עלטערע טאָכטער, — עס איז דאָ א „ווינדאָו-קלינער".

— טאַקע? — לאַכט די מאַמע און רעדט איבער דער טאָכ־טער'ס ווערטער. — עס איז דאָ א „ווינדאָו־קלינער". איך ווייס, טעכטערלאַך, איך ווייס, קינדערלאַך. אבער דער ווינדאָו־קלינער בעט צוואַנציג סענט א פענסטער. פאַר צוואַוואַשען צוועלף פענסטער דאַרף מען באַצאָלען כמעט צוויי און א האַלב דאָלאַר.

— וועל, באַצאָלט מען, — מאַכט די עלטערע טאָכטער.

— „טו דאָלארס איז נאָט סאָ טעריבל", — גיט צו די אינ־גערע.

— ווען עס איז דאָ, איז דאָס טאַקע ניט „טעריבל", — רעדט די מאַמע האַלב ערנסט, האַלב שפּאַסיג. — עס איז אָבער ניטאָ, קינדערלאַך... דער איינציגער, וואָס ער טראָגט אריין די עטליכע דאָלאַר אין הויז, איז דער טאַטע. מיר אַלע, קינדערלאַך, האַלטען אין איין נעמען געלט. אָבער דער שאָפּ, וואו דער טאַטע ארבייט איז ניט קיין קוואַל, די דאָלאַרס שעפּען זיך ניט...

אויף דעם האָבען שוין די טעכטער ניט וואָס צו ענטפערען, און זיי בלייבען פארשטילט. נאָר איבער דעם, וואָס די מאַמע וואַשט די פענסטער איז פאַר די מיידלאַך דער שבת א טאָג פון אָפּקומעניש.

רחל'ס מאַן איז אויך ניט איבעריגס באַגייסטערט פאַר דעם, וואָס זיין ווייב וואַשט אליין די פענסטער. ער פיהלט זיך עפּעס אויך אומרוהיג און ער האָט שוין א סך מאָל גערעדט צו איהר:

— אָבער טאָמער, רחל, וואָלסטו פאַרט גענומען א מאַן אז ער זאָל אויסוואַשען די פענסטער?

— צוויי און האַלב דאָלער, — ענטפערט רחל, — צוועלף פענסטער, צוואַנציג סענט א פענסטער, צוויי און א האַלב דאָלאַר דאַרף דאָס קאָסטען. ווייסטו פון דעם, מיין מאַנעלע?

— נו, ווי מיט די צוויי און א האַלב דאָלאַר אזוי אָהן דעם.

— געה, געה, — מאַכט רחל אוועק מיט די הענט אויף איהר מאַן, — דו ווייסט דען וואָס דו רעדסט? דו ווייסט דען פון עפּעס א רעכענונג? אז עס איז ניטאָ, איז עפּעס דיינע דאגות?

— אָבער איך קען ניט ליידען ווי דו וואַשט די פענסטער. עס רייסט מיר אויף דער קאָפּ מיינער, — באַקלאָגט זיך רחל'ס מאַן.

— ד י ר רייסט אויף דער קאָפּ, ד י ר?—קוקט אָן רחל איהר מאַן, שמייכעלט און קוועטשט מיט די פּלייצעס, — א י ך וואַש די פענסטער און איהם רייסט אויף דער קאָפּ!

— איך קען ניט לײדען װי דו זעצט זיך ארוים דרױסען.
— קוק נאָר אָן דעם געטרײען מאַן מײנעם, — לאַכט רחל. און בײ דער גינסטיגער געלעגענהײט נעמט זי שױן גלאַט אויס־מוסר׳ן איהר מאַן:
— דו בעסער זײ א גוטער מאַן אין אנדערע װעגען. אז דו זשאַלעװעסט שױן יע דײן װײב, לױף ניט אװעק אַלע נאַכט, דער שד װײסט װאוהין. פויל זיך ניט, זײ א מענש. אָבער די פענס־טער איז גאָרנישט. אסור אויב מיך אַרט עס גאָר, איבערהױפּט װען אימיצער איז אין הויז, אַרט מיך געװיים ניט.
און װען עס קומט א צװײטער שבת, נעמט זיך רחל פאַר די פענסטער װאַשען. זי גיסט אָן א שיסעל װאַסער, טוט אַרײן אין די װאַסער אביסעל סאדע־זײף, גרײט אָן עטליכע טיכער און די גאַנצע פאַמיליע װײס שױן, אז די מאַמע געהט װאַשען די פענס־טער.
— געהסט שױן װאַשען די פענסטער? — פרעגט צורודערט רחל׳ס מאַן.
— יעס, איך געה װאַשען די פענסטער.
—דאַכט זיך די פענסטער זײנען נאָך רײן, — פּרובירט דער מאַן אָפּבעטען זיך.
— רײן איז דאָס בײ דיר? דאַכט זיך ניט ניחה צו קוקען,— באַטראַכט רחל די פענסטער, — װי אין א בעדיל, איך קען דאָס ניט אויסהאַלטען!
צװישען די קינדער מערקט זיך א נערװעזע אומרוהיגקײט. די צװײ באָיעס, די אינגערע, קענען פאַר עפּעס אויך ניט לײדען װאָס די מאַמע װאַשט די פענסטער. געהען זײ ארוים פון הויז און לויפען דרױסען ארוים, און די מאַמע שרײט זײ נאָך:
— הײ, זיהן מײנע, חכמים גרויסע מײנע! װען איהר זעהט מיך זיצענדיג דרױסען אויף די פענסטער, זאָלט איהר נאָר ניט שרײען „מאַמע”, װײל װען איך קוק ארונטער נעמט מיר שװינדלען אין קאָפּ.
— געמאַכט זיך א טבע, — באַקלאָגט זיך רחל פאַר די איבעריגע אין דער פאַמיליע, — װי נאָר זײ דערזעהען מיך, װען זײ זײנען אין גאַס, נעמען זײ ארויפשרײען צו מיר: „מאַמע”!
— „בוהאָיעס” גרויסע! — בײזערט זיך דער טאַטע אויף די בחורימלאַך, — פאַרשטעהט איהר דען ניט, אז װען איהר רופט

די מאַמען, קען זי זיך א בייג טאָן און קען ארונטערפאַלען?

— „דאַנסעס״! — בייזערט זיך אויף די ברידער די עלטערע שוועסטער — „דו יו וואָנט מאַמע שוד געט קילד?״

און די פארשולדיגטע בחורים׳לאך ענטפערען גאָרנישט. רויט־לען זיך אין זייערע יונגינקע קינדערשע געזיכטער און כאַפּען זיך פון הויז ארויס. די מאַמע קוקט זיי נאָך, און עס פארדריסט שוין איהר, וואָס מען האָט זיך געבייזערט אויף זיי, און מיט מוטערליכער ליבע פארטיידיגט זי שוין זיי:

— נו, קינדערלאך... וואָס ווייסען זיי... מען זעהט פון דער גאַס די מאַמע, שרייט מען ארויף, נאָר עס טוט מיר א ריס אין הארצען!

און רחל נעמט זיך פאר די פענסטער. די טעכטער ווערען מעהר און מעהר נערוועז. נעמט מען גרויסע דיקע ביכער אין די הענט, מען באהאַלט זיך אין זייערע צימערען, מען צולייגט זיך אין די בעטען און מען פארטיפט זיך אין די ביכער, אבי ניט צוקוקען ווי די מאַמע וואַשט די פענסטער.

נאָר דער מאַן רחל׳ס טרעט ניט אָפּ פון איהר. דערלאַנגט איהר ריינע וואַסער, טראָגט צו א ריינע טיכעל. און ווען רחל זעצט זיך אין דרויסען ארויס, שטעהט ער לעבען איהר פון דעם אינווע־ניגסטען זייט און האַלט צו פאר א פוס, און רחל וואַשט און ווישט די פענסטער, קוקט זיך צו צו יעדער פּגימה׳לע און ווישט איבער נאָך אמאָל און נאָך אמאָל. און ווען איהר בליק פאַלט אויף איהר מאַן, שטעלט זי איהם שטיפעריש א צונג ארויס און לאַכט צו איהם.

געענדיגט מיט וואַשען די לעצטע פענסטער, קריכט רחל פון דרויסען אין הויז אריין, און דער מאַן פרעגט:

— נו, געענדיגט?

— געענדיגט, — ענטפערט רחל.

— ס׳האָט מיר דער קאָפּ אויפגעריסען, — אָטעמט זיך אָפּ רחל׳ס מאַן. — עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געהאַט אָפּגעטאָן זעהר א שווער ארבייט.

דערהערען די טעכטער, אז די מאַמע איז פארטיג מיט וואַשען די פענסטער, קריכען זיי פון די בעטען ארויס און צייגען זיך אין הויז.

— „אָלל דאָן" ? — פרעגט די עלטערע טאָכטער אויף איהר שטייגער.

— „אָלל דאָן", — רעדט איבער די מאַמע די טאָכטערס ווערטער.

— „אי עם איי נאָירוועז רעק", — אטעמט זיך אָפּ די אינגערע טאָכטער.

— מיין קאָפּ שפּאַלט זיך מיר, — האַלט זיך די עלטערע קאַלעדזש מיידעל פאַר'ן קאָפּ.

— „מי טו", — שטעהט צו די אינגערע קאַלעדזש מיידעל,

— „מאַי העד איז באָיסטינג, מאַמאַם ווינדאָ־וואַשינג וויל דראַיוו מי קרעיזי סאָם דעי" (די מאַמעס פענסטער־וואַשען וועט מיך ווען עם איז משוגע מאַכען).

און רחל קוקט אָן איהר מאַן און איהרע צוויי טעכטער, ווי זיי האַלטען זיך אַזוי אַלע פאַר די קעפּ און זי קוועטשט מיט די פּלייצעס :

— זעה נאַר, זעה נאָר מיין פאַמיליע, ווי זיי האַלטען זיך דאָס אַלע פאַר די קעפּ. איך האָב צוואַוואַשען צוועלף פענסטער, און זיי האַלטען זיך פאַר די קעפּ !...

און רחל בלייבט שטעהן אַזוי און קוקט אָן איהר מאַן, איהרע טעכטער, און עס דוכט זיך עפּעס ווי די פרוי וואָלט ניט געוואוסט צי זי זאָל ווייגען, צי זי זאָל לאַכען...

דער דאָקטאָר עפּענט אַן אָפיס

דאָקטאָר גריפין, אָדער לואינקע, ווי עס רופען איהם זיינע עלטערען און אלע זיינע נאָהענטע מענשען, האָט געעפענט אַן אָפיס. זיין ערשטען אָפיס.

לואי איז א יונגערמאַנטשיק פון א יאָהר זעקס-זיבען און צוואַנציג. דער יונגער דאָקטאָר האָט ערשט פאַרענדיגט א צוויי-יאָהריגען טערמין אלס „אינטאָירן" אין א האָספּיטאַל, און האָט אין א מזל'דיגער שעה געעפענט זיין ערשטען אָפיס; ציטערען און פלאַטערען א היבש ביסעל הערצער. עס ציטערט און פלאַטערט דאָס הארץ פון דעם יונגען דאָקטאָר, עס ציטערט אויך דאָס הער-צעלע פון דעם דאָקטאָר'ס יונגע שעהנע פרוי, ביי וועמען איהר מאַנ'ס ערשטער אָפיס איז אויך איהר ערשטע היים און פאַמיליען-נעסט.

אַן אומבאַשטימטע שווערקייט ליגט אויף די הערצער פון די טאַטעס און מאַמעס פון ביידע צדדים. מענשען פון דעם האָרע-פּאַשנעם ארבייטער שטאַנד. אלעמען גלייך עגבערט אין די געדאַנ-קען איין און דיזעלבע פראַגע: וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין?

א נייער דאָקטאָר, א נייער אָפיס, א נייער געגענט; און דאָק-טוירים זיינען דאָ אזוי פיל. פאַר דעם נייעם אָפיס דאַרף מען צאָלען אזוי פיל רענט. אויף אויפצופיקסען דעם נייעם אָפיס האָט מען א סך זאַכען גענומען אויף אויסצוצאָלען. וואָס-זשע וועט זיין? ווער ווייס, ווי עס וועט געהן? ווער קען דאָ זיין א נביא?

שווער איז אָנגעקומען לואי'ן צו ווערען א דאָקטאָר, אוי ווי שווער, ווי ביטער!

עלף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען האָט לואי אָפּגעגעבען אויף זיין דאָקטאָריע. עלף יאָהרען האָט ער אָפּגעריסען פון זיין יוגענד צוליב דער דאָקטאָריע זיינער. און עס לאָזט זיך מערקען. קוקט איהם נאָר אָן: ער איז נאָך קיין זיבען און צוואַנציג יאָהר ניט אַלט, און צווישען די שוואַרצע געדיכטע האָר אויף זיין יונגען קאָפּ,

ווארפען זיך שוין דורך זילבערנע פעדימלאך. און ווען די גוטע, הארציגע מאמע קוקט אָן איהר זוהן, וואָלקענט זיך איהר מוטער־געזיכט:

— לואינקע, קינד מיינס, אוי ווען איז מיר, עס זיינען דאָך שוין דאָ ווייסע האָר אין דיין קאָפּ!

צוליב'ן עפענען דעם אָפּיס האָט מען געמאכט א „פּארטי", מען האָט איינגעלאדען קרובים, פריינד, באקאנטע. מען האָט אָנגעגרייט צום עסען און צום טרינקען, פון כל טוב. עס איז זיך אָנגעלאָפען א פולע הויז מיט געסט. די געסט עסען, טרינקען; מען לאָזט זיך וואוילגעהן, און מען רעדט, אוי רעדט מען!

דערצעהלט איין גאסט, אז ער קען א דאָקטאָר, איז דאָס גאָר אָן אויסנאַם, אָן אמת'ער בעל־מופת! ער מאכט פּשוט פון טויט לעבעדיג. און ער טוט א געפעליגקייט די אנדערע געסט און גיט זיי דעם אדרעס פון זיין וואונדער־דאָקטאָר. לאכט א צווייטער גאסט דעם אָרימען לואי'ן גלייך אין פּנים אריין:

— לואינקע, שוין א דאָקטאָר, נו, דארף מען ניט חלש'ען! ביזט דאָך ערשט אין סקול געגאנגען. ווילסט מיר איינשמועסען, אז דו ביזט שוין א דאָקטאָר. קוק אָן דעם דאָקטאָר... ווייס איך וואָס!

— ער פארשטעהט א קריינק, — לאכט א צווייטער גאסט.

— דו דארפסט מאכען פּארטנער מיט אָן אָנדערטעיקער, — וויצעלט זיך נאָך א גאסט. — ועסטו, לואינקע, זיין זיכער אויף אַלע זייטען. מאכט זיך א סיבה, און דיינער א פּאציענט ווערט געזונט, איז דאָך געוויס גוט. טאָמער אָבער טראָגט ער זיך אָפּ דער חולה, ועסטו סאַי ווי סאַי האָבען פּרנסה.

— כא־כא, — צולאכט זיך די הויכע און דארע מיסעס פליאָנדער, א פריינד פון דער וייב'ס צד. — און איהר מיינט טאקע, אז לואינקע וועט האָבען פּאציענטען? ווייס איך וואָס! ווער רופט עס א נייעם דאָקטאָר?

די מיסעס וואינער דערצהעלט זיך גלאט א מעשה'לע:

— צו זיין א דאָקטאָר דארף מען היינטיגע צייטען נאָר מזל האָבען. האָט מען גליק, איז נאָך א האַלבע צרה; אָבער ווען ניט, איז טאקע זעהר ניט גוט! וואָס דארפט איהר וויט זוכען? דאָרט וואו איך וואוין, קומט אריין צום לענדלאָרד א פרוי, דערצעהלט זי, אז איהרער א באקאנטער דאָקטאָר האָט אויך, ניט דאָ געדאכט,

געעפענט אן אָפּיס, אָפּגעפּלאָגט זיך א יאָהר צייט, אויסגעגאַנגען פאַר הונגער, און דער סוף איז געווען, אז ער איז, נעבאך, געווארען א טעקסי־דרייווער.

מישט זיך אריין די מיסעס זאזולין, וועמעס מאַן האָט א דזשולערי סטאָר:

— צו מיין מאַן אין שאַפּ זיינען געקומען זיינע צוויי באַקאַנטע דאָקטוירים און געבעטען זיך, אז ער זאָל זיי צונעמען צו דער ארבייט און זיי אויסלערנען די טרייד.

די הויפּט מחותנים, דעם יונגען דאָקטאָר'ס טאַטע און מאַמע, און זיין פרוי'ס טאַטע און מאַמע, זיצען ווי אויף נאָדלען, הערען זיך צו צו די וויצען, שפּאַסען און בייזע נביאות פון די געסט. אויף די הערצער ליגען זיך אוועק שווערע שטיינער. די דאָקטערשעס טאַטע און מאַמע קלעמט דאָס הארץ פאר זייער טאָכטער, און זיי טראכטען:

„ווער וויים, ווער וויים? געגעבען געלט צו שטייער אויף עפענען אן אָפּיס, און ווער וויים? צו זייער טאָכטער האָט זיך גע'שדכנ'ט א הויזען־פאבריקאנט, א מאַן מיט געלט און מיט „פּראָפּערטי", וואָלט זי רייך געווען, און ס'וואָלט איהר געווען גוט. איז גאָר געווארען א ליבע דאָ מיט דעם לואי'ן, און ווער וויים? געגעבען פיינע עטליכע דאָלער צושטייער אויף דעם אָפּיס, און ווער וויים".

לואי'ס טאַטע און מאַמע טראכטען ניט וועגען זייערע שווער־פארהאָרעוועטע סענטען, וועגען זייער אָפּגעשפּאָרטע האָרעוואניע, וואָס איז פארשלונגען געווארען פון דעם זוהנ'ס שטודירען. זיי וועהטאָגט גלאָט די הערצער פאר זייער קינד, פאר זייער שעהנעם, גערעטענעם זוהן, און זיי טראכטען:

„זייט ער איז נאָך א קינד געווען, האָט ער אין איין לערנען זיך. יאָהרען נאָכאנאנד נעכט ניט געשלאָפען, נאָר געלע־רענט, נאָר שטודירט. אויסגעגאַנגען איבער די ביכער מיט אזא מסירת־נפש, מיט אזא ליבע, מיט אזא איבערגעבענקייט; דעם גע־זונט, דעם לעבען אוועקגעלייגט, אלץ געוואָלט וואָס מעהר, וואָס גרינטליכער יעדע זאך דערוויסען זיך; קוים דערלעבט, קוים דער־וואָרט זיך, אַן אָפּיס געעפענט. אָבער ווער וויים? ווער וויים?"

וועהטאָגען ביים טאַטען און מאַמען די הערצער און געהן אוים אין שווערקייט, אין צער.

דער דאָקטאָר אַליין, דער יונגער דאָקטאָר אונטערהאַלט זיך מיט די געסט, ער לאַכט און שפּאַסט מיט זיי אינאיינעם. דאַכט זיך, אַז ער נעמט גאָרניט ערנסט זייערע וויצען און שפּאַסען. אָבער אויפ׳ן האַרצען שטיקט א נאָגענדע שווערינקייט. ער גלויבט אין זיך, ער ווייס אַז ער איז א גוטער דאָקטאָר. אָבער אויפ׳ן האַרצען איז פּאָרט שווער. שוין דער דריטער מאָנאַט זינט דער אָפּיס איז אָפען, און די פּאַציענטען איילען זיך עפּעס ניט צו קו־מען. און רענט דאַרף מען צאָלען, און ס׳איז שוין צייט, אַז זיין יונג ווייבעל זאָל אויפהערען צו געהן ארבייטען. און דער הויזען־פאַבריקאַנט, וואָס איז נאָך איהר נאָכגעגאַנגען, לעבט נאָך און ער רופט איהר אָפּט אָפּ...

און עס דריקט א שווערקייט אויף דעם יונגען דאָקטאָר׳ס האַרצען. און ווען ער קוקט זיך ארום, דאַכט זיך איהם, אַז זיין גאַנצער אָפּיס, זיין נייע ערשטע היים, איז עפּעס ווי אָנגעפילט מיט דערזעלבער שטיקענדער שווערקייט.

א מיעדע לעהרערין

אַדעלין איז א לעהרערין אין א העכערען קלאַס פון א ניו-יאָרקער עלעמענטאר־שול (פּאַבליק סקול). אַדעלין האָט א רעפּוטאַ־ציע אלס א פעהיגע איבערגעבענע געוויסענהאפטע לעהרערין און דערפאַר האָט מען איהר פארטרויט מיט דעם לערנען פון א קלאַס פון ספּעציעל שלעכטע קינדער; געוועהנליכע קינדער ענדיגען די עלעמענטאר שול אין דעם עלטער פון עלף אדער צוועלף יאָהר, אין אַדעלינס קלאַס זיינען אבער דאָ מיידלאך און בחורים וועלכע זיינען שוין אלט צו פערצעהן און פופצעהן יאָהר, ווייל דאָס זיינען אלץ שילער, וועלכע זיינען הינטערשטעליג אין זייער לערנען: האלבע אידיאָטען, שלעכטע און פארדאָרבענע. קערפּערליך זיינען די הינ־טערשטעליגע שילער מעהרסטענטייל איבער־אנטוויקעלט. די מייד־לאך זיינען שוין ערוואקסענע מוידען און די באָים זיינען שוין רע־געלע מענער, נאָר די עלעמענטאַרע שול קען מען פאר קיין פאַל ניט ארויסענדיגען.

אַדעלין איז דאַר און קליין־געוויקסיג. אין איהר וואוקס איז זי קלענער פון פילע פון די „קינדער" פון איהר קלאַס. די קליינטשינקע לעהרערין דארף דאָס לערנען מיט א פערציג שטיק פון אָט די קער־פערליך איבערגעוואקסענע און גייסטיג מורא'דיג ניט־דערוואקסענע מיידלאך און בחורים, און די לעהרערין מוז זיך קליגען, אז אָט די מוידען און יונגען זאָלען איהר רעספּעקטירען און צאָלען אויפמערק־זאמקייט צו איהר—זייער לעהרערין. יעדער איינער פון אדעלינס שילער און שילערינס קען מיט איין גוטען קלאַפּ שטיל מאכען די לעהרערין, און אדעלין מוז אויפפּאַסען און זיין זעהר פאָרזיכטיג, אז צו דעם זאָל ניט קומען.

אדעלין, די פעהיגע, די קלוגע אדעלין, רעכענט אויס איהר יעדען „גאַנג" ביים „טיטשען" אין איהר קלאַס ביז עס גיט זיך איהר איין איינענבערען אין די פארטעמפּטע קעפּ דאָס, וואָס זי האָט זיי אויסצולערנען, אָבער וויפיל געזונט, וויפיל כוחות אדעלין לאָזט

איבער אין איהר קלאַס־צימער, דאָס ווייס נאָר אדעלין אליין, אויך ווייסען דאָס אדעלינ׳ס טאַטע און מאַמע, וועלכע קוקען זיך צו און זעהען ווי זייער טאָכטער דאַרט איין און געהט אוים ווי א ליכט.

ווען אדעלין קומט אהיים פון סקול, איז זי טויט־מיעד, אויף אזוי פיל מיעד, אז זי קען א וואָרט ניט אויסרעדען. דער טיש איז שוין געגרייט פאַר סאַפּער עסען. דער טאַטע איז שוין געקומען אהיים פון זיין טעגליכער באַשעפטיגונג. די אינגערע קינדער זיינען שוין אויך אין דערהיים, מען וואַרט אויף אדעליג׳ען מיט׳ן סאַפּער עסען. אָט קומט אריין אדעלין, געוועהנליך מיט איהר גוטען קלוגען שמייכעל אויף די ליפּען. דער געזיכט איז אביסעל צוגעשמירט, די ליפּען — רויטליך פאַרפּאַרבט, אזוי ווי עס פיהרט זיך אין אמע־ריקע. אָבער די מאַמע דערזעהט גלייך די פאַרשמירטע שוואַרצע רינגעלאַך אונטער אדעלינס אויגען און דער מאַמען טוט א ריס אין האַרצען.

— ווּעסט עסען סאַפּער, טאָכטער? — פרעגט די מאַמע, די אלעמאָל גוטע, די אלעמאָל ליידענדע מאַמע, — ווּעסט עסען סאַ-פּער, קינד מיינס?

— איך וועל נאָר א פּאָר מינוט אָפּרוען, — רעדט אוים אדעלין בלויז עטליכע ווערטער, און זי געהט אריין אין איהר צימער, טוט זיך אביסעל פאַנאַנדער און ליינט זיך אין בעט אוועק.

אלע וואַרטען אויף אדעלין מיט׳ן עסען. אין עס־צימער ווערט שטיל, עפּעס אזוי מאָדנע, אזוי שווער שטיל.

די מאַמע האַלט לאַנג ניט אוים, געהט צו איהר טאָכטער אין צימער אריין. אויף די „טשיפּקעס" געהט זי צו צו איהר טאָכטערס בעט. אדעלין ליגט מיט פאַרמאַכטע אויגען. די מאַמע זעהט ווי געל איהר קינדס געזיכט איז, ווי פאַרמאַטערט זי קוקט אוים, און דער מאַמען נעמט שטיקען אין האַלז.

— ווּעסט געהן עסען, טאָכטער?

— יעס, באַלד, מאַמאַ.

— ביזט גוט פאַרמאַטערט, טאָכטער?

— אוי, מאַמאַ, איך האָב אזאַ שלעכטען, אזאַ שווערען קלאַס, — שמייכעלט אדעלין, אָבער מיט עפּעס אזאַ וועהטאָגדיגען שמייכ־לען, — אזעלכע „דאַנסעס", עפּעס האָבען זיי גאָר קיין מאַרך אין קאָפּ ניט, „ענד טהעי אר סאָ בעד. אָה, מאָטהער, טהעי סאָק די

בלאַד אַאוט אָף מאַי וועינס" (זיי זיינען אַזוי שלעכט, זיי צאַפּען די בלוט אַרויס פון מיינע אָדערען).

דער מאַמען רייסט אָפּ אין האַרצען פון אַדעלינס ריידען און אַ פאַרציטערטע נעמט זי זיך בעטען ביי דער טאָכטער:

— אדעלין, טעכטערל, גיב אויף. אַ כפּרה זאָל פאַר דיר איינ־נעמען די גאַנצע סקול, געה אַוועק, וועסט אומקומען, קינד מיינס!

ענטפערט אַדעלין בלויז מיט אַ שמייכעל.

דער טאַטע אַדעלינס איז אַן אַרבייטער. דער מענש איז ניט צופיל פעהיג ביי זיין פאַך. מאַכט ער אַ שווערען צרה׳דיגען לע־בען און איז קיינמאָל ניט זיכער מיט זיין שווערען שטיקעל ברויט. אדעלין איז אַ קלוגע מיידעל, זי פאַרשטעהט די לאַגע אין איהר היים. קען זי אויפגעבען איהר סקול? און זי ענטפערט דער מאַ־מען בלויז מיט אַ שמייכעל. אָבער זי דערצעהלט ווייטער:

— אָה, מאָטהער, איך האָב היינט איבערגעלעבט אַזאַ שרעק. „מאַי סאָול וואָנט טו מאַי בוטה" (די נשמה איז מיר אַוועק אין די שפּיץ פינגער). אַ באָי, אַ שילער אין מיין קלאַס, אַן איירישער, וואָלסט באַדאַרפט אָנקוקען אַ באָי, דריי מאָל די הויך פון מיר. די עלטערען זיינען שיכורים, אַלקאָהאָליקער, און ער אַליין איז אַ האַל־בער אידיאָט, און דעם גאַנצען טאָג אַנשטאָט כאָטש אַ האָר צוהע־רען זיך צו מיר האָט ער זיך עפּעס אָנגעטשעפּעט אָן אַן איטאַליע־נישער מיידעל און שפּילט זיך מיט איהר אַזוי מיאוס, אַזוי פרעך. האָב איך איהם געזאָגט אַ פּאָר ווערטער. וואָלסטו זעהען, מאַמאַ, ווי זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען. ער איז אויפגעשפּרונגען. איך האָב געמיינט, אַז אָט אָט, ער גיט זיך אַ וואָרף אויף מיר. „הי קוד קיל מי"!

— אוי, — פאַרברעכט די מאַמע די הענט, — אוי, וועה איז מיר, ווינד איז מיר, איך וועל דיך ניט לאָזען געהן אין סקול, איך וועל ניט לאָזען!

— „אָה, הי וואונדט דעיר" (ער וועט ניט וואַגען), — באַרו־היגט אַדעלין די צום־טויט דערשראָקענע מאַמע. — זיי וועלען ניט וואַגען אַ האַנט אויפהויבען געגען מיר, „דאָנט וואָרי"!

— איך האָב מורא, טאָכטער, איך האָב מורא, — פילען זיך אָן דער מאַמעס אויגען מיט שווידער, — מיין האַרץ שטאַרבט אין מיר אָפּ, איך האָב מורא!

— דאַרפסט גאָרנישט מורא האָבן, מאַמאַ, — שמייכעלט אַדעלין.

דער פאָטער איז אַריין אין דער אָפענער טיר, ער הערט זיך צו, עס וואַלקענט זיך און עס קנייטשט זיך דעם טאַטענס געזיכט. עס קנייטשט זיך פאַר יסורים, פאַר שרעק.

— גיב אויף, אַדעלין, זאָל זיין אויס סקול, אָדער זאָלען זיי דיר געבען אַ בעסערען, אַ לייכטערען קלאַס, — רעדט דער פאָטער וועהטאָגדיג ערענסט.

— נו, ניט געפעהרליך, ניט געפעהרליך, — באַרוהיגט אַדעלין איהרע צושראָקענע עלטערען און זי געהט מיט זיי אין עס־צימער סאַפער עסען.

* * *

עס איז אַן אבענד אין דעם מאָנאַט דזשון. דער טאָג איז אַ הייסער, אַ שטיקענדער. אָפגעגעסען סאַפער, וואַשט אויס די מאַמע די געשיר. דער טאַטע טוט אָן אַ פאַרטוך און העלפט אויס, די קינדער געהן אוועק אין פראָנט-רום, פאַרטיפען זיך אין מאַכען די לעסאָנס. אַדעלין געהט ווייטער אין איהר צימער.

— וועסט אפשר געהן אַ ווײַלע אין פאַרק, טאָכטער? — פרעגט די מאַמע.

— ניין, איך וועל זיך אביסעל אָפּרוהען. נאָכדעם האָב איך אַרבייט. איך דאַרף איבערקוקען די לעסאָנס פון מיינע „דאַנסעס”, — ענטפערט מיט איהר געוועהנליכען שמייכעל אַדעלין. זי געהט אין איהר צימער און לייגט זיך ווייטער אין בעט אַריין. די מאַמע פאָלגט איהר נאָך און קוקט איהר נאָך.

אָט קומט די מאַמע צוריק אַריין אין קיך און קרעכצעט אויס:

— ווייטער אין בעט געלייגט זיך, האָט קיין כח ניט צו לעבען.

ווי שווערע שטיינער פאַלען דער מאַמעס ווערטער איבער דעם טאַטענס האַרצען. ער ענטפערט גאָרנישט. נאָר עס דאכט זיך ווי ער וואָלט זיך איינגעקאָרטשעט און קלענער געוואָרען.

טאַטע און מאַמע נעמען צוויי „פאָלדינג טשערקעס”, מען געהט אַרונטער דרויסען און מען זעצט זיך אוועק ביים הויז. נאָך שכנים און שכנ'טעס זיצען און מען רעדט און מען בארעדט און מען טרייבט רכילות אויף וואָס די וועלט שטעהט, נאָר אַדעלינס טאַטע און מאַמע שווייגען. עס טראַכטען די אָרימע מענשען וועגען זייער

טאַכטער, דער לעהרערין, וועלכע ליגט דאָרט אין איהר צימער אין איהר בעטעל, און עס רעדט זיך זיי ניט.

און אָט קומט אָן מיסטער פּיטעלמאַן, א שכן פון דער הויז, און נעהמט ארומשפּאַנען הין און צוריק איבער׳ן סאַידוואָק, עפּעס קוקט אויס דער מענש צו זיין מורא׳דיג אויפגערעגט.

— וואָס איז, מיסטער פּיטעלמאַן ? — פרעגען שכנים.

— וואָס איז עפּעס אזא צוטראָגענער ?

— איך בין אַן אויפגעקאָכטער, — דערצהעלט פּיטעלמאַן.

— וואָס איז ?

— וואָס האָט פּאַסירט ? — פרעגען נייגעריגע שכנים.

— איהר קענט דאָך מיין טעכטעריל, מיין פּאָירלי ?

די שכנים ענטפערען בלויז מיט א פריינדליכען שמייכעל.

און ווער קען טאַקע ניט די קליינע אַכט־יאָהריגע פּאָירלין ? אלע, אלע שכנים קענען זי. אוי, קען מען זי, ווער שלאָגט און „ממית׳ט" אלע אנדערע מיידעלאך פון דעם גאַנצען בלאָק, — ווער, ווען ניט פּאָירלי ?

ווער קריכט צו די באַיטשיקעס אזוי ווי א גרויסע ?—פּאָירלי !

ווער פאַרשרייבט און פאַרפּאַטשקעט דעם סאַידוואָק מיט קרייט ? — פּאָירלי !

ווער רעדט מיאוסע גאַסען־ווערטער ? — פּאָירלי !

ווער פאַרפּאַטשקעט די ווענט פון די קאָרידאָרען אין הויז מיט מיאוסע אויפשריפטען ? — טאַקע ווייטער פּאָירלי !

נו, קענען די שכנים פּאָירלי׳ן, געוויס קענען זיי איהר !

און שכנים ענטפערען בלויז מיט א שמייכעל.

— קומט זי פון סקול, — דערצעהלט ווייטער דער אויפגעקאָכ־טער פּיטעלמאַן, — קומט זי פון סקול, און איך און די מאַמע זעהען, אז ביי דעם קינד זיינען די אויגעלאך פאַרוויינט. נעמען מיר דאָך פאַרנאַנדערפרעגען :

— וואָס איז, פּאָירלי ?

— וואָס איז, טעכטעריל ?

צוואוויינט זיך דאָס קינד און דערצעהלט, אז די טיטשערין האָט אויף איהר געשריען, אזוי געשריען, אז דאָס קינד האָט זיך איבערגעשראָקען.

אַדעלינס טאַטע און מאַמע הערען זיך צו וואָס דער שכן דער־צעהלט, ביידע טראַכטען וועגען זייער טאָכטער, ביידע פיהלען ווי

אויסצושרייען מיט פּראָטעסט און מיט וועהטאָג, אז ווען א לעהרערין שרייט אָן אויף א קינד אין סקול, מסתמא איז דאָס שוין אזא שלעכט קינד, אז די לעהרערין קריגט דעם טויט פון איהר, אָבער זיי ווייסען, אז אלע שכנים ווייסען, אז זייער טאָכטער איז א לעהרערין, און זיי בלייבען פארשוויגענע.

— איבערשרעקען א קינד אין א סקול טאָר מען ניט אין אמע־ריקע, — מישט זיך אריין מיט א וואָרט א טאַטע פון צוויי סקול־אינגלאך, באָיטשיקעס, מיט טעמפּע קעפּלאך, נאָר מורא'דיגע לוי־פער, — נאָ סערי, מען טאָר ניט אפילו אנשרייען אויף א קינד טאָר מען ניט, נאָ סערי!

— וואָלט דאס געווען אויף מיר, — מישט זיך אריין א שכנה, — וואָלט איך גלייך געגאנגען צום פּרינציפּאַל און דערצעהלען, און זאָל די טיטשערין כאַפּען א ווייסטען סוף!

— און ווייסט איהר וואָס איך וואָלט געטאָן, — מישט זיך אריין א דריטער שכן, א פאבריקאנט, — איך וואָלט ניט געגאנגען צו קיין פּרינציפּאַלס, נאָ סער, און אָט וואָס איך וואָלט בעסער גע־טאָן: איך וואָלט אויף א קאָרנער אָפּגעוואָרט די טיטשערין ווען זי געהט אין סקול אָדער פון סקול, און איך וואָלט איהר אראָפּגע־לאָזען א פּאָר פייערדיגע פּעטש, אזוי, אז זי וואָלט שוין פארזאָגט א צעהנטען איבערצושרעקען מיין קינד!

* * *

און אדעלינס טאַטע און מאַמע הערען זיך צו, און זיי קוקען זיך דורך. ביי די מענשען אין זייערע אויגען איז צו מערקען אזוי פיל שרעק, אזוי פיל יסורים. שטילערהייט רוקען זיי זיך אוועק מיט זייערע „פּאָלדינג טשערס", רוקען זיך אוועק ווייטער, ווייטער פון די שכנים...

האָפּענונגען אין א קענדי־סטאָר

אברעמעל און פריידל, מאַן און ווייב, האָבען א קענדי און סטיישאָנערי סטאָרקע. זיי פארקויפען אויך אין זייער סטאָרקע צייטונגען, סיגארעטס. זומער זיינען זיי מורא׳דיג ביזיביים פאר־קויפען סאָדע וואסער און אייז־קרים. דער געשעפט איז ניט קיין שלעכטער. מען מאכט א לעבען, זיינען די מענשען צופרידען.

אברעמעל און פריידל זיינען שוין א יאָהר צעהן פארהייראט. זיי האָבען דריי קינדער. א מיידעלע און א באָיטשיק געהען שוין אין פּאָבליק סקול, און דאָס אינגסטע קינד איז נאָך א בייבי. עס איז דאָ הינטער דער סטאָרקע איין צימערל. עס געפינט זיך דאָרטען א געז־אויוועלע, א סינק און א „באטה־רום״ (וואש־צימער). שטיקט זיך דאָ די פאַמיליע דורכ׳ן טאָג, אָבער מען האָט אויך אָן איינגע־פיקסטען דריי־רומיגען אַפּאַרטמענט אין דער זעלבער אַפּאַרטמענט־הויז, וואו די סטאָר געפינט זיך. פריידל זעהט נאָך ווען־עס־איז אָן דעם אַפּאַרטמענט איהרען. אברעמעל קומט נאָר אהין שלאָפען. אויף מעהר ווי שלאָפען דאָרטען האָט ער קיין צייט נים.

די סטאָרקע מוז מען עפענען פינף אזייגער אין דער פריה, ווייל מ׳פארקויפט דאָך צייטונגען, און די צייטונגען הויבען זיך אָן פאר־קויפען באַגינען. ווינטער האַלט מען אָפען די סטאָרקע ביז אזייגער צוועלף אין דער נאכט. זומער, ווען עס הויבט זיך אָן דער ברען פון סאָדע וואסער און אייז-קרים, מוז מען שוין האלטען אָפען דאָס געשעפט ביז א זייגער צוויי נאָך האלבער נאכט. און אזוי איז שבת און אזוי איז זונטאג, אזוי איז אייביג. אברעמעלס סטאָרקע ווייס ניט פון עפּעס א יום־טוב. זי איז אייביג אָפען. ניטאָ קיין פרייער טאָג פאר אברעמלען און פריידלען. ניטאָ! די סטאָרקע דער־לאָזט ניט צו דעם. פריידל, רייסט זיך אָפּ ווען־עס־איז אין א „סלאָוער״ צייט עטליכע שטונדען דורכ׳ן טאָג, און דאמאָלסט לאָזט זי זיך אוועק איינקויפען נויטיגע זאכען פאר דער פאמיליע. אברע־

מעל קען זיך שוין אזא לוקסוס ניט פארגינען. ער קען זיך פון סטאָר ניט אָפּרייסען אפילו אויף א מינוט, מען קען ניט.

* * *

שוין באלד א יאָהר צייט ווי די מענשען אין דער קענדי סטאָר־קע, ערוואַרטען און האָפען צו „דערלעבען" זיך א פרייען טאָג, טאַקע גאָר אין גאנצען א פרייען. די קענדי סטאָר וועט זיך, חס ושלום, ניט צומאַכען אויף א גאַנצען טאָג. דאָס קען ניט געמאָלט זיין. סיידען עס זאָל, חלילה, געשעהן עפּעס אן אומגליק. די קענדי סטאָרקע וועט פארבלייבען אָפען. נאָר אי אברעמעל, אי פריידעל, די מענשען פון סטאָרקע, וועלען דאָך האָבען א פרייען טאָג. זיי וועלען האָבען א געלעגענהייט. עס וועט זיין א מעגליכקייט אזא.

אויף וואָס וואַרטען די צוויי מענשען פון קענדי סטאָרקע? אויף וואָס פאָרט האָפען זיי? ווי אזוי וועלען זיי פאָרט קריגען א פרייען טאָג, א גאנצען, און טאקע א גאַנצען טאָג פריי?

פריידעל האָט א פארהייראַטע קוזינע, וועלכע וואוינט אין פּע־טערסאָן. די קוזינע און איהר מאַן זיינען אויך אין די קענדי און סטיישאָנערי ביזנעס. נאָר עס איז עפּעס אזא געשעפטעל, וואָס מען האָט דערביי א פרייען זונטאג. איז שוין א מעשה פון א יאָהר, ווי פריידעל און איהר מאַן, אברעמעל, שרייבען זיך איבער מיט זייערע קרובים אין פּעטערסאָן, אז זיי זאָלען איינעם פון זייערע פרייע זונטאגס אָפּגעבען פאר זיי. מ'זאָל קומען אהער, אין ניו יאָרק, שבת שפּעט אין דער נאַכט, דאָ איבערנעכטיגען און אויף מאָרגען איבערנעמען די סטאָר. די קרובים האָבען אויף דעם איינגעוויליגט. נאָר עס מאכט זיך עפּעס אלץ ניט קיין פרייער זונטאג. די סטאָר איז טאקע צוגעמאכט אין פּעטערסאָן, נאָר אלעמאָל מאכט זיך, אז מען מוז עפּעס אויפטאָן אין דעם פרייען זונטאג, דעם איינציגען פרייען טאָג אין וואָך, און מ'קען זונטאג ניט קומען אין ניו יאָרק. אָבער פריהער אדער שפּעטער, די פּעטערסאָנער קרובים, וועלען פאר זיי, די ניו יאָרקער, דאָך אָפּגעבען א פרייען זונטאג, א גאנצען טאָג, טאקע א גאנצען טאָג. און אָט אויף דעם זונטאג האָפען דאָס, אב־רעמעל און פריידעל, דאָס וועט זיין דער פרייער טאָג זייערער, דער טאָג, אויף וועלכען זיי קוקען ארוים שוין באלד א יאָהר צייט.

אברעמעל פּלאַנעוועט איבערצוקערען אין דעם דאָזיגען פרייען זונטאג גאנצע וועלטען. דאָס ערשטע, וואָס אברעמעל וועט טאָן אין

דעם פרייען זונטאג, וועט זיין פֿאַרען אין האַרלעם, אויף דער הונדערט און פינף און צוואַנציגסטער סטריט. א לאַנדסמאַן אַב־רעמעל'ס און חבר נאָך פון די קינדערשע יאָהרען, האָט עפּעס א קליינעם רעסטאָראַנטשיק דאָרטען, אויף דער הונדערט און פינף און צוואַנציגסטער סטריט. אברעמעל איז אַלעמאָל געווען שטאַרק באַ־פריינדעט מיט אָט דעם לאַנדסמאַן, מען איז אויף „דו", און מען איז טאַקע ווי אייגענע ברידער. שוין א צייט, א צייט, ווי אברעמעל האָט זיך מיט זיין לאַנדסמאַן ניט געזעהן. און מיט עטליכע חדשים צוריק האָט איהם דערצעהלט פריידל א מעשה, אז אימיצער, וועל־כער קען זיין לאַנדסמאַן, האָט דערצעהלט אין סטאָר, אז ער האָט געהערט, אז דער לאַנדסמאַן איז געשטאָרבען. ווען אברעמעל האָט דאָס דערהערט, האָט איהם א ריס געטאָן אין הארצען, אבער אויס־געפינען, ווער, וואָס, ווען, אויף דעם איז ניטאָ קיין מעגליכקייט. זיין פריידל קען זיך פאר קיין פאַל ניט דערמאָנען, ווער עס האָט דאָס דערצעהלט די מעשה. קיין פּינקטליכען אדרעס האָט ניט אברעמעל. ער ווייס נאָר, אז דער לאַנדסמאַן האָט א רעסטאָראַנ־טשיק אין א הויז, אויף אַן ערשטען פלאָר, ערגעץ אויף דער הונ־דערט און פינף און צוואַנציגסטער סטריט. עס איז אפילו דאָ א טעלעפאָן אין זיין לאַנדסמאַנ'ס רעסטאָראַן, נאָר עס איז ניט אויף זיין לאַנדסמאַנ'ס נאָמען, נאָר אויף דעם נאָמען פון א פּאַרטנער צום רעסטאָראַן, און אברעמעל ווייס ניט ווי דעם פּאַרטנער'ס נאָמען איז... אָבער אז עס וועט קומען דער פרייער זונטאג, וועט ער זיך אוועקלאָזען אויף דער הונדערט און פינף און צוואַנציגסטער סטריט, און ער וועט דורכמארשירען די סטריט איבער איהר גאַנצער לענג. און וואו נאָר ער וועט זעהן א רעסטאָראַן אויף אַן ערשטען פלאָר, וועט ער זיך נאָכפרעגען, ביז ער וועט איינמאָל פאר אַלעמאָל דערוויסען זיך וואָס עס טוט זיך מיט זיין לאַנדסמאַן. אברעמלען טוט זעהר וועה זיין הארץ פאר זיין לאַנדסמאַן... מ'איז דאָך חברים... ער מוז, ער מוז אויסגעפינען, וואָס מיט דעם לאַנדסמאַן טוט זיך... עס דריקט אויף זיין הארצען, און ווען ער האָט א פרייע מינוט אין סטאָר, קלאַפּט איהם אין קאָפּ וועגען זיין לאַנדסמאַן... ווער ווייס, ווער ווייס, אפשר איז ער טאַקע געשטאָרבען?...

ווען אברעמעל וועט זיך שוין דערוויסען וועגען זיין לאַנדסמאַן, וועט ער געהן זעהן זיין אַלטען טאַטען. ער מוז דאָס טאָן — אזוי ווי ער מוז לעבען אויף דער וועלט. זיין טאַטע געפינט זיך אין א

מושב זקנים שוין פינף יאָהר צייט, און ער, אברעמעל, קען זיך ניט אָפּרייסען פון סטאַר און פאָרען זעהן זיין טאַטען. אמאָל פלעגט דער טאַטע קומען אי הם זעהן. איז אָבער דער אַלטער פּאַראַ־ליזירט געוואָרען מיט א פּאָר יאָהר צוריק. און ער קען ניט קומען, און עס ליגט אויף אברעמעל'ס הארצען א שווערער שטיין וועגען זיין טאַטען. און ווען ער האָט נאָר א געלעגענהייט, רעדט ער וועגען זיין טאַטען:

— ניטאָ, ניטאָ קיין צייט אָפּצורייסען זיך... אַן אַלטער טאַטע... שוין באַלד צוויי יאָהר ניט געזעהן איהם... עס פלאַגט מיך דער געוויסען... אזוי עלענד דער טאַטע... ניטאָ קיינער, אחוץ מיר, און איך האָב ניט קיין צייט איהם צו געהן זעהן...

פּלאַנעוועט אברעמעל אין זיין פרייען זונטאג אומבאַדינגט צו באַזוכען דעם טאַטען. פריהער וועט ער אויסגעפינען, אויב זיין לאַנדסמאַן לעבט, און דערנאָך וועט ער פאָרען צום טאַטען.

מיט א צייט צוריק האָט מען אברעמעלען דערצעהלט, אז אין דעם בראָנקס־פּאַרקער זאָאָלאָגישען גאָרטען האָט מען אריינגענומען א מאַנקי, איז עפּעס דאָס גאָר אַן אויסנאַם פון א מאַנקי, און אברעמעל שטאַרבט אוועק כאָטש איין קוק וואַרפען אויף אָט דער אויסערגעוועהנליכער מאַנקי... נאָכדעם ווי ער וועט באַזוכען זיין טאַטען, וועט ער, אונטער אַלע אומשטענדען, אריינכאַפּען זיך אויף א רגע אין בראָנקס פּארק און זעהן די מאַנקי. אויב עס וועט נאָר זיין א מעגליכקייט, וועט ער אין בראָנקס פּארק געהן צוזאַמען מיט פריידלען, און מיט די קינדער. זאָלען זיי אויך זעהן די מאַנקי.

און ביינאַכט, אין דער פרייער נאַכט, וועט ער און פריידל געהן זעהן עפּעס א אידישע „שאָו".

— איך חלש, איך שטאַרב צו זעהן עפּעס א „שאָו" — חלומ'ט אברעמעל — כאָטש איינמאָל אין א שמיטה, כאָטש איינמאָל אין א יובל...

פריידל וואָלט אויך געוואָלט זעהן א „שאָו". מ'קען זיך דאָך אָבער ניט אָפּרייסען פון סטאָר, מען קען ניט.

אָט אזוי פּלאַנעוועט אַלץ אברעמעל צו פאַרשווענדען דעם פרייען זונטאג, וואָס די פּעטערסאָנער קרובים ווילען איהם צושאַרען!

פריידל האָט זיך איהרע אייגענע פּלענער וועגען דעם, וואָס זי וועט אויפטאָן אין דעם פרייען זונטאג. און ווען נאָר זי האָט א געלעגענהייט, רעדט זי וועגען איהרע פּלענער. און רעדען רעדט זי

האלב פארחלום'ט, האלב־פארבענקט. דער הארטער סטאַרקע־קול איהרער ווערט עפּעס דערביי גאַר אַן אנדערער. זי שרייט ניט, זי רעדט עפּעס אזוי שטיל, און עס פיהלט זיך אין איהר קול א ריהרענדע צערטליכקייט. עפּעס גלויבט זיך אייך גאָרניט, אז זי, די פרוי פון קענדי סטאַרקע, קען גאַר אזוי רעדען. און זי פּלאַנפּ־ וועט, אזוי פאר'חלום'ט, אזוי פארבענקט:

— קומט די קוזינע מיינע פון פּעטערסאָן, קריג איך נאָר א פרייען טאָג, פאָר איך גלייך אוועק אויפ'ן בית עולם באזוכען מיין מאמע'ס קבר... שוין דריי יאָהר ניט געוועזען אויף איהר קבר. אנ־ דערע, ווייטערע, א סך ווייטערע קרובים, ווי א לייבליכע טאָכטער, זיינען יע געוועזען, און איך ניט. מען דערצעהלט, אז דער מאמע'ס קבר איז איינגעפאלען, דער שטיין האָט זיך אביסעל איינגעבויגען. איך מוז, איך מוז פאָרען זעהן, וואָס דאָרטען טוט זיך, און איך קען זיך ניט אָפּרייסען... מ'איז אזוי פארהאוועט, אזוי אין יאָך איינגעשפּאנט, אז מען פארגעסט אָן דער גאנצער וועלט.... נאָר אַן אנדערשמאָל ביינאכט, ווען עס שלאָפט זיך ניט, טראכט מען, און עס נעמט וועה טאָן די הארץ מיט עפּעס אזא מין וועהטאָג, אז עס הויבט פון אָרט... א מאמע... און אזא געטרייע מאמע... פריידל די טעכטערל איז דאָך געוועזען די אויג פון קאָפּ. און איך גער אפילו קיינמאָל ניט צו איהר קבר...

ווייטער פּלאַנעוועט פריידל אין דעם פרייען זונטאג צו באזוכען א חבר'טע איהרע. א פארהייראטע חבר'טע, ביי וועמען א קינד איז געשטאָרבען מיט צוויי יאָהר צוריק, און זי איז אפילו ניט גע־ קומען טרייסטען איהר חבר'טע אין יענער'ס ביטערען אומגליק.

און פריידל רעדט וועגען איהר חבר'טע, רעדט א פּאַרפּלאָמטע פון געוויסענביסע:

— שטיינער, אזעלכע שווערע שטיינער ליגען מיר אויף מיין הארצען אָט דערפאר, וואָס איך פאָר ניט זעהן מיין חבר'טע. מ'איז דאָך אלעמאָל געוועזען ווי צוויי געטרייע שוועסטער. איז נאָר געוועזען עפּעס א וועהטאָג אויפ'ן הארצען, איז מען איינע דער אנדערער אויפ'ן האלז געפאלען, געקושט זיך און אויסדערצעהלט און אויס־ געוויינט, וואָס עס האָט אויפ'ן הארצען געשטיקט. און אָט איז שוין באלד צוויי יאָהר, ווי איך בין אפילו ניט צוגעפאָרען זעהן איהר... א קינד איז ביי איהר געוועזען קראנק, געשטאָרבען, ניט דאָ געדאכט, ניט צעהן מאָל געדאכט, און איך? ווי אויף דער וועלט ניט געוועזען.

אן אנדערשמאָל, ווען איך טראכט וועגן דעם, הויבט זיך ביי מיר דער מוח...

ווייטער פּלאַנעוועט פריידל צו אראנזשירען אזוי איהר צייט פון דעם פרייען טאָג, אז נאָך דעם ווי זי וועט באזוכען איהר חבר'טע, זאָל זי זיך מיט איהר מאַן און מיט די קינדערלאך טרעפען אין בראָנקס פּארק, אָנקוקען די מאַנקי, און ביינאכט וועט מען געהן זעהן א „שאָו", כאָטש איינמאָל אין לעבען געהן זעהן א „שאָו".

*　　*　　*

אָבער אָט איז פון די קאָזינס אין פּעטערסאָן אָנגעקומען א בריף, אז מיט צוויי בלאָק ווייטער פון זייער קענדי און סטיישאָנערי סטאָר האָט זיך געעפענט א צווייטע סטאָר אזא. די צווייטע סטאָר איז אָפען זונטאגס, און כדי ניט צו פארלירען קיין קאָסטאָמערס, מוזען זיי פון היינט אָן און ווייטער אויך זייער סטאָר האַלטען אָפען זונטאג, פונקט ווי יעדען אנדער טאָג אין דער וואָך.

און אברעמעל און פריידל, די צוויי מענשען פון דער בראָנקסער קענדי־סטאָרקע, האָבען שוין מעהר ניט אויף וואָס צו האָפען. די קאָזינס פון פּעטערסאָן וועלען ניט קומען זיי ארויסהעלפען, און עס וועט שוין ניט זיין קיין פרייער זונטאג.

און אברעמעל פון דער קענדי סטאָר, וועט שוין מסתמא קיינמאָל ניט דערוויסען זיך, אויב זיין לאַנדסמאַן און חבר לעבט, אָדער ער איז טאקע געשטאָרבען... און אמאָל באזוכען זיין פּאראַליזירטען אַלטען טאַטען וועט ער אויך ניט האָבען די געלעגענהייט; און געהן זעהן די אויסערגעוועהנליכע מאַנקי אין בראָנקס פּארק וועט ער אויך ניט קענען, און געהן צו א „שאָו" געוויס ניט און געוויס ניט.

און פריידל, די פרוי פון קענדי סטאָר, וועט שוין ניט פאָרען צו דער מאַמען אויף קבר־אבות, און איהר חבר'טע, ביי וועמען עס איז געשטאָרבען א קינד, וועט זי אַלץ ניט האָבען די געלעגענהייט צו טרייסטען... היינט ווער רעדט שוין וועגען געהן אין בראָנקס פּארק זעהן די חיות, און נאָכדעם געהן צו א „שאָו" — פּאַרפּאַלען!...

ס׳וואָלט אפשר פארביידען געווען בעסער

מר. באָגדאַנאָוו, א מאַן אין די הויכע פערציגער, א דראָגיסט, איז געזעסען מיט זיין פרוי ביים טיש, געגעסען ברעקפעסט און אריינגעקוקט אין זיין מאָרגען־צייטונג. פּלוצלינג איז ער געוואָרען שטאַרק פאראינטערעסירט מיט דעם, וואָס ער האָט אין דער צייטונג געלעזען. ער איז געוואָרען זעהר אויפגערעגט, אין זיין געזיכט האָבען זיך גענומען בייטען די קאָלירען, און ניט ארונטערנעמענדיג די אויגען פון דער צייטונג, האָט ער אויפגערעגט און ערשטוינט געמורמעלט צואוואָרפענע ווערטער:

— נו, וואָס זאָגסטו צו דעם? מערקווירדיג... אָט דאָס הייסט וויט דערגאַנגען... אָט דאָס הייסט הויך אויסגעוואקסען... אָט דאָס הייסט דערגרייכט א צוועק אין לעבען... א גליקליכער מענש!

מערי, באָגדאַנאָו׳ס פרוי, האָט מיט ברייט־אָפענע אויגען אָנגעקוקט איהר מאַן און געפרעגט:

— וואָס איז? וואָס האָט פּאַסירט? וועגען וועמען רעדסטו?

צוטראָגען, אויפגערעגט און האלב־פארטראַכט, עפּעס ווי ער וואָלט מיט זיינע געדאנקען געפונען זיך ערגעץ־וואו אין א וויטער וועלט, האָט באָגדאַנאָוו גענומען ריידען צו זיין פרוי:

— דו געדענקסט וואָלאָדיען?

— וואָלאָדיען? — האָט מערי איבערגעפרעגט — וועלכען וואָלאָדיען?

— וואָלאָדיע טשערניאַק.

— איך וויים ניט וועמען דו מיינסט.

— האָסט פארגעסען וואָלאָדיע טשערניאַק? אין די אַמאָליגע יאָהרען, איידער מיר האָבען נאָך געהייראַט, און דערנאָך, ווען מיר זיינען שוין געווען פארהייראַט, פלעגט ער טאָג און נאַכט שטעקען ביי אונז אין הויז, האָט מר. באָגדאַנאָוו געפּרוּווט אָפפרישען זיין ווייב׳ס זכרון — ער פלעגט כסדר מאָלען בילדער פון דאַון־טאַונער גאַסען און טענעמענט הייזער...

— אָ, — האָט זיך מערי דערמאָנט — וואָלאָדיע! געוויס גע־

דענק איך. אזא משוגענער געווען. ארבייטען האָט ער ניט געוואָלט, פלעגט האַלטען אין איין שמירען און פּאַטשקען...

— ביי דיר זיינען א ל ע געווען פּאַטשקונעס און שמירער!

— האָט באַגדאַנאָוו אָנגעקוקט זיין פרוי מיט א שאַרפען און ווייט ניט קיין פריינדליכען בליק — ווען א י ך האָב געצייכענט און געמאָלען, האָסטו מיך אויך אויסגעלאַכט און כסדר די פליגלען מיר אונטערגעהאַקט. וואָס דו האָסט שוין פאַרשטאַנען וועגען אזעלכע זאַכען און וואָס דו פאַרשטעהסט איצט, זאָלען ניט מעהר די שונאים לעבען!

— פאַרשטעה איך ניט, בין איך אויך ניט בדיל הדל! — האָט מערי געענטפערט כלומרשט נאַכלעסיג און גלייכגילטיג, כאָטש טיף אין הארצען פאַרדריסליך און באַליידיגט — אבער וואָס האָסטו זיך פּלוצים דערמאָנט אָן וואָלאָדיען? וואו איז ער? וואָס איז מיט איהם?

באַגדאַנאָוו האָט מיט א בלייפעדער אָנגעצייכענט א געוויסע שטעלע אין דער צייטונג און א שליידער געטאָן די צייטונג צו זיין פרוי:

— לעז איבער.

און מערי האָט געלעזען וועגען וואָלאָדיען, אז ער איז אנער־קענט געוואָרען אלס גרויסער ארטיסט, אז זיינע „פּעינטינגס" און צייכענונגען האָבען אויף אן אויסשטעלונג אין פּאַריז ארויסגערופען א סענסאַציע, און אז קונסט-קריטיקער באַציען זיך זעהר ערנסט צו זיינע שאַפונגען. א ווײַלע איז מערי געבליבען זיצען ווי א פאַר־שטיינערטע. ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט זי שטיל און עפּעס אזוי ווי פאַרשולדיגט געפרעגט:

— איז דאָס טאַקע א ו נ ז ע ר וואָלאָדיע?

— יעס, יעס, א ו נ ז ע ר וואָלאָדיע! — האָט באַגדאַנאָוו איבערגערעדט זיין פרוי'ס ווערטער מיט א טאָן, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט א ביטערען, שניידענדען פאַרוואורף. — יעס, אונ־זער וואָלאָדיע, וועלכער איז לויט דיין גוואַלדאָווגער חכמה און מבינות געווען ניט מעהר, ווי א פּאַטשקון און א שמירער.

מערי האָט שטאַרק געפיהלט איהר מאַנ'ס פאַרוואורף. אויף דער ערשטער מינוט האָט זי ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען. איז זי געבליבען זיצען אָן אנטשוויגענע. באַגדאַנאָוו האָט אויך א וואָרט

ניט אויסגערעדט, ער האָט אָבער זיין בליק ניט ארונטערגענומען פון זיין פרוי, און זיין ניט־ריידען איז געווען דער שווייגען פון א זיגער.

* * *

באָגדאַנאָוו און וואָלאָדיע זיינען אין זייערע יונגע בחור׳שע צייטען, ווען זיי זיינען נאָך געווען „גרינע" אין אמעריקע, געווען נאָענטע חברים. זיי זיינען געווען אידיש־רוסישע אינטעליגענטען. ביידע האָבען זיי ניט געקענט „מאַכען א לעבען" אין דעם נייעם פרעמדען לאַנד. ביידע האָבען זיך גלייך געפּלאָגט, געהונגערט. ביידע זיינען געווען באַהערשט פון א נייגונג צו צייכענען, צו מאָהלען, האָבען זיך באַטראַכט אלס ארטיסטען, האָבען געטרוימט וועגען א גלאָררייכער צוקונפט. וואָלאָדיע פלעגט צייכענען בילדער פון דער נאָהענטער נאַכבאַרשאַפט, פון דעם אידישען דאַון־טאַון, אָרימע, פאַרבלאָטיגטע גאַסען און געסלאַך, הויכע, צו׳חורבה׳טע טענעמענט־הייזער. באָגדאַנאָוו האָט נאָר געמאָלען שעהנע לאַנדשאַפטען, וועלכע ער האָט קיינמאָל אין די אויגען ניט אָנגעזעהן, און ער האָט אלעמאָל זיך אליין באַטראַכט אלס פיל וויכטיגערען, „קינסטלער", ווי וואָלאָדיע, אויף וועמעס חשבון ער פלעגט זיך אָפט לוסטיג מאַכען.

באָגדאַנאָוו האָט זיך פאַרליבט אין א מיידעל מיט׳ן נאָמען: מערי. ווי געוועהנליך מיט אן „ארטיסט", האָט ער זיך א סך מאָל פאַרליבט. עס איז געווען א בלאָנדע איווע, מיט וועמען ער האָט א ליבע געפיהרט. עס איז געווען א רבקה, מיט וועמען ער האָט זיך א צייט לאַנג ארומגעפיהרט. געווען א עטעל, א בעלא. געווען ביי באָגדאַנאָוו׳ן גענוג געליבטע. אָבער די ליבע מיט מערי׳ן האָט באָגדאַנאָוו׳ן אזוי משוגע געמאַכט, אז ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט, און ניט ער אליין, און ניט דער גאַנצער קרייז, וואו ער האָט פאַרקערט, האָבען זיך געקענט פאָרשטעלען, אז אזוינס זאָל גאָר געשעהן.

די אלע מיידלאַך, מיט וועמען באָגדאַנאָוו האָט געפיהרט ליבעס, זיינען געווען פאַרעהרערינס פון זיין „קונסט". זיי זיינען געווען מעהר אָדער ווייניגער אינטעליגענטע מיידלאַך, און יעדע איינע פון זיי האָט אויף איהר אייגענעם שטייגער איהם צוגעגעבען מוט, ער זאָל זיך אויף זיין קינסטלערישען געביט וואָס מעהר ענטוויקלען. אלע האָבען איהם ערמוטיגט צו שטרעבען צו גרויסקייט און באַריהמטקייט. די איינציגע, וואָס האָט זיך מיט באָגדאַנאָוו׳ס „קונסט"

זעהר ווייניג אינטערעסירט, איז גראָד געווען די זעלבע מערי, אין וועמען ער האָט זיך אזוי משוגע פארליבט, אז ער האָט איינגעוויי־ליגט מיט איהר צו געהן אונטער א חופה און איינפיקסען א „פאמי־ליען־נעסטעל״.

מערי איז געווען א פשוטע שאָפּ־מיידעל. וועגען אזעלכע ענינים, ווי „קונסט״, האָט זי פיינט געהאַט צו ריידען. און זי פלעגט אלעמאָל גאַנץ אָפענהערציג צוגעבען, אז זי פארשטעהט זעהר ווייניג וועגען אזעלכע זאכען. זי איז אָבער געווען זעהר א שעהנע, אזא לוסטיגע, אזא לאַכענדע. ס'האָט פון איהר אלעמאָל אזוי ווי גע־שטראָמט מיט לעבען און לוסטיגקייט, און באָגדאַנאָוו האָט די אלע פארעהרערינס פון זיין „קונסט״ אויפגעגעבען און געהייראַט מיט מערי'ן.

מערי האָט ביי איהר ארבייט פארדינט גאָר ניט שלעכט, גע־האַט אביסעל אָפּגעשפּאָרט געלט. האָט זי אויף איהר חשבון, איינ־געפיקסט א שעהנע ציכטיגע היים פאר זיך און איהר מאַן. נאָך דער חתונה איז זי געגאַנגען אין שאָפּ אזוי ווי פאר דער חתונה. באָגדאַנאָוו איז אָנגעגאַנגען מיט זיין „קונסט״, אָבער עס האָט לאַנג ניט גענומען, און אונטער זיין פרוי'ס איינדרוק האָט ער זיך געמוזט פארנעמען אויף א וועג, וואָס האָט געזאָלט איהם ברענגען צו עפּעס א שטיקעל פּראַקטישען תּכלית.

באָגדאַנאָוו האָט גענומען שטודירען אויף אַפּטעיקעריי. עס האָט געדויערט עטליכע יאָהר, און באָגדאַנאָוו איז געוואָרען אַן אויסגעשטודירטער אַפּטעיקער, האָט געקראָגען זיין דיפּלאָם. ער האָט גענומען ווידער טראַכטען און פּלאַנעווען וועגען נעמען זיך פאר זיין „קונסט״. צוגערעדט האָט איהם צו דעם זעהר שטארק זיין חבר וואָלאָדיע, וועלכער האָט זיין מאָהלען נאָך אלץ ניט אויפגע־געבען און געפיהרט א טרעמפּעשען ארט לעבען. מערי האָט וואָ־לאָדיע'ן ניט ליב געהאַט, ווייל זי האָט אַלעמאָל מורא געהאַט, אז ער זאָל איהר מאַן פון גלייכען וועג ניט אראָפּפירען. טאַקע דערפאר פלעגט זי מיט א באזונדער טראַציגקייט אויסדריקען זיך וועגען איהם, אז ער איז א פּאַטשקון און א שמירער.

ווען אנשטאָט זוכען א דזשאָב ביי זיין פּראָפעסיע, האָט זיך באָגדאַנאָוו ווידער א נעם געטאָן פאר זיין מאָהלעריי, האָט איהם מערי אין איין שעהנעם טאָג פארטרויט דעם זעהר וויכטיגען און זעהר דעליקאַטען סוד, אז זי וועט ווערען מוטער, אז זי מוז גאָר

איינגיכען אויפהערען געהן אין שאַפּ. האָט דער יונגערמאַן שוין קיין אנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אויפגעבען זיין קונסט און זוכען א דזשאָב.

באָגדאַנאָוו האָט געקראַגען א שטעלע אין אַן אַפּטעיק. מערי׳ן איז ארונטערגעפאַלען א שווערקייט פון הארצען. און דאָ איז נאָך וואָלאָדיע ערגעץ פארשוואונדען געוואָרען און איז עפּעס ווי אין וואַסער אריין. איז מערי׳ן אויפ׳ן הארצען נאָך בעסער, נאָך גרינגער געוואָרען.

דאָס לעבען איז ווייטער געלאָפען. יאָהרען האָבען זיך געקייקעלט און זיינען ערגעץ פארשוואונדען געוואָרען. זעקס קינדער האָט מערי געבראַכט אויף דער וועלט. צוויי פון די זעקס זיינען אין פארשיידענע צייטען פון דער וועלט אוועק. די באָגדאַנאָווס האָבען פארלאָרען א זוהנעלע פון דריי יאָהר און א טאָכטער, וועלכע האָט שוין געענדיגט האַי־סקול. און מערי, די הייסע, די געטרייע מאַמע, איז פאר דער צייט פארפינסטערט און אַלט געוואָרען.

אין דער הינזיכט פון פרנסה זיינען ביי די באָגדאַנאָווס אויך געווען פארשיידענע צייטען. באָגדאַנאָוו האָט שוין איין מאָל געהאַט זיין איינענעם אַפּטעיק, און עס האָט אויסגעקוקט גאָר ניט שלעכט. אָבער קיין צו־פּעהיגער געשעפטסמאַן איז דער מענש קיינמאָל ניט געווען. זיין פּראָפעסיע האָט ער געהאַסט, אפשר דערפאר, ווייל ער פלעגט זיך באטראַכטען אלס א „פארלאָרענער קינסטלער”. עס האָט לאַנג ניט גענומען, ער האָט זיין אַפּטעיק פארלאָרען און האָט געמוזט ווייטער געהן זוכען א שטעלע ביי א צווייטען. עס זיינען געווען ביי די באָגדאַנאָווס זעהר ביטערע צייטען. און וואו איז אהינגעקומען מערי׳ס אמאָליגע לוסטיגקייט? קיין שפּור ניט פארבליבען. אַן אייביג פארהאָרעוועטע און פארהאַוועטע פרוי איז זי איצט געווען, א פאר־דער־צייט פארעלטערטע מאַמע, וועלכע האָט אין איהרע מוטערליכע געדאַנקען אייביג געזעהן פאר זיך די קברים פון איהרע פארלאָרענע צוויי קינדערלאַך.

באָגדאַנאָוו איז געווען א הייסער פאָטער צו זיינע קינדער, און אויך אין זיין הארצען זיינען טיפע וואונדען געווען. צו זיין פרוי איז ער פארבליבען דער געטרייער מאַן. אָבער דאָך פלעגט ער טראַכטען, אז ווען ניט זיין פרוי וואָלט ער אפשר איצט געווען א באַריהמטער קינסטלער, ניט קיין אַפּטעיקער, און וואָלט ניט גענדאַרפט פיהרען אזא שווערען געפלאָגטען לעבען. איבערהויפּט

פלעגען איהם פלאגען אזעלכע געדאנקען, ווען זיין מאטעריעלע לאגע איז געווען א שווערע, ווען ער פלעגט ניט האָבען קיין דזשאב, און עס פלעגט איהם שטיקען די נויט. אין אזעלכע צייטען פלעגט ער קוקען אויף זיין פרוי, ווי אויף זיין גרעסטען אומגליק, און ער פלעגט טיף אין הארצען פיהלען א שנאה צו איהר.

אזוי האָט זיך דאָס לעבען אוועקגעקייקעלט. די באָגדאנאָווס זיינען שוין עלטערע מענשען. און אָט זיצען מאן און ווייב ביים טיש, מען עסט ברעקפעסט. די קינדער זיינען שוין אוועק יעדער איינער צו זיין באַשעפטיגונג. באָגדאנאָוו איילט זיך ניט אוועקצו־געהן. ניטאָ וואוהין צו געהן. קיין דזשאב איז ניטאָ. ער האָט צוויי אדרעסען, וואוהין ער דאַרף יע געהן ווענגען קריגען א דזשאב, אָבער עס איז ביי איהם א קנאַפּע האָפענונג, אז די צוויי אדרעסען וועלען איהם עפּעס ברענגען. די צייטען זיינען אזעלכע ביטערע, אויף איין אדווערטייזטער שטעלע מעלדען זיך פופציג אפּליקאנטען, איינגערע פון איהם. ווער דאַרף איהם? שוין אן אלטער מאן. איילט ער זיך ניט צו געהן. ער וועט יע געהן, געוויס, אבער ער איילט זיך ניט. און אויפ׳ן הארצען איז אזוי שווער. און אָט לעזט ער אין זיין צייטונג, אז וואָלאָדיע, זיין פאַרלאָרען־געגאנגענער חבר, איז גאָר אין פראנקרייך און איז אזוי באריהמט געוואָרען. זיינע וואונדען אין הארצען זיינען אָפּגעפרישט געוואָרען, האָבען זיך ווידער צואוועה־טאָגט. און ווען ער האָט געגעבען זיין פרוי לעזען די צייטונג, און ער האָט זיך מיט איהר איבערגערעדט, האָט ער צו איהר געפיהלט האַס און פאראַכטונג.

באָגדאנאָוו האָט געטראַכט וועגען זיינע יונגע יאָהרען. ער האָט געטראַכט וועגען די אלע מיידלאך, וואָס זיינען אין איהם געווען פארליבט. ער איז זיכער געווען, אז ווען ער וואָלט געהייראַט מיט אירגענד וועמען פון זיינע געליבטע, וואָלט ער איצט ניט גע־ווען קיין אַפּטעיקער אָהן א דזשאב, וואָלט ניט געדאַרפט ערנידערי־גען זיך, קלאַפּען אין טירען פון אַפּטעיקען, בעטלען פאַר א דזשאב און ענטזאגט ווערען, נאָר ער וואָלט אפשר געווען א באריהמטער מאהלער, פיליכט מעהר באריהמט פון זיין אַמאָליגען חבר. אזוי קלערענדיג האָט ער באַטראַכט זיין פרוי, אלס די אורזאך פון זיין גאַנצען אומגליקליכען לעבען, ער איז אזוי געבליבען זיצען ביים טיש א שווער־שווייגענדיגער מיט א שווער פארוואָלקענטען געזיכט. מערי האָט אָנגעקוקט איהר מאן, זי האָט געשפּירט, וואָס ער

טראַכט, און מיט אַ וועהטאָגדיגען ביטערען שמייכעל האָט זי גע־פרעגט:

— ביזט אין כעס אויף מיר?

באַגדאַנאָוו האָט ניט געענטפערט. וועהטאָגדיגער, ביטערער איז געוואָרען מערי׳ס שמייכעל, און זי האָט באַמערקט:

— דו טראַכסט, מסתמא, אז ווען דו וואָלסט חתונה געהאט ניט מיט מיר, נאָר מיט אימיצען פון דיינע אמאָליגע געליבטע, וואָלסטו איצט נאָר געווען אין פּאַריז, וואו וואָלאָדיע איז, און וואָלסט געווען דאָס אויבערשטע פון שטייסעל.

— נו, וואָס זאָל איך מיט דיר ריידען? — האָט באַגדאַנאָוו מיט פאַראַכטונג געקוועטשט מיט די אַקסלען.

מערי איז ווידער געבליבען זיצען אַ ווײַלע אָן אַנטשוויגענע, קענטיג, אין עראַינערונגען אַ פאַרזונקענע, און פּלוצלינג האָט זי געלאָזט פאַלען אַ באַמערקונג:

— אפשר וואָלט פאַר מיר אויך געווען בעסער.

באַגדאַנאָוו האָט אַנגעקוקט זיין פרוי. ער האָט באַגריפען דעם מיין פון איהר באַמערקונג. און די פאַראַכטונג, וואָס ער האָט צו איהר געפיהלט מיט אַ מאָמענט פריהער, איז ווי דורך אַ כשוף פאַרשוואונדען געוואָרען.

— דו ביזט טאַקע געווען אַן אַרטיסט, אַ קינסטלער, האָסטו געהאט געליבטע. נאָך מיר זיינען אָבער אויך נאָכגעלאָפען גאַנץ פיינע און גאַנץ וואוילע בחורים. איך וואָלט קיין פאַרזעסענע אַלטע מויד ניט געבליבען — האָט מערי איצט גערעדט דרייסט און טראָ־ציג.

— שור, שור! — האָט באַגדאַנאָוו געענטפערט, און שוויי־גענדיג זיינען מאַן און ווייב אָנגעגאַנגען מיט זייער עסען. באַג־דאַנאָווען האָט זיך איצט גענומען שפּאַרען אין די געדאַנקען די עראַינערונג וועגען די בחורים, וועלכע זיינען געווען פאַרליבט אין זיין מערי׳ן. איינער פון זיי האָט געהייסען מוראַווין, איז אַ שעה־נער באַי געווען, אַ צווייטער האָט געהייסען גאַרעליק, געווען אַזאַ קלוגער און געבילדעטער בחור. און ווי אָט די צוויי זיינען דאָס אויסגעגאַנגען נאָך מערי׳ן! די טריט איהרע האָבען זיי געקושט.

מוראַווין איז איצט זעהר אַ רייכער געשעפטסמאַן — טראַכט ווייטער באַגדאַנאָוו. ער איז פאַרהייראַט און לעבט מיט זיין פאַמי־ליע אין רייכקייט און לוקסוס.

גאַרעליק, זיין מערי׳ס צווייטער געליבטער, איז איצט א גרויסער בארימטער דאָקטאָר און איז אויך זעהר רייך — טראַכט ווייטער באָגדאַנאָוו. — ווי גליקליך וואָלט געווען זיין מערי, ווען זי וואָלט געהייראט מיט אירגענד וועלכען פון איהרע דאמאָלסטדיגע געליבטע! ווי גוט איהר וואָלט געווען!

באָגדאַנאָוו ווארפט א זייטיגען בליק אויף זיין פרוי; ווי פאַרעלטערט זי איז געוואָרען! ווי איינגעדארט איהרע באַקען זיינען! וואָסערע טיפע קנייטשען האָבען זיך אין איהר געזיכט איינגעשניטען! ער פאַרמאַכט אויף א מאָמענט די אויגען, ער זעהט אין זיינע געדאַנקען די אמאָליגע יונגע זעלטען-שעהנע מערי, און עס ניט איהם א שניט אין הארצען.

טראַכט איבער באָגדאַנאָוו וועגען זיין פרוי׳ס פינסטערען לעבען. איבערגעלעבט אָרימקייט, נויט, צרות. אפשר צוליב דער אָרימקייט זיינען זייערע צוויי קינדער פון דער וועלט אוועק? אזא געטרייע, אזא אומגליקליכע מאַמע איז זי, אזא געטרייע, איבערגעבענע פרוי. און ער האָט נאָך צו איהר קריוודעס.

צואוועהטאָגט זיך באָגדאַנאָוו׳ס הארץ. ציט זיין הארץ צו זיין פרוי מיט אזא טיפער ליבע, מיט אזא וועהטאָגדיגער חרטה, פאַרוואָס ער האָט געפיהלט אזוי שלעכט צו איהר, פאַרוואָס ער האָט אזוי שלעכט גערעדט צו איהר.

באָגדאַנאָוו איז ארויס פון טיש, א ווײַלע זיך ארומגעדרעהט איבערן צימער. מערי איז נאָך אלץ ביים טיש געזעסען. איז ער צוגעגאַנגען צו איהר, פארשולדיגט און מיט צערטליכקייט געפרעגט:

— וואָס אזוי פאַרטראַכט, מערי?

— אזוי... גאָרנישט... — האָט מערי געענטפערט.

— ביזט אויף מיר אין כעס, מערי?

— פאַרוואָס אין כעס?

באָגדאַנאָוו האָט זיין פרוי׳ס קאָפּ צוגעדריקט צו זיין הארצען. ער האָט זי געצערטעלט און געמורמעלט:

— אפשר וואָלט פאַר דיר א סך גלייכער געווען, ווען דו וואָלסט מיך קיינמאָל ניט באַגעגענט.

אין באָגדאַנאָוו׳ס יידען האָבען זיך געפיהלט פאַרשטיקטע טרערען. און מערי האָט פאַרטראַכט געמורמעלט: — אפשר וואָלט פאַר אונזביידען בעסער געווען.

זיין געליבטע'ס מתנה

צו טשארלי'ס געבורטסטאָג האָט די „מיידעל" זיינע איהם גע־שענקט דריי האַלזטיכער, איינגעפּאַקט אין א שעהנעם פּאַפּירענעם באַקסעל. זיין פּרעזענט האָט טשארלי געקראָגען, ווען ער איז גע־ווען מיט א באַזוך ביי זיין מיידעל (ביי זיין געליבטער), און ווען טשאַרלי איז געקומען אהיים, האָט ער געצייגט זיין פּרעזענט צו זיינע מענשען, עס הייסט צו זיין פאָטער, מוטער און זיינע צוויי שוועסטער, ביידע אינגערע פון זייער ברודער.

יעדער איינער אין טשאַרלי'ס פאַמיליע האָט באַטראַכט די האַלזטיכער, יעדער איינער אויף אַן אייגענעם שטייגער. טשאַרלי'ס פאָטער האָט א קוק געטאָן אויף די האַלזטיכער אין באַקסעל, א פאָטערליכען שמייכעל געטאָן צו זיין זוהן און גלייכגילטיג בא־מערקט:

— שעהנע האַלזטיכער.

איינע פון די אינגערע שוועסטער האָט באַטראַכט די האַלז־טיכער און שפּיגלענדיג זיך מיט דעם, האָט זי גערעדט אויף איהר שטייגער:

— „אָה מאַ, האַו קיוט" (ווי שעהן).

די צווייטע, די עלטערע, האָט שוין מיט מעהר אויפמערקזאַמ־קייט באקוקט די האַלזטיכער. אפנים, אז די מיידעל האָט איינגע־זעהן, אז די האַלזטיכער זיינען ניט פון די אמת'ע גוטע, ווייל איהר קלוגער געזיכט האָט זיך אויסגעקרימט אין א שטעכיגען שמייכעל, און זי האָט גאָרנישט געזאָגט.

— גלייכסט ניט? — האָט טשארלי ניט איבעריגס צופרידען געפרעגט דער שוועסטער.

— דו גלייכסט? — האָט די שוועסטער געפרעגט מיט דעם זעלביגען שמייכעל אויפ'ן געזיכט.

— אפקאָז גלייך איך, — האָט טשארלי געענטפערט מיט א פאַרריסען נאָז.

— נו, ווען דו גלייכסט, איז אָלראַיט, — האָט די עלטערע

שוועסטער געענטפערט, און אלץ מיט דעם זעלבען שמייכעל, און מען האָט געקענט זעהן, אז טשאַרלי ערגערט זיך פון דער שוועס־טער׳ס באַנעמען זיך.

ווען די באַקסעל מיט די האַלזטיכער איז אריבער צו דער מאַמען, האָט די לעצטע די האַלזטיכער ארויסגענומען פון באַקסעל, יעדען איינציגען פון זיי גוט באַטראַכט, און שמייכלענדיג און פיל־באַדייטענד שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, האָט זי עטליכע מאָל עפּעס אזוי ווי מעהר פאַר זיך באַמערקט:

— מאַרטהאַ איז א קלוגע מיידעל.

מאַרטהאַ איז געווען דער נאָמען פון טשאַרלי׳ס כלה.

— וואָס מיינסטו, מאַמאַ: מאַרטהאַ איז א קלוגע מיידעל?

— האָט טשאַרלי איבערגעפרעגט דער מוטער.

— איך מיין, אז זי איז א קלוגע מיידעל, — האָט די מאַמע געשמייכעלט און נאָך אלץ באַטראַכט די האַלזטיכער.

— אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט די האַלזטיכער? — האָט טשאַרלי אויספאַרשענד אָנגעקוקט די מוטער.

— עס האָט שוין זעהר צו טאָן, — האָט די מאַמע געענט־פערט.

— גלייכסט ניט די האַלזטיכער? — האָט טשאַרלי אנגעקוקט זיין מוטער.

— דו גלייכסט?

— יעס, איך גלייך, — האָט טשאַרלי ארויסגעלאָזען פון מויל דריי ווערטער, אָבער יעדעס וואָרט האָט ער געדריקט און געצויגען, עפּעס אזוי ווי יעדעס וואָרט וואָלט געהאַט א גוואַלדיגע באַדייטונג.

— יעס, איך גלייך.

— אָלרייט, טראָג געזונד, — האָט די מאַמע אָפּגערוקט פון זיך דאָס קעסטעל מיט די האַלזטיכער.

— טהיינק יו, — האָט טשאַרלי געענטפערט פאַרביטערט, און נאָך מעהר פאַרביטערט און מיט מעהר הארץ האָט ער צוגע־געבען:

— ווען נאָר מאַרטהאַ גיט מיר א פּרעזענט, און איך ברענג אהיים און צייג אייך, געפעלט אייך ניט... איך וועל מעהר מאַר־טהאַ׳ס פּרעזענטען אייך קיינעם ניט ציינען.

— די פּרעזענטען, וואָס מאַרטהאַ גיט דיר, מעג מען דאָס שוין

אויך צוטיילען און צוזאָמען, און צוזאָמען פֿון דעם וואָרפּעד אויף פּערזאָנעלן, איז ער באַשטימט געוואָרן אויף איהר בחור'ס פּראָוואָרפען.

טשאַרלי, אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער, האָט ניט איבעריגס פאַרשטאַנען, וואָס די מאַמע'ס ווערטער באַדייטען. אָבער אָנקוקענדיג דער מאַמע'ס געזיכט און איבערהויפּט לויט דעם טאָן פון איהר ריידען, האָט טשאַרלי פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע האַלט זעהר ווייניג פון זיין געליבטער'ס מתנות, און דער בחור האָט אָפּגעענטפערט שוין מיט כעס:

— אַלץ גיט זי דאָך מיר מעהר פּרעזענטען, ווי דו גיסט.

— טאַקע? זעהר פיין פון איהר! — האָט די מאַמע איבערגערעדט טשאַרלי'ס ווערטער, איבערגערעדט אין אַן אויפגערעגטען טאָן.

— געוויס מעהר פון דיר... מעהר פון אייך אַלעמען, — האָט טשאַרלי געוואָרפען דעם פּראָוואָרף צו די איבעריגע מיטגלידער פון דער פאַמיליע. — אָט איז נעכטען געוועזען מיין „בוירטסדעי", האָט אימיצער פון אייך אַלעמען דאָ מיר געגעבען אַ פּרעזענט? קיינער ניט! אָבער מאַרטהאַ האָט יע געגעבען, מאַרטהאַ איז צו מיר בעסער פון אייך אַלעמען.

טשאַרלי איז אַ בחור'ל פון אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג; ער שטודירט אויף דענטיסט. נאָך איין יאָהר און ער וועט שוין זיין קאַלעדזש ענדיגען און ער וועט שוין זיין אַ ציין־דאָקטאָר. טשאַרלי פאַרדינט ניט קיין צובראָכענעם סענט, און שטודירען שטודירט ער איינגאַנצען אויפ'ן טאַטענ'ס רעכענונג. טשאַרלי'ס פאָטער איז אַן אַרבייטער, אַ פּשוט'ער שאַפּ־אַרבייטער, און זיין זוהנ'ס שטודירען קאָסט אָפּ אַ פאַרמעגען. מען דאַרף איינצאָהלען אין קאַלעדזש יעדען יאָהר די סומע פון פינף הונדערט דאָלאַר. היינט דאַרף מען דעם בחור'ל פאַרזאָרגען מיט ביכער, מיט געוויסע אינסטרומענטען, וואָס עס פאָדערען זיך צו דער פּראַקטישער אַרבייט אין קאַלעדזש. און אַ בחור'ל אַ סטודענט דאַרף מען קליידען; מען דאַרף געבען יעדע וואָך עטליכע דאָלער אויף עקספּענסעס. און דאָס גיט אַלץ דער טאַטע... שווער, מורא'דיג שווער קומט דאָס אָן דעם טאַטען. מען רייסט אָפּ פון דעם עסען, מען רייסט אָפּ פון די אַנדערע קינדער; מען שפּאָרט, מען קאַרגט; מען איז אויסגעדעכענט אויף אַ פּעני. מען האָט שוין גענומען הלוואות אויף די לעבענס־פאַרזיכערונגס־פּאָליסים, און וואו עס איז נאָך דאָ אַ דאָלער און וואו עס איז

נאָר דאָ א פּעני אין הויז, געהט אוועק אויף טשאַרלי׳ן. דער קאַ־לעדזש טשאַרלי׳ס איז עפּעס ווי א פּאַר׳כשופ׳טער ברונים, א ברונים אָהן א דעק. און עס נעמט אין זיך אַלץ אריין, און מען קען עס ניט אָנפילען. עס נעמט אוועק דעם טאַטענ׳ס לעצטע כוחות. עס עסט און עס ווערט קיינמאָל ניט זאַט. אַלעמאָל גיב און גיב און גיב... עס בויגט צו דער ערד אי טשאַרלי׳ס טאַטען אי טשאַר־לי׳ס מאַמען. און די אינגערע שוועסטער קומט אויך אוים צו ליידען נויט איבער דעם ברודער׳ס קאַלעדזש, און די גאַנצע פאַמיליע פיהלט אויף זיך דעם שווערען יאָך פון טשאַרלי׳ס קאַלעדזש. און איצט, ווען עס איז געקומען צו־רייד וועגען די האַלזטיכער, און ווען טשאַרלי האָט זיך אויסגעדריקט, אז מאַרטהאַ, זיין מיידעל איז צו איהם בעסער ווי אַלע דאָ אין הויז, האָבען אַלע גלייך — דער פאָטער, די מאַמע, די שוועסטער — אַלע גלייך האָבען דערפיהלט זיך שווער געטראָפען פון דעם בחור׳ס ווערטער; אַלע גלייך האָבען דערפיהלט טשאַרלי׳ס אומדאַנקבאַרקייט און דער איינדרוק, וואָס טשאַרלי׳ס ווערטער האָבען געמאַכט אויף די אנדערע מיטגלידער פון זיין פאַמיליע איז געווען אַזאַ שווערער, אַזאַ וועהטאָגדיגער, אַז קיינער האָט ניט געפונען קיין וואָרט מיט וואָס צו ענטפערען, און אַלע זיינען געבליבען שטיל שווייגען. עס איז אָבער געווען אַזאַ פיינליכער שווייגען.

די ערשטע איז צו זיך געקומען די מאַמע און זי האָט גענומען ארויספּלאַצען מיט דעם, וואָס עס האָט איהר פאַרשטיקט אויפ׳ן האַרצען:

— ווילסט א פּרעזענט צו דיין „בוירטסדעי”, זוהן מיינער?

— פאַרוואָס ניט? — איז טשאַרלי געווען פאַרטיג צו א מלחמה.

— אפשר א „פּאַרטי” דיר מאַכען?

— ווילסט ניט, דאַרף מען ניט!

— אפשר האָט מען דיר געמאַכט א פּאַרטי דאָרטען, ביי דיין מיידעל?

— אפשר.

— אָבער אַזאַ פּרעזענט ווי מען האָט דיר דאָ געגעבען, וועט מען דיר ביי דיין מיידעל ניט געבען, — האָט די מאַמע ניט אָפּ־געלאָזען טשאַרלי׳ן.

— וואָס מיינסטו ?
— ערשט מיט צוויי וואָכען צוריק איינגעצאָלט פאַר דיר פיר הונדערט און אכציג דאָלאר אין קאָלעדזש — האָבען די מאַמע׳ס ווערטער אָפּגעהילכט איבער׳ן גאַנצען צימער, — פיר הונדערט און אכציג דאָלאר.
טשאַרלי האָט ניט געענטפערט.
— און א סוט פאַר פינף און דרייסיג דאָלער דיר אויך גע־קויפט.
טשאַרלי האָט געשוויגען.
— ניט קיין שלעכטער פּרעזענט.
טשאַרלי איז געזעסען א פאַרשוויגענער.
— און עס איז גאָרניט אזוי לייכט אָנגעקומען, — האָט זיך די מאַמע ניט געקענט איינשטילען. — אויף דער פּאָליסי געמאַכט א נייעם חוב. מען רייסט אָפּ פון זיך, מען שינדט פון זיך די הויט אָפּ. מען רייסט אוועק פון די מיידלאך, אפשר וואָלטען זיי אויך געוואָלט געהן ווייטער שטודירען, געמוזט זיי שיקען ארבייטען כדי דיך פאַר א דאָקטאָר מאַכען. דער טאַטע הוסט אָפּ גאַנצענע נעכט און מען פאַרגינט זיך ניט צו א רעכטען דאַקטאַר געהן, ווייל עס וועט ניט זיין מיט וואָס צו צאָלען דעם דאָקטאָר, און אלץ שטאָפּט מען אין דיר אריין. ניט קיין שלעכטער פּרעזענט.
— איך וועל ענדיגען, איך וועל עפּענען אַן אָפיס, וועל איך באַצאָלען, — האָט טשאַרלי געמורמעלט פאַרשולדיגט.
— „וועסט באַצאָלען", — האָט די מוטער מיט ביטערקייט איבערגערעדט טשאַרלים ווערטער, — שור, מען דאַרף אָנגרייטען א בייטעל, מאַרטאַ׳ן דיינער וועסטו צאָלען. זי וועט הנאה האָבען פון דיין דאָקטאָריע. צוליב איהרט וועגען לייגען מיר זיך דאָ אלע אין דער ערד אריין. מיך, דעם טאַטען, וועסטו פון אלע טירען מסתמא ארויסטרייבען, מיט א סענט וועסטו ניט ארויסהעלפען.
— ווער דאַרף זיינע ! — האָט ענדליך דער טאַטע אויך מיט א וואָרט אריינגעמישט זיך, — ווער וויל פון איהם עפּעס ! איך וויל נאָר, אז ער זאָל זיין א שטיקעל מענש, ער זאָל ניט דאַרפען אין שאָפּ אָנקומען. וועל איך וויסען אז ער איז געקומען כאָטש צו א שטיקעל תכלית, וועל איך קענען רוהיג די אויגען צומאַכען.
— „יו סעלפיש טהינג" (דו איינגהארציגער בחור׳ל) — האָט די עלטערע שוועסטער פון צווישען די ציינער ארויסגערעדט.

— „יו אָוט טו בי עשעימד אָוו יורסעלף" (דו דארפסט זיך שעהמען) — האָט אויך די אינגערע שוועסטער געלאָזט הערען איהר פּראָטעסט.

טשאַרלי האָט גענומען א בוך און אין דעם פארטיפט זיך, און עס איז געווען קענטיג, אז דער פּראָטעסט פון דער גאנצער פאַמיליע מאכט אויף איהם א גאנץ שוואכען איינדרוק.

אָבער די מוטער האָט זיך ניט געקענט איינשטילען און זי האָט ווייטער גערעדט:

— א חכמה איז זי, די מארטהא, א קלוגע מיידעל.

דערהערט זיין מיידעל'ס נאָמען האָט טשארלי פון בוך זיין בליק אויפגעהויבען און די מאמע האָט ווייטער גערעדט:

— אנדערע מיידלאך, ווען מען קריגט א חתן, העלפט מען אויס. ווילסט האָבען א מאַן א דאקטאר, ווילסט, אז דיר זאָל גוט זיין, העלף! גיב אמאָל א דאָלער. ניט מארטהא. אמאָל אין א יאָהר קויפט זי איהם א שטיקעל פּרעזענט. און וואָס פאר א פּרע־זענט? געקויפט דריי האַלזטיכער. כאָטש וואָלט זי געקויפט רעכטע. א דאָלער, מסתמא, באצאָלט פאר אלע דריי, און אפשר דאָס אויך ניט. און דער גולם מיינט, אז עס איז א טייערער פּרעזענט.

ביי טשארלי'ן האָבען זיך געצייגט רויטע פלעקען אויף די באַ־קען, און פארשטיקט פאר כעס האָט ער אויסגעשריען:

— עס איז ניט אמת, זי האָט באצאָלט דריי דאָלאר!

און טשארלי איז בלאַס געוואָרען.

— שמאַטעס, קיין דאָלער אויך ניט ווערט, — האָט די מאַמע נאָך אמאָל גענומען טאַפּען די האַלזטיכער. — שמאַטעס, מען נעמט דיך אויף זיכער.

טשאַרלי איז אויפגעשפּרונגען אָן אויפגעקאָכטער. ער איז אבער געבליבען שטעהן אויף זיין אָרט, ווייל ער האָט קענטיג ניט געוואגט די מוטער אָנגרייפען. אָבער דאָ האָט די עלטערע שוועסטער זיך אונטערגערוקט און אָנטאַפּענדיג די האַלזטיכער, האָט זי מיט א שפּאָטישען שמייכעל באַמערקט:

— ביליג, ביליג. אלע דריי מסתמא איינגעהאנדעלט אויף א סטענד פאר א האַלבען דאלאר, און דער „סימפּ" מיינט, אז ס'איז עפּעס רעכטס.

דעררעדען האָט שוין די מיידעל ניט געהאַט קיין געלעגענהייט,

ווייל טשארלי האָט זיך א וואָרף געטאָן צו דער שוועסטער מיט אויפגעהויבענע פויסטען.

— טרעט אָפּ פון איהר! — האָט אָפּגעהילכט דעם טאַטענס פארשטיקטער, אבער מורא׳דיגער אויסגעשריי.

טשארלים הענד זיינען געבליבען ווי פארגליווערטע... און עס איז ווידער שטיל געוואָרען. די מיידלאך זיינען געשטאנען מיט אָנגעצונדענע אויגען, די מאמע האָט פארבראָכען די הענד, און דער טאטע האָט אין א שווערען הוסטען אויסגעבראָכען. טשארלי האָט א כאַפּ געטאָן זיין מיידעלס פּרעזענט און איז פון הויז ארויסגעלאָפען.

אין דער נאַכט ווען דער סאָפּער גייט זיך איין

דער הויפּט מאָלצייט ביי די זילבערבערגס איז דער אבענד־מאָלצייט, אָדער ווי מען רופט עס אין אמעריקא, דער סאָפּער. די זילבערבערגס זיינען א פאַמיליע פון פינף נפשות: מאַן, ווייב און דריי קינדער, פון וועלכע די עלטערע איז א טאָכטער, א קאָלעדזש מיידעל און די אינגערע זיינען צוויי זיהן, האי־סקול בחורים׳לאך. קומט א פרימאָרגען מאכט די מיסעס זילבערבערג פרישטיק פאר דער פאמיליע, אָבער עס קומט אויס אזוי, אז יעדערער אין דער פאמיליע עסט באזונדער. דער מאַן געהט אוועק צו דער ארבייט פאר פריה. ווארט ער גאָר אין גאנצען ניט ביז די ווייב וועט צוגרייטען עסען, נאָר ער טרינקט אויס א גלאָז מילך און געהט אוועק צו דער ארבייט. דערנאָך פאנגט זיך אָן א סדרה מיט די קינדער; יעדערען פון די דריי קינדער קומט אויס צו געהן אין סקול אין אנאנדער צייט, און יעדערער עסט ברעקפעסט באזונדער. די מאַמע אליין עסט אמאָל מיט דעם קינד צוזאמען ביים טיש און אנאנדערש מאָל מיט א צווייטען קינד. נאָר אָפטער זעצט זי זיך אוועק צום טיש, ווען די פאמיליע צוגעהט זיך און זי עסט אליין, און דער פרישטיק איז עפּעס גלאַט אזוי געגעסען. ס׳איז עפּעס ניט קיין מאָלצייט, און וועגען עסען אין מיטען טאָג איז דאָך אָפּגערעדט.

זילבערבערג עסט זיין „לאָנטש", ווען ער האָט זיין פרייע דינער־שטונדע ביי דער ארבייט ערגעץ־וואו אין א „לאָנטש־רום", ניט ווייט פון שאָפּ. די קינדער קומען פון די סקולס טאקע ווייטער איינציגווייז און יעדער איינער עסט עפּעס פאר זיך. די מאַמע אליין ווארט אָפּ ביז ס׳נעמט איהר „חלש׳ן די הארץ". טוט זי עפּעס אויך א ביס, אבי נאָר עפּעס איבערצוכאפּען, אז די הארץ זאָל ניט אויס־געהן. איז ניטאָ ביי די זילבערבערגס קיין מיטאָג־מאָלצייט. אבער דערפאר איז דער אבענד־מאָלצייט דער גאנצער יום־טוב. דער סאָ־פּער איז דער יחסן.

צום סאָפּער גרייט מען שוין דעם טיש. דער מאַן קומט פון דער ארבייט, וואשט זיך איין, טוט זיך איבער און ביים סאָפּער־

טיש זיצט ער ווי א יום־טוב׳דיגער. די קינדער זיינען אין מעהרסטע פעלע אויך אלע ביים סאפער. און דאס איז ביים סאפער, ווען ס׳קומט פאר די טעגליכע פארזאמלונג פון דער גאנצער פאמיליע. און איהרע אלע פעהיגקייטען אלס ווירטהין און איהר גאנצע קאכען־קענטניש געברויכט די מיסעס זילבערבערג, אדער פייגע־ביילע, ווי זי הייסט מיט איהר נאמען, אויף צו מאכען א לייטישען, א געראָ־טענעם סאפער. און דער הויפט מאלצייט ביי די זילבערבערגס איז דער אבענד־מאלצייט אדער, ווי מען רופט עס אין אמעריקא, דער סאפער!

ניט אימער אָבער גיט זיך איין פייגע־ביילע׳ן צו האָבען א סאפער אזוי, אז זי זאל האבען מיט וואס צו באריהמען זיך, אזוי, אז זי זאל קענען שטאלץ פיהלען זיך. און ווען דער סאפער איז ניט אזא געהויבענער, פיהלט די אָרימע פייגע־ביילע עפעס אזוי ווי א טאָג פון איהר לעבען וואלט אין גאנצען אין „ניוועץ״ אוועק: זי פיהלט זיך אומרוהיג און קריינקליך נערוועז. מיט א דאפעלטער אויפמערקזאמקייט פאסט זי אויף ווי די פאמיליע עסט דעם סאפער. נאָך די פנים׳ער נאָך פארשטעהט זי שוין, אז איהר סאפער איז היינטיגען מאל א דורכפאל. געוועהנליך שווייגט זי אין אזא פאל, שווייגט מיט א שווערען הארצען. אלע שווייגען, שווייגט זי אויך. זי פארשטעהט אָבער, אז אלע שווייגען, ווייל ס׳איז ניטאָ וואס איבעריגס צו רעדען וועגען דעם סאפער. קריינקט איהר פון דעם שווייגען. דער שווייגען עסט איהר אויס דאס הארץ. נאָר זי שווייגט אויך. און אין איהר טיפען הארצען טרייסט זי זיך מיט דעם, וואס זי פלאנעוועט שוין אויף מארגען צו מאכען א בעסערען סאפער. אָבער אנאנדערשמאל איז דער שווייגען פאר איהר שוין צו שווער, צופיל אומערטרעגליך און זי נעמט ריידען פאררדריסליך:

— וואס איז, פאמילקע, מען גלייכט ניט דעם סאפער?

איז שוין די מאמע מיט לשון ארויס, ענטפערט די פאמיליע. דער מאן, וועלכער זיצט ביים טיש מיט א לאנגער נאז, ענטפערט דער ערשטער בורטשענדיג:

— ניטאָ וואס צו געפעלען זיין.

— די זופ איז רעגעלע וואסער — באמערקט די עלטערע טאכטער.

— נו, געפעלט דיר ניט, קאלעדזש מויד, מיינע, מאך אליין

סאַפּער — ענטפערט די מאַמע, און מען זעהט, אז דער אָרעמער מאַמען קאָסט דער ענטפער א שטיק הארץ, א שטיק געזונט.

יעצט געהן ארויס די אינגערע קינדער מיט לשון :

— „סאָם סאַפּער" !

די אָרעמע מאַמע פיהלט עפּעס אזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך פאר איהר געענדיגט, זי איז נערוועז און „קריינקי" פארבי־טערט, און זי הערט ניט אויף צו ריידען, אז דער לעבען איז איהר שווער, אז ס'איז אריבער איהרע כוחות צו „באַדינען" א פאַמיליע פון פינף, און עס איז אין הויז א פארשטערטער יום־טוב !

אָבער דערפאר איז פייגע־ביילע'ס וועלטעל דאַן, ווען דער סאַ־פּער גיט זיך איין און דאַן, ווען דער סאַפּער איז א קיילעכדיגער ערפּאָלג, געהט ארום פייגע־ביילע מיט א פּנים, וואָס שטראַלט איינ־פאַך פאר גליק... פייגע־ביילע זיצט ביים טיש און אנשטאַט עסען דעם גוטען, דעם ערפאָלגרייכען סאַפּער, „עסט זי גאָר מיט די אויי־גען" איהרע קינדער און איהר מאַן און קוקט צו ווי די פאַמיליע האָט הנאה פון דעם גוטען סאַפּער; זי קוקט צו ווי די פאַמיליע עסט מיט אפּעטיט און ס'וואַקסט די הארץ אין איהר פאר פרייד און גליק.

— ווי געפעלט אייך היינטיגע זופּ ? — פרעגט פייגע־ביילע — פרעגט מיט א שטראַלענדען פּנים.

—ס'צוגעהט אין מויל — ענטפערט דער מאַן.

— „לאָוולי סופּ" — לאָזט זיך הערען די קאַלעדזש מיידעל.

— „אַי וואוד לאַיק טו העוו סאָם מאָר" (איך וואָלט וועלען האָבען נאָך אביסעל) — לאָזען זיך הערען די האַי־סקול קינדער.

— ניטאָ מעהר, קינדערלאך, — ענטפערט די מאַמע, ווי עס פאַרדריסט דער מאַמען, וואָס ס'איז ניטאָ מעהר און זי קען ניט באַפרידיגען די קינדער מיט נאָך אביסעל זופּ; ווי ס'צוגייט איהר די הארץ פאר פרייד, וואָס די קינדער געפעלט אזוי שטארק דער עסען, — ניטאָ מעהר, קינדערלאך, איך האָב געלאָזט די זופּ גוט איינ־קאָכען, אז ס'איז זעהר ווייניג געבליבען.

— בעסער אביסעל ווייניגער, אבי ס'איז גוט — גיט דער מאַן א מיינונג.

די קינדער „ווישען אויס" די טעלער מיט שטיקלאך ברויט און די מאַמע קוקט אָן די קינדער מיט א מוטערליכען פרעהליך־גליק־ליכען שמייכעל.

— קוק נאָר אָן די משוגענע קינדער... זעה נאָר, זעה נאָר ווי מען טונקט דאָס אוים די טעלער! אָט אזוי איז דאָס אייך גע־פעלען די זופּ?

— טייערע זופּ! — ענטפערט דער מאַן.

— „לאָוולי סופּ", — זאָגט איבער די קאָלעדזש מיידעל.

— „סאָם סופּ", — ריידען שטיפעריש די אינגערע קינדער.

און ווער איז גאָר גלייך צו דער מאַמען?

נאָך די סופּ קומט דאָס פלייש. ס'איז וויטער גוט, ס'איז ווייטער אַן ערפאָלג. די פאמיליע שלינגט די ביסען מיט אפּעטיט. ארום טיש הערשט א שטילע פרעהליכקייט, א שווייגענדע באגייסטערונג. די מאַמע איז קעניגין ביים טיש. אָט קומט נאָך א געריכט און נאָך א געריכט... ביז דער מאַן האלט ניט אויס און צולאכט זיך פרעהליך:

— וואָס איז היינט פאר א יום־טוב, פייגע־ביילע?

— נעכטען ביזטו דאָך ניט געווען צופרידען, — קוקט אָן פייגע־ביילע איהר מאַן מיט פאָרוואורף, — האָב איך שוין היינט פאר דיר אָנגעקעכילט.

— אָט דאָס הייסט ביי מיר א סאפּער! — איז דער מאַן א צופרידענער.

— צופרידען קינדער? — קוקט אָן די מוטער די קינדער מיט א זיעגרייכען בליק, — צופרידען אָדער ניט צופרידען?

— „סוועל סאַפּער", — ענטפערט די קאָלעדזש מיידעל.

— „סוקסעס", — לאַכען פרעהליך די אינגערע קינדער.

דאָ כאַפּט זיך די מאַמע אז זיך אליין האָט זי ביים סאַפּער אין גאַנצען פאַרטיילט. זי האָט פון אלע געשמאַקע געריכטען כמעט ווי גאָר ניט פאַרזוכט. נאָר דאָך איז די מאַמע זאַט, זי איז זאַט מיט איהר ערפאָלג... זאַט פאַר פרייד, פאַר גליק, וואָס זי האָט צופרידענ־געשטעלט איהר מאַן און איהרע קינדער.

נאָך סאַפּער צוגעהן זיך געוועהנליך די קינדער, דער מאַן בלייבט אויך זעלטען ווען אָן אבענד אין דער היים: אָדער ער געהט אריין צו א שכן אביסעל פאַרברייננגען, אָדער ער נעמט א „וואָק" און פאַרגעהט אין די מואוויס, אָדער צו א גוטען ברודער מאַכען א קערטעל. אין דער היים בלייבט די מאַמע. זי בלייבט געוועהנליך

אליין. נאָר מחמת דער סאַפּער האָט זיך איינגעגעבען און די פאַמיליע איז געווען צופרידען, איז דער פרוי אזוי גוט, אזוי פריי אויפ׳ן הארצען, אז זי פארגעסט אָן איהר אליין־זיין, ווען זי נעמט צו פון טיש און וואשט די געשיר אין קיך, שטראהלט נאָך אלץ איהר פּנים, און ארבייטענדיג ביים סינק שוועבען פאר איהרע אויגען די צופרידענע געזיכטער פון איהר מאַן און פון די קינדער, און ס׳איז איהר ווארים און גוט אויפ׳ן הארצען. די ארבייט ברענט אונטער איהרע הענט. נאָר ווען זי ווערט פארטיג מיט די געשיר וואשען דערפיהלט זי אז זי איז הונגעריג, ווייל פאר באגייסטערונג האָט זי דאך גארנישט געגעסען. נו, גיסט זי זיך אָן א גלעזעל טהע, שמירט אָן א שטיקעל ברויט מיט פּוטער און דאָ טאקע אין קיך האָט זי איהר סאַפּער.

מחמת דעם יום־טוב מיט דעם איינגעגעבענעם סאַפּער, פּאַסט אויף די נאַכט פייגע־ביילע אויסצובעטען די בעטען שעהנער און פּינקטליכער ווי אימער. פארטיג געוואָרען מיט דעם אויסבעטען די בעטען זעצט זיך אוועק די פרוי אריינקוקען אין א צייטונג. און אזוי ווארט זי אויף דער פאַמיליע. אָט קומען די קינדער און לייגען זיך שלאָפען, און אָט קומט דער מאַן.

— אויסגעבעטען די בעט, פייגע־ביילע? — פרעגט דער מאַן.

פייגע־ביילע קוקט אָן איהר מאַן, זעהט זי אז ער איז גוט געשטימט, איז איהר אויך גוט אויפ׳ן הארצען, און זי ענטפערט:

— אויסגעבעטען!

מאַן און ווייב געהען אין זייער שלאָפצימער אריין. דער מאַן זעהט ווי שעהן און ציכטיג די בעט איז פארבעט, ס׳לאָזט זיך מערקען אז ער פיהלט זיך גוט. און פייגע-ביילע פרעגט:

— געהסט שוין שלאָפען?

— נו, וואָס דען?

— הנאה געהאַט פון היינטיגען סאַפּער? — פרעגט פייגע־ביילע.

— און נאָך ווי הנאה געהאַט.

עס טרעפט אמאָל, אז פייגע־ביילע׳ס מאַן עסט אין א רעסטאָראַן. און ווען ער קומט אהיים דערצעהלט ער וואָס ער האָט געגעסען און וויפיל איהם האָט געקאָסט. ווייסט שוין פייגע־ביילע, אז סאַפּער עסען אין א רעסטאָראַן קאָסט דעם מאַן א דאלאר, און אַן

אנדערש מאָל נאָך מעהר. און וויסענדיג וועגן דעם אַלעם, פרעגט זי יעצט איהר מאַן:

— זאָג דעם אמת, אין רעסטאָראַן גיט מען דיר אויך אזא מין סאפּער?

— וויים איך וואָס! — מאכט אוועק דער מאַן מיט'ן האנט.

— און פונדעסטוועגן קאָסט דיר א דאלאר ווען דו עסט אמאָל אין א רעסטאָראַן, יעס, מיין מאַנעלע?

—אַן אנדערש מאָל נאָך מעהר ווי א דאָלאר, — גיט צו דער מאַן.

— הייסט עס, אז ווען איך, דו און די קינדער זאָלען וועלען אָפּעסען א סאפּער אין רעסטאָראַן, דאַרף דאָס קאָסטען א פינפערל.

— אמוועניגסטען, — גיט צו פיינע־ביילע'ס מאַן.

— און וואָלטען מיר טאקע געהאט אזא סאפּער ווי איך האָב היינט געמאכט? — פרעגט פיינע־ביילע.

— ס'הויבט זיך ניט אָן.

— און ווייסטו וויפיל מיר האָט געקאָסט דער גאנצער סאפּער?

— פיינע־ביילע'ס מאַן אינטערעסירט זיך ניט איבעריגנס צו וויסען וויפיל דער סאפּער האָט געקאָסט, פונדעסטוועגן פרעגט ער:

— וויפיל?

און פיינע־ביילע רעכענט אוים ווי ביליג ס'קאָסט איהר דער סאפּער, און דער מאַן שמייכעלט צו גוטמוטיג.

עפּעס איין מאָל האָט געטראָפען, אז פיינע־ביילע'ס מאַן איז געווען א טאָג אין אַן אנדער שטאָדט, דאָרט א נאכט אין א האָטעל גענעכטיגט, און באצאָלט פאר דער נאכט דריי דאלאר. קען אָט די פּאַסירונג פיינע־ביילע קיינמאָל ניט פארגעסען. ווען נאָר די פרוי האָט א געלעגענהייט וועגען דעם איהר מאַן צו דערמאָנען, דער־מאָנט זי: אָט, זאָל איהר מאַן האָבען אין זינען וואָס עס הייסט א נאכט נעכטיגען ניט אין דער היים. און איבערהויפּט אין אזא נאכט, ווען דער סאפּער האָט זיך איינגעגעבען און די בעט איז אזוי פיין אויסגעבעט, פארפעלט שוין ניט פיינע־ביילע צו באמערקען צו איהר מאַן:

— אין האָטעל, ווען דו ביזט געשלאָפען אמאָל און באצאָלט דריי דאלאר, האָסטו אויך געהאט אזא שעהנע, אזא ריינע בעט אויסגעבעט?

— אָה, יעס, — ענטפערט דער מאַן — אין האָטעלס זיינען די בעטען זעהר שעהן אויסגעבעט.

— אָבער ווער קען וויסען ווער עס איז פריהער געלעגען אין דער זעלבער בעט? — באמערקט פיינע־ביילע.

— נאַטירליך דאָס קען מען ניט וויסען.

— און שלאָפען אליין איז גאָר דיר ניט געווען אומעטיג? — לאַכט פיינע־ביילע, און זי נעמט זיך אויסטאָן.

— טאַקע געווען אומעטיג, — גיט צו פיינע-ביילעס מאַן, נעמט ארום זיין פרוי און גיט איהר אין פּלייצע א קוש.

און פיינע־ביילע איז אַזוי גליקליך אין דער נאַכט ווען דער סאַפּער גיט זיך איין...

ניט דערוואַרט זיך

עס איז ערב ניי־יאָהר. עס איז אַזייגער ניין אין אבענד. שפּע־טער מיט דריי שעה וועט עס הייסען, אז דער אַלטער יאָהר האָט זיך געענדיגט און א נייער יאָהר איז אָנגעקומען.

דרויסען איז די נאַכט ווינטערדיג־קאַלט, קלאָר און שעהן. דער הימעל האָט אויפגעבליצט מיט מיליארדען שטערען. פינקלען שטע־רען אין דער בלויער פארשטילטער הויך. אָט איז א שטערן דורכ־געלאָפען און איז פארשוואונדען געווארען.

אין הויז איז שטיל און ווארעם. אַלע חדרים זיינען פארדונ־קעלט. ליכטיג איז בלויז אין דעם עס־צימער (דייַנינג רום). ביים גרויסען רונדען טיש, וואָס שטעהט אין מיטען צימער, זיצען צוויי עלטערע מענשען, א מאַן און א פרוי. בייביידען זיינען די קעפּ וויים. אין דעם גרויסען צימער, ביי דעם גרויסען רונדען טיש, דאכט זיך אוים, אזוי ווי די צוויי מענשען וואָלטען געווען עפּעס ווי פארלאָרענע. א הויז מיט חדרים. פארטונקעלטע חדרים, טירען אָפענע, טירען פארהאַנגען מיט פּאָרטירען. בלויז איין חדר איז א ליכטיגער, און צוויי מענשען זיצען ביי א גרויסען טיש. עס דאכט זיך, ווי אימיצער וואָלט די צוויי מענשען דא פארלאָרען און פאר־געסען אָן זיי. און אזוי פארשטילט זיצען זיי ביידע, פארשטילט.

מאַן און ווייב זיינען אָט די צוויי מענשען. אמאָל, אמאָל זיי־נען די צוויי אַזאַ פּאַרליבט פּאָרל געווען. איינזיצען אזוי שטיל, אזוי פארשוויגען, ווי זיי זיצען איצט, וואָלטען זיי דאַן, אין יענעם אמאָל, ניט געקענט. זיי וואָלטען געשטיפט, געלאַכט, געטאַנצט, גע־זונגען. איצט זיצען זיי ביידע אַזעלכע שטילע. זיצען צוויי מענשען מיט ווייסע קעפּ, און וועגען עפּעס טראַכטען די קעפּ. אפשר וועגען די אַמאָליגע יאָהרען. אפשר וועגען דער יוגענד זייערער, וואָס האָט שוין לאַנג דורכגעשוועבט און איז ערגעץ פארשוואונדען געווארען; אזוי ווי דרויסען, פריהער א ווייַלע, אין דער בלויען אומענדליכ־קייט, האָט דורכגעשוועבט א שטערן און איז אויך ערגעץ פאר־שוואונדען געוואָרען.

די פרוי ביים רונדען טיש האָט זיך שווער אָפּגעזיפצט. גע־בליבען איז די פרוי אומבאַוועגליך, אַזוי ווי פריהער. נאָר אַ זיפץ איז ביי איהר אַרויס פון האַרצען. דער זיפץ האָט דורכגעשוועבט דעם דייגינג־רום, און איז פאַרשוואונדען געוואָרען ערגעץ אין די אַנדערע פאַרדונקעלטע חדרים. דעם מאַנ'ס ווייסער קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבען, און דער מאַן ביים טיש האָט געפרעגט:

— וואָס זיפצסטו, סאָניע?

— איך ווייס אַליין ניט, נאָר עס זיפצט זיך עפּעס — האָט סאָניע געענטפערט, און ביים טיש איז ווידער שטיל געוואָרען.

— אַריבער נאָך אַ יאָר!... — זיינען פון דער פרוי'ס מויל אַרויס עטליכע ווערטער, עפּעס אַזעלכע זיפצענדע, אַזעלכע קרעכ־צענדע ווערטער; ווערטער פול מיט בענקעניש. די ווערטער זיינען פון דעם דייגינג־רום אַרויסגעפלויגען און פאַרשוואונדען געוואָרען אין די אַנדערע פאַרדונקעלטע חדרים.

— אַריבער נאָך אַ יאָר... — האָט דער מאַן איבערגערעדט מעהר פאַר זיך.

— און דו וועסט טאַקע וואַרטען? — פרעגט די פרוי.

— איך וועל וואַרטען.

— טאַקע ביז צוועלף דעם זייגער?

— יעס, ביז צוועלף דעם זייגער.

— עס איז נאָך אַזוי לאַנג צו וואַרטען.

— קנאַפּע דריי שעה.

— ס'איז שוין דען ניין דער זייגער?

— שוין נאָך ניין — האָט דער מאַן געזאָגט.

— איך וויל שלאָפען — רעדט מיט אַ פאַרשעהמטען שמייכעל די פרוי, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך געפיהלט פאַרשולדיגט. און גלייך פרעגט זי:

— און דו, זלמן?

— ניין — ענטפערט זלמן.

— וועסט טרינקען אַ גלאָז טיי?

— איך וועל טרינקען אַ גלאָז טיי.

הויבט זיך אויף די פרוי, געהט אין קיך אַריין, עס ווערט ליכטיג אין קיך. און עס הערט זיך ווי פון אַ קראַן גיסט זיך וואַ־סער אין דעם מעטאַלענעם טיי־קעסעל. הויבט זיך אויף דער מאַן, געהט צו צום פענסטער, קוקט דרויסען אַרויס. ער קוקט אָן די

נאַכט. די פרוי קומט ווידער אין דייני־נג־רום אריין, קוקט אָן איהר מאַן און שטעלט זיך אוועק ביים סטים־רעדיאַייטאָר.

— וואָס איז אין דרויסען? — פרעגט די פרוי.

— גאָרנישט, — ענטפערט דער מאַן.

— שטיל?

— ס'איז שטיל.

— צוועלף אזייגער וועט זיך מסתמא נעמען רעש'ען.

דער מאַן ענטפערט גאָרנישט. און עס דאכט זיך, אז דער פרוי'ס ווערטער זיינען אזוי געבליבען הענגען אין דער לופטען, ווארטענדיג אויף אַן ענטפער, נאָר קיינער ענטפערט ניט. און די שטילקייט פארשלינגט דער פרוי'ס ווערטער.

די צוויי מענשען מיט די ווייסע קעפּ זיינען פאָטער און מוטער פון דערוואקסענע קינדער. ניטאָ אין דער היים די קינדער. זיי זיינען אוועק „באַגעגענען" דעם נייעם יאָהר ערגעץ־וואו צווישען זייערע מענשען. דער מאַמען טראכט זיך וועגען די קינדער, טראכט זיך די גאַנצע נאַכט. עס ציהט איהר צו רעדען וועגען די קינדער. רייסט זי איבער די שטילקייט:

— וואו זיינען די קינדער?

דער מאַן, ביים פענסטער, ענטפערט ניט. און וואָס זאָל ער ענטפערן? ער ווייסט, אז די מאַמע ווייסט, וואוהין די קינדער זיינען אוועקגעגאנגען, נאָר זי פרעגט גלאַט אזוי. טאָ וואָס זאָל ער ענטפערן? ענטפערט ער ניט. נאָר די מאַמע רעדט ווייטער:

— ווער ווייס, ווען זיי וועלען אהיים קומען...

דער מאַן שטעהט נאָך אלץ ביים פענסטער און קוקט אָן די נאַכט דרויסען, קוקט אָן שטילערהייט. אפשר רעדט ער אין האַרצען מיט דער נאַכט?

— זיי וועלען מסתמא קומען מיט'ן גרויסען טאָג — באַמערקט די מאַמע.

— וועלען קומען פריהער — שלאָגט אָפּ פון פענסטער דעם מאַנ'ס ענטפער. עס ווערט ווייטער שטיל. און עס שטעהט א מענש ביים פענסטער און עס שטעהט נאָך א מענש ביים סטים־רעדיאַייטאָר, און פוןביידע מענשען טראָגט זיך א שטילקייט.

דער טייקעסעל אין קיך קען, אפנים, די שטילקייט ניט פאַרטראָגען, און ער נעמט „זינגען". עס טראָגט זיך דער „זינגען" פון קיך אין דייני־נג־רום אריין. עס טראָגט זיך צו די צוויי פארשטילטע

מענשען, עפּעס ווי עס וואָלט זיי וועלען דערמאָנען, אז אויסער שווייגען איז נאָך דאָ א וועלט.

— מיר דאכט זיך, אז די וואַסער קאָכט? — האָט דער מאַן אויפגעהערט צו שווייגען.

די פרוי איז האַסטיג אין קיך אוועק.

די פרוי האָט אויף דעם רונדען טיש צוויי גלעזער טיי אוועקגעשטעלט. מאַן און ווייב האָבען טיי געזופּט, יעדער איינער פון זיי אויף זיין איינענעם שטייגער. און עס איז ווידער שטיל געוואָרען, ביז די פרוי האָט די ערשטע די שטילקייט איבערגעריסען.

— וואו זיינען מיר פאַר־א־יאָהרען ניי־יאָהר־נאַכט געווען? געדענקסט?

— איך געדענק.

— וואו?

— דאָ אין דער היים געזעסען, אזוי ווי היינט.

— האָסט רעכט — גיט צו די פרוי — די קינדער זיינען אוועקגעגאנגען. מיר זיינען אליין געבליבען, און, מיר דאכט זיך, אז מיר האָבען יאָ געוואָלט געהן, נאָר דער וועטער, געדענק איך, איז געווען א שלעכטער, זיינען מיר ניט געגאַנגען.

— אָט איז א שעהנער וועטער און מיר זיצען ווידער אין דער היים... — באַמערקט דער מאַן, קענטיג מיט פאַרדרוס.

— דו ווילסט ערגעץ געהן? — פרעגט די פרוי.

— אודאי וואָלט איך געוואָלט.

— נו, געה, ווער האַלט דיך אָפּ?

— ווילסטו דאָך ניט געהן, — קוקט אָן דער מאַן זיין פרוי מיט פאָרוואורף.

— איך האָב קיין כוח ניט ארומבלאָנקען זיך א גאנצע נאכט

— דאָס זאָג איך דאָך.

— קענסט געהן אָהן מיר.

— אָ! — מאַכט דער מאַן מיט'ן האַנט אוועק.

— ביזט ברוגז, זלמן?

— איך בין ניט ברוגז.

די פרוי זעהט אָבער, אז ביי איהר מאַן ליגט פאָרט א פאַרדרוס אויפ'ן הארצען, און זי דערמאָנט איהם:

— נו, איז פאַר־צוויי־יאָהרען זיינען מיר ביידע שוין יע געווען ביי די דווינסקער אויפ'ן באַל, האָבען מיר דען הנאה געהאט?

— וואָס איז אזוי שלעכט געווען ?

— געווען אלץ יונגוואַרג. מ'האָט געטאַנצט, געהוליעט, בחורים, מיידלאך, און מיר ביידע, געדענקסט, האָבען פאַר זיך קיין אָרט ניט געהאַט.. איבעריג געווען פאַר דער יונגוואַרג.

דער מאַן מיט דעם ווייסען קאָפּ ענטפערט ניט...

די פרוי מיט'ן ווייסען קאָפּ רעדט ווייטער :

— אמאָל, ווען מען איז יונג געווען, איז געווען אנדערש. פלעגען מיר אויך הוליען. געדענקסט ? צו די קינדערלאך געגומען א פרוי צום וואַשען זיי די נאַכט. און מיר פלעגען אוועקפליען. געדענקסט די בעלער פון „בונד״ ? און אנדערע בעלער... וואָס מיר פלעגען צוטאַנצען... וואָס מיר פלעגען צוקערען א וועלט... געדענקסט, זלמן ?

— איך געדענק, איך געדענק... — פאַרטראַכט זיך דער מאַן.

— און איינמאָל, ווען איך האָב אויף א באָל צופיל געטאַנצט מיט פּאָראָכאָווניק'ן, האָסטו זיך אָנגעבלאָזען, און דו ביזט געוואָרען אייפערזיכטיג. ניטאָ שוין מעהר פאַראכאָווניק. געשטאָרבען... אזוי פיל פון אונזערע אמאָליגע גוטע פריינד זיינען שוין געשטאָרבען...

דער מאַן ענטפערט ניט.

— און מיר ביידע בלאָנקען זיך נאָך ארום...

דער מאַן ענטפערט ניט.

אין די רעדאַייטאָרס האָט די סטים שוין אויפגעהערט געהן. אין צימער האָט זיך די קעלט גענומען שפּרייטען צו דער שטילקייט באַהעפטען זיך.

— אוי, עס איז עפּעס קאַלט געוואָרען — ציטערט אויף די פרוי מיט'ן ווייסען קאָפּ — א פּנים, די סטים האָט שוין געסטאָפּט.

— א פּנים, שוין געסטאָפּט — ענטפערט ענדליך דער מאַן א וואָרט.

די פרוי געהט צו צום סטים־רעדיאַייטאָר, טאַפּט די פּאַיפּס און לאָזט וויסען, אז ס'איז שוין טאַקע אוים סטים. און גלייך פרעגט זי :

— וויפיל איז שוין דער זייגער, זלמן ?

זלמן טוט א קוק אויף זיין קעשענע־זייגער'ל און ענטפערט :

— צעהן.

— ערשט צעהן דער זייגער ?

— צעהן — ענטפערט דער מאַן.

— און ביז צוועלף איז נאָך צוויי שעה צו וואַרטען ?

— צוויי שעה.

— איך וואַרט ניט. ס'איז מיר קאַלט און איך וויל שלאָ־פען. — מאַכט די פרוי — און דו ? דו וועסט וואַרטען ?

דער מאַן ענטפערט ניט.

— איך געה שלאָפען — מאַכט די פרוי.

— געה, ווער לאָזט דיר ניט !

— און דו וועסט דען אליין זיצען און טאַקע וואַרטען ?

דער מאַן בלייבט א פארשוויגענער.

— זיץ און וואַרט, מיינע דאגות ! איך געה שלאָפען ! — מאַכט די פרוי מיט'ן האַנט אוועק, געהט ארוים פון דייגינג־רום און ווערט פארלאָרען אין דער דונקעלקייט פון די איבעריגע רומס.

דען מאַן איז אליין געבליבען.

איז דער מאַן מיט'ן ווייסען קאָפּ צום פענסטער צוגעגאַנגען און דרויסען ארויסגעקוקט. דרויסען איז א ווינט געוואָרען, און דער ווינט האָט אין די שויבען געקלאַפּט, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט זיך געבעטען, אז מ'זאָל איהם אין הויז ארייגלאָזען.

דער מאַן איז צו דעם אָפּגעקילטען סטים־רעדאייטאָר צוגע־גאַנגען, געטאַפּט די פּאַיפּס און גערעדט צו זיך אליין :

— קאַלט ווי אייז.

אין צימער איז אלץ שטילער און שטילער געוואָרען, שטילער און קעלטער.

עס האָט זיך געדאַכט, אז דער מאַן זוכט א ווינקעל, וואו צו־צוטוליען זיך, וואו צו באַהאַלטען זיך פון דער קעלט, פון דער שטיל־קייט.

אין דעם גרויסען קאַלטען צימער איז אזא ווינקעל ניט געווען.

—אָ ! — האָט דער מאַן מיט'ן ווייסען קאָפּ אויף עפּעס מיט די הענט אוועקגעמאַכט און אויסגעדרעהט די עלעקטריק. עס איז געוואָרען פינסטער, און א ווייסער קאָפּ האָט ארויסגעשלייכט פון צימער.

ניט דערוואַרט זיך דעם נייעם יאָהר צו באַגעגענען.

די מאַמע, די טעכטער און די זיידענע זאָקען

די זיידענע זאָקען, וואָס די טעכטער טראָגען אויס און וואַרפען אוועק, טוט אָן אויף זיך די מאַמע.

די מאַמע וואַשט אויס די זיידענע זאָקען, פיקסט אויס, וואו עס איז צודריבעלט און צוריסען, פּרעסט עס אויס, אַזוי, „אַז עס איז ניט צו דערקענען, אַז עס איז געווען געטראָגען" — ווי די מאַמע אַליין דריקט זיך אויס, און די צוויי טעכטער'ס מאַמע פּוצט זיך אויס אין די אויסגעפיקסטע זאָקען, און מאַכט פון דעם אַ גאַנצען יום־טוב.

די אינגערע פון די צוויי טעכטער הייסט מערי, אַ מיידעל פון אַ יאָהר אַכטצעהן; די עלטערע הייסט פעני, זי איז געוואָרען צוואַנציג יאָהר. ביידע מיידלאַך זיינען אַמעריקאַנער געבוירענע, ביידע האָבען געענדיגט אַ העכערע קאָמערציאַלע שול (קאָמוירשעל האַי־סקול), ביידע זיינען זיי באַשעפטיגט אין געשעפטס־אָפיסעס. מען פאַרדינט ניט צופיל, נאָר אויף קליידען זיך און אויף זייערע טואַלעט־זאַכען כאַפּען זייערע פאַרדינסטען.

איזידאָר וואָלעוויק, די מיידלאַך'ס פאָטער, איז אַ שאַפּ־אַר־בייטער, זיינע פאַרדינסטען זיינען גאָרניט קיין גרויסע. די צוויי טעכטער העלפען ניט אַרויס מיט זייערע פאַרדינסטען זייער פאָטער, און ווען עס איז סלעק און ביי וואָלעוויק'ן איז אַ שווערע צייט, און עס פיהלט זיך שווער אויפ'ן הארצען, טראַכט זיך איהם אויך וועגען דעם, וואָס די טעכטער גיבען אפילו אַ סענט אין הויז ניט אַריין, און מיט פאַרדרוס רעדט ער וועגען דעם איבער מיט זיין פרוי:

— איך זאָג דיר, דאָבע (אַזוי הייסט איזידאָר'ס פרוי) — איך זאָג דיר, אַז עס וואָלט נאָר אַ קנאַפּע עולה געווען, ווען אונזערע טעכטער וואָלטען אויסגעהאָלפען מיט עטליכע דאָלאַר. עס איז אַזאַ שווערע, אַזאַ ביטערע ענגעניש אין אַ סענט.

— וואָס ווילסטו האָבען פון די מיידלאַך? — רעדט צו איהר מאַן דאָבע מיט איהר געוועהנליך מוטערליך־צער־שמייכעל —

איך בין צופרידען, אז זיי קלײדען זיך אליין, און זיי ספּענדען אויף אלץ, וואָס זיי דאַרפען, זייערע אייגענע געלט. נו, וואָס־זשע ווילסטו פון זיי האָבען?

— אַזוי פיל געלט גײט עס ביי זיי אַוועק אויף זייערע קליי־דער? — פרעגט דער פאָטער, ניט איבעריגס צופרידען.

— פאַרוואָס עפּעס „אַזוי פיל״? — נעמט זיך די מאַמע ווי־דער אָן פאַר איהרע טעכטער — היינטיגע צייטען א דרעס, עפּעס א רעכטער קאָוט קאָסט דאָך אָפּ א פאַרמעגען. א ווינטער־קאָוט, א זומער־קאָוט, זומער־העטס, ווינטער־העטס, סטאָקינגס, שיך, און אַמאָל גײט מען צו א שאָו, און זומער פאָהרט מען אין קאַנטרי. נו, וויפיל, רעכענסטו, קען זיי שוין בלייבען פון זייערע פאַרדינס־טען? און ווען עס זאָל זיי בלייבען, וואָלט איך געווען זעהר צו־פרידען. מיידלאך דאַרפען זיך צוגרייטען מיט עטליכע דאָלאַר. הלואי, מיין מאַן, וואָלסטו געווען, אַביסעל רייכער און מיר וואָל־טען געקאָנט שפּאָרען עטליכע דאָלאַר פאַר די מיידלאך, וואָלט גע־ווים גוט געווען.

און איזידאָר, דער טאַטע, דערפיהלט זיך פאַרשולדיגט מיט דעם, וואָס ער שפּאָרט ניט אָפּ עטליכע דאָלאַר פאַר די מיידלאך, און ער רעדט שוין ניט מעהר וועגען דעם, אַז די טעכטער זאָלען מיט עפּעס אַרויסהעלפען אין דער הוצאה.

דאָבע, די מאַמע פון די צוויי טעכטער, איז נאָך א גאַנץ יונגע פרוי, עפּעס איבער צוויי און פערציג יאָהר. אויף איהר געזיכט זעהען זיך אָן איהרע יאָהרען, אָבער אין איהר קערפּערליכען געבוי איז די פרוי צאַרט, קליינגעוואַקסיג. זי איז פּונקט אַזוי הויך ווי איהרע צוויי טעכטער. און ווען מען זעהט די מוטער מיט די טעכ־טער צוזאַמען, און די מאַמע איז נאָך אַביסעל „צוגעפּיקסט״, זיי־נען די דריי אַזוי ענליך איינע צו די אַנדערע, אַז מ׳קען זיי אָננע־מען פאַר דריי שוועסטער. און באַקאַנטע פרויען זאָגען טאַקע אָפט צו דער מוטער, ווען זי איז צוזאַמען מיט איהרע טעכטער:

— מיסעס וואַלעוויק, איהר און אייערע צוויי טעכטער קוקען אויס ווי דריי שוועסטער. קיינעם וועט גאָרניט איינפאַלען צו זאָגען, אַז עס איז א מאַמע מיט טעכטער.

די מאַמע פיהלט זיך אַזוי גוט, ווען מען זאָגט עס איהר, און די טעכטער פיהלען זיך אויך גוט, וואָס זייער מאַמע איז אַזוי יונג; ווער רעדט שוין פון וואַלעוויק׳ן אליין, ווען ער הערט אַזוי רעדען

וועגען זיין פרוי !... ער פיהלט זיך אין זיבעטען הימעל פון צו־פרידענקייט, ווייל וואלעוויק האט זעהר ליב זיין דאבען. אפט, ווען ער קוקט איהר אן, זעהט מען ווי ביי דעם מענשען וואקסט זיין הארץ פון פרייד און ענטציקונג.

דאבע האלט זיך זעהר יונג. זי האט זיך איהר אייגענע פאודער באקסעל. קיין אייגענע „ליפסטיק" האט זי נים. אזא זאך איז איהר שוין אביסעל „סאוועסטנע" צו האלטען ביי זיך. פארט שוין א מאמע פון דערוואקסענע צוויי טעכטער. אבער אפט כאפט זי זיך צו צו די טעכטער'ס „ליפסטיק" און זי האט גארניט פיינט „צו־רעכטצומאכען" איהרע ליפען. אבער זי טוט עס זעהר פארזיכטיג, זעהר באשיידען, אז עס זאל זיך צופיל אין די אויגען נים ווארפען. נאר אן אנדערש מאל כאפען די טעכטער דער מאמען ביים האנט, און מען נעמט זיך גוטמוטיג־שטיפעריש רייצען מיט דער מאמען:

— א, לוק, לוק עט מאמא, שי איז יוזינג אור ליפסטיק. (קוקט אן די מאמע, זי געברויכט אונזער ליפסטיק).

— לוק האו שי איז דאלד אפ ! (קוקט אן ווי זי איז אויסגע־פוצט).

— נו, וואס איז, טאר איך נים ? — ווערט די מאמע שטארק פארשעמט.

און די מיידלאך שפיגלען זיך מיט דער מאמען :

— מאמא איז דזשאסט לאיק עי יאנג גוירל. (מאמע איז ווי א יונג מיידעלע).

— לאיק סוויט סיקסטין — לאבען די טעכטער, און די מאמע רויטעלט זיך אין איהר שעהנע מוטערליך סימפאטישען געזיכט.

דאבע פארשווענדט נים קיין צופיל געלט אויף איהר טואלעט. אבער א געשמאק האט זי א גוטען. קויפט זי זיך א דרעסקעלע, א ביליגע, קוקט דאס אויף איהר אוים אזוי שעהן, אזוי ציכטיג. ווען איזידאר קוקט אן זיין פרוי אין א נייער דרעס, זעהט מען ווי דער מענש וואקסט פון ענטציקונג. איזידאר האט אזוי ליב, אז זיין פרוי זאל זיך אנטאן שעהן. משוגע איז ער דערפאר... צרות איז נאר מיט די זאקען...

מערי און פעני, די צוויי טעכטער, טראגען „סילק סטאקינגס" (זיידענע זאקען), ווי דאס טראגען אלע אנדערע אזעלכע מיידלאך. אבער מערי און פעני זיינען שוין אביסעל צופיל פארקאכט אין דעם ענין פון זיידענע זאקען. די מיידלאך ווייסען — אוי, ווייסען זיי —

אז זיי פאַרמאָגען זעהר שעהן־געשייפּטע פיס; קאָקעטעווען זיי מיט זייערע פיס און זיי פוצען זיך אויס אין די בעסטע סאָרטען זיידענע זאָקען. און ווען א זאָק גיט זיך נאָר א לייכטען „דריבעל״, טוט מען שוין אָן נייע זאָקען, און זיידענע זאָקען פון דעם בעסטען סאָרט קאָסט שוין גאָרניט ביליג. פאר די מיידלאך זיינען די זאָקען זעהר א גרויסע הוצאה.

די מאַמע האַלט אין איין מוסר׳ן די מיידלאך:

— וואָס הייסט, איהר ווארפט אוועק נאָך גאָר גאַנצע סטאַ־קינגס. עס איז דאָך א פאַרברעכען! אזעלכע סטאַקינגס קאָסטען דאָך אָפּ געלד! און אז ס׳איז א קליינינקער ריס, איז וואָס? פיקסט מען דאָס צו, מ׳וואַשט אויס, מ׳פרעסט אויס, און ס׳איז גאָרניט קענטיג.

דער מאַמעס מוסר העלפט אָבער ניט. די מיידלאך האַלטען אין איין איינקויפען זיך נייע זיידענע זאָקען, און גערה טו זיי עפּעס! טאָ וואָס זשע טוט פאַרט די מאַמע? „צוטראַגט״ זי אליין די זאָקען פון די מיידלאך, די זאָקען, וואָס זיי ווארפען אוועק. אָבער איזידאָר, דאָבעס מאַן, וויל דאָס ניט ליידען. ער וויל, אז דאָבע זאָל זיך באַטש ווען ניט ווען קויפען נייע זיידענע זאָקען, און ניט טראָגען די זאָקען, וואָס די טעכטער ווארפען אוועק. אָפּט, ווען דאָבע טוט זיך אָן „אויסצוגעהן״ צוזאַמען מיט איהר מאַן, טרעט אָפּ איזידאָר עטליכע טריט הינטער זיין פרוי, באַטראַכט איהר, און ער באַמערקט גאַנץ פאַרדריסליך:

— האָסט שוין ווידער ארויפגעשלעפּט אויף זיך צוריסענע סטאַקינגס?

— וואָס צוריסען, וואו צוריסען? — גיט זיך דאָבע א כאַפּ און באַטראַכט איהרע פיס פון אַלע זייטען — איך זעה ניט וואו ס׳איז צוריסען.

— נעוועֶר מאַינד, דו זעהסט יע. עס איז שוין גוט קענטיג, אז עס איז געפיקסט.

— ס׳איז ניט קענטיג, — באַשטעהט דאָבע אויף דאָס איה־ריגע.

— וועמעס זאָקען זיינען דאָס, מערים אָדער פּעני׳ס?

— מיינע אייגענע — האַלט איין דאָבע און זיך א געלעכטער — מיינע אייגענע.

— ווען האָסטו דאָס געקויפט?

— געקויפט... כ'וויס זעהר ווען?

— ס'איז ניט אמת, ס'איז די קינדערשע.

— נו, וועמען ארט עס? — פארטיידיגט זיך דאָבע — ווע־מען ארט עס, אז ס'איז די קינדערשע? אז די מיידלאך זיינען פאָרט משוגע און ווארפען אוועק נאָך גאָר נייע זאָקען. נו, זאָל איך דאָס טאקע ארויסווארפען? דאָס וואָלט דאָך געהייסען, אז איך בין נאָך מעהר משוגע פון זיי. וואָש איך דאָס אויס, פּרעס אויס, פאררעכט, און ס'איז ווידער ניי.

— ס'איז ניט נ י י — ענטפערט איזידאָר מיט הארץ.

— און אז איך וואָלט זיך געקויפט נייע סטאַקינגס און זיי א פּאָר מאָל אָנגעטאָן, און ס'וואָלט זיך א דריבעל געטאָן, וואָלט איך דען דאָס אוועקגעוואָרפען? — זאָגט דאָבע — כ'וואָלט זיי דאָך אויסגעפיקסט און ווייטער געטראָגען. טאָ זאָל זיך דיר דאכ־טען, אז איך טראָג מיינע אייגענע זאָקען, אָבער צוגעפיקסטע, אויסגעוואשענע.

— איך וואָלט אָבער פּאָרט אמאָל אין לעבען דיך געוואָלט זעהן אין נייע סטאַקינגס, אָבער טאקע אין נייע, וואָס דו האָסט אליין פאר זיך געקויפט — רעדט מיט מעהר און מעהר הארץ איזידאָר צו זיין פרוי.

און דאָבען איז גוט אויפ'ן הארצען פון דעם, וואָס איהר מאַן איז אזוי פאראינטערעסירט אין איהר. עס טוט איהר הנאה, וואָס ער וויל נאָר, אז זי זאָל טראָגען גוטע, נייע זאָקען. זי קוקט אָן איהר מאַן פול מיט צערטליכקייט, און זי זאָגט צו איהם:

— אָלרייט, איך וועל דיר טאָן די טובה. איך וועל זיך קויפען נייע סטאַקינגס. וואָס ארט עס מיך, אז דו ווילסט אזוי? ס'איז דאָך דיינע געלט, דיין הארעוואַניע.

— יעס, א י ך וויל — ענטפערט איזידאָר וויכטיג און ערנסט — א י ך וויל.

— אָלרייט, פון מיינטוועגען כאָטש מאָרגען — פארשפּרעכט דאָבע. אָבער זי בלייבט ביי איהר פארשפּרעכען.

דאָבע קומט אמאָל אריין אין א דעפּארטמענט־סטאָר, ווי עס איז דער פאַל מיט אלע אנדערע פרויען, און ווען עס קומט איהר אויס פארבייצוגעהן דעם „סטאַקינג קאונטער", שטעלט זי זיך אָפּ, קוקט דורך, טאַפּט אלערליי סאָרטען, אלערליי מינים זאָקען. זי מיינט טאקע צו קויפען, אָבער ווען עס קומט צום קויפען, כאָפּט

ביי איהר קיין הארץ ניט אויסצוגעבען געלט אויף זיידענע זאַקען, ווייל זי ווייס דאָך, זי פאַרגעסט ניט אויף איין מינוט, אז אין הויז זיינען דאָ גענוג זאַקען, וואָס די טעכטער לייגען אָפּ אָן א זייט, און עס וואָלט געווען פון איהר זייט א פאַרברעכען, א משוגעת דאָס ארויסצואווארפען... ווי נאָר דאָבע קומט אהיים פון א וויזיט אין א דעפּארטמענט סטאָר, כאַפּט זי זיך גלייך צום אויסוואשען, אויספּיקסען די זאַקען פון איהרע צוויי טעכטער. און ווען זי איז פאַרטיג מיט איהר ארבייט, חידוש׳ט זי זיך מיט די איבערגעפּיקסטע זאַקען, און זי רעדט צו זיך אליין מיט צופרידענקייט:

— שפּאָגעל נייע זאַקען... גאַרניט צו דערקענען, אז מ׳האָט זיי אמאָל געטראָגען.

* * *

עס איז געווען דער מאַמעס געבורטס־טאָג. דריי און פערציג יאָהר איז דאָבע אַלט געוואָרען. מערי און פעני האָבען דער מאַמען א זעהר שעהנעם בוקעט בלומען געבראַכט, א בוקעט פון פרישע, רויטע, רויזן. ווען איזידאָר איז געקומען פון דער ארבייט, האָט ער מיט א שטראַהלענדען געזיכט צוגעטראָגען צו דאָבען א קליין פּע־קעלע.

— וואָס איז דאָס אזוינס? — האָט דאָבע געפרעגט.

— א פּרעזענט פאַר דיין „בוירטהדעי״.

דאָבע האָט געעפענט דאָס פּעקעלע. די מיידלאך זיינען אויך געווען אין הויז. די מאַמע האָט אויסגעשריען:

— קוקט נאָר אָן מיין משוגענעם מאַן! „סילקענע סטאָקינגס״ האָט ער דאָך פאַר מיר איינגעקויפט.

די מיידלאך האָבען זיך א וואָרף געטאָן אויף די נייע זיידענע זאַקען און גענומען זיי באַטראַכטען. דריי פּאָר זאַקען זיינען אין פּעקעלע געלעגען. די מיידלאך האָבען יעדע פּאָר זאַקען באַקוקט, באַטראַכט. זייערע אויגען האָבען געפינקעלט.

— „וועריי, וועריי ניים סטאָקינגס״ (זעהר, זעהר גוטע זאַקען)— האָט מערי געשפּיגעלט זיך מיט די זאַקען.

—„ ענד בעליוו מי, דהעי אר קוואַיט עקספּענסיוו טו״ (און זיי קאָסטען גענוג געלד) — האָט פעני, די עלטערע טאָכטער, גע־רעדט אין א טאָן פון ערפאַהרונג.

— וויפיל האָסטו באַצאָלט? — האָט דאָבע געפרעגט איהר מאַן.

— ס'איז ניט דיינע דאגות! — האָט איזידאָר געענטפערט, און אָנקוקענדיג זיינע צוויי טעכטער מיט א זייטיגען בליק, האָט ער צוגעגעבען! — אָבער, דו הערסט, ד ו א ל י י ן זאָלסט דאָס אָנטאָן.

— שור, מאמא — האָט מערי געזאָגט — פאָר יורסעלף.

— יעס, מאמא, דו זאָלסט אָנטאָן. ס'איז פאפא'ס פרעזענט — האָט פעני ערנסט געזאָגט.

— געווים וועל איך אָנטאָן — האָט דאָבע געמורמעלט, אין עפּעס ניט קיין צו־זיכערען טאָן.

— „וועיר איט אין גוד העלטה" (טראָג געזונד) מאמא — האָט פעני, די עלטערע, אָנגעווינשעוועט איהר מאמען.

— „אָ, וואט עי סוויט מאָטהער ווי העוו" (וואָס פאר א זיסע מאמע מיר האָבען) — האָט מערי ארומגענומען איהר מוטער און איהר א קוש געטאָן.

און איזידאָר איז געשטאַנען א שטראַהלענדער, א טריאומפירענדער.

דאָבע האָט אָנגעקוקט איהרע טעכטער און אויך אָנגעקוקט דעם שעהנעם בוקעט בלומען, וואָס זיי האָבען געבראַכט פאר איהר און, קענטיג מיט ניט קיין איבעריגס־לייכטען געמיט, האָט זי געפרעגט:

— זאָגט מיר נאָר, טעכטער מיינע, וויפיל האָט איהר באצאָלט פאר די בלומען?

— ניט דיינע דאגות — האָט פעני גוטמוטיג זיך א בייזער געטאָן אויף דער מוטער.

— „איט איז אָור ביזנעס" (דאָס איז אונזער זאך) — האָט אויך מערי דער מאמען אן ענטפער געגעבען.

דאָבע האָט נאָך אמאָל און נאָך אמאָל באטראַכט די בלומען, מיט מוטערליכען נחת אָנגעקוקט די קינדער און זי האָט צו זיי געזאָגט:

— דאָ זיינען דאָך דאָ צוויי דאָזען נייע, יונגע ראָזעס, ס'האָט באדאַרפט קאָסטען גוטע פיר דאָלער, אויב ניט מעהר.

— „וואט דו יו קער?" (וואָס ארט עס דיך!) — האָט פעני, די עלטערע טאָכטער געזאָגט.

— סאָם ראָוזעס! — האָט די אינגערע געשמעקט די בלומען.

— פיר דאָלער, און אפשר נאָך מעהר — האָט דאָבע געמור־

מעלט, קענטיג, מיט א שווערען געמיט — ס׳קומט אייך לייכט אָן, קינדערלאך? איהר הערעוועט דאָך אויף יעדען סענט...

די מיידלאך האָבען ווידער גענומען באַטראַכטען די זיידענע זאַקען. דער מאַמעס בליקען האָבען געוואַנדערט איבער די בלומען, איבער די קינדער און איבער די זיידענע זאַקען, מיט וועלכע די קינדער האָבען זיך געשפּיגעלט... איהר גוטער מוטערליכער געזיכט האָט זיך געוואָלקענט און געליכטיגט...

* * *

שפּעטער א ווײַלע זיינען די מיידלאך ערגעץ אוועקגעגאַנגען. איזידאָר איז ארונטערגעגאַנגען קויפען סיגאַרעטס. דאָבע איז אליין אין הויז פארבליבען. און ווען זי איז אליין פאַרבליבען, האָט זי נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל באַטראַכט די בלומען און, קענטיג, מיט וועהטאָג אין הארצען, האָט זי געמורמעלט:

— זיי האָרעווען דאָך אויף יעדען סענט... קינדערלאָך מיינע...

די מאַמע האָט גענומען אין האַנט די זיידענע זאָקען, וואָס זיינען געלעגען אין עס־צימער אויפ׳ן בופעי, געקוקט, געקוקט אויף די זאָקען, און זי איז אזוי א פּאָרטראַכטע געבליבען שטעהן אויף איהר אָרט. מ׳האָט געקענט מערקען, אז די פרוי האָט זיך דערטראַכט אויף עפּעס, און ס׳איז איהר דערפון לייכטער געוואָרען אויפ׳ן הארצען... זי האָט גענומען די דריי פּאָר זאָקען, אריין אין איהר צימער און אוועקגעלייגט ביי זיך אין דרעסער בלויז איין פּאָר זאָקען... מיט האַסטיגע טריט איז זי דאַן אריין אין דעם צימער פון איהרע טעכטער. זי האָט אויפגעעפּענט דעם דרעסער־שופלאָד, וואו מערי, די איינגערע טאָכטער, האַלט איהרע זאכען, און איינגעגראָבען צווישען מערי׳ס זאכען א פּאָר זאָקען; דערנאָך האָט זי געעפענט דעם צווייטען שופלאָד, וואו פעני האַלט איהרע זאכען, און פאַרזיכטיג באַהאַלטען דאָרט די צווייטע פּאָר זאָקען. א מוטערליכער שמייכעל האָט זיך צוגאָסען איבער דאָבע׳ס געזיכט, און זי האָט זיך, א באַפרייטע, אָפּגעזיפצט...

צוויי רומס פאַר א פאַמיליע פון זעקס

די לעווינסאָנס זיינען א פאמיליע פון זעקס.

לעווינסאָן זעלבסט, א מאַן אין די פערציגער; גאָסי זיין פרוי, ווי געוועהנליך אביסעל אינגער, און זייערע פיר קינדער — אָט זיינען אייך די זעקס מיטגלידער פון דער לעווינסאָן פאמיליע.

די לעווינסאָנס באוואָהנען א דירה פון פינף צימערען.

דער אייביגער פראָנט־רום, דער דיינינג־רום, די קיך און צוויי בעד־רומס — דאָס זיינען די פינף צימערען פון די לעווינסאָנס דירה.

אין קיך קאָכט און וואַשט די מיסעס לעווינסאָן, אין דיינינג־רום עסען די לעווינסאָנס, אין די צוויי בעד־רומס שלאָפען די לעווינסאָנס. אָבער אזוי ווי צוויי בעד־רומס זיינען ווייניג פאר זעקס נפשות צום שלאָפען, מאכט מען דעם פראָנט־רום ביינאכט פאר א שלאָף־צימער. אין איין בעד־רום, אין דעם גרעסערען, אין דעם ליכטיגערען שלאָף־צימער, שלאָפען די לעווינסאָנס צוויי טעכטער, — סיידי, א מיידעל פון א יאָהר אכטצעהן, און גלעדיס, א מיידעל פון א יאָהר אכט. שלאָפען זיי אין צוויי באזונדערע שעהנע ריינע בעטלאך; אין דעם פינסטערען און קלענערען בעד־רום שלאָפען טאַטע און מאַמע אין איין דאָבל בעט (צוויי בעטען קענען זיך ניט אויסשטעלען אין דעם קלענערען בעד־רום). און די לעווינסאָנס איבעריגע צוויי קינדער — מאַקסי, א באָי פון א יאָהר פופצעהן, און סעם, א לויפעריל פון א יאָהר צעהן, קומט אוים צו שלאָפען אין פראָנט־רום אויף צוויי „פאָלדינג" בעטלאך, וועלכע מען נעמט פארנאַנדער אלע נאכט און מען לייגט צוריק צוזאמען אלע פריה־מאָרגען.

אזוי שלאָפען די לעווינסאָנס, די פאמיליע פון זעקס. ווען מען איז אין ניו־יאָרק, אין דער היים, און צו די צוויי בעד־רומס קען מען זיך אויסהעלפען מיט דעם פראָנט־רום... אָבער ווען עס קומט אָן זומער, פארלאָזען די לעווינסאָנס זייער ניו־יאָרקער דירה, מען

פאַרט אין „קאַונטרי”, און אין קאַונטרי איז שוין מיט'ן שלאָפען נאָר אַן אנדער סדרה.

אמאָל, אמאָל, ווען די לעווינסאָנס קינדער זיינען פיל אינגער געווען און די צייטען זיינען בעסער געווען, פלעגען די לעווינסאָנס פאָרען אין קאַונטרי אויף „באָארד”, פארנעמען פלעגט די פאמיליע פון זעקס איין צימער. אלע זעקס פלעגען שלאָפען אין איין רום, אין א גרויסען רום — טאַטע און מאַמע און די פיר יונגע קליינע קינדערלאך — אלע אין איין רום, אין א גרויסען רום.

ווען די קינדער האָבען גענומען עלטער ווערען, האָבען שוין די לעווינסאָנס באַשטעלט פאר זיך צוויי רומס ווען זיי פלעגען פאָרען אין קאַונטרי: איין גרויסע ליכטיגע רום פאר די פיר קינדערלאך און נאָך עפעס א רומקע, אבי צום איבערשלאָפען, פאר זיך אליין.

זיינען די יאָהרען זיך ווייטער געלאָפען, די לעווינסאָנס קינדער זיינען גרעסער און עלטער געוואָרען, די לעווינסאָנס האָבען איינגעזעהען, אז מען דארף שוין א באַזונדער רום פאר זיך, א באַזונדער רום פאר די צוויי טעכטער און א רום פאר די צוויי באָיעס, און אין קאַונטרי איז א רום א רעכענונג, עס קאָסט גוט געלט, און די צייטען זיינען אויך געוואָרען ניט לייכטער, נאָר שווערער — פאָרען אין קאַונטרי און נעמען „באָרד” פאר א פאמיליע פון זעקס, איז געוואָרען פאר די לעווינסאָנס א צו-גרויסע „עקספענס”, האָבען די לעווינסאָנס גענומען אפדינגען א הייזקע פאר זיך אליין, אמת, מען איז געוואָרען אוים פריצים, מען איז ניט געפאָרען מעהר אויף אלעם פארטיגען. די אָרימע מיסעס לעווינסאָן האָט שוין אין קאַונטרי געמוזט קאָכען, וואַשען און שייערען, אזוי ווי זי האָט דאָס צו טאָן א גאַנצען יאָהר אין ניו־יאָרק, אין דערהיים, אָבער דערפאר האָט געקאָסט ביליגער, און איבערהויפט זיינען די געדונגענע קאָטעדזשעס געווען גוט איבער דעם, וואָס עס איז ניט געווען קיין מאַנגעל אין צימערען. די באָיעס האָבען זיך געקענט שלאָפען באַזונדער, די מיידלאך באַזונדער, און טאַטע־מאַמע באַזונדער, גראַם שעהן און גוט.

זיינען די צייטען אָבער געוואָרען אלץ שווערער און שווערער, און די רענט וואָס עס האָט זיך געפאָדערט צו צאָלען פאר א הייזקע אין די קאַונטרי, איז שוין יעצט פאר די לעווינסאָנס געוואָרען אויך א צו גרויסער לוקסוס.

האָבען פארטראַכט די לעווינסאָנס גאָר אין גאַנצען אין

קאָנטרי ניט צו פאָרען — זאָל זיין אוים קאָנטרי. די צייטען זיי־
נען אזעלכע שווערע, אזעלכע ביטערע, מאכען א לעבען אָהן פאָרען
זומער אין דער קאָנטרי קומט אויך אָן שווער ווי דער טויט —
א סוף זאָל זיין, אוים קאָנטרי!

אָבער די קינדער, ווי וועלען זיך פיהלען די קינדער ווען דער זומער וועט קומען?

אין דער הויז וואו די לעווינסאָנס האָבען זייער דירה, וועלען זומער אלע איבעריגע שכנים צופאָרען זיך אין קאָנטרי, און ניט נאר די שכנים פון „זייער" הויז, אלע אויפ'ן „בלאָק" וועלען זיך צופאָרען... אלע חברים פון די לעווינסאָנס קינדער וועלען אין קאָנטרי פאָרען... און מיט א שווערען, שטיקענדען געפיהל אין האר־צען טראכטען די לעווינסאָנס, ווי וועלען זיך פיהלען זייערע קינדער, ווען עס וועט זיי אויסקומען צו פארבלייבען אליין אין דער היים, ווען אלע ארום און ארום וועלען אוועקפאָרען אין קאָנטרי?

און די לעווינסאָנס פאָרען טאקע ווייטער אין קאָנטרי, אבער מען מוז זיך שוין ארונטערלאָזען א טרעפּעל נידריגער. מען נעמט שוין ניט קיין גאנצע „הייזקע" פאר זיך אליין, מען נעמט נאָר רומס אין א „רומינג הויז".

די אָרימע מיסעס לעווינסאָן וועט שוין ניט האָבען א קיטשען פאר זיך, אזוי ווי אין די פריהערדיגע גוטע יאָהרען; זי וועט שוין דאַרפען קאָכען אין איין קיטשען מיט פערצעהן אנדערע ווייבער צוזאמען. אָבער ניט דאָס איז דאָס ערגסטע. אין א „רומינג הויז" קאָסט יעדער צימער געלד און טאקע גוטע געלד, דאָס העכסטע, וואָס די לעווינסאָנס קענען זיך ערלויבען איז אָפדינגען פאר'ן זומער נאָר צוויי רומס, צוויי „סליפּערס", ווי מען רופט עס, און די וויכ־טיגסטע פראגע איז, ווי אזוי מען זאָל די צוויי רומס קענען אזוי „אויסמארקירען" אז די פאמיליע פון זעקס זאָל האָבען פּלאץ גענוג צום שלאָפען און מען זאָל זיך פיהלען „באקוועם".

* * *

און אָט קומט צו די לעווינסאָנס די פרוי פון קאָנטרי, די ווירטין פון דער רומינג הויז, ביי וועמען די לעווינסאָנס האָבען צוויי רומס גענומען, און די לעווינסאָנס זיינען זיך מיישב מיט דער קאָנטרי פרוי, ווי אזוי אמבעסטען אין די צוויי רומס די געלעגערס „אויסצומארקירען"; און עס זיצען ביים טיש די לעווינסאָנס, די

קינדער, די גאַנצע פאַמיליע פון זעקס, עס זיצט די פרוי פון קאָונטרי, און מען איז זיך מיישב.

— שעהנע, ליכטיגע, געראַמע רומס, — לויבט די קאָונטרי פרוי איהר סחורה — ס'וועט זיין גענוג פּלאַץ פאַר אַלעמען.

אויף דער פרויס באַמערקונג פיהלט לעווינסאָן ווי צו ענטפע־רען, אַז צוויי רומס פאַר דער גאַנצער פאַמיליע זיינען אַביסעל צו־ווייניג, נאָר ער טראַכט, אַז ווען ער וועט אַזוי ריידען, קען נאָך ווערען אַ געשפּרעך וועגען נעמען דריי רומס, און וויסענדיג אַז זיין קעשענע ערלויבט דאָס ניט, זאָגט ער שוין ניט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, און ער ענטפערט מיט אַ האַלבען הארצען:

— נו, וואָס דען? מען וועט זיך שוין ווי עס איז „פאַמעש־טשען".

— וויפיל בעטען וועט איהר אונז געבען? — פרעגט די מיסעס לעווינסאָן דער קאָונטרי פרוי.

— וויפיל איהר וועט דאַרפען, אַזוי פיל וועט איהר קריגען — ענטפערט די בראַווע קאָונטרי פרוי.

לעווינסאָן וועלכער ווייסט אַז זיין פאַמיליע פאַרברויכט יעצט צום שלאָפען איין „דאַבעל" בעט, צוויי „סינגעל" בעטען און צוויי „פאָלדינג" בעטלאַך, טוט אַ פרעג דער קאָונטרי פרוי:

— וועט איהר אונז קענען געבען איין „דאַבעל" בעט, צוויי „סינגעל" בעטען און צוויי „פאָלדינג" בעטלאַך?

און בעפאָר די קאָונטרי פרוי האָט צייט געהאַט צו ענטפערען, ענטפערט די מיסעס לעווינסאָן איהר מאַן?

— הער נאָר וואָס ער האָט אָנגערעכענט? „סינגעל" בעטלאַך, „פאָלדינג" בעטלאַך, וואָס דענקסטו, אַז עס איז דאָ אין דער היים? קיין פראָנט־רום וואו צו שטעלען „פאָלדינג" בעטלאַך וועלען מיר דאָך אין קאָונטרי ניט האָבען.

לעווינסאָן זעהט איין, אַז זיין פרוי האָט רעכט, בלייבט ער אַ ווײַלע פאַרטראַכט, קענטיג ער פּלאַנעוועט עפּעס מיט זיינע געדאַנ־קען און ער פרעגט ווייטער די קאָונטרי פרוי:

— אָבער דריי גרעסערע בעטען אַזוי אַז צו צוויי זאָלען קענען שלאָפען אין יעדען בעט — דאָס וועט איהר אונז קענען געבען?

— שור — ענטפערט די בראַווע קאָונטרי פרוי, — איך האָב ביי מיר דאַכט זיך גענוג בעטען.

אָבער די מיסעס לעווינסאָן איז הפּנים ניט איבערײנס צופרי־דען מיט איהר מאַנ'ס פּאָדערונג און זי פרעגט איהם:

— און ווי אזוי וועסטו צושטעלען די דריי גרויסע בעטען?

— ווי אזוי ס'וועט אויסקומען אזוי וועט מען צושטעלען.

— וועסט אין איין רום אריינפּאַקען אלע קינדער? — פרעגט ווייטער די מיסעס לעווינסאָן.

לעווינסאָן וויל עפּעס ענטפערען, וועןן דער קליינער סעם לאָזט זיך הערען.

— איך וויל ניט שלאָפען מיט מאַקסי'ן אין איין בעט!

— „שאט אפּ"! — בייזערט זיך אָן דער פאָטער אויף זיין צעהן־יאָהריגעם קינד — דו מיש זיך ניט!

סעם דערשרעקט זיך פאר'ן פאָטער און רעדט שוין מעהר ניט, אָבער דאָ מישט זיך אריין דער עלטערער באַי:

— ווען עס וועט ניט זיין פאר מיר א באזונדער בעטעל וועל איך אין קאָונטרי ניט געהן.

— וועט מען טאקע ניט געהן — שרייט שוין לעווינסאָן צו־רייצט און בייז.

די קאָונטרי פרוי נעמט זיך פיהלען אומרוהיג, אז איבער דעם וואָס די לעווינסאָנס קינדער ווילען ניט שלאָפען אין איין בעט, זאָל זיך חס וחלילה אין גאַנצען דער מסחר ניט צונעהן, און זי איילט זיך די פּראָטעסטירענדע חברה־לייט צו באַרוהיגען.

— קינדערלאך, טייערע, אז ניט אין איין בעט, אַרט מיך אויך ניט... איך קען אייך געבען צוויי סינגעל בעטלאך, איך האָב ביי מיר דאָרט אין הויז בעטלאך וויפיל איהר ווילט.

און די ווערטער פון דער קאָונטרי פרוי באַרוהיגען לעווינ־סאָנ'ס צוויי קינדער, וועלכע ווילען ניט שלאָפען צוזאמען אין איין בעט, און אויך לעווינסאָן זעלבסט פיהלט זיך שוין אויך באַרוהיגט, אָבער זיין רוהיגקייט האַלט לאַנג ניט אָן, וויל גלייך נעמט ריידען די מיסעס לעווינסאָן און זי זאָגט:

— אויב מיר קריגען צוויי גרעסערע בעטען און צוויי סינגעל בעטלאך איז טאקע גוט, וועלען מיר אוועקשטעלען אין איין רום א „דאָבעל בעט" און א „סינגעל בעט", און אין צווייטען רום א „דאָבעל בעט" און א „סינגעל בעט".

— „טהרי אין איי רום" — לאָזט זיך הערען דער זיסער זילבערנער קול'כעלע פון דער אכט־יאָהריגער גלעדיס.

— יעס, מיין טייבעלע, לעבען זאָלסטו ביי מיר, „טהרי אין איי רום" — האָט די מיסעס לעווינסאָן געכאַפּט קושען איהר מיר־דעלע און די מאַמע קוועלט אָן פון איהר קינד'ס שכל.

די מאַמע די נאַרישע, וועלכע האָט צו יעדער צייט מעהר אין זינען איהרע קינדער ווי זיך זעלבסט, א י ה ר קוועלט זיך, אָבער לעווינסאָן, דער מיסטער, ווער ס'פאַרגינט זיך אמאָל א טראַכט צו טאָן אביסעל וועגען זיין אייגענעם נפש, ער איז גאָר ניט אזוי באַגייסטערט פון דעם „טהרי אין איי רום" (דריי אין איין צימער), איהם קוועלט זיך ניט איבעריגס פון זיין ווייב'ס עצה און פון זיין קינד'ס חכמה; רעדען אבער וועגען דעם וואָס עס טראָבעלט איהם איז ניט איבעריגס אנגענעהם, און ער קוקט אָן זיין פרוי מיט אזא בליק, אז זי פאַרשטעהט שוין וואָס ער פיהלט.

און די מיסעס לעווינסאָן פאַררוקט איהר פעהלער מיט דעם וואָס זי ווענדעט זיך גלייך ווידער צו דער קאָונטרי פרוי:

— ביי אייך איז דאָך מסתמא דאָ אין הויז א „סקרין" מיט וואָס ביינאַכט, ווען מען וועט זיך ליינען שלאָפען, וועט מען קענען ארומשטעלען אונזער בעט...

דערהערענדיג פון זיין פרוי אזעלכע ווערטער, פיהלט זיך לעווינסאָן שוין ווייטער בארוהיגט... אבער ווייטער ניט אויף לאַנג. ווייל די קאָונטרי פרוי'ס געזיכט ווערט פּלוצלונג פאַרזאָרגט און זי ענטפערט:

— ווער האָט עס „סקרינס"? פון וואַנען זאָלען צו מיר קומען גאָר „סקרינס".

לעווינסאָן'ס פּנים ווערט שוין ווייטער פאַרוואָלקענט.

און דאָ אלס צוגאָב לאָזט זיך הערען סיידי, די לעווינסאָן'ס עלטסטע טאָכטער:

— איך האָב א „סאָנדזשעסטשען", אז מען וועט ניט דאַרפען האָבען קיין „סקרין".

טאַטע און מאַמע קוקען אָן נייגעריג זייער עלטערע טאָכטער און די קאָונטרי פרוי פרעגט דערווײלע:

— יעס, טעכטעריל, וואָס איז דיין „סאָגדזשעסטשען"?

— אין איין רום זאָלען שלאָפען פּאַפּא און „אאור טו באָיס" און אין דעם צווייטען רום זאָלען שלאָפען מאַמאַ, איך און גלעדיס.

„אין איין רום אַנלי דזשענטעלמען ענד אין דהי אַדהער רום אַנלי לײדים", וועט מען ניט דארפען האָבען קיין „סקרינס" — גיט די אומשולדיגע סײדי אן אומשולדיגע עצה.

סײדי'ס טאַטע, סײדי'ס מאַמע און די קאָונטרי פרוי קוקען זיך דורך, אלע דריי שמייכלען זיך דורך פילבאדייטענד און האלב־פאַרשעהמט.

לעווינסאָן בלייבט זיצען א צומישטער, א צוטראָגענער, אויך די קאָונטרי פרוי ווייס עפּעס ניט וואָס צו זאָגען, און די מיסעס לעווינסאָן קוקט אָן איהר טאָכטער און דער מאַמעס הארץ וואקסט פאר ליבע צו איהר קינד. די מאמע פיהלט זיך ענטציקט און שטאָלץ דערפאר, ווייל איהר שווארץ־חנ'עווודיגע טעכטעריל, וועלכע איז שוין א מיידעל פון אכטצעהן יאָהר, פראמאָגט דערוויילע אזא זויבערע, אזא אומשולדיגע נשמה. נאָר ווען די מיסעס לעווינסאָן קוקט אָן איהר מאן ווי ער איז אזוי געבליבען א צומישטער, פיהלט זי ווי איהם צו בארוהיגען און זי זאָגט מיט א גוטמוטיגען רייצענדען שמייכעל:

— ס'וועט שוין זיין אָלרייט... מיר וועלען קריגען א „סקרין"

א פאמיליע פון זעקס אין צוויקאָונטרי־רומס!

ווען גיטעל דאַרף זיך קויפען א דרעס

ווען נאָר גיטעל דאַרף זיך קויפען א דרעס, געהט זי ארום אַן אומרוהיגע, א שטארק־צוטראָגענע, און מען קען זעהן, אז דער פרוי האָבען זיך איינגעלעגט שווערע שטיינער אויפ׳ן הארצען.

גיטעל איז א פרוי פון באַלד פופציג יאָהר. ווי עס איז דער פאַל מיט אַלע אנדערע פרויען, פארלייקענט אויך גיטעל עטליכע יאָהר. ווען גיטעל קוקט אויף זיך אין שפּיגעל, דאַכט זיך איהר, אז זי קוקט אויס זעהר יונג. סעם, איהר מאַן, וועלכער האָט גיטלען זעהר ליב, דענקט אויך, אז זי קוקט אויס זעהר יונג. אָפּט, ווען דער מאַן איז גוט געשטימט, קוקט ער אָן זיין פרוי, עסט איהר מיט די אויגען, און ער רעדט צו איהר:

— גיטעלע, עס איז א מחיה דיך אָנצוקוקען.

— טאַקע? — שטראַלט אויף, האַלב־פארשעמט, גיטעל׳ס געזיכט.

— זיס, יונגע ווייבעלע — נעמט סעם ארום זיין גיטלען און קישט איהר.

און גיטעל דערפיהלט זיך אזוי יונג, אזוי יונג, און זי וואָלט טאַקע געקאָנט באהויפּטען צו פארלייקענען מעהר מיט עטליכע יאָהר. זיינען אבער דאָ צוויי טעכטער, שוין ניט קיין יונגע מיידלאך. די עלטערע איז שוין פינף־און־צוואנציג יאָהר געוואָרען, און די אנדערע איז שוין אויך דריי־און־צוואנציג. נו, געה פאַרלייקען יאָהרען, ווען מען איז שוין א מאַמע פון אזעלכע צוויי טעכטער... מען קען ניט, דער צונג בלייבט אין מויל עפּעס ווי א פארפּעגטעטער... זיינען דאָס איהרע צוויי טעכטערלאך, וואָס דערלאָזען ניט דער מאַמע ווערען אביסעלע צו־יונג... און טאַקע אָט די פראַגע וועגען איהרע יאָהרען ברענגט אויך צו דעם, וואָס גיטעל דערפיהלט זיך אזוי אומרוהיג, אזוי שווער, ווען נאָר ס׳קומט איהר אויס צו קויפען זיך א דרעס.

רעדט זיך נאָר אויס גיטעל אין הויז:

— איך מוז זיך געהן קויפען א נייע דרעס, איך האָב גאָרנישט אין וואָס ארויסצוגעהן.

זיינען דאָך דאָ צוויי טעכטער, מישט מען זיך אריין אין רע־
ענין:

— שור, מאמא — באטראכט די אינגערע טאָכטער איהר מו־
טער, און רעדט צו איהר אויף איהר שטייגער — שור, מאמא, „יו לוק לאַיק עי סלאָב", דו מוזט זיך קויפען א נייע דרעס.

באטראכט די עלטערע טאָכטער איהר מוטער און רעדט שוין ערנסטער פון דער אינגערער שוועסטער:

— „איט איז עי ניים ליטל דרעס, וואָס דו טראָגסט".

— א שמאַטע — ענטפערט שטארק ניט צופרידען די מוטער — א טאַרבע.

— וואָאי, א שמאַטע, וואָאי א טאַרבע? — דינגט זיך די עלטערע טאָכטער מיט דער מוטער — „עי ניים דרעס ענד איט איז ביקאמינג יו" (ס'איז א גוטע קלייד און ס'פּאַסט דיר).

— שור — רעדט איבער גיטעל פארדריסליך — „שור באקא־
מינג" — עס מאכט מיך אויסקוקען מיט פופציג יאָהר עלטער ווי איך בין.

— „א דאָנ'ט טהינק סאָו"! — ענטפערט די טאָכטער.

— זעהט מען, אז דער מוטער פאלט איין אין הארצען, נעמט זיך שוין אָן די אינגערע טאָכטער פאר דער מוטער:

— „דאָנ'ט קער פאָר האָר", מאמא. איך וועל מיט דיר געהן. „ענד ווי וויל באַי פאָר יו סאָם נאַיס ליטל דרעסעס."

שבת זיינען גיטעל'ס צוויי טעכטער ניט פארנומען. ביידע זיינען זיי טיפּשרינס, מען איז שבת פריי. ווען עס קומט שבת, נעהט גיטעל זיך קויפען א נייע דרעס. די אינגערע טאָכטער איז אלעמאָל צופרידען געהן מיט דער מאמען אין די סטאָרס. די על־
טערע איז ניט אזוי גערן. בעט די מאמע די עלטערע, אז זי זאָל מיט־
געהן. א מאמע טוט איהר וועה דאָס הארץ פאר דער עלטערער טאָכ־
טער, און עס דאכט זיך איהר, אז די מידעל וועט זיך פיהלען גע־
קריוודעט, ווען זי, די מוטער, וועט איהר ניט בעטען צו געהן מיט איהר אין די סטאָרס. רופט זי די עלטערע טאָכטער:

— קום מיט אונז. קום, וועסט מיר העלפען אויסקלייבען א דרעס.

— „אי דאָנ'ט פיל לאַיק"... — וויל ניט געהן די עלטערע טאָכטער.

ווערט שווער דער מוטער אויפ'ן הארצען, און זי נעמט זיך שוין בעטען:

— קום, איך וועל אהן דיר ניט געהן.

ענדליך וויליגט איין די עלטערע טאכטער, אוןביידע טעכטער פארען ארויס מיט דער מוטער צו העלפען איהר קויפען א דרעס. די מאמע פיהלט זיך מוטערליך באפרידיגט, וואס ביידע טעכטער זיינען לעבען איהר. עס איז אזוי אנגענעם דער מאמען, וואס ביידע קינדער זיינען לעבען איהר זייט. אבער ווען גיטעל טראכט, אז באלד וועט זי מיט די טעכטער שוין קומען אין סטאר, און עס וועט זיך אנהויבען אן אויסקלייבעניש פון א דרעס פאר איהר, און די צוויי טעכטער וועלען דאס זיין די מבינים, ווערט שוין באצייטענ... דער פרוי שווער אויפ'ן הארצען.

און אט זיינען די דריי שוין אין א דעפארטמענט סטאר. אט איז מען שוין אין דער אפטיילונג פאר דרעסעס. גיטעל זעהט דרעסעס פון אלע זייטען, אזעלכע שעהנע דרעסעס, אזעלכע שרייענדיגע קא-לירען. גיטעל פארגעסט זיך אין גאנצען, אז זי איז דא מיט איהרע צוויי טעכטער. דער פרוי פארדרעהט זיך דער קאפ, זי פיהלט, אז אין פנים ווערט איהר הייס. זי לאזט איבער הינטער זיך ביידע טעכטער, לויפט האסטיג אין דער ריכטונג, וואו עס זיינען אויס-געהאנגען די שעהנע דרעסעס.

— „מאמע, וועהר אר יו גאאינג"? (וואוהין געהסטו מאמע) — שטעלט איהר אפ די עלטערע טאכטער און קוקט איהר גלייך אין די אויגען אריין מיט אזא פארוואורף — „וועהר אר יו גאאינג, מאמא"?

— וואס איז? — פאלט איין דער מאמען אין הארצען.

— זעהסט דען ניט? — ווערט די עלטערע טאכטער עפעס אזוי בלוטיג-ערנסט, עפעס אזוי ווי דא וואלט זיך געהאנדעלט ווע-גען א פראגע פון לעבען און טויט — זעהסטו דען ניט, אז דאס זיינען „מיס" דרעסעס? (קליידלאך פאר מיידלאך) וואוהין קריכ-סטו?

— „דהער, מאמע" — מישט זיך אויך אריין די אינגערע — דהער, אויפ'ן צווייטען זייט זיינען ד י י נ ע דרעסעס. „קאם טו דהיר אדהער סאיד."

שוין! דערפיהלט זיך שוין די ארעמע גיטעל ווי אן אפגעקוי-

לעטע. דער גאַנצער יום־טוב איז איהר שוין באַצייטענס פאַרשטערט. איצט געהען שוין די טעכטער פאַראויס צו צייגען איהר, וואוהין זי דאַרף געהן, און זי געהט שוין נאָך די טעכטער, אבער אָהן א ווילען, אָהן א נשמה.

הויבט אָן די מאַמע צו מעסטען דרעסעס. אָבער דאָס זיינען ניט די דרעסעס, צו וועלכע גיטעל'ס הארץ ציהט. און טאָמער מאַכט זיך שוין יע עפּעס א דרעס, וואָס עס געפעלט כאָטש אביסעל דער מוטער, געפעלט עס ניט די טעכטער.

— צו שרייענד... — קרימט זיך די עלטערע טאָכטער.

—„איט איז'נט פאָר יו, מאַטהער דיער" (ס'איז ניט פאר דיר מאַמע) — רעדט די אינגערע. גיטעל פיהלט זיך היים און קאַלט. זי קויפט זיך א דרעס, אָבער קיין הנאה פון איהר דרעס האָט זי שוין ניט.

עס טרעפט אמאָל, אז גיטעל דערצעהלט איהרע טעכטער גאָר קיין מעשיות ניט, און געהט איינע אליין זיך קויפען א דרעס. קומט דאָס אבער אויך ארויס ניט אזוי פויגעלדיג. איידער זי קומט נאָך אין סטאָר אריין, ווערט זי פארפייניגט פון געוויסענסביסע, טאַקע דערפאר, ווייל זי האָט די קינדער ניט דערצעהלט, אז זי געהט זיך קויפען א דרעס. ווען זי געהט אריין אין סטאָר, פיהלט זי זיך עפּעס גאָר ווי זי וואָלט איהרע אייגענע קינדער באַ'גנב'עט, און איהר שמחה איז שוין באַצייטענס פאַרשטערט. און אָט איז שוין גיטעל אין דער דרעס־אָפּטיילונג, איז זי דאָך שוין דאָ אָהן די טעכטער, איז זי א פרייער קאַזיק. לויפט זי טאַקע ווייטער אהין, וואו עס זיינען אויסגעהאנגען די דרעסעס פאר מיידלאך. קומט צו א „סיילסלליידי", קוקט איהר גלייך אין די אויגען אריין:

— „אַר יו לוקינג פאָר עי דרעס, ליידי" ?

— יעס — ענטפערט גיטעל, און זי שעהמט זיך דער סיילס־ליידי גלייך אין די אויגען צו קוקען.

— „פאָר יורסעלף, ליידי"? (פאר אייך אליין).

— „יעס, פאָר מאַיסעלף".

— „אָן דהי אָדהער סאַיד, ליידי" (אויף דער צווייטער זייט ליידי) — קלינגען אָפּ אזעלכע קאַלטע, אזעלכע שווערע ווערטער. אוי, פרעגט שוין ניט, ווי אזוי גיטעל דערפיהלט זיך... עפּעס נאָר ווי די ערד וואָלט אונטער איהרע פיס פאַרזונקען געווארען...

גוט און רוהיג איז גיטלען אויפ׳ן הארצען, ווען עס גיט זיך איהר איין צו פועל׳ן ביי איהר מאַן, אז ער זאָל מיט איהר געהן אַנקוקען פאר איהר א דרעס. גיטעל׳ס מאַן וויל שוין דוקא, אז זיין פרוי זאָל קויפען זיך א דרעס א וואָס מעהר יוגענדליכע, א וואָס מעהר שרייענדע. גיטעל׳ס מאַן וויל נאָר, אז זיין פרוי זאָל זיך אַנטאָן אזוי, אז זי זאָל אויסקוקען וואָס אינגער, וואָס מעהר מיידעלש. ווען גיטעל קומט אריין מיט איהר מאַן אין א סטאָר צו קויפען א דרעס, ציינט ער איהר אָן אויף אזעלכע דרעסעס, וואָס גיטעל מוז איהם שוין אָפּהאַלטען און צו איהם זאָגען:

— משוגענער, אָט אזא דרעס זאָל איך זיך אָנטאָן?

— פאַרוואָס ניט?

— ס׳איז דאָך פאר א יונגער מיידעל!

— נעוועך מאַינד פאר א יונגער מיידעל! — באַשטעהט גיטעל׳ס מאַן אויף זיינס — עס איז אָלרייט, מעסט אָן, איך גלייך עס.

גיטעל איז אין איהר פיגור ניט קיין געוויקסיגע און ניט קיין דיקע. מאַכט זי א שפּאַס מיט איהר מאַן און מעסט אויף זיך אָן א דרעסקע, וואָס פּאַסט זיך נאָר פאר א יונגער מיידעל. דעם מאַן איז דאָס טאַקע שטארק געפעלען, ער ווערט אזוי ענטציקט פון זיין גיטלען, אז ער איז גרייט אין סטאָר פאר אלעמען אין די אויגען כאַטש נעמען קושען איהר. אָבער, נאָך אלעמען, וועט דאָך גיטעל ניט אָנטאָן א דרעסקע, וואָס א האַי־סקול־מיידעל דאַרף טראָגען. לאַכט זי פון איהר מאַן, אָבער דער לאַכען איז אזא פארגעניגענדיגער. פון דעם לאַכען איז גיטלען אזוי גוט אויפ׳ן הארצען. גיטעל קלייבט אויס א דרעס, וואָס געפעלט אי איהר אליין, אי איהר מאַן. זיינען אָבער דערביי דאָ אַנדערע שוועריגקייטען, אַנדערע אומבאַקוועמ־ליכקייטען: אין א דעפּאַרטמענט סטאָר וויל סעם ניט געהן מיט זיין פרוי. עס איז פאר איהם א צו שווערער ענין, און פון אזא מין עסק זאָגט ער זיך אַלעמאָל אָפּ. מוז גיטעל שוין געהן אין א סטאָר ערגעצוואו אין דער נאָהענטער נאַכבארשאַפט, און דאָס אליין איז שוין גיטלען ניט איבעריגס צום הארצען. ווייטער האָט גיטעל גלאַט פיינט צו קויפען איהר סחורה אין דער ערשטער סטאָר, וואו זי קומט אריין. עס מעג איהר אפילו געפעלען זיין, וועט זי זיך אָבער

פיהלען ניט באפרידיגט, וואו זי זאָל ניט ארומגעהן איבער עטליכע סטאָרס. און ווען זי געהט אריין אין א סטאָר צוזאמען מיט איהר מאַן, וועט ער שוין פון סטאָר ניט ארויסגעהן ביז מען וועט ניט קויפען א דרעס. ווען גיטעל איז אליין אין א סטאָר, האָט זי גאָר־ניט פיינט צו דינגען זיך און נאָר ארויסקוקען אויף מציאות. אבער איהר מאַן דערלאָזט ניט צו דעם. געפעלט איהם נאָר די דרעס, וואָס זיין גיטעל טוט אָן, איז וויפיל מען טוט נאָר א בעט, לייגט ער שוין די האנט אין קעשענע און ער איז שוין גרייט מיט די פּאָר דאלאר. און גיטעל ווייסט שוין, אז ווען דער מאַן איהרער געהט מיט איהר קויפען א דרעס, וועט דאָס איהר טייער קאָסטען.

* * *

און ווען נאָר גיטעל דאַרף זיך קויפען א דרעס, געהט זי ארום אַן אומרוהיגע, א צוטראָגענע, און מען קען זעהן, אז ביי דער פרוי האָבען זיך אוועקגעלייגט שווערע שטיינער אויפ׳ן הארצען.

אַ פּאַרטראַכטער איד

זיצט א איד אין פראָנט־רום ביים פענסטער און קוקט אין א ספר אריין. אין דעם ספר, וואָס דער איד לייענט, שילדערט זיך דער טיפער, ווייטער אָפּגרונד, וואָס ליגט צווישען דעם אידישען איינוואנדערער אין אמעריקא, צווישען דעם אידען, וואָס בלייבט אין דער פרעמדער מדינה אן אייביגער אימיגראנט, און זיינע אמעריקאנער־געבאָרענע קינדער, וועלכע זיינען שוין ניט קיין אימיגראנטען, אָבער גאנץ ווייט פון צו זיין אמת׳ע אמעריקאנער; קינדער, וועלכע הענגען מיט זייערע באגריפען, מיט זייערע נשמות צווישען הימעל און ערד.

פארטראכט זיך א איד, וועלכער איז אליין אן אימיגראנט אין אמעריקע, פארטראכט זיך א איד וועגען זיינע אייגענע קינדער, וועלכע זיינען דאָ שוין אין דער נייער וועלט געבאָרען געווארען, דאָ ערצויגען געווארען, דאָ אויסגעוואקסען; קינדער, וועלכע ריידען ניט קיין אידיש, ווענען זייער טאטע־מאמעס לשון איז פרעמד; קינדער, וועלכע זיינען ניט קיין גרינע אין אמעריקע, אָבער אויך ניט קיין אמת׳ע אמעריקאנער; קינדער, וועלכע זיינען עפּעס ניט קיין אידען און ניט קיין גוים. טראכט זיך דער איד וועגען זיינע אייגענע קינדער, און ווען ביי א אידען צושפּילען זיך די מחשבות, קריגען זיי שטארקע פליגלען און ס׳פליען אוועק דעם אידענ׳ס געדאנקען אין זיין ווייטער היים, אין די אמאָליגע, אמאָליגע צייטען, ווען ער איז נאָך אליין א קינד געוועזען, און פון דער ווייטער פארגאנגענהייט מאכען א שפּאציר דעם אידענ׳ס מחשבות אין דער ווייטער צוקונפט אריין, ווען זיינע קינדער וועלען שוין אליין זיין טאטעס און מאמעס, און עס וועט אויסוואקסען גאָר א נייער דור. און פון דעם נייעם דור וועט קומען נאָך א דור... און דער פארטראכטער איד עסט זיך איין מיט זיינע געדאנקען־בליקען אין דער ווייטער צוקונפט. איהם ווילט זיך זעהן ווי אזוי עס וועלען אויסקוקען, וואָס פאר א פנים עס וועלען האָבען זיינע קינד־קינדער. און עס דאכט זיך דעם אידען, אז ער זעהט טאקע דעם פנים פון דעם

צוווייטען, דריטען און ווייטערע, ווייטערע דורות. און וואָס ווייטער דער איד קוקט אין דער צוקונפט אריין, ווערט איהם אויף זיין הארצען אלץ וויסטער.

און א איד ווערט מיעד, פון זיינע אייגענע מחשבות ווערט ער מיעד. וויל זיך אָפּרוהען א איד, קוקט ער דורכ'ן פענסטער, קוקט ער אין דרויסען ארויס.

אנטקעגען, איבער'ן גאס, איז דאָ א קליינער פּארקעל. דרויסען איז שוין שפּעטער הערבסט. די גראָז אין פּארק איז פארגעלט און פארטריקענט, און אין א סך ערטער אין גאנצען באוואָרפען און פארדעקט מיט פארדארטע, פארטריקענטע, פארגעלטע בלעטער, ארונטערגעפאלענע פון די ארומיגע בוימער. דער הימעל איז בליי־שווער און האָפנונגסלאָז פארוואָלקענט. ס'איז ווינטיג. יאָגט ארום דער ווינט איבער'ן פארק די טויטע, פארגעלטע בלעטער, יאָגט ארום, שליידערט ארום בייז, אומבארמהערציג, און לאָזט ניט רוהען די טויטע בלעטער. שלעכט און בייז זיינען די קאלטע הערבסט־ווינטען.

זיצט א איד ביים פענסטער, קוקט דרויסען ארויס, קוקט אויף דעם אנטקעגענדיגען פארק. פאלט דעם אידענ'ס בליק אויף אן אלטען, אלטען בוים, א הויכען, א מעכטיגען דעמב. און עס טראכט זיך שוין ווייטער דעם אידען. מאָדנע געדאנקען שפּארען זיך איהם אין קאָפּ אריין, און דער איד בלייבט אזוי זיצען א פארלאָרענער, א פארגעסענער אין זיינע מחשבות.

איז א איד ניט אליין אין דער היים. א ווייב האָט ער, און די ווייב איז אויך דאָ. זעהט די ווייב, אז איהר מאן זיצט א טיף־פארטראכטער. און ווען א ווייב זעהט, אז איהר מאן איז פאר־טראכט, ווילט זיך איהר וויסען, ווענען וואָס ער טראכט. געהט צו די ווייב צו איהר טיף פארטראכטען מאן און שלאָגט איבער זיינע מחשבות.

— וואָס איז, וואָס עפּעס אזוי פארטראכט?

— האָ? — טוט זיך דער איד א כאַפּ? — הא, וואָס?

— וואָס עפּעס אזוי פארטראכט? — קוקט אָן די ווייב איהר מאן מיט א גוטמוטיגען שמייכעל.

— אזוי זיך פארטראכט.

— דיינע שיפען אונטערגעגאנגען? — פרעגט גוטמוטיג, שפּאסיג די ווייב.

— ניין. ניט מיינע שיפען, נאָר די שיפען פון אונזערע קומענדע דורות וועלען אונטערגעהן. און ווען זיי וואָלטען אונטערגעהן, וואָלט נאָך ניט געווען אַזאַ אומגליק... אונטערגעגאנגען און א סוף... ארונטער צום דעק, און אן ענדע. זיי וועלען אבער אין גאנצען ניט אונטערגעהן. צובראָכענע, צושטאָכענע וועלען זיי בלויז ארומטרייבען זיך איבער אלע ווייטע ימים, געטריבען און געוואָרפען ווערען פון אלערליי בייזע ווינטען, און צו קיין ברעג וועלען זיי קיינמאָל ניט צוקומען. דאָס איז א סך ערגער ווי אונטערגעהן.

— וואָס רעדסטו? — פרעגט אומרוהיג דעם מאנ'ס ווייב.

— קום נאָר אהער — רופט דער מאן זיין ווייב נעהנטער צו זיך.

— נו, יע, וואָס איז? — קומט צו די ווייב נעהנטער צו איהר מאן.

— זעהסט דעם פארק?

— אודאי זעה איך. איך בין דאָך ניט בלינד.

— זעהסט אָט דעם הויכען, גרויסען, אַלטען בוים, מיט די ווייט צואוואָרפענע צווייגען און צווייגעלאך?

— איך זעה. נו, איז וואָס?

— זעה, ווי שטארק, ווי דיק, ווי פעסט, ווי קרעפטיג דעם „סטעמפ", דער עצם בוים איז, ווי איינגעפונדעוועט דער וואָרצעל איז, ניט אזוי לייכט צו ריהרען פון אָרט. דער שטארקסטער שטורםווינט וועט איהם פון אָרט ניט א ריהר טאָן.

— נו, א דעמבאָווער בוים איז שטארק. ס'איז עפּעס א נייעס?

— קוק ווייטער, קוק אביסעל העכער... די צווייגען... אויך שטארק קרעפטיג, קענען אויסהאלטען שטורעמס און ווינטען.

— נו, יע, נו, איז וואָס? — ווערט די ווייב שוין אביסעל אומגעדולדיג.

און דער איד רעדט ווייטער:

— העכער געהען שוין דינע צווייגען...

— ווי דער שטייגער איז — מישט זיך מיט א וואָרט אריין די ווייב.

און דער איד רעדט ווייטער, רעדט האלב־פארטראכט, רעדט האלב־פאר'חלום'ט:

— נאָך העכער זיינען די צווייגען נאָך דינער, נאָך העכער,

ווייטער און ווייטער פון דעם עצם בוים, פון דעם וואָרצעל, געהען דינער און שוואכער די צווייגעלאך, און נאָר אין דער הויך, קוק זיך נאָר צו: אזעלכע דינינקע צווייגעלאך... האָבען קיין קראפט, קיין ממשות, קיין באשטימטען פנים. מען קען ניט וויסען, אויב זיי זיינען צווייגעלאך פון א דעמב, אדער פון עפּעס אן אנדער סאָרט בוים. קוק זיך צו: דרויסען איז א גאנץ שוואכער ווינט, און זעה, ווי ער טרייסעלט די דינע, שוואכע צווייגעלאך. זעה, ווי זיי וואַר-פען זיך, ווי זיי ציטערען צווישען ערד און הימעל, עפּעס אזוי ווי זיי וואָלטען וועלען אָן עפּעס אָנכאפּען זיך, צו עפּעס צוטוליען זיך. נאָר ס'איז ניטאָ צו וואָס, ניטאָ צו וועמען... אזוי ווייט פון דעם עצם וואָרצעל, אזוי ווייט פון דעם עצם בוים...

— און צו וואָס דאַרף איך דאָס אלץ וויסען? — שלאָגט אי-בער די ווייב איהר מאנ'ס חלום'ען.

אָבער דער מאָן רעדט ווייטער:

— דו געדענקסט ד י י ן טאטען, מ י י ן טאטען?

— אודאי געדענק איך. שוין ביידע אונז צו לאנגע יאָהר.

— מיין זיידען, דיין זיידען געדענקסטו?

— ווי דורך א חלום. אָבער איך געדענק.

— געוועזען אמת'ע אידען, געהאט א פעסטען גלויבען, א פעס-טען וואָרצעל—רעדט ווייטער דער איד, האלב-פאַרטראכט, האלב-פאַר'חלום'ט—זיי האָבען געוואוסט, ווער און וואָס זיי זיינען, און קיין שטורעם האָט זיי ניט געקענט איינברעכען, אזוי ווי אָט דער עצם וואָרצעל פון דעם געזונטען דעמב, אָט אזוי ווי דער „סטוואָל", דער עצם בוים... איך, דו, זייערע קינדער, זיינען שוין די צווייגען, שוין ניט קיין פעסטע אידען, געפּרואווט שוין אפּרייסען זיך פון דעם עצם בוים, אָבער ניט אָפּגעריסען געוואָרען. איז מען נ י ט פרום... איז מען ניט אידישלאך רעליגיעז... אָבער מיר ווייסען דאך, ווער מיר זיינען. און ווען עס ברעכען אויס בייזע ווינטען גיט אונז כחות דער עצם-וואָרצעל, דער עצם-בוים. אונזערע קינדער זיינען שוין אָבער נאָך דינערע צווייגען, שוין שוואכערע. עס איז שוין שווער-לאך זייער ריכטיגען פנים צו דערקענען. קומט א ווינט, ציטערען זיי, אָבער זיי בויגען זיך נאָך צום וואָרצעל צו. אין א נויט וועלען זיי נאָך ציהען זייערע כוחות פון דעם עצם-בוים. און עס וועט קומען נאָך א דור און נאָך א דור. דינערע, שוואכערע צווייגעלאך, אלץ

ווענִיגער און ווענִיגער פון אן אייגענעם פּנים, אלץ ווענִיגער איי־גענער געשטאַלט. און עס וועט קומען א דור, א שוואַכינקער "דור'עלע", אזוי ווי די גאָר־גאָר דינע צווייגעלאך. יענע וועלען שוין ניט וויסען וואָס און ווער זיי זיינען. זיי וועלען זיין גאָר אין גאַנצען אָהן א פּנים, אָהן א געשטאַלט. דער קלענסטער ווינטעל וועט זיי ברעכען און וואַרפען און שליידערען אין אלע זייטען. און אזוי ווי אָט די צווייגעלאך פון דעם שטאַרקען דוב, די ווייטע צווייגעלאך, די פאַרוואָרפענסטע, וועלען זיי ציטערען צווישען הי־מעל און ערד. זיי וועלען וועלען צו עפּעס זיך צוטוליען, אפשר צו די אַרומיגע, פרעמדע בוימער. אָבער ווען זיי וועלען זיך אָפּרייסען, וועלען זיי צו א צווייטען בוים ניט קענען צוזאַוואַקסען.

איצט ווייסטו וואָס מען דאַרף טאָן:

— וואָס?

— דאַרף מען געבען קינדער אזא ערציהונג, אז זיי זאָלען וויסען ווער זיי זיינען. זיי זאָלען וויסען, אז זיי זיינען אידען. זיי זאָלען ליבען זייער פאָלק. זיין שטאָלץ מיט זייער „היסטאָריע".

— צו מיינע שונאים'ס קעפּ! האָט די וויב לענגער ניט גע־קענט אויסהאַלטען איהר מאַנ'ס ריידען, און אָנקוקענדיג איהר מאַן עפּעס אזוי ווי מען קוקט אָן א שטיקעל משוגענעם, האָט זי צוגעגעבען:

— א מענש זאָל האָבען אזעלכע מאָדנע געדאַנקען.

פאַרטאַנצט דעם כותל מערבי

אָט איז פאר אייך די פאמיליע ציטראָן. עס איז א גאנץ געוועהנליכע אידישע פאַמיליע אין ניו־אָרק: א פאָטער, א מוטער — עמיגרירט אהער אין דער נייער וועלט פון דעם אלטען רוסלאנד. צוויי קינדער, אמעריקאנער געבאָרענע, און צום רומעל, איז דאָ אויך א באָרדער, ציטראָנ׳ס אן אינגערער ברודער, א פארעלטערטער בחור. און אָט איז פאר אייך די פאמיליע ציטראָן, א גאנץ קליינע פאמיליע, דאכט זיך, אינגאנצען פינף פרשוין. נאָר די פינף מענשען זיינען איינגעטיילט אין פיר באזונדערע וועלטען. א גאנץ געוועהנליכע אידישע ניו־יאָרקער פאמיליע און עס איז א **דור־הפלגה.**

ציטראָן, א איד אין די פערציגער, א פארבער ביי זיין ארבייט, פארמאָגט א ווארימע, צארטע אידישע נשמה. ער איז א סאָציאַליסט, געבראכט זיינע אידעאלען אהער נאָך פון דערהיים. געקומען אהער נאָך א יונגער בחור׳ל... שוין אין דער היים געזעסען אין טורמע פאר זיינע פרייע אידעען, קוים מיט׳ן לעבען געראטעוועט זיך. גלאָפען נאָך אמעריקע. דאָ פארקאָכט געווען אין דער ארבייטער־באוועגונג, אָבער טאקע דאָ, אין דעם פרעמדען לאנד, **האָט אין דעם יונגען גרינעם אימיגראנט געגומען דער איד ריידען.** עפעס האָט זיך א מענש דערפיהלט אָפגעריסען פון א היים, פון א פאָלק... אן עלענדקייט האָט געשטיקט אויף דער נשמה. די היימישע אידעאלען און טרוימען האָבען איהם פאר עפעס ניט אינגאנצען באפרידיגט די נשמה דאָ אין דער פרעמדער וועלט, און ציטראן, איז געווארען א ציוניסט. איז פאראינטערעסירט געוואָרען אין דער ציוניסטישער באוועגונג, און ער איז א הייסער געטרייער פועלי־ציוניסט געווארען. אָט האָט איהר פאר זיך איין וועלטעל. א מענש זיצט אין א טענעמענט־הויז אין די בראָנקס און טרוימט וועגען א סאָציאַליסטישער אָדער אידישער היים, ערגעץ־וואו אין פאלעסטינע... דירה־געלט צאָלט ער טאקע אין ניו־יאָרק, נאָר די נשמה זיינע איז גאָר אין אן אנדער היים, אין א היים פון חלוצים.

רבקה, ציטראָנ׳ס פרוי, קומט מיט איהר מאַן פון איין שטעטעל, א אידיש־רוסישע אינטעליגענטקע, האָט זי אָנגעלעזען זיך מיט דער רוסישער ליטעראַטור, אָנגעזאַפּט זיך מיט די רוסישע אידעאַלען, געקומען אלס יונגע מיידעל אהער אין אמעריקע. שוין באלד פינף און צוואנציג יאָר דאָ. אָבער די היים איז רוסלאנד פארבליבען... עס לעבט זיך דער פרוי שווערליך אין דעם גאָלדענעם לאַנד, ווייל דער מאַן איז אן ארבייטער, אן אָרימאַן. און רבקה, זיין פרוי, לעבט זיך ניט איבעריגס לייכט אין אמעריקע. קינדער, דאגות, נויט, רענט, לענדלאָרדס, דאקטוירים. און אזוי געהן אוועק די טעג און די יאָהרען. זי איז ניט ארייגגעטאָן אין קיין באוועגונג. ניטאָ קיין צייט דערפאר. רבקה׳ס יאָהרען ווערען פארשוואונדען אין שטוב, לעבען די קינדער, לעבען מאַן. אָבער אמאָל, ווען עס איז דאָ א פרייע מינוט, חלום׳ט זיך און טראכט זיך און בענקט זיך נאָך דער היים, נאָך רוסלאנד, און אין אזעלכע פרייע מינוטען זינגט זי רוסישע „פּיעס־ניעס״. נעמט פלוצלונג ריידען רוסיש. איהר היילינקייט איז רוסלאנד פארבליבען. איהר וועלטעל איז רוסלאנד. זי שרייט ניט וועגען איהר וועלטעל, זי אגיטירט ניט, זי פרייזינגט ניט. שטיל פאר זיך חלום׳ט זי איהרע חלומות, מיט א שטילען אָבער טיפען בענקען שמאכט איהר נשמה אין דער וויטער פארגאנגענהייט, וויט־וויט אויף דעם צווייטען זייט ים איז דאָ א לאַנד, איז דאָ א שטאָט, וואו זי איז אמאָל יונג געווען... דאָרט איז איהר וועלטעל.

און אָט זיינען די צוויי קינדער, אמעריקאנער געבאָרענע קינדער: פלאָרענס, א מיידעל פון א יאָהר צוואנציג, און סעם, א בחור׳ל פון א יאָהר צוויי־און־צוואנציג. אמעריקאנער געבאָרענע קינדער. זיי וויסען ניט, וויסען גאָר ניט, ניט וועגען טאַטענ׳ס וועלט, ניט וועגען דער מאַמע׳ס וועלט — „פּאַלעסטאַין״, „ראָשאַ״. עס זיינען פרעמדע ווערטער פאר זיי, כמעט ווי שפּאַסיגע ווערטער...

שוועסטער און ברודער האָבען שוין צוויי מאָל אוועקגעלאָזען זיך „האיקען״ פאר הונדערטער און הונדערטער מיילען וויים, און געקומען זיינען זיי ענטציקטע פון זייער שעהנעם לאַנד. אמעריקע איז זייער היים, אמעריקע איז ביי זיי ניט קיין אידעאַל, ניט קיין חלום. אזוי ווי בא מענשען איז ניט קיין אידעאַל די לופט וואָס זיי אָטעמען, די שפּייז וואָס זיי עסען. זיי זיינען דאָ געבאָרען געוואָרען, דאָ ערצויגען געווארען און עס איז ניטאָ וועגען וואָס צו

חלום'ען. אָבער זיי האָבען זייער אייגענארטיגען לעבען, זייערע פארוויילונגען, זייערע לידער, זייער אייגען וועלטעל.

און אָט איז דער בּאָרדער, ציטראָנ'ס אינגערער ברודער. דער איז א מענש עפּעס גאָר אָהן א וועלט. א באַלעזענער יונגערמאן, א רוהיגער, א וויציגער. געווען אמאָל, אין זיינע „נארישע" אינגערע יאָהרען, א פארברענטער אנארכיסט. אוועק־געמאכט אויף אלץ מיט דער האנט. עס האָט געברענט אמאָל אין דער נשמה א פייערל. ווער ווייסט וועלכע אומשטענדען, וועלכע פּאסירונגען האָבען אָט דעם פייערל אויסגעלאָשען! נאָר עס ברענט ניט מעהר דאָס פייערל. א פּוסטע נשמה פארבליבען. ער לאכט אָפּ פון אלעמען און פון אלץ. אמאָל איז ער אין זיין אָפּלאַ־כען קלוג, אמאָל איינפאך ביטער און גיפטיג, אבער עס איז ניטאָ פאר איהם קיין הייליגקייט. ער פארלאכט אלץ און אלעמען. א ציני־קער איז דער בּאָרדער. ער רעדט אידיש, ער לעזט רוסיש, דייטש, ענגליש. אָבער אלע לשונות זיינען פאר איהם גלייך. אידיש האָט ער ליבער, דערפאר ווייל אויף אידיש גיט זיך איהם אמבעסטען איין זיין אָפּלאַכען און אויסלאַכען פון אלץ און פון יעדען. ער איז א מענש אָהן א חלום, אָהן א וועלטעל... אָבער אָט דאָס „אָהן א וועל־טעל" איז דאָך זיין אייגענארטיגע וועלטעלע...

און אָט האָט איהר א אידיש געזינדעל אין אמעריקע. מען באוואוינט פיר חדרים, און עס זיינען דאָ פיר באזונדערע וועלטען. די וועלטען שטויסען זיך איינס אָן צווייטען. מען איז אזוי נאָהענט און דאָך אזוי ווייט. אָפּגרונדען, טיפע אָפּגרונדען ליגען אויסגע־שפרייט צווישען אָט די פארשידענע וועלטעלאך — און עס איז א גאנץ געוועהנליכע פאמיליע אין אמעריקע.

* * *

— רבקה'לע, — האָט ציטראָן באמערקט צו זיין פרוי — וואָס פאר א „דעיט" (דאטום) האָבען מיר היינט?

— וואָס פאר א דעיט? — האָט רקבה האַלב פארטראכט איבערגערעדט איהר מאַנ'ס פראַגע. א ווײַלע געטראכט, דערמאָנט זיך אָן עטוואָס און געענטפערט:

— היינט איז דער דריי־און־צוואנציגסטער.

— איז טאקע גוט, — איז ציטראָן צופרידען געווען.

— וואָס איז?

— אויב עס איז דער דריי־און־צוואנציגסטער, וועט דאָך רענט זיין ערשט די נעקסטע וואָך, — האָט ציטראָן גערעדט מיט א לייכטען הארצען.

— אנטקעגען וואָס איז דאָס פּלוצלונג ?

— ווילען מיר קענען היינטיגע וואָך ספּענדען עטליכע דאלאר,

— האָט ציטראָן אָפּגעאָטעמט זיך.

— אויף וואָס ספּענדען ?

— מיר האָבען דאָך היינטיגען שבת דעם באנקעט.

— וואָס פאר א באַנקעט ? — האָט רבקה געפרעגט.

— פון די פּועלי ציון.

— שבת ? — האָט רבקה איבערגעפרעגט.

— געוויס שבת.

— מיר האָבען, דאכט זיך, צוויי טיקעטס, — האָט רבקה באמערקט.

— געוויס האָבען מיר.

— האָסט נאָך ניט באצאָלט פאר די טיקעטס ?

— באצאָלט, אודאי באצאָלט.

— אויף וואָס־זשע וועסטו דארפען ספּענדען עטליכע דאלאר?

— האָט רבקה געפרעגט שוין ניט מיט אזא לייכטען הארצען.

— מען וועט מוזען געבען...

— אויף וואָס געבען ?

— עס איז א „דראַיוו“... מען רעכענט אויף דעם באנקעט מאכען א סך געלד... מיר ווילען אויך מוזען עפּעס געבען.

— וויפיל ?

— ווילל, איך רעכען —

ציטראָן האָט אָנגעקוקט זיין פרוי׳ס זעהר ערנסטען געזיכט און דערעדט מיט ניט קיין איבעריגער פעסטקייט :

— וועלל... צעהן דאלאר וועט מען מוזען געבען.

— צעהן דאלאר ? — האָט רבקה אומרוהיג איבערגעפרעגט.

— נו, וואָס איז צעהן דאלאר ? גאָרנישט ! אנדערע מענשען ווילען געבען מעהר, א סך מעהר. מען קען דאָך ניט געבען ווייניגער, רבקה׳לע. עס איז דאָך א „דראַיוו“, און פאר אזא הייליגער זאך.

רבקה האָט גאָרניט געזאָגט דאנעגען, נאָר אויפ׳ן הארצען האָט זיך איהר א ווהעטאָג געקייקעלט.

— צעהן דאָלאַר!

און מען איז אַזוי אָרים. די לעצטע צייטען איז אַזוי ווייניג אַרבייט. עס קומט אויס צו לעבען אַזוי אויסגערעכענט מיט'ן סענט.

און דאָ רייסט מען אָפּ צעהן דאָלאַר!

קייקעלט זיך אַ פאַרדרוס אַזוי ווי אַ שווערער שאַרפער שטיין איבער רבקה'ס הארצען, נאָר זי זאָגט גאָרניט. זי האָט ליב איהר מאַן, איהר אָרענטליכען מאַן. זיין וועלטעל איז איהר פרעמד, גאָר אין גאַנצען פרעמד. נאָר זי לעגט כבוד פאַר איהר מאַנ'ס חלומות. זי ווייס, אַז ער איז אַזאַ ערנסטער, אַזאַ אָרענטליכער מענש... אָבער צעהן דאָלאַר! עס איז פאַר איהר אַן אמת'ע גזרה, נאָר זי פּראָטעסטירט ניט. בלויז דאָס הארץ האָט איהר פאַרקלעמט, און שווייגענדיג געהט זי אַוועק אין קיך און נעמט אויסוואַשען אין וואַשטאָבעטליכע שטיקלאַך וועש.

אויך אין ציטראָנ'ס הארצען האָט זיך אַ שווערקייט אַוועקגעלעגט. ער האָט, פאַרבלייבענדיג אויף זיין אָרט, אין קיך אַריינגעקוקט, וואו די פאַרשוויגענע רבקה איז געשטאַנען איבערגעבויגען איבער אַ וואַש־ברעטעל און וועש געוואַשען — און איהם איז נאָך שווערער געוואָרען אויפ'ן הארצען. ער האָט גוט פאַרשטאַנען רבקה'ס פאַרדרוס — צעהן דאָלאַר! ער האָט אָנגעקוקט זיין פרוי'ס פּראָפיל, איהר איבערגעבויגענעם קערפּער. וואַשט וועש. באַגיסט זיך מיט שווייס, ווען ער געהט אַוועקגעבען צעהן דאָלער. און די שווערקייט פונ'ם הארצען האָט זיך געריסען צום האַלז...

אָבער ציטראָן פאַרמאָגט זיין הייליגקייט, זיין חלום... דאָס איז דאָך זיין גאַנצע וועלטעל. דאָס איז דאָך זיין גאַנצער וועזען. דאָס איז דאָך ער אַליין... און ציטראָן האָט אָפּגעקערט זיין פּנים, זיינע אויגען פון קיך, פון זיין פרוי וועמען ער האָט אַזוי ליב געהאַט, אויף וועמען זיין הארץ האָט אַזוי וועה געטאָן.

* * *

מיט צוויי טעג שפּעטער, פריהמאָרגענס, ווען פלאָרענס און סעם האָבען זיך געקליבען אין זייערע קאָלעדזשעס געהן, איז פלאָרענס צוגעגאַנגען צום בופעי, אין דאַינינג־רום, געעפענט דעם שופלאָד, וואו די מאַמע פלעגט אַלעמאָל האַלטען איהר לעדערנעם פּאַקעטבוך; געעפענט דעם פּאַקעטבוך און אַריינגעקוקט. נעכטען האָט

דער טאַטע געבראַכט זיין „פּעידע", זיינען אין דער מאַמע'ס פּאַ־קעטבוק אסיגנאַציעס געלעגען, און אויף דער מיידעל'ס געזיכט האָט זיך געציינגט אַ צופרידענקייט. דער טאַטע איז שוין אוועק צו דער אַרבייט, בלויז די מאַמע איז אין שטוב געווען. און ווען די מאַמע האָט געזעהן וואָס פלאָרענס טוט, האָט זי געפרעגט:

— וואָס איז, פלאָרענס?

— „אַי וואַנט מאַני" (איך וויל געלד) — האָט פלאָרענס געענטפערט אויף איהר שטייגער.

— איך האָב דאָך דיר שוין געגעבען דיין „עלאַוענס", אויף וואָס־זשע דאַרפסטו מאַני — האָט רבקה געפרעגט.

— מיר האָבען דאָך אַ „דענס סאַטורדעי נאַיט" (אַ טאַנץ שבת נאַכט).

— וואָס פאַר אַ דענס? — האָט די מוטער אומשולדיג אָנגע־קוקט איהר טאָכטער.

— איך האָב דאָך דיר נאָך מיט צוויי וואָכען צוריק געזאָגט וועגען דעם דענס — האָט פלאָרענס אָנגעקוקט איהר מוטער מיט פאָרוואורף — האָסט שוין פאַרגעסען?

— אַז זי פאַרגעסט אַלעמאָל! — האָט סעם אויסגעדריקט סימפּאַטיע מיט זיין שוועסטער.

די מאַמע האָט זיך דערמאָנט, און איבערגעפרעגט:

— איז דאָס היינטיגען שבת?

— שור.

— נו, איז אויף וואָס דאַרפסטו געלט? זאָגסט דאָך, אַז אַ באָי נעמט דיך אויס: אויף וואָס דאַרפסטו געלט?

— דו דענקסט, אַז איך קען געהן צו אַ דענס ווי אַ „סלאָב"!
— האָט פלאָרענס גערעדט צורייצט — איך מוז קויפען „עי פּעיר אָוו סילווער סליפּערס, ענד סאָם אָדהער טהינגס"... (טאַנץ־שיך פון באַזילבערט אויסגעפּאַרבט און אַנדערע זאַכען).

— און וויפיל דאַרף עס קאָסטען — האָט די מאַמע אומרוהיג געפרעגט.

— „עבאַוט טען דאָלאַרס".

— און איך מוז אויך האָבען „עט ליסט" פיר דאָלאַר, — האָט סעם געלאָזט זיך הערען.

— דו אויך? — האָט רבקה ניט געקענט צו־זיך קומען פון דער נייער גזרה — אויף וואָס דאַרפסטו געלט?

— „וואָט דו יו מין״! איך גיי דאָך אויך צום דענס! האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז איך זאָל גיין מיט פלאָרענס. האָסט שוין פאַרגעסן?

— איך האָב דיר געזאָגט, ווייל איך האָב ניט געוואוסט, אַז אַ באָי וועט אויסנעמען פלאָרענס׳ן. ווען אַ באָי גייט מיט איהר, דאַרפסטו ניט גיין.

— „וועלל, אַי באָהט אָללרעדי מאַי טיקעט. אַי באָררָאוד״. (איך האָב שוין געקויפט מיין טיקעט געבאָרגט).

פערציין דאָלאַר האָבען די קינדער אַרויסגעשלעפּט פון דער מאַמעס פּאָקעטבוק. און עס איז שוין דאָרט זעהר ווייניג איבערגע־בליבען. מיט אַמאָל האָט זיך רבקה דערמאָנט, אַז שבת איז דער באַנקעט, און זי האָט פאַרשטיקט אויסגעשריען:

— קינדער, איך קען אייך קיין געלט ניט געבען!

— וואַי, מאַמאַ? — האָט פלאָרענס׳ געזיכט אויפגעפלאַמט.

— וואָט דו יו מין! — האָט זיך סעם דער קאָלעדזש־בחור׳ל אויסגעגלייכט, און בייז אָנגעקוקט זיין מוטער.

— דער טאַטע האָט היינטיגען שבת אַ באַנקעט, קינדער. עס וועט דאַרפען קאָסטען געלט. מען וועט מוזען גיין.

— פּאָלעסטאַין ענד ראָשע! — האָט סעם מיט צוויי ווערטער צו גאָרנישט געמאַכט דעם טאַטענס און דער מאַמעס וועלטעלאַך.

און די קינדער זיינען פון הויז אַרויס.

רבקה איז געבליבען שטיין ווי אַ פאַרגליווערטע.

* * *

שבת איז געקומען. פלאָרענס און סעם זיינען אַוועק צו זייער טאַנץ־אָווענד. ציטראָן און רבקה זיינען אָבער אין דער היים פאַר־בליבען. ציטראָן איז צו זיין שמחה ניט געגאַנגען. ס׳איז אין הויז קיין געלט ניט פאַרבליבען און מ׳האָט ניט געקענט גיין. רבקה האָט געזעהן, אַז איהר מאַן פיהלט זיך עפּעס אַזוי ווי די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר איהם געענדיגט, האָט זי איהם געפּרואווט איינרעדען:

— קום צום באַנקעט. מיר האָבען דאָך טיקעטס. נו, וועט מען ניט געבען קיין געלט, מען איז דאָך ניט געצוואונגען...

— ניין, ניין, — האָט ציטראָן געענטפערט. איך קען דאָס ניט.

ווען מען זעהט ציטראָנען, ווייס מען אז ער גיט. איך וועל ניט קענען „ניט געבען". דער אָרט, וואו מיר וועלען זיצען, וועט מיר בריען און ברענען.

און ציטראָן איז אין דער היים פארבליבען.

* * *

און דער בּאָרדער? ער האָט פון אלץ געוואוסט. דאכט זיך, אז מען האָט איהם גאָרנישט דערציילט וועגען דעם וואָס עס איז אין הויז פאָרגעקומען, נאָר ער האָט געוואוסט, אלץ געוואוסט.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז דער בּאָרדער, מיט א בוך אין האנט, געגאנגען ערגעצוואו. ווען ער איז שוין געווען ביים טיר האָט ער אָנגעקוקט זיין ברודער, זיין שוועגערין, וועלכע זיינען געזעסען אין עס־צימער און פרישטיק געגעסען. אָנגעקוקט מיט זיין געוועהנליכען שמייכעלע... זיין שטעכינער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף ציטראָנען, און ער האָט באמערקט אזוי איראָניש, אזוי שטעכיג:

— מיסטער, ירושלים איד, דיינע קינדער האָבען דיין כותל־מערבי פארהוליעט און פארטאנצט...

ציטראָן האָט אנגעקוקט זיין ברודער, וועלכען ער האָט באטראכט אלס האלב־משוגענעם און ער האָט ניט געוואוסט צי וויינען, צי לאכען.

די צוויי ריינקייטען

יעצט טוט דאָס ניט מעהר דער אַלטער גרונם... מעהר דרך ארץ, מעהר רעספּעקט האָט יעצט דער אַלטער פרומער איד געקראָגען צו דעם גלויבען פון זיין טאָכטער, פון זיין יונגער, שעהנער סיידי'ן...

סיידי פאַרמאָגט ביי זיך א שעהנע רויטע פּאָהן, וועלכע באַלאַנגט צו דעם רעוואָלוציאָנערען פאַראיין, וואו זי, סיידי, איז א געטרייער מיטגליד. סיידי'ס פאָטער פאַרמאָגט ביי זיך אַן ארון קודש מיט אַ ספר תורה אינעווייניג, וואָס באַלאַנגט צו דער חברה, וואו ער, דער אַלטער גרונם, איז א מעמבער.

און דער טאָכטערס פּאָהן און דעם פאָטערס ספר תורה געפינען זיך אין דעם זעלבען צימער. דער ארון קודש שטעהט ביים מזרח-וואַנט, און טאַקע דערביי איז אויפגעהאנגען סיידי'ס רויטע פּאָהן.

דער אַלטער גרונם האָט אימער שטאַרק פיינט געהאַט אָט די רויטע פּאָהן, עס פלעגט איהם שטעכען די אויגען. מיט שרעק און שווערקייט פלעגט ער קוקען אויף דעם צייכען פון זיין טאָכטערס נייעם גלויבען. עס פלעגט זיך איהם דאכטען, אז אין זיין הויז געפינט זיך אַן אומריינינקייט, וועלכע פאַרשוועכט זיין אייגענע ריינינקייט.

דער אַלטער גרונם איז אָבער געווען א קלוגער איד. ער האָט געוואוסט, ער האָט באַגריפען, אז מיט קינדער קען מען היינטיגע צייטען גאָר ניט אויספיהרען, און ער האָט שמערצליך געשוויגען. נאָר שבת, ווען די חברה פלעגט קומען דאוונען אין זיין הויז, פלעגט ער ארונטערנעמען פון וואַנט זיין טאָכטערס פּאָהן און פלעגט עס אריבערטראָגען אויף דערווייל אין א צווייטען צימער.

יעצט טוט דאָס מעהר ניט דער אַלטער גרונם. מעהר רעספּעקט האָט דער פרומער איד געקראָגען צו זיין טאָכטערס גלויבען. ביים דאווענען נעמט ער שוין ניט זיין סיידי'ס פּאָהן פון דעם ארון קודש אוועק... ער קוקט אויף דער פּאָהן גאָר מיט אנדערע אויגען, און איין מאָל האָט ער גאַנץ אָפען זיך אויסגעדריקט, אז ביי איהם אין הויז געפינען זיך צוויי ריינינקייטען — דאָס האָט דער אַלטער געמיינט: זיין ספר תורה און זיין טאָכטערס רויטע פּאָהן.

גרונם איז א איד אין די הויכע זעכציגער, א שלאנקע, קרעפטיגע פיגור, עטוואָס געבויגען פון עלטער. די פילע קנייטשען אויף זיין הויכען בלאסען שטערען, די שווערע ארונטערגעהאנגענע גרויע ברעמען איבער די אומענדליך טרויעריגע און אויך אומענדליך גוט־מוטיגע אויגען, די עטוואָס איינגעפאלענע באקען, די פעסט צוזאַ־מענגעשלאָסענע ליפּען, די לאנגע, ברייטע, שניי־ווייסע באָרד, זיין גאנצער הדרת פנים, זיין גאנצער אויסזעהן, דערמאָנען אָן א קלוגען, ערנסטען, זעהר וויכטיגען אָבער פעסט צוגעמאכטען ספר.

אזא פנים קען מען גלייכגילטיג ניט פארבייגעהן. קוים דער־בליקט איהר אזא געשטאלט, פארבלייבט ער שוין א לאנגע צייט לעבען אין אייער געדעכענים. און ווען איהר קוקט זיך צו אויפ־מערקזאם צו אזא פנים, פארטראכט איהר זיך און ס'ווילט זיך אייך טרעפען: וועלכע אומגליקען, וואָס פאר א מין יסורים האָבען דאָס אויף דיזען הויכען שטערען אזוי פיל קנייטשען איינגעשניטען? ווי אזוי האָט דאָס פאסירט, דאָס אין דיזע צוויי אומענדליך גוטמו־טיגע אויגען האָט אריינגעשטראָמט א גאנצער ים מיט טיפען טרויער? א סוד! איהר קענט גאָר ניט דערוויסען זיך... געדיכטע ברעמען האלטען וואך איבער די אויגען. פעסט־צוזאמענגעשלאָסענע ליפען פארשטיקען די סודות פון דער נשמה — א צוגעמאכטער ספר.

אין דער היים, אויף יענער זייט ים, אין זיין ליטווישען שטע־טעל, האָט דער אלטער גרונם איבערגעלאָזען הינטער זיך זיין פרוים קבר און א זוהן, וועלכער לעבט, אָבער וועלכער איז פאר דעם אלטען טאטען פארדעכענט געוואָרען אזוי גוט ווי געשטאָרבען.

דער זוהן איז ערגעץ־וואו פארשוואונדען געוואָרען; די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג האָט איהם פארשלונ־גען. ווען־ניט־ווען פלעגט צו דעם טאטען דערגעהן א ידיעה, אז זיין זוהן געפינט זיך דאָרט און דאָרט, אין יענער און יענער טורמע... אמאָל פלעגט דער פאָטער דערוויסען זיך, אז זיין זוהן איז פון יענער און יענער טורמע אנטלאָפען געוואָרען... און ווידער האָט דער פאָטער פארלאָרען יעדען שפור, יעדען סליאד פון זיין פאר־לאָרענעם, פארפאלענעם זוהן.

ווען דעם אלטען גרונם'ס איינציגע טאָכטער האָט גענומען עלטער ווערען, האָט דער פאָטער גענומען באמערקען, אז די מיידעל נעמט געהן אין איהר ברודערס וועג... א קאלטער פחד האָט גענו־מען גליווערען זיין פארעלענדטע, פארוואונדעטע הארץ. אין דער

גרעסטער איילעניש, אנטלויפענדיג אזוי ווי פון א שרפה, האָט דער אַלטער געמאכט א שנעלען סוף צו זיין ביסעל בעל-הבתישקיים, און איז צוזאמען מיט זיין טאָכטער נאָך אמעריקא אוועק.

וואוינען פאָטער און טאָכטער אין ניו יאָרק, אין דעם אידישען דאון־טאון אויף סאָפאָלק סטריט אין א יארד־הויז און פארנעמען דריי צימערען.

די אַלטע הויף־הויז איז געבויט אויפ׳ן אַלטען שטייגער, דער־פאר איז די רענט בילינגער און די צימערען זיינען גרויסע. אזעלכע גרוסע צימערען קען מען אין די נייע הייזער גאָר ניט טרעפען.

סיידי וואָלט בעסער וועלען וואוינען אין א לייטיש הויז, נאָר דער פאָטער איהרער האָט ליב די רומם אין דער יארד־הויז. עס עראינערט איהם אביסעל אָן דער היים. די קליינע ענגע רומקעלאך אין די נייערע הייזער ווארפען אָן א שרעק אויף דעם אלטען. גיט נאָך סיידי איהר פאָטער און מען וואוינט אין סאָפאָלק סטריט אין דער יארד־הייזקע.

דער אלטער גרונם איז א מיטגליד אין א חברה פון זיינע לאנדסלייט. אזוי ווי די חברה איז ניט איבעריגס גוט אָב, און אזוי ווי די צימערען אין דער סאָפאָלק סטריטער יארד־הייזקע זיינען זעהר גראָם, איז דער מיטינג לאָקאל פון דער חברה ביי גרונם׳ען אין הויז. דאָ געפינט זיך דער חברה׳ם פארמעגען, דער ארון קודש און די ספר תורה, און דאָ דאווענט די חברה יעדען שבת.

סיידי איז א מעמבערקע אין א סאָציאליסטיש־רעוואָלוציאָנע־רען פאראיין. און אזוי ווי דער פאראיין איז נאָך יונג, צעהלט ווייניג מיטגלידער, קען מען ניט באהויפטען צו דינגען האָלם פאר מיטינגען, און דער פאראיין פארזאמעלט זיך איין מאָל אין וואָך אין סיידי׳ם גראָמע צימערען, און דאָס אייגענטהום פון דעם רעוואָלו־ציאָנערען פאראיין, עטליכע ביכלאך, רעוואָלוציאָנערע ליטעראטור, און די שעהנע רויטע פאָהן געפינען זיך ביי סיידי׳ן אין דער היים. און אזוי איז דאָס אויסגעקומען, אז סיידי׳ם רויטע פאָהן האָט זיך געפונען אין נאָהנטער נאכבארשאפט מיט גרונם׳ם ספר תורה.

און דער אלטער גרויער גרונם האָט ניט ליב געהאט די רויטע פאָהן פון זיין טאָכטער, דער צייכען פון יענע ווינטען, פון יענעם שטורם, וואָס האָט ביי איהם זיין זוהן צוגענומען און אויך שיער זיין טאָכטער ניט אומגעבראכט, און איבער וואָס ער איז פארוואָ־גלט געוואָרען אהער אין דעם פרעמדען לאַנד.

נאָר איין מאָל האָט פאָלגענדעס פאסירט:

אין א געוויסען אווענד, האָט דער הויזקיפּער פון דער סאָ־פּאָלק סטריט'ער יאָרד־הייזקע אריינגעטראָגען א בריף.

סיידי האָט צוגענומען דעם בריף, געעפענט דעם קאָנווערט, גענומען לעזען און די יונגע מיידעל האָט אויסגעבראָכען אין א פארשטיקטען געוויין.

דעם אלטען האָט גלייך א קלאַפּ געטאָן אין הארצען, אז עפּעס אן אומגליק איז געשעהן מיט זיין זוהן, וועלכער איז ערגעץ־וואו דאָרט אין רוסלאנד פארפאלען געוואָרען.

גרונם האָט ארויסגעכאַפּט דעם בריף פון זיין טאָכטערס הענט און פארטיפט זיך אין די שורות...

אין אָט דעם בריף האָבען גרונם'ס קרובים מודיע געווען דעם אַלטען פאָטער, אז זיין זוהן האָט זיין יונגען לעבען מקריב געווען על קידוש השם. אין א געוויסער שטאָדט, וואו זיין זוהן האָט זיך צו יענער צייט געפונען, האָט אויסגעבראָכען א פּאָגראָם אויף אידען. די דאָרטיגע אידישע יונגע סאָציאַליסטען האָבען זיך אין א זעלבסט־שוץ אָרגאניזירט. מיט רויטע פאָהנען אין די הענט זיינען זיי ווי העלדען ארוים אנטקעגען די פּאָגראָמשטשיקעס, און שטאַרבענדיג פאר זייער פּאָלק זיינען די פאָהנען פון זייערע הענט ארויסגעפאלען. צווישען די סאָציאַליסטען האָט זיך אויך געפונען זיין זוהן, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבען, רעטענדיג פון א זיכערען טויט א מוטער מיט צוויי קליינע קינדער.

— ברוך דיין אמת! — האָט דער אלטער גרונם די שרעקליכע ברכה געמאכט. דער בריף איז פון זיינע אַלטע הענט ארויסגעפאלען און ער איז אויף איניגע סעקונדען געבליבען ווי א פארשטיי־נערטער.

— מיין ברודער, מיין אומגליקליכער ברודער — האָט סיידי געוויינט אַלץ שטארקער, אַלץ שמערצליכער.

דער אלטער גרויער גרונם איז צו זיין יונגער טאָכטער צוגע־גאנגען און זי צערטליך ארומגענומען.

— סיידי — האָט דער אלטער געטרייסט זיין טאָכטער — דיין ברודער איז געשטאָרבען על קידוש השם... דיין ברודער איז א צדיק געשטאָרבען.

אין סיידי'ס רעיונות האָט זיך לעבעדיג און שווידערליך גע־שילדערט די סצענע פון איהר ברודערס טויט. זי האָט געזעהן א פּאָגראָם פאר איהרע אויגען. זי האָט געזעהן בלאסע, דערשראָקענע אידען, אידישע פרויען, קינדערלאך; זי האָט געזעהן שיכור'ע הולי־

נאָנעם אָנגעריייצטע פון דער צאַרישער רעגירונג, מיט פּנים'ער אָנגע־צונדען פון רציחה; זי האָט געזעהן יונגע אידישע סאָציאַליסטען, בלאַסע, ערנסטע, מיט רויטע פאָהנען אין די הענט; זי האָט געזעהן ווי די סאָציאַליסטען ווערען דער'הרג'עט, ווי זיי פאַלען אנידער מיט די פאַרבלוטיגטע פאָהנען אין האַנט... און סיידי איז אריין אין פראָנט־רום וואו עס האָט זיך געפונען איהר אייגענע פאָהן...

דער אַלטער פאָטער איז נאָכגעגאַנגען דער טאָכטער.

סיידי'ס בליקען זיינען געפאַלען אויף דער פאָהן... א ווײַלע איז זי געשטאַנען א פאַרטראַכטע, א פאַרגליווערטע, נאָר אָט איז זי צוגעפאַלען מיט'ן פּנים צו דער פאָהן און זי האָט פון דאָס ניי ביטער צואוויינט זיך...

דער אַלטער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געווען עפּעס ווי א פאַרשטיינערטער פון שרעק און אומגליק, איז אזוי ווי צו זיך גע־קומען און טרערען האָבען איהם גענומען שטיקען אין האַלז.

דער אַלטער פאָטער האָט אויסגעטאָן די שיך, צו זעצען זיך „שבעה" נאָך זיין זוהן... ער האָט געריסען קריעה... נאָך אַמאָל א בליק געוואָרפען אויף זיין טאָכטער, צוגעגאַנגען צום ארון קודש... אָנגעשפאַרט זיין אַלטען ווייסען קאָפּ... און עס האָט זיך דערהערט זיין פאַרשטיקטער געוויין...

און עס האָט געוויינט דער אַלטער טאַטע ביים ארון קודש, און עס האָט געוויינט די יונגע טאָכטער ביי איהר פאָהן...

מיט צוויי טעג שפּעטער איז שבת געווען, האָט מען ביי דעם אַלטען גרונם געדאַווענט מיט א מנין, נאָר די פאָהן איז פאַרבליבען אויף איהר אָרט... דער אַלטער האָט זי ניט מעהר פון צימער ארויס־גענומען.

און פון דאַמאָלסט אָן האָט דער אַלטער גרונם געקוקט אויף זיין טאָכטערס פאָהן גאָר מיט אנדערע אויגען... די פאָהן האָט איהם יעצט דערמאָנט אָן זיין זוהן, צוזאַמען מיט אנדערע אידישע בחורים, וועלכע האָבען מקריב געווען זייערע יונגע לעבענס על קידוש השם...

און איין מאָל ריידענדיג מיט נאָך עטליכע אידען וועגען דעם טוידט פון זיין זוהן, האָט דער אַלטער גרונם אָנגעצייגט אויף זיין טאָכטערס פאָהן און אויך אויפ'ן ארון קודש און ער האָט געזאָגט:

— דאָ אין חדר געפינען זיך צוויי ריינינקייטען!

שיכעלאך פאַר די דאַלס

עס איז געווען א טאָג ענדע אָקטאָבער. עס איז שוין געווען נעהענטער צו אבענד. דרויסען האָט א גאנצען טאָג ניט אויפגע־הערט צו גיסען אן אָסענדיגער קאַלטער רעגען. מיסטער און מיסעס באַרנשטיין, מענשען אין די מיטעלע יאָהרען, האָבען זיך ביידע גע־פונען אין זייער סטיישאָנערי סטאָר, וואָס איז געווען זייער איינ־ציגער פרנסה־קוואַל,—א געשעפט, וואו אויסער סטיישאָנערי, האָט מען אויך געהאַלטען צום פארקויפען קינדערשע שפילצייג.

מיסטער באַרנשטיין, אָדער, ווי ער האָט געהייסען מיט זיין ערשטען נאָמען, סעם, איז געזעסען הינטער'ן קאונטער. גאָסי, זיין פרוי, האָט דורך דער גלעזערנער טיר אין דרויסען ארויסגעקוקט. ביידע האָבען א לאנגע צייט געשוויגען, ביי ביידען זיינען די גע־זיכטער געווען פארוואָלקענט. זיי איז געווען שווער אויף די הער־צער, ווייל מיט א געוויסער צייט צוריק האָט זיך אנטקעגען איבער'ן גאס געעפענט א צווייטע סטיישאָנערי סטאָר, האָבען זיי אין ז י י ע ר סטאָר געגומען לייזען אלץ ווייניגער און ווייניגער, וואָס דאָס האָט געהייסען, אז מען רייסט ארויס דעם שטיקעל ברויט פון זייער מויל, איז זיי געלעגען א שטענדיגע שווערקייט אויף די הערצער.

אפשר צוליב דעם זעהר שלעכטען וועטער אין דרויסען, זיינען די געשעפטען אין באַרנשטיינ'ס סטאָר היינטיגען טאָג געווען ער־גער, ווי שלעכט. איז די מענשען געווען שווערער אויף די הער־צער ווי אלעמאָל, געפיהלט האָבען זיי, ווי די גאנצע וועלט וואָלט פאר זיי אונטערגעגאנגען. און דאָ האָט נאָך גאָסי געזעהן, ווי אין דער אנטקעגענדיגער סטאָר קומט פאָרט אריין ווען ניט ווען א קאָס־טימער, וועהרענד ביי זיי אין סטאָר האָט זיך דעם היינטיגען טאָג כמעט די טיר ניט געעפענט. און די פרוי איז באהערשט געוואָרען פון אזא שווערער פארצווייפלונג, אז זי האָט געפיהלט ווי צום חלש'ען.

— אפשר מאכען ליכטיג? — האָט סעם איבערגעריסען די שווערע שטילקייט, — אפשר מאכען ליכטיג?

נאָסי האָט ניט געענטפערט.

— ס'איז אזוי פינסטער, — האָט סעם ווייטער באמערקט.

— אזוי ווי אויפ'ן הארצען, — זיינען פון גאָסיע'ס מויל שווער ארויסגעפאלען עטליכע שווערע ווערטער, און זי איז ווידער געבליבען שטעהן אן אנטשוויגענע און ווי א פארגליווערטע.

— וואָס פאר א טאָג, וואָס פאר א מיאוסער טאָג — האָט סעם געמורמעלט צו זיך אליין. — ווי ס'הערט ניט אויף צו גיסען! ס'איז א שאָד א הונט דרויסען ארויסצולאָזען.

— א! — האָט גאָסיע פארצווייפעלט מיט די הענט אוועקגע־מאכט, — ניט געפעהרליך! מענשען לעבען, מען קויפט, מען פאר־קויפט, מען געהט אין סטאָרס, מען גיט צולייזען. נאָר אויף אונז האָט זיך דער גאנצער אומגליק אויסגעגאָסען. עס עפענט זיך דאָך די טיר ניט.

— אין א גראָסערי, אין א בוטשער סטאָר, אין אן אפטייק געהט מען, ווייל מען קען זיך ניט העלפען, מען מוז. אבער אין א סטעישיאָנערי סטאָר געהט מען טאקע ניט אין אזא וועטער, — האָט סעם די ביטערע געשעפטען פון דעם היינטיגען טאָג געפּרואווט פארענטפערען מיט דעם שלעכטען וועטער.

— וויים איך וואָס! — האָט גאָסיע ווידער מיט די הענט אוועקגעמאכט און ניט געלאָזט זיך טרייסטען. — אט זעה איך, אז אנטקעגען קומען יע אריין מענשען, און מען פארקויפט סחורה און מען לייזט.

— „מען פארקויפט סחורה, מען לייזט“,—האָט סעם בלומערשט מיט א לייכטען געמיט איבערגערעדט זיין ווייב'ס ווערטער. — ווען אימיצער קומט יע אריין, ביזטו טאקע זיכער, אז מען „פארקויפט סחורה און מען לייזט“? אן אנדערש מאָל קומט מען אריין נאָך א סטעמפּ, אָדער נאָר בעטען א נדבה.

גאָסיע האָט זיך ניט געלאָזען טרייסטען. זי האָט געבראָכען די הענט און אין פארצווייפלונג געמורמעלט:

— וואָלט כאָטש א הונט אריינגעשמעקט! וואָלט מען כאָטש די טיר געעפענט! איך ווער דאָך משוגע. דער מה הויבט זיך מיר. מיר געהען דאָך אונטער, סעם, מיר ווערען דאָך דערטרונקען! דאָ אין דער אומגליקליכער סטאָר האָט מען דאָך באגראָבען א פאר־מעגען, וואָס מען האָט געשפּאָרט א גאנצען לעבען. פון טאָג צו טאָג ווערט ערגער און ערגער. מען וועט פון די טייערע געשעפטען באלד

אפילו קיין רענט ניט קענען צאָלען. וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? ס'גיסט זיך מיר בלוט פון הארצען, מען וועט זיך דאָך מוזען אויפ-הענגען.

סעם האָט געוואָלט זאָגען זיין ווייב, אז ער וויס, אז אנטקעגען איז מען אויך אויף געברענטע צרות, און מיט דעם טרייסטען זי. ווען ער האָט אָבער זי אָנגעקוקט, ווען ער האָט געזעהן, ווי געל איהר געזיכט איז, וויפיל פארצווייפלונג עס קוקט פון איהרע אויגען ארויס, האָט איהם אויסגעפעהלט מוט צו ריידען און ער איז געבליבען שטעהן א פארשטילטער, א באנומענער.

גאָסיע האָט זיך איינגעגעסען מיט איהר בליק אין דער גלעזערנער טיר און געררעדט מיט א פיינליכער אויפלעבונג:

— שור, שור לייזט מען אנטקעגען! אָט האָט א פרוי פאר איהר קינד געקויפט א דאָל, א דאָלערדיגע דאָל.

גאָסיע האָט געוואָלט עפּעס נאָך זאָגען. זי האָט אבער צוליב עפּעס ניט דערררעדט. מיט א ווילדען בליק האָט זי ארומגעקוקט די סטאָר און מיט א מאָדנער האסטיגקייט געפרעגט איהר מאַן:

— וואו זיינען די דאָלס?

— די דאָלס? — האָט סעם איבערגעפרעגט.

— יעס, די דאָלס, — האָט גאָסיע איהר מאַן אנגעקוקט מיט דעם זעלבען ווילדען בליק, ווי זי האָט אָנגעקוקט די סטאָר, — די דאָלס, וואו זיינען אונזערע דאָלס? איך זעה ניט קיין איין דאָל אין סטאָר, ניטאָ, ווי אויף דער וועלט ניט געווען!

— דו מיינסט די ניט־געדרעסטע דאָלס? — האָט סעם געפרעגט.

— יע־געדרעסטע, ניט־געדרעסטע, — האָט גאָסיע צורייצט און אויפגערעגט געשריען, — וואָס האלט ער מיך היינט אין איין פרעגען קשיות? קוק אָן, ס'איז דאָך ניטאָ אין סטאָר קיין סימן פון קיין דאָל.

— קיין געדרעסטע דאָלס האָבען מיר טאָקע ניט, — האָט סעם געענטפערט געלאַסען, — ס'וועט קומען דער סיילעסמאן, וועט מען דארפען געבען אן אָרדער.

— און וואָס איז וועגען די ניט־געדרעסטע?

— די ניט־געדרעסטע? — האָט סעם איבערגעפרעגט און באַטראַכט זיין ווייב מיט א פילבאדייטענדען בליק.

— וואָס קוקסטו מיך אָן ? איך פרעג דיך, וואו זיינען די ניט־געדרעסטע דאַלס. פאַרשטעהסט דען ניט, וואָס מען רעדט צו דיר ?

— איך פאַרשטעה שוין זעהר גוט, וואָס דו רעדסט, אָבער וואָס איז מיט דיר, האָסט שוין פאַרגעסען ?

— איך האָב גאָרנישט פאַרגעסען.

— ווייסטו דאָך, אז דעם גאַנצען סטאָק מיט די דאַלס האָב איך ארונטערגעטראָגען אין סעלער.

— וועסטו טאָקע מוחל זיין און צוריק ארויפטראָגען, — האָט גאָסיע גערעדט א פאַרשטיקטע פאר ערגערניש, — וועסט ארויפ־טראָגען, און טאָקע גלייך.

— אָבער וואָס מיט אמאָל ? — וואָס האָסטו זיך צושריען ?

— וואָס איך האָב זיך צושריען ? די וועהטאָגען, די צרות מיינע שרייען. אָט האָט מען אנטקעגען געקויפט א דאָלערדיגע דאָל, וואָלטען מיר געהאט דאַלס אין „שאָו־ווינדאָו", וואָלטען מיר אפשר געלייזט דעם דאָלער. ס'איז א שרפה, מען ברענט, מען געהט אונ־טער, מען רייסט אוועק דעם לעצטען ביסען ברויט פון מויל, מען מוז זיך ראַטעווען, וואָס־זשע טוט מיין מאַן ? העלפט ער גאָר אויס אונזער אנטקעגענדיגען שונא. שוין זאָלסטו ארויפטראָגען די דאַלס!

— ניין, — האָט געלאַסען און ענטשלאָסען סעם געענטפערט, — איך וועל די דאַלס ניט ארויפטראָגען.

— פאַרוואָס ניט ?

— דו ווייסט זעהר גוט, פאַרוואָס איך האָב די דאַלס ארונ־טערגעטראָגען, און פאַרוואָס איך וועל זיי צוריק ניט ארויפטראָגען, — האָט סעם געענטפערט מיט דעם זעלבען אנטשלאָסענעם געלאַ־סענעם טאָן.

— ווייל ס'איז פון דייטשלאַנד ? — האָט גאָסיע א צורודערטע אָנגעקוקט איהר מאַן.

— יעס, ווייל ס'איז פון דייטשלאַנד, — האָט סעם ארויסרו־פענד אָנגעקוקט זיין פרוי, — „מעיד אין דזשווירמעני"... „מעיד אין דזשווירמעני", — האָט ער עטליכע מאָל איבערגערעדט די לעצטע דריי ווערטער, און אזאַ טיפער, אזאַ צאָרענדיגער פּראָטעסט האָט זיך אין זיין ריידען געשפּירט, — „מעיד אין דזשווירמעני", בלו־טיגע ווערטער, אָנגעזויפּען מיט אידיש בלוט. איך וועל ניט ארויס־העלפען די מערדער... „באָיקאָט"! א הייליג וואָרט!

אויף סעם'ס בלאַסען געזיכט האָבען זיך רויטע פלעקען באַ־

וויזען. די בלאָסע ליפּען האָבען איהם געציטערט פאַר אויפרעגונג. גאָסי איז אויף א ווײלע געבליבען א דערשלאָגענע, א באַזיגטע. זי האָט געשוויגען. זי האָט אלץ דורך דער גלעזערנער טיר אינדרויסען ארויסגעקוקט. אויף דער אנטקעגענדיגער סטאָר האָט זי געקוקט. און אפשר האָט זי ווידער געזעהן, אז אין דער אַנטקעגענדיגער סטאָר „לייזט מען", ווייל זי האָט נערוועז גענומען ברעכען די הענט און קנאַקען די פינגער.

— פופציג דאָלס! — האָט זיך פּלוצלינג ווי עפּעס געגען איהר אייגענעם ווילען פון דער סאַמע טיפעניש פון איהר הארצען א פאַר־שטיקטער געשריי ארויסגעריסען — פופציג דאָלס!

— ניט וויכטיג — האָט סעם זיין פרוי האסטיג איבערגעשלאָ־גען — ניט וויכטיג, וויפיל. „מעיד אין דזשוירמעני" — שווייג, רייד ניט!

— מיר קענען דאָס ניט! — האָט גאָסי געזעדט מיט געבעט.

— יעדער סענט איז א ביסען ברויט פאַר אונזערע קינדער. וועט מען שוין מעהר אזעלכע דאָלס ניט אָרדערען, אָבער די, וואָס מיר האָבען שוין? מיר טרינקען זיך דאָך, ווי אזוי קען מען דאָס?

— ניין, — האָט סעם בלויז איין וואָרט געענטפערט, און ער האָט ליכטיג געמאכט אין סטאָר. גאָסי האָט וועגען עפּעס געטראַכט. איהר געזיכט האָט אויפגעלויכטען, עס איז איהר א געדאַנק איינגע־פאַלען אין קאָפּ. זי האָט זיך ארומגעקוקט, ארונטערגענומען פון א פּאָליצע א פארשטויבטע באָקס, אריינגעקוקט אין באָקס און געמור־מעלט עפּעס אזוי ווי צו זיך אליין:

— אָט דאָס וועל איך יע טאָן, אָבער ניט מעהר ווי דאָס. קויפען א נייעם סטאָק דאָלס, איצט, ביי אזא לאַגע, דאָס קען מען ניט.

— וואָס איז? — האָט סעם אָנגעקוקט זיין פרוי. — וואָס האָלסטו דאָס פאַר א באָקס? וואָס פּלאַנעוועסטו?

גאָסי האָט צוגעטראָגען די באָקס צו איהר מאַן:

— קוק אָן.

— איך זעה.

— שיכעלאך פאַר דאָלס! — האָט גאָסי געצויגען איהר מאַנ'ס אויפמערקזאַמקייט — שיכעלאך פאַר דאָלס!

— נו, איז וואָס?

— דער „מעיד אין דזשוירמעני", — האָט גאָסי געזעדט פיל־

באדייטענד, — „דער מעיד אין דזשווירמעני" איז אויסגעקריצט נאָר אויף איין אָרט, אונטען אויף איין פיסעל פון די דאַלס. וועל איך אָנטאָן שיכעלאך אויף די דאַלס, וועט קיינער גאָר ניט זעהן און ניט וויסען, צי ס'איז יע „מעיד אין דזשווירמעני", צי ס'איז ניט „מעיד אן דזשווירמעני". און די דאַלס וועלען טאקע אויסקוקען שעהנער אין די שיכעלאך.

— אבער מיר ווייסען דאָך יע, אז ס'איז „מעיד אין דזשוויר־מעני" — האָט סעם אָנגעקוקט זיין פרוי און מיט פאָרוואורף גע־שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. — מיר, גאָסעלע, ווייסען דאָך יע.

— דאָס איז אלץ, וואָס איך קען טאָן, — האָט זיך גאָסי גע־האַלטען ביי איהר נייעם פּלאַן. — מעהר קיין דאַלס פון דייטשלאנד וועלען מיר שוין ניט קויפען. אָבער דעם סטאָק, וואָס מיר האָבען, קען מען ניט לאָזען ליגען אין סעלער. לויט ווי ס'האַלט מיט אונז, קענען מיר קיין קרבנות ניט ברענגען. די סטאָר אונזערע איז שוין א גוטער קרבן. קיינער וועט ניט וויסען, אז ס'איז „מעיד אין דזשווירמעני", וועט מען פּטור ווערען פון דעם חמץ, און מעהר ניט.

סעם האָט פארקאשערט די ארבעל און געוואָלט שוין דער־לאנגען דעם ריכטיגען ארגומענט זיין פרוי. ווען אזוי אָנקוקענדיג די דאַל־שיכעלאך אין באָקס, האָט ער עטוואָס באמערקט, און ער האָט גענומען וועהטאָגדיג לאכען:

— מעגסט שוין די שיכעלאך אויך ארויסוואַרפען.

— וואָס הייסט ?

— ס'איז אויך „מעיד אין דזשווימעני". נאַ, קוק אָן, אָט איז די שווארצע חתימה...

און גאָסי איז געבליבען שטעהן מיט אן אָפענעם מויל.

א זיכערער ווינקעל אין אמעריקע

דער טאָג איז א זומערדיגער, א זוניגער, א הייסער. עס איז א מיטאָג־שטונדע. דער הימעל איז לויטער, קלאָר. די צוגליהטע זון איז איבער'ן רעכטען קאָפּ, און אין גאַס איז ניטאָ קיין ברעקעל שאָטען, וואו מען זאָל זיך קענען באַהאַלטען פון דער גליהענדער היץ.

צוויי אידען האָבען זיך געציינט אין גאַס. עלטערע אידען, אלט־מאָדישע אידען, מיט בערד און פּאות.

די צוויי אידען ריידען צווישען זיך. און אַט באמערקט איינער צום צווייטען:

— נו, וואו טוט מען זיך אהין?

דער צווייטער איד קוקט זיך ארום און ענטפערט מיט א קוועטש מיט די פּלייצעס, אז ער ווייס ניט וואו אהינצוטאָן זיך. און דער ערשטער איד פרעגט ווייטער:

— וואו געפינט מען עפּעס א ווינקעלע, וואו מען זאָל זיך קענען אביסעל צושפּארען און די זון זאָל אזוי ניט „פּאַליען" אין קאָפּ און מ'זאָל ניט דארפען מורא האָבען, אז א הארטער באָל זאָל ניט צושפּאַלטען דעם מוח, און אז אן אָטאָמאָביל זאָל ניט מאכען פאר א בר־מנן אָדער פאר א קריפּעל, און מען זאָל קענען אזוי זיך א שמועס טאָן?

— עס הייסט, ר' זלמן, אז איהר זוכט א זיכערען ווינקעלע,— באמערקט מיט א שמייכעל דער צווייטער איד.

— יע, ר' שמואל, אויף דעם קוק איך טאַקע ארויס.

— נו, געה געפין א זיכערען ווינקעלע אין אמעריקע. עס איז גאָר ניט אזא גרינגער עסק, — האָט געענטפערט ר' שמואל מיט א שמייכעל.

ווער זיינען די צוויי עלטערע אידען?

ביידע וואוינען זיי אין אונזער גרויסער טענעמענט הויז. ביידע האַלטען זיך אויף אויף זייער גרויען עלטער ביי קינדער אין אמע־ריקע. ר' זלמן איז ביי זיינעם א פארהייראטען זוהן. ר' שמואל האלט זיך אויף ביי זיינער א פארהייראטער טאָכטער, און די צוויי

עלטערע אידען זיינען שטארק באפריינדעט צווישען זיך. יעדען טאָג אין דער פריה געהען זיי בײדע אין שוהל אריין דאווענען, און כמעט אלעמאָל זעהט מען זיי אינאיינעם, אָט די צוויי עלטערע אידען, וועלכע האַלטען זיך אויף ביי זייערע פארהייראטע קינדער.

ר׳ זלמן איז פון דער אַלטער היים געקומען צו זיין זוהן אין אמעריקע מיט א יאָהר פינף צוריק. ר׳ שמואל איז דאָ שוין לייגגער אין אמעריקע. ער האָט דאָ געוואוינט מיט זיין פרוי און געמאכט א שטיקעל לעבען פאר זיך. איז די פרוי געשטאָרבען און דער אַלטער איז אוועק צו זיין טאָכטער.

ר׳ זלמנ׳ס זוהן איז אן אויפגעקלערטער יונגערמאן, א שטיקעל ראדיקאל, א שטיקעל ארטיסט. און דעם אלטען איז ניט שלעכט ביי זיין זוהן. די שנור איז אפילו ניט אזא דימענטענע נשמה, אָבער דער אלטער איז א קלוגער איד; ער ווייס ווי מיט דער שנור אויס־צוקומען, און ווען די שנור באליידיגט אמאָל, ווען די שנור טוט וועה אמאָל, מאכט דער אַלטער א שווייג, שלינגט ארונטער דעם וועהטאָג, שלינגט ארונטער די באליידיגונג און אזוי האלט זיך אויף א האַלב־גרינער איד ביי זיין האַלב־אַמעריקאניזירטען זוהן, ביי זיין האַלב־אמעריקאניזירטער שנור, און לעבט זיך אזוי אָפּ זיין עלענדען עלטער.

דער אַלטער ר׳ זלמן עסט ביי זיין זוהנ׳ס טיש. ער קריגט אמאָל פון זיין זוהן א דאָלאר אויף זיינע בּאדערפנישע. אזוי ווי קויפען טאבאק פאר זיין ליולקע, אָדער געבען אמאָל א מטבע אין שוהל, און וואָס דארף נאָך אן עלטערער איד ?

ר׳ שמואל׳ן לעבט זיך שוין ניט אזוי פויגעלדיג ביי זיין טאָכ־טער. זיין טאָכטער איז א משונה׳דיג גרויסע פעטע פרוי, א פרוי, וואָס האָט זעהר ליב צו עסען און צו נאשען. אין די הייסע טעג האַלט זי אין איין שלינגען אייז־קרים און אימער איז ביי דער פרוי דער מויל שטענדיג אָנגעשטאָפּט מיט קענדי. דער איידים איז גראָד א שטילער, פיינער מענשעל, נאָר א פארדינער איז ער א קליינער, און וואו עס איז נאָר דאָ א פארבליבענער סענט, עסט עס אויף די גרויסע ווייב זיינע, פארנאשט עס אויף אייז־קרים און קענדי. פאר דעם אַלטען טאטען קערט די פעטע טאָכטער זיינע זעהר ווענינ... עסען גיט מען איהם. נו, איז נאָך א מויל ביים טיש, אָבער א סענט אין מזומן איז שוין דעם אלטען ניט אזוי לייכט צו קריגען. דער איידים איז יע אַמאָל מכבד דעם שווער מיט א סיגאר, מיט א פּעקעל

סיגארעטס, מיט א האלבען דאלאר אין מזומן „אויף קליינינגקייטען״. אָבער דאָס פּאַסירט ניט צו אָפט, ווייל דער איידים געפינט זיך אונטער דעם איינדרוק, אז די טאָכטער פּאַסט שוין אויף, אז איהר אַלטען טאַטען זאָל גאָרניט אויספעהלען. און עס פּאַסירט טאקע גאַנץ אָפט, אז די טאָכטער דערצעהלט איהר מאַן, אז דער טאַטע האָט געקאָסט אזוי פיל און אזוי פיל... נאָר עס איז ניט אמת. דאָס „אזוי פיל און אזוי פיל״ האָט זי גאָר אליין פארספּענדט אויף אייז־קרים אדער אויף קענדי... ר׳ שמואל ווייס, ער ווייס זעהר גוט וועגען דעם אַלעם, נאָר ער מאכט א שוויין און קיינמאָל, קיינמאָל באַקלאָגט זיך ניט דער אַלטער פאר זיין איידעם, אז עס פעהלט איהם עפּעס אויס. און אזוי לעבט זיך די צוויי אַלטע אידען ביי זייערע קינדער.

וואָס טוען דורכ׳ן טאָג די צוויי אַלטע אידען, וועלכע האלטען זיך אויף ביי זייערע פארהייראטע קינדער? נו, וואָס זאָלען זיי טאָן? גאָרנישט. עס זיינען דאָ ביי די קינדער זייערע אייגענע קינדערלאך; עס זיינען דאָ בעיבים, גיבען די זיידעס אכטונג אויף די אייניקלאך, פיהרען זיך ארום די זיידעס מיט די בעיבי־קערידזשעס און מען מאכט זיך נוצליך, און שוין...

שלעכט איז די אַלטע, ביטער איז די צוויי אַלטע אידען, ווען עס קומט זומער און די קינדער צופאָרען זיך אין „קאָונטרי״. אויפ־האַלטען א טאַטען, ווען מען איז אין שטאָט, אין דער היים, איז ניט איבעריג שווער. עס זעהט זיך ניט אזוי אָן. קיין עקסטרא צימער פאר אן אַלטען טאַטען האלט מען ניט. וואו עס איז דאָ א ווינקעל, וואו מען קען נאָר אוועקשטעלען א בעטעל, שפּאָרט זיך צו דער טאַטע, דארף מען פאר זיינטוועגען קיין עקסטרע דירה־געלט ניט צאָלען. און מיט דאָס עסען איז אויך ניט אזא גרויסער אומגליק— זיצט נאָך א מענש ביים טיש. אָבער ווען עס האנדעלט זיך וועגען דער קאָונטרי, איז שוין גאָר אן אנדער סדרה. אין א באָרדינג־הויז אין א קאָונטרי דארף מען צאָלען פאר יעדען באָרדער. דער באָרדער מעג אפילו זיין אן אַלטער טאַטע... נו, צאָלען באָארד פאר אן אַלטען טאַטען? דאָס איז שוין אן איידעלער ענין. און ניט ר׳ זלמנ׳ס זוהן וויל צאָלען פאר זיין טאַטענ׳ס באָארד אין קאָונטרי, און ניט ר׳ שמואל׳ס טאָכטער וועט שלעפּען איהר אַלטען טאַטען אין קאָונטרי. פאָרט מען אליין אוועק... און די אַלטע לאָזט מען איבער אויפפּאַסען אויף די רומס... פאָרען אוועק די ווייבער אין קאָנטרי, אָבער ניט צו ווייט אזוי, אז די מענער זאָלען קענען זיין אין ניו-

יאָרק ביי זייערע טעגליכע באַשעפטיגונגען און ביינאַכט זאָל מען קענען „קאָמיוטען" צו די ווייבער, צו די קינדערלאַך... אָבער די אַלטע טאַטעס לאָזט מען איבער אין דער היים... זיי קענען קריגען אין גראָסערי סטאָר אויף באָרג, וואָס זיי דאַרפען צום עסען; עטליכע סענט לאָזט מען איבער די טאַטעס... די אַלטע מוזען אַליין פיהרען די באַלעבאַטישקייט... און עס איז דאָ ווייניג וואָס מקנא צו זיין פאַר דער צייט פון די זומערדיגע חדשים ניט דעם אַלטען ר' זלמן און ניט דעם אַלטען ר' שמואל... די צוויי עלענדע אַלטע אידען קלעפּען זיך איינער צום צווייטען אין דער זומערדיגער עלענדער צייט זייערער מעהר ווי אין די אַנדערע צייטען דורכ'ן יאָהר, און אַלעמאָל, אַלעמאָל זעהט מען זיי אינאיינעם, און פאַר ביידען אינאיינעם איז עפּעס ווי ניטאָ קיין אָרט אויף דער וועלט.

דער טאָג איז געוועזען א זוניגער, א הייסער, און ר' זלמן און ר' שמואל זיינען אין דער גאַס אַרוים. עס איז היים, ניטאָ קיין ברעקעל שאָטען. און די צוויי אַלטע אידען קוקען זיך אַרום און טראַכטען: וואו טוט מען זיך אַהין?

— אין שטוב זיצען איז ניט ניחא, — עס איז עפּעס אַזוי אומעטיג, אַזוי וויסט. די מעבעל אַריבערגעדעקט. די שנור האָט פאַרזאָגט, אז א פענסטער זאָל מען ניט עפענען... די לופט איז שווער. א פּוסטקע. נו, קומט מען אין גאַס אַרונטער, איז אין גאַס אויך ניטאָ וואו אַהינצוטאָן זיך.

— טאַקע ניטאָ, — שטימט איין ר' שמואל, — אָט באַווייזט זיך שוין יע א שטיקעל שאָטען, וואָלט איך אַרונטערגענומען א שטולכעלע און צוגעשפּאַרט זיך צום וואַנט. נו, זעהט איהר דאָך, וואָס עס טוט זיך אין גאַס: לויפערס, „מיאַטשיקעס", האַרטע באָלס. אַלץ הייסט: האַרט! א שטיין... סכנות נפשות איינצוזיצען.. מען האָט שוין מיר צוויי מאָל געטראָפען מיט אַזא מין באָל: איינמאָל אין פּוס געטראָפען, איינמאָל אין האַנט. פרעגט שוין ניט... שיער א קריפּעל ניט געבליבען.

— עס שפּילט זיך מיט די באָלס מיט זייערע, — גיט צו ר' זלמן, — שטיינער, רעגעלע שטיינער... ווען עס זאָל טרעפען אין א קאָפּ אָדער אין האַרצען, איז דער טויט... ס'שפּילט זיך מיט די אַמעריקאַנער באָלס!

— וואָלט מען צוגעגאַנגען אַביסעל צום פּאַרק, — רעדט פאַר־

טראכט ר׳ שמואל, — איז ערשטענס, פאָלג מיך א מהלך — צעהן בלאָק... היינט די אָטאָמאָבילס. דארף מען אריבערגעהן א גאַס, דארף מען פריהער ווידוי אָפּזאָגען.

— דאַון־טאַון, — רעדט ר׳ זלמן וועגען דעם זעלבען ענין, — דאַון־טאַון האָט מען איינגעפּיקסט אָט די רויטע לאַמטערנעס. די גרינע לאַמטערנעס. צייגט מען סמנים, גיט מען א צייכען, שטעלען זיך אָפּ די אָטאָמאָבילס. דאָ ביי אונז, אין די בראָנקס, איז דאָך הפקר פּעטרושקע. מען טראָגט זיך ווי די רוחות. זיי קעהרען גאָר ניט פאר א פארבייגעהער. דארף איך אריבערגעהן די עוועניוס, הויבט מיר אָן שווינדלען אין קאָפּ.

— סכנות נפשות — איז מסכים ר׳ שמואל.

—וואו־זשע טוט מען זיך פּאָרט אהין? — רעדט מעהר פאר זיך ר׳ זלמן מיט א גמרא ניגענדעל, — וואו געפינט מען עפּעס א ווינקעלע, וואו מען זאָל זיך קענען אביסעל צושפּארען און מען זאָל ניט דארפען מורא האָבען ניט פאר די הארטע באָלס, ניט פאר אָטאָמאָבילס?

— נו, געה זוך אויף א זיכערען ווינקעלע אין אמעריקע, — רעדט עפּעס אויך אזוי ווי פאַר זיך ר׳ שמואל און ציהט און גלעט דערביי זיין ווייסע באָרד.

נאָר אָט איז ר׳ זלמנ׳ס בליק געפאלען אויף א ליידיגען לאָט, וואָס עס האָט זיך געפונען מיט איין גאַס ווייטער, און ער האָט געצויגען זיין פריינד׳ס אויפמערקזאמקייט:

— זעהט נאָר, ר׳ שמואל, דאָרט דעם ליידיגען לאָט.

— יעס, איך זעה.

— ס׳זיינען דאָרט דאָ א סך בוימער...

— דאָ א פּאָר בוימער.

— אפשר וואָלטען מיר דאָרטען געפונען עפּעס א שטיקעל אָרט פאר זיך?

— אפשר.

— עס איז אביסעל אָפּגעטראָטען פון דער גאַס, ניט אזא סכנה פון די באָלס, — האָט ר׳ זלמן גערעדט האַלב פארטראַכט.

— קומט, לאָמיר צוגעהן.

און די צוויי אידען זיינען אוועק זוכען א זיכערען ווינקעלע אויף א ליידיגען לאָט. ווייטער אביסעל פון דעם ליידיגען לאָט, האָבען ארבייטער געהאלטען אין אויסגראָבען דעם גרונט, ווייל אויף

דעם אָרט האָט זיך באַדאַרפט בויען א טעמענט־הויז, און אזוי ווי דער גרונט איז געווען פון „ראָקס", האָט מען געברויכט דינאַמיט, אום אויפצורייסען די שטיינער, און א קאַסטען דינאַמיט איז געשטאַנען אויף דעם לײדיגען לאָט אונטער א גרויסען בוים. אָט זיינען ר' זלמן און ר' שמואל צוגעקומען צו דעם לײדיגען לאָט, מען קומט צו צו דעם פיינעם בוים און ביים בוים עפּעס א קאַסטען. פרעגען אידען ניט קיין צופיל קשיות, מען פאַרקלייבט זיך אויף דעם לײדיגען לאָט, מען קומט צו צו דעם בוים, מען זעצט זיך אוועק אויף דעם קאַסטען מיט דינאַמיט, מען מאַכט זיך היימלאַך און די צוויי עלטערע אידען אָטעמען זיך אָפּ פרייער, און מען פאַררויכערט זיך געמיטליך איינער א ליולקע, דער צווייטער א פּאַפּיראָסעל, און מען רעדט זיך גאַנץ געמיטליך:

— אוי, א פאַרגעניגען דאָ, — מאַכט ר' זלמן.

— טאַקע א פאַרגעניגען, — גיט צו ר' שמואל.

— ניטאָ קיין הארטע באָלס, ניטאָ קיין אָטאָמאָבילס, — מאַכט ר' זלמן.

— אזאַ פיינער בוים. א שטיקעל שאָטען, — קוועלט אָן ר' שמואל.

— און א קאַסטען, עפּעס נאָר ווי פאַר אונז צוגעגרייט, — פאַרציט זיך ר' זלמן מיט זיין ליולקע.

— פּאָרט אויפגעזוכט א זיכערען, רוהיגען ווינקעלע, — פאַרציט זיך מיט זיין פּאַפּיראָסעל ר' שמואל.

נאָר דאָ האָט אן איטאַליענער „וואַטשמאַן", וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען אויפצופּאַסען, אז קיינער זאָל ניט צוטרעטען צו דעם קאַסטען מיט דינאַמיט, און וועלכער איז בשעת מעשה וואו אָפּגעטראָטען אויף א ווײלע, צוגעקומען צו זיין אָרט און דערזעהן ווי צוויי אידען מיט בערד זיצען זיך געמיטליך אויף דעם קאַסטען מיט דינאַמיט און רויכערען נאָך צו דעם...

ביי דעם איטאַליענער האָט זיך אויסגעקרימט דער געזיכט פאַר שרעק. ער האָט גענומען ווילד שרייען אויף די צוויי אידען. געשריען האָט דער איטאַליענער אויף א לשון, וואָס איז געווען האלב איטאַליעניש און האלב צוקריפּעלטע ענגליש, און פון דעם גאַנצען ווילדען שרייען האָבען די צוויי אידען בלויז פאַרשטאַנען דעם וואָרט: „דינאַמיט". אָבער דאס איז שוין געווען גענוג פאַר זיי.

אין טויט שרעק האָבען זיך ר׳ זלמן און ר׳ שמואל אויפגעהויבען פון זייער אָרט און געכאַפּט לויפען, וואוהין די פיס האָבען זיי גע־טראָגען. אָפּגעלאָפען א זיכערען שטח, האָבען זיך די אידען אָפּ־געשטעלט, אָפּגעכאפּט די אָטעמס, און לאכענדיג פאר שרעק, מאכט ר׳ זלמן:

— נו, ווי געפעהלט אייך, ר׳ שמואל? האָבען מיר אויפגע־זוכט א זיכערען ווינקעלע אין אמעריקע...

— אויף א פאַס מיט פּולווער האָבען מיר זיך געזעצט, — האָט אויך געלאַכט פאר שרעק ר׳ שמואל.

— וואָס פּולווער, ווער פּולווער? דינאַמיט, ר׳ שמואל! עס איז אפשר הונדערט מאָל שטארקער...

און די צוויי אידען האָבען זיך פארטיפט אין א ויכוח וועגען דער סכנה וואָס ליגט אין דינאַמיט...

גערעטעוועט די רעוואָלוציע

דזשייקאָב, דער עלטערער זוהן פון די גאָרעליק׳ס, א בחור׳ל פון א יאָהר צוואַנציג, האָט פאַרטראַכט אוועקצוגעבען אויסריי־ניגען און אויספּרעסען זיינעם אַלטען סוטעל, וועלכען ער האָט ניט געטראָגען פאַר א לייַנגערער צייט, האָט ער געעפענט דעם קליי־דער־אַלמער און אויפגעזוכט דעם סוטעל. ווען ער האָט אָבער די זאַכען גוט באַטראַכט, האָט ער געזעהן, אַז ס׳איז דורכגעגעסען פון „מאָטס" און ס׳איז גוט בלויז צום ארויסוואַרפען. האָט ער פון זיין צימער ארויסגעשריען צו זיין מוטער, וועלכע איז געווען פאַר־נומען ביי איהר ארבייט אין די אַנדערע חדרים:

— מאַמע, וועסט מאָרגען מיט דעם „גאַרבעדזש" ארונטער־וואַרפען מיין ברוינעם סוט.

דערהערט, אַז ס׳האַנדעלט זיך וועגען ארויסוואַרפען א סוט, האָט די מאַמע אוועקגעוואָרפען איהרע אַלע מלאכות, איז מיט א פאַרכאַפּטען אָטעם אריינגעלאָפען אין איהר זוהנ׳ס צימער און אי־בערגעפרעגט:

— וואָס זאָגסטו? א סוט ארויסוואָרפען?

— מיין ברוינעם סוט.

— דעם גוטען ברוינעם סוט? — האָט די מאַמע ווידער אי־בערגעפרעגט, דריקענדיג מיט וויכטיגקייט יעדען וואָרט, וואָס ס׳איז איהר פון מויל ארויסגעקומען. — דעם גוטען ברוינעם סוט דיינעם?

— יע, דעם גוטען ברוינעם סוט מיינעם, — האָט דזשייקאָב אָפּלאַכענד איבערגערעדט דער מאַמעס ווערטער — וועלכען מען האָט שוין געמעגט ארויסוואַרפען נאָך פאַר־א־יאָהרען, און וועלכען „מאָטס" האָבען סאַי ווי סאַי אויפגעגעסען.

— „מאָטס"? — האָט די מאַמע איבערגעפרעגט שוין אומ־רוהיג.

— יעס, „מאָטס". ווייסט ניט, וואָס א „מאָט" איז?

די מאַמע האָט גוט און פאָרזיכטיג באַקוקט דעם סוט, און

ווען זי האָט געזעהן, ווי ס'איז אויפגעפרעסען און צולעכערט, האָט זי מיט די הענט פארבראָכען:

— ווהע איז צו מיינע יאָהרען! אזא טייערער, אזא גאָלדענער סוט! ווען ניט די „מאָטס", וואָלט דער סוט געווען נאָך גאָר א נייער.

— אָ, — האָט דזשייקאָב מיט די הענט אוועקגעמאכט, — ס'איז שוין סאַי-ווי־סאַי געווען א שמאַטע.

— אפשר אריינטראָגען צו א שניידער, אפשר קען מען פיק־סען? — האָט דזשייקאָב'ס מוטער גערעדט מיט א שווערען געמיט.

— דער שניידער וועט דיך ארויסוואַרפען אינאיינעם מיט דער שמאַטע, — האָט דזשייקאָב אָנגעקוקט זיין מוטער מיט גוטמוטיגען שפּאָס.

די מיסעס גאָרעליק האָט נאָכאמאָל און נאָכאמאָל אָנגעקוקט דעם סוט. איהר פּנים האָט זיך אַלץ מעהר געוואָלקענט און גע־קנייטשט. אָבער ארויסוואַרפען? גלאַט נעמען און ארויסוואַרפען א סוט? אויף דעם האָט זי ניט אזוי לייכט געקענט באשליסען זיך. זי האָט אויף דערווייל אוועקגעלייגט די זאַכען אין קיך אין א ווינקעלע, און שוין.

— ארויסוואַרפען וועט מען קיינמאָל ניט פארשפּעטיגען, — האָט זי געמורמעלט צו זיך אליין, און זי איז ווידער ביזי געוואָרען ביי איהר ארבייט.

מיט צוויי טעג שפּעטער איז צו די גאָרעליקס אריינגעקומען מאַראַצענבערג, א נעקסטדאָריגער שכן, אריינגעקומען גלאַט אזוי זיך זאָגען א גוט־מאָרגען און אביסעל א שמועס טאָן. און די מיסעס גאָרעליק, וועלכע האָט פאר די צוויי טעג צייט שוין איינמאָל פאר אַלעמאָל איבערצייגט זיך, אז פון איהר זוהנ'ס סוטעל קען מען שוין טאַקע קיין לייט ניט מאַכען, האָט זיך גלייך געווענדט צו איהר שכן:

— מיסטער מאַראַצענבערג, אפשר ווייסט איהר, ווען מען קען אָפּגעבען מיין זוהנ'ס א סוטעל?

— עפּעס א רעכטס? — האָט מיסטער מאַראַצענבערג גע־פרעגט.

— נאַטירליך, אביסעל אויסגעטראָגען, — האָט געענטפערט די מרס. גאָרעליק מיט ארונטערגעלאָזענע אויגען. — אָבער, דאַכט זיך, אז פונדעסטוועגען קען מען דאָס נאָך טראָגען.

— אָלראַיט, — האָט זיך מיסטער מאַראַצענבערג אָנגעכאַפּט

פאר זיין שכנה'ס אָנבאָט. — אָלראַיט, איך וועל דאָס אוועקשיקען אין גאַליציע (מיסטער מאַראַצענבערג איז אַליין א איד פון גאַליציע טאַקע).

— איהר דענקט, אז אין גאַליציע דאַרף מען האָבען אזעלכע זאכען? — האָט מרס. גאָרעליק איבערגעפרעגט.

— נו, וואָס דען מען דאַרף נ י ט?

האָט די מרס. גאָרעליק דערלאַנגט איהר זוהנ'ס סוטעל צו איהר נעקסטדאָריגען שכן:

— אָט האָט איהר דאָס, מיסטער מאַראַצענבערג, טוט א קוק, אדרבא, אפשר טויג דאָס טאַקע אויף עפּעס.

די קיך, וואו די פארהאַנדלונג איז אָנגעגאַנגען, איז ניט געווען קיין צופיל ליכטיגער צימער, און מיסטער מאַראַצענבערג, וועלכער האָט באַטראַכט דעם סוטעל פון אויבען אויף, האָט די מיט „מאָטס" דורכגעגעסענע לעכלאַך ניט באַמערקט. איהם האָט זיך געדאַכט, אז ס'איז כמעט ווי א נייער סוטעל, האָט זיין געזיכט אויפגעשטראַלט, און ער האָט אָנגעקוקט די מרס. גאָרעליק מיט א טראַציגען שמייכעל.

מיסטער מאַראַצענבערג איז א איד, וועלכער האַלט שטאַרק פון אמעריקע. דער מענש איז א געטרייער אמעריקאנער פּאַטריאָט. וועגען די איצטיגע שלעכטע ביטערע צייטען וויים ער זעהר גוט. ער אַליין איז טאַקע שטאַרק געטראָפען געוואָרען פון דעם שווערען קריזיס און איז אויף גרויסענע צרות, נאָר ער האָט בטחון אין אמעריקע. ער טרייסט זיך אַליין און ער טרייסט יעדען איינעם, וועמען ער האָט נאָר א געלעגענהייט צו טרייסטען:

— איך פאַרלאָז מיך אויף אָנקעל סעם.

— איהר וועט שוין זעהן, אז אמעריקע וועט דורכמאַכען דעם קריזיס, און מיר וועלען נאָך האָבען פּלענטי גוטע צייטען.

— שפּילט זיך מיט אמעריקע! ס'איז דאָך די פעהיגסטע, די וואונדערבאַרסטע מדינה אויף דער וועלט.

די מיסעס גאָרעליק איז שוין ראַדיקאַל־געזאָנען. זי איז שוין פאַר דער איצטיגער אמעריקע ניט איבעריגס באַגייסטערט. יעס, מען קען טאַקע מאַכען פון אמעריקע אַן אמת'ן גן־עדן, אָבער ס'מוז קומען צו אַן איבערקערעניש; ס'וועט פריהער מוזען זיין א רעוואָלוציע, — אזוי רעדט די ראַדיקאַלע מיסעס גאָרעליק.

אין דעם איצטיגען קריזיס זעהט די מיסעס גאָרעליק דעם אָנ־

הויב פון דער אָנקומענדער איבערקערעניש, און זי זאָגט ארויס איהר אָפענע מיינונג, אז אין אמעריקע קלאַפּט שוין אין טיר די רעוואָלוציע.

מיסטער מאַראַצענבערג, פון זיין זייט, לאַכט זיך אויס פון זיין נעקסטדאָרינגערס „וועשטשעוועס" וועגען א רעוואָלוציע. לויט זיין מיינונג קומט אויס, אז מיט דעם גאַנצען קריזיס, מיט די אַלע איצטיגע שווערע צייטען לעבט זיך פאַרהעלטניסמעסיג אין זיין אמעריקע נאָך איצט אויך אזוי גוט, אַז די אַלע ריידערייען וועגען איבערקערענישען און וועגען רעוואָלוציעס זיינען גאָר בטלנישע חלומות און נאַרישע פּוסטע ווערטער.

און איצט, אזוי אָנקוקענדיג דעם סוטעל, האָט מיסטער מאַראַצענבערג פּלוצלונג דערזעהן פאַר זיך א שטאַרקען פּונקט געגען זיין נעקסטדאָריגערס רעוואָלוציאָנערע־ריידערייען. און אזוי האַלטענדיג דעם סוטעל אין די הענט, האָט ער מיט אַן אויפגעשטראַלטען פּנים און מיט א טראָציגען שמייכעל אָנגעקוקט די נעקסטדאָריגע, און ער האָט ארויסגערופענד און טריאומפירענד באַמערקט:

— נו, מיין טייערע מיסעס גאָרעליק, איהר זאָגט דאָך, אז אין אמעריקע האַלט שוין ביי א רעוואָלוציע, אז די צייטען זיינען שוין אזוי שלעכט, אז די וועלט געהט שוין דאָ אין אמעריקע אונטער.

— נו, נו, — האָט די מיסעס גאָרעליק אָנגעקוקט איהר שכן.

— וועל, — האָט מיסטער מאַראַצענבערג טריאומפירט — וועל, מיין פריינד, ווען ביי אזעלכע מענשען, ווי איהר זייט, ניט קיין קאַפּיטאַליסטען, חלילה, נאָר פּשוטע ארבייטער, קען מען נאָך ביי היינטיגען טאָג באהויפּטען ארויסצוואַרפען אַט אזא מין סוטעלע, האַלט עס נאָך זעהר, זעהר ווייט פון א רעוואָלוציע.

ווי א בליץ האָט זיך דורך דער פרוי'ס מוח דורכגעריסען א געדאַנק, אז אפשר האָט זי נאָך אַלעמען טאַקע געמאַכט א טעות מיט איהר זוהנ'ס סוטעל, אפשר איז עס גאָר ניט אזוי שלעכט, ווי זי האָט עס אָנגענומען, און איהר, אלס אויסגעשפּראָכענער ראַדיקאַלקע, וועלכע קלאַפּט אין אַלע פּויקען, אז אין אמעריקע האַלט עס זעהר שמאָל, איז טאַקע זעהר ניט פּאַסיג צו וואַרפען זיך מיט אזעלכע סוטלאָך.

אזוי טראַכטענדיג, האָט זיך דער מיסעס גאָרעליק געדאַכט, ווי זי וואָלט ממש מיט איהרע אייגענע הענט גענומען און אוועקגעשטופּט די רעוואָלוציע פאַר מיילען ווייט, און ס'האָט איהר אָפּגעריסען אין האַרצען.

— לאָזט מיר נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן, — האָט זי זיך גלייך געווענדט צו איהר שכן. — אפשר האָב איך מיט דעם סוטעל טאַקע געמאַכט אַ טעות. לאָזט אַקאָרשט אַ קוק טאָן.

אָבער מיסטער מאַראַצענבערג איז געווען ניט פון די אידען, וועלכע לאָזען זיך נעמען אויף זיכער. האָט ער האַסטיג צוזאַמענ־געלייגט דעם סוטעל, אונטערגעלייגט אונטער׳ן אָרעם און געזעגנט־פערט:

— אָ, נאָ, דאָס ניט. חרטה האָבען איז ניט מעשה סוחר! ניין, מיין פריינד, ביי מיר נעמט מען ניט צוריק. ס׳וועט נאָך היינט אוועקגעהן קיין גאַליציע.

דער אָרימער מיסעס גאָרעליק האָט זיך ווידער אָפּגעריסען אין האַרצען, און דער זיגרייכער מאַראַצענבערג האָט זיך מיט איהר נאָך געריצט:

— פאַרקלאָגען די וועלט, אַז אין אַמעריקע איז ערגער ווי ער־גער, פונדעסטוועגען געהט מען ארויסוואַרפען אַ סוטעלע מיט וועל־כען גאַנץ יוראָפּ וואָלט זיך געשפּיגעלט, און מען וויל מיר איינ־שמועסען, אַז אָט־אָט און עס קומט די רעוואָלוציע דאָ, אין אַמע־ריקע.

מאַראַצענבערג האָט זיך האַסטיג פון הויז ארויסגעכאַפּט, עפּעס ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מען קען ביי איהם דעם סוטעל פאָרט צונעמען... און די מיסעס גאָרעליק איז געבליבען שטעהן ווי אַ פריטשמיעליעטע

* * *

ביי זיך אין הויז האָט מאַראַצענבערג גוט באַטראַכט דעם סוטעל. ער האָט גלייך דערזעהן, אַז ער האָט פאַר זיין גאַליציע אַ קנאַפּען גליק ארייגעכאַפּט. ס׳האָט לאַנג ניט גענומען, און ער האָט צום צווייטען מאָל אַנגעקלאַפּט אין זיין נעקסטדאָריגער׳ס טיר.

— דער סוטעל אייערער איז דאָך אינגאַנצען אויפגעפרעסען פון „מאָטס״ — האָט מיסטער מאַראַצענבערג מיט פאַרוואורף אָנ־געקוקט זיין שכנה. — מען מעג עס, במחילה, ארויסוואַרפען אויף אַ ריינעם אָרט.

ביי דער מיסעס גאָרעליק האָט זיך ארונטערגעקייקעלט אַ שווע־רער, שווערער שטיין פון האַרצען... געראַטעוועט איהר רעוואָלוציע, געראַטעוועט!

אן אָרענטליך־פאַרדינטער דאָלער

צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען האָט דיק, א קאָלעדזש באָי פון א יאָהר צוואַנציג, פאַרדינט דורך פשוטער ארבייט גאנצע פינף דאָלער. דיק האָט זיך איבער דעם געפיהלט זעהר העלדיש, אבער צו זיינע גוטע געפיהלען איז א שנעלער סוף געקומען.

*　　*　　*

דיק איז אן איין־און־איינציג קינד ביי זיינע עלטערען, איין אויג אין קאָפּ. דיק'ס פאָטער איז א פאַבריקאַנט, איז א רייכער מאַן, לעבט זיך דעם זוהן ביי זיינע עלטערען שוין גאר ניט שלעכט. דיק קריגט פון זיין פאָטער א וועכענטליכע „עלאַונס", און קען פאר קיין פאַל ניט באקלאָגען זיך, אז זיין פאָטער איז צו איהם קארג. פונדעסטוועגען ווענדעט ער זיך גאַנץ אָפט צו דער מאַמען נאָך עטליכע דאָלער. די מאַמע זאָגט קיינמאָל ניט אָפּ און דיק האָט אלעמאָל געלט אין אלע קעשענעס.

דיק האָט א שאַרפען קאָפּ, לערענט זיך גוט, טאַטע און מאַמע האָבען נחת פון זייער זוהן, אָבער די לעצטע צייטען האָט דער בחור זיך אָנגעשמעקט מיט די נייע ווינטען. ער קוקט אריין אין ראַדיקאַלע זשורנאַלען און אָפט רעדט ער ווערטער, פון וועלכע ביים טאַטען קנייטשט זיך דער שטערען און וואָלקענט זיך דער געזיכט.

דיק איז אויף אזוי פיל אריינגעצויגען געוואָרען פון די נייע אידעען, וואָס ער זאַפּט אין זיך אריין פון די ראַדיקאַלע זשורנאַלען, אז ער האָט זיך שוין איינמאָל אוועקגעלאָזען מאַרשירען אין א פּיקעט לאַין אינאיינעם מיט סטרייקענדע ארבייטער. אָנפאַנגס האָט ער געפיהלט ווי ער וואָלט אויפגעטאָן א גוואַלדיג גרויסע זאַך, זיין נשמה האָט איבערפילט א צופרידענע זאַטקייט, אָבער ס'איז געווען ווינטערדיג; ער האָט געפיהלט קאַלט, געבענקט נאָך דער וואַרעמקייט פון זיין רייכער היים, ווען ער האָט נאָך צו דעם געהאַלטען די הענט אין די קעשענעס און אָנגעטאַפּט דעם טאַטענס „עלאַוענס" און דער מאַמעס עקסטרא פּאָר דאָלער, האָט ער ווילענדיג־ניט־ווילענדיג געטראַכט וועגען דעם טאַטענס פאַבריק, וואָס איז נאָך צו אלע

צרות געווען אן „אָפּען שאַפּ", האָט ער דערפיהלט אומבאַקוועם אין דער פּיקעט לאַין, האָט שוין דעריבער לאַנג ניט גענומען ווי ער האָט זיך שטילערהייט אָפּגעטראָגען פון די מאַרשירענדע רייהען.

דער ווינטער איז געווען אַ שווערער, ס'זיינען אויסגעפאַלען אָפטע שנעע־שטורעמס. איינמאָל נאָך אַ שטאַרקען שנעע־שטורעם האָט ער געלייענט אין אַ מאָרגען ־ צייטונג, אַז ביי אַ פּופציג טויזענט ארבייטסלאָזע זיינען באַשעפטיגט געוואָרען אום אָפּצוריי־ניגען די ניו־יאָרקער גאַסען און עוועניוס פון דעם אָנגעפאַלענעם שנעע, אויך האָט דיק געלייענט, אַז צווישען שנעע־ראַמערס געפי־נען זיך פיל „ווייסע־קאַלערניקעס" און זאָגאַר אַ באַדייטענדע צאָל קאַלעדזש סטודענטען. דיק'ן איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק אין קאָפּ צו קריגען אַ דזשאַב אַמווענינגסטען אויף איין טאָג אַלס שנעע־ראַמער און „דורכמאַכען אַן אינטערעסאַנטע ערפאַהרונג".

דיק'ס פאַנטאַזיע איז שטאַרק אויפגעפלאַמט געוואָרען אָט פון דעם פּלאַן זיינעם צו ארבייטען אַלס שנעע־ראַמער, איהם האָט שטאַרק געצויגען צו געפינען זיך אין די רייהען פון אמת'ע אר־בייטסלאָזע. זיין האַרץ האָט האַסטיג געקלאַפּט פאַר אויפרעגונג און שפּאַנונג.

דיק האָט געוואוסט, טאַקע פון די צייטונגען, אַז אום צו קריגען אַ דזשאַב אַלס שנעע־ראַמער קומט אוים אוועקצושטעלען זיך אין אַ „לאַין" ביי די אָפּיסעס, וואו מען נעמט אָן די שנעע־ראַמערס. אום צו זיין זיכערער מיט קריגען אַ טאָג ארבייט, שטעלען זיך אַנדערע אוועק אין דער לאַין ניט בלויז באַגינען נאָר מיט אַ טאָג פריהער נאָך האַלבער נאַכט.

דאָס אַלץ האָט דיק געוואוסט און ער האָט געטראַכט און גע־פּלאַנעוועט ווי אזוי ער זאָל אזוינס קענען אויפטאָן? ווען ער זאָל זאָגען אין דער היים אויף וואָס ער האָט דאָ פאַרטראַכט איז גאָר קיין פראַגע ניט, אַז די עלטערען וועלען איהם צו דעם ניט דער־לאָזען. דאַרף די גאַנצע געשיכטע אזוי אַראַנזשירט ווערען, אַז אין הויז זאָל מען וועגען דעם ניט אָנהויבען וויסען.

דיק האָט איבערגערעדט מיט זיינעם אַ חבר, און אַלע פּלענער זיינען אַראַנזשירט געוואָרען. דערווייל האָט דער שנעע גענומען צוגעהן, אַ נאַכט האָט שטאַרק גערעגענט, איז געוואָרען איינגאַנצען אוים מיט דעם שנעע, האָט דיק געהאָפּט אויף אַ צווייטען שנעע־שטורעם און ער איז פאַרטאָן געוואָרען מיט באַזאָרגען זיך מיט אַלע נויטיגע פאָרבאַרייטונגען.

עס איז אַראָנזשירט געוואָרען, אז ווען א שנעע־שטורעם וועט אויסברעכען וועט ער, דיק, די נאַכט נעכטיגען ביי זיין חבר. ער וועט דאָן האָבען די מעגליכקייט אוועקצושטעלען זיך אין דער שנעע־ראַמער לאַין האַלבע נאַכט. נאַטירליך וועט ער דעם טאָג אין קאָלעדזש ניט געהן. דיק האָט אָנגעגרייט די נויטיגע זאַכען, האָט איינגעהאַנדעלט א גראָבאַייזען, געקויפט זיך א וואַרימע ווינטערדיגע היטעל, געקויפט זיך א סעקאָנד־הענדיגען לעדערנעם דזשעקעט, וואָס די „פּראָלעטאַריער" טראָגען געוועהנליך, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אז ווען ער וועט זיך מעלדען אין „לאַין" אין זיין טייערען ווינטערדיגען מאַנטעל, קען מען נאָך קריגען א חשד וועגען איהם, אז ער איז ניט דער ריכטיגער קאַסטימער און מען קען נאָך איהם פון דער „לאַין" ארויסטרייבען.

אָבער, אז ער זאָל זיך ניט פיהלען קאַלט אין דעם סעקאָנד־הענדיגען דזשעקעט האָט ער איינגעהאַנדעלט א טייערען וואָלענעם סוועטער, וואָס ער וועט אָנטאָן אונטער דעם דזשקעט. אויך האָט ער זיך געקויפט עקסטרא ווינטערדיגע שיך און וואָלענע זאָקען, אויך האָט ער ניט פאַרגעסען צו באַזאָרגען זיך מיט א פּאָר אמת'ע גוטע ווינטערדיגע גלאָווס. די אַלע זאַכען האָט ער באַהאַלטען אין זיין חבר'ס צימער און ארויסגעקוקט אויף דעם אָנקומען פון א שנעע־שטורעם.

דיק'ן האָט אָפּגעגליקט. עס האָט אויסגעבראָכען א געפעהרליכער שנעע־שטורעם. דער בחור האָט איצט אויסגעפירט אַלע זיינע פּלענער. אין זיין חבר'ס צימער האָט ער זיך איבערגעטאָן אזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין. אַן אויפגערעגטער, א געשפּאַנטער איז ער האַלבע נאַכט געלאָפען צו אַן אָפיס, וואו מען האָט אויסגעטיילט דזשאָבס פאר שנעע־ראַמער. זיכער איז ער געווען, אז ער וועט זיין דער ערשטער אין דער „לאַין". ווען ער איז אָבער געקומען אויפ'ן אָרט, האָט ער שוין געטראָפען א לאַנגע „לאַין", און די „לאַין" האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען. דיק האָט אויף א מאָמענט פאַרגעסען וועגען דער ווירקליכקייט, ער האָט זיך געפיהלט אזוי ווי ער וואָלט טאַקע געווען אַן אמת'ער ארבייטסלאָזער פּראָלעטאַריער.

ס'איז געווען א ביטערע נאַכט, דער פראָסט און ווינט האָבען געשניטען ווי מיט מעסערס, און כאָטש ער איז געווען זעהר וואַרעם געקליידעט, האָט דיק געפיהלט ווי פּאַר קעלט ווערען איהם פאַר־

העלצערט אלע גלידער. ער האָט שוין געטראכט אויפגעבען אל־ און זיך אָפּטראָגען, אָבער דאָס וואָלט דאָך אויסגעקומען עפּעס אזוי ניט העלדיש און אזוי ניט „ראַדיקאַל". דיק האָט אין דער לאַין געזעהן מענשען אָנגעטאָן אין שמאַטעס, כמעט ווי האַלב־ נאַקעטע, און זיי האַלטען דאָך יע אויס די ביטערע קעלט. האָט ע שוין אויך „אויסגעהאַלטען" און איז געשטאַנען אין דער לאַין אזוי ווי אן אמת'ער העלד.

דער אָפּיס האָט זיך געעפענט, מען האָט געוויסע צאָלען פון די וואַרטענדע אינעווייניג אין אָפּיס אריינגענומען, מען האָט פון דער לאַין אזוי ווי שטיקער אָפּגעשניטען, און אַט האָט מען דיק'ען אין אָפּיס אריינגענומען. מען האָט איהם געפרעגט זיין נאָמען, זיין אדרעס און אויב ער איז אן ארבייטסלאָזער. דיק האָט אָנגעגעבען א פאַלשען אדרעס, געזאָגט אז ער איז ארבייטסלאָז. ער האָט גראָד גאָר ניט שלעכט געשפּילט זיין ראָלע, און מען האָט איהם אוועקגע־ שיקט אין א געוויסען דיסטריקט ראַמען שנעע.

דיק האָט ביי זיין דזשאָב געארבייט מיט אן אמת'ען ענטו־ זיאַזם. די ארבייט איז אויף איהם געפאַלען זעהר שווער. ס'האָט איהם איבערגעבראָכען, ער האָט אָבער געשפּירט, אז ער טוט דאָ אויף א העלדישקייט, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט ווי ווייט ס'האָט זיך נאָר געלאָזען.

ער האָט דעם טאָג אָפּגעארבייט און געקראָגען פאַר זיין ארבייט פינף דאָלער. דיק האָט זיך געפיהלט ווי א באַרוישטער פון גליק.

דער באַוואוסטזיין, אז ער האָט פאַרדינט געלט דורך שווערער אָרענטליכער ארבייט האָט איהם אזוי ווי פאַר'שיכור'ט. פאַרספּענדט האָט ער אויף זיין שנעע־ראַמער „אוטפּיט" ביי איין און דרייסיג דאָלער, אָבער וועגען דעם האָט ער ניט געטראכט. ער האָט געהאַט ביי זיך עטליכע דאָלער אין קעש, אָבער זיינע אָרענטליך־פאַרדינטע פינף דאָלער האָט ער אוועקגעלייגט אין א באַזונדער קעשענע. ער האָט ניט געוואָלט אז אַט דאָס געלט זאָל צומישט ווערען מיט די אַנדערע געלט, מיט דעם טאַטענס און דער מאַמעס „עלאַוענס", עפּעס אזוי ווי ער וואָלט ניט געוואָלט צומישען א הייליגקייט מיט עטוואָס, וואָס האָט איצט אין זיין באַגייסטערטען צושטאַנד אויס־ געקוקט ווי אן אומריינקייט.

דיק איז א שטאָלצער, א פאַרפלאַמטער פאַר אויפרעגונג געקו־ מען צו זיין חבר, איבערגעטאָן זיך און איז אַנטלאָפען אהיים. ער

האָט כסדר געפיהלט מיט די הענט די פּאַרדינמע פינף דאָלער. זיין האַרץ איז געוואַקסען, ער האָט געפיהלט ווי צו שרייען אין דער הויך: „איך האָב געאַרבייט, שווער געאַרבייט, אָט האָב איך אין מיין קעשענע אָרענטליך פאַרדינטע פינף דאָלער", און דער בחור האָט איבערפילט אין זיין טיפען האַרצען עפּעס אַ מאָדנע נייע פריידע.

אויף מאָרגען האָט דיק געלייענט אין אַ ציימונג, אַז צוויי יונגע בחורים, וועלכע זיינען געקומען זיך באַקלאָגען פאַר דעם מעיאָר, אַז זיי האָבען פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט דערבעטען זיך, אַז מען זאָל זיי געבען כאָטש אַ טאָג אַרבייט ביי שנעע ראַמען, זיי־נען טאַקע ביים מעיאָר אין סיטי האָל אוועקגעפאַלען גע'חלש'ט פאַר הונגער, און אָט פון דער שטיקעל נייעס איז אין איין מינוט פאַרשוואונדען געוואָרען דיק'ס שטאָלצקייט און פריידע איבער זיינע „אָרענטליך־פאַרדינטע פינף דאָלער", און אַ שווערקייט האָט זיך איהם אויפ'ן האַרצען אוועקגעלעגט.

דיק האָט איצט געטראַכט, אַז מיט זיינע „אָרענטליך פאַרדינטע פינף דאָלער" האָט ער אפשר געבראַכט צו דעם, אַז איינער פון די צוויי בחורים, וואָס האָבען קיין אַרבייט נ י ט געקראָגען, זאָל פאַר הונגער אוועקפאַלען. ער האָט זיך דערפיהלט שווער פאַרשולדיגט. ערשט איצט איז ער געקומען צו דעם באַוואוסטזיין, אַז טויזענטער אַרבייטסלאָזע, הונגעריגע, פאַרצווייפעלטע האָבען ניט געהאַט דאָס „גליק" צו קריגען אַ טאָג אַרבייט ביים אָפּראַמען דאָס שנעע און זיינען אוועק מיט ליידיגען, און אַז ער, דער זאַטער, דער רייכער האָט מיט זיין גאַנצען אויפטו בלויז אַרויסגעריסען אַ ביסען ברויט ביי אימיצען פון אָט די פאַרצווייפעלטע, פון אָט די פאַרהונגערטע.

צו דיקס באַגייסטערונג איז אַ שנעלער סוף געקומען. ער האָט זיך געפיהלט אַזוי מאָדנע נאַריש. די „אָרענטליך־פאַרדינטע פינף דאָלער" האָט ער איצט צוזאַמענגעמישט מיט טאַטע־מאַמעס וואָכע־דיגע געלט.

די רויטע קאָרעלען

און ווידער האָט אין דער רייכער אמעריקע אויסגעבראָכען א שרעקליכער עקאָנאָמישער קריזיס. און די ארבייטסלאָזע האָבען זיך אין דעם גאָלדענעם לאַנד געגומען צעהלען אין די מיליאָנען. און די „ברעד־לאַין”, די אלטע ניו־יאָרקער „אינסטיטוציע”, האָט ווידער אויפגעלעבט אין ניו־יאָרק, אין דער רייכסטער שטאָט אויף דער וועלט. און מענשען, וועלכע האָבען דורכגעמאכט אנדערע עקאָנאָמישע קריזיסען, פארזיכערען, אז דער לעצטער קריזיס איז דער שרעקליכסטער, און אז די לאַין פון הונגעריגע, וואָס קלאַפּען אין די טירען פון פארשיידענע וואָלטהעטיגע אינסטיטוציעס, אום צו קריגען א שטיקעל ברויט צו שטילען דעם הונגער, האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געצויגען אזוי לאַנג, אזוי שרעקליך, אזוי מיאוס לאַנג, ווי אין דעם היינטיגען קריזיס.

* * *

ראַלף מירקין איז א סיוויל אינזשעניר. ער איז אָנגעשטעלט ביי דער שטאָט־רעגירונג, און דער עקאָנאָמישער קריזיס און די ארבייטסלאָזיגקייט האָט מירקינען ניט געטראָפען. אָבער מירקין איז א שטיקעל אינטעליגענט, פאררעכענט זיך פאר א ראַדיקאַל, קוקט אויף זיך ווי אויף א רעוואָלוציאָנער, און זייט עס האָט אויסגעבראָכען דער קריזיס, האלט מירקין אין איין פארגיסען ביטערע טרערען אויף דער שווערער לאַגע פון די ארבייטסלאָזע, פון די הונגעריגע. און נאָר ער רעדט, און נאָר ער פּראָטעסטירט געגען דעם פארברעכען, וואָס ווערט אין אמעריקע באַגאַנגען געגען דעם ארבייטער־קלאַס.

און איין פרימאָרגען האָט מירקין באמערקט ווי פעני, זיין געזונטינקע, קיילעכדיגע, פליישיגע ווייב, האָט אין דעם „גאַרבעדזש פּעיל” אריינגעוואָרפען דריי גאַנצע בולקעלאך (ראָלס), און ער האָט איהר געפרעגט:

— פעני, וואָס טוסטו?

—וואָס איך טו? — האָט פעני אָנגעקוקט איהר מאַן.

— דריי גאַנצע ראָלס וואַרפסטו אריין אין די גאַרבעדזש ?

— עס איז פאַרבליבען פון נעכטען — האָט זיך פעני פאַר־ענטפערט — און דו ווייסט דאָך, אז נעכטיגע ראָלס עסט מען ניט ביי אונז.

— און פאַרוואָס זיינען דאָס איבערגעבליבען דריי ראָלס ? — האָט מירקין ווייטער געפרעגט זיין פרוי — האָט דען אימיצער ביי אונז נעכטען ניט געגעסען ?

— אַלע האָבען געגעסען — האָט פעני געענטפערט — נאָר איך בין ניט אויסגערעכענט אין א ראָל, נעם איך אַלעמאָל א פּאָר איבעריגע ראָלס. אַן אנדערש מאָל עסט מען טאַקע אויף, און אַן אנדערש מאָל ניט. און ווען עס בלייבט איבער אויף מאָרגען, מוז מען דאָס ארויסוואַרפען. וואָס קען מען זיך העלפען ?

— א פאַרברעכען, פעני, אַן אמת'ער פאַרברעכען, — האָט מירקין מיט פאָרוואורף אָנגעקוקט זיין פרוי — דריי ראָלס, גאַנצע דריי ראָלס נעמען און אריינוואַרפען אין די גאַרבעדזש ! עס איז א פאַרברעכען.

— נו, געפונען וועגען וואָס צו ריידען — האָט פעני מיט'ן האַנט אוועקגעמאַכט — מ'קען ניט זיין אויף אַזוי פיל אויסגערע־כענט און אָרדערען פּונקט אַזוי פיל ראָלס, וויפיל מען דאַרף. איי־דער עס זאָל אויספעלען א ראָל צום טיש, זאָל בעסער איבערבליי־בען. דאָס איז מיין רעכענונג.

— ניט אין די איצטיגע צייטען, — האָט מירקין זעהר ערנסט און זעהר וויכטיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — מענשען געהען אוים פון הונגער, און מיר וואַרפען ארוים גאַנצע ראָלס. עס איז א פאַר־ברעכען, עס איז א צולאָזענקייט פעני, עס איז א צולאָזענקייט.

— אָלראַיט, — האָט פעני געענטפערט פאַרשולדיגט — אָל־רייט, מ'דאַרף טאַקע זיין אביסעל מעהר אויסגערעכענט.

— און ווען עס איז שוין געקומען צורייד, וויל איך דיר טאַקע זאָגען, פעני, אז עס איז ניט בלויז די ראָלס, אין וואָס דו ביזט ניט אויסגערעכענט, נאָר דו ביזט אין א סך אנדערע זאַכען ניט אויסגערעכענט ! — האָט מירקין זיין שווערען פאָרוואורף־בליק ניט ארונטערגענומען פון זיין פרוי.

— צום ביישפּיל, אין וואָס בין איך אַזוי ניט אויסגערעכענט ?

— האָט פעני זיך שוין געפונען אביסעל באַליידיגט — די גרויסע

פאַרשוווּנדערין, וואָס איך בין! און וואָס, און וואָס בין איך ניט אויסגערעכנט?

— אָט איך זעה — האָט מירקין גערעדט לאַנגזאַם, וועלענדיג דערמאָנען זיך אָן פאַקטען — אָט איך זעה אָפט, ווי דו וואַרפסט אַרויס האַלבע פּאַרטריקענטע ברויטלאַך, און קומט עס צו א דינער אָדער א סאַפּער, קאָכסטו אָן אַזוי פיל, אַז עס וואָלט געווען גענוג פאַר א פאַמיליע, וואָס איז אין צווייען גרעסער פון אונזערער. און וואָס דו נעמסט צו פון טיש, וואָלט געווען גענוג פאַר נאָך עטליכע מענשען צום עסען ביז זאַט. עס איז אַן עולה, פענעלע, א פאַר־ברעכען, א פשוטער פאַרברעכען.

— נו, ווער קען דאָס זיין אַזוי אויסגערעכענט? — האָט פעני זיך פאַרענטפערט — איך וויל דאָך, אַז מ׳זאָל זיין זאַט. רעכען איך, אַז ס׳זאָל בעסער אמאָל עפּעס איבערבלייבען.

— מ׳טאָר ניט, פענעלע, מ׳טאָר ניט. — האָט זיך מירקין ערנסט גענומען צו זיין פרוי — מיר לעבען אין מורא׳דיגע צייטען, אין מיאוסע צייטען. מענשען שטאַרבען פשוט פון הונגער. האָסט געזעהן די „ברעד־לאַין״ אויף דער באַוערי?

— ווי אַזוי זאָל איך זעהן? ווען קום איך דאַון־טאַון?

— מיר קומט אָבער אויס אַלע טאָג פאַרבייצוגעהן די „ברעד־לאַין״. א שוידער באַפאַלט מיך, — האָט מירקין גענומען שילדערן זיינע „מענשליכע״ איינדריקע — אַלטע מענער, יונגע בחורימלאַך, כמעט קינדער, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע. אין די ערגסטע קעל־טען, אין די שוידערליכסטע וועטערען, שטעהט מען אָפּ גאַנצע טעג, און מען וואַרט אויף א קאָפּע קאַפע און אויף א שטיקעל ברויט. עס געהט דורך א שוידער איבער מיין גאַנצען לייב, ווען איך קוק זיך צו צו אַזעלכע זאַכען. און דו וואָלסט באַדאַרפט זעהן אויף ווי וויט די „ברעד־לאַין״ ציהט זיך אַוועק. איך האָב עטליכע מאָל עקסטרע אָנגעליינט וועג און געגאַנגען זעהן דעם ברעג פון דער „ברעד־לאַין״. שרעקליך, פענעלע, שרעקליך... אויף גאַסען וויט ציט זיך די „ברעד־לאַין״. אָן אימה באַפאַלט. א צובראָכענער געה איך אַוועק פון דאָרט. וואָס פאַר א הונגער, וואָס פאַר א פאַרצווייפעלטע נויט, וואָס פאַר א געפאַלענקייט... פאַר א שטיקעל ברויט... און מיר דאָ, פעני, קוק אָן... דריי זעמעל גאַנצע וואַרפט מען אריין אין די „גאַרבעדזש״. ס׳איז דאָך א צולאָזענקייט. גלויב מיר, פעני,

עס זיינען דאָ גענוג אומגליקליכע פרויען און ארבייטסלאָזע מענער, מאַמעס פון הונגעריגע קינדער, וועלכע וואָלטען אפשר מיט אַזעלכע דריי זעמעל געשטילט דעם הונגער פון זייערע קינדערלאַך, נאָר זיי האָבען ניט פאַר וואָס צו קויפען.

— דאָס איז טאַקע אמת — איז שוין פעני געבליבען שטעהן מיט א פאַרזונקענעם קאָפּ. ווייל, איהר דארפט וויסען זיין, פעני איז אויך געווען א פרוי א מאָדערנע, און דוקא אַזאַ ראַדיקאַלקע, ווי איהר מאַן. האָט זיך פעני טאַקע דערפיהלט שולדיג.

און מירקין האָט א רעגעלען פאָרטראַג געהאַלטען:

— דו ווייסט גאָרניט, פעני, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין לאַנד. א הונגער, א פּשוטער הונגער. דאָס הייסט, עס פעהלט ניט אויס. עס איז דאָ גענוג ברויט אין דער רייכער אמעריקע, כאָטש ווארף אין ים. אָבער עס איז ניטאָ קיין ארבייט. און אז מ'ארבייט ניט, איז ניטאָ פאַר וואָס צו קויפען דעם ברויט און די אנדערע זאַכען און מען הונגערט... פּשוט, מען הונגערט. קינדער קומען אין די סקולס בלאַסע, פאַרהונגערטע. ס'איז א שרעק וואָס ס'טוט זיך אָפּ. א האַלבע שטונדע ארונטערגעפארען מיט דער סאָבוועי, און דו זעהסט א לאַין פון טויזענדער פאַרהונגערטע. און מיר דאָ ווארפען ארויס האַלבע ברויטלאַך אין „גאַרבעדזש". און וואָס דו נעמסט צו פון טיש, פלייש, סטייק, טשאַפּס, טייערע זאַכען, און דו ווארפסט ארויס!... ס'איז דאָך א פאַרברעכען. און קענטיג, פענעלע, דו ווילסט גאָרניט טראַכטען וועגען די ביטערע צייטען. ביזט אזוי ניט־אויסגערעכענט אין א סענט... קומסט אריין אין א גראָסערי, אין א בוטשער־סטאָר, אָדער אין א וועדזשעטייבל־סטאָר, איז וויפיל מ'גיט דיר און וואָס מ'גיט דיר, איז רעכט. דו צאָלסט, דו האָסט א פּאַ־קעטבוק פול מיט געלט און דו צאָלסט, וויפיל מ'זאָל ביי דיר ניט בעטען. נעווער מאַינד, איך האָב געזעהן אַנדערע פרויען דינגען זיך. מ'נעמט ניט ארונטער די אויגען ניט פון דעם גראָסערימאַן, ניט פון דעם בוטשער, און מען איז אויסגערעכענט אין א פּעני. איך האָב געזעהן פרויען, טאַקע פון אונזער הויז, וואָס פוילען זיך ניט און געהן אין „מאַרקעטס", מען שפּאָרט איין א סענט. מ'געהט פאַר צעהן בלאָק און מ'זוכט אויף א סטאָר, וואו מען קען קריגען ביליגער זאַכען, און מ'זעהט איינצושפּאָרען א סענט. מ'דארף היי־טען א סענט, אוי, דארף מען היטען. איין קליינינקייט, אַזעלכע ביטערע צייטען! מענשען הונגערען. איך אליין ווייס פון א פאַמי־

ליע, וואו די קינדער געהן אוועק אין סקול ניט־גענעסען. און דו ווארפסט זיך מיט געלט. עס איז א פארברעכען. דא, אונטער׳ן רעכטען נאז, איז א „ברעד־לאין״, און דו ביזט אזוי ניט־אויסגע־רעכענט אין געלט. עס איז א פארברעכען, פענעלע.

— איך מוז זיך טאקע „טשענדזשען״, — האט פעני געמור־מעלט פארשולדיגט — מען מוז טאקע אויפפירען זיך אביסעל מעהר אויסגערעכענט. ביזט גערעכט, ראלף.

— איין קלייניגקייט, — האט מירקין אזוי ערנסט, אזוי וויכ־טיג גערעדט — איין קלייניגקייט, מ׳פאלט אין די גאסען פון הונ־גער, א „ברעד־לאין״, און מיר? און עס הייסט דאך, אז מען איז ראדיקאלען, רעוואלוציאנערען...

* * *

און פעני האט זיך אליין, ווי מען זאגט, אין די הענט אריינ־גענומען, און זי האט גענומען אפהיטען א שטארקע עקאנאמיע. ניט געקויפט אין בוטשער־סטאר מעהר ווי מ׳דארף, אין גראסערי גע־דונגען זיך און אויפגעפאסט, אז מען זאל ניט פארוועגען און ניט פארמעסטען... און פעני איז אפט געלאפען אין „מארקעט״ מיט אלע אנדערע פרויען צוגלייך... און די פרוי האט גענומען זיין וואס מעהר אויסגערעכענט אין א סענט.

מיט א צעהן וואכען שפעטער האט אין א געוויסען אבענד פעני געהאט אן איבערראשונג פאר איהר מאן. די פרוי האט ארויס־גענומען פון ערגעץ א פעקעלע אסיגנאציעס, דאס צוגעטראגען צו איהר מאן, און געהיימניספול און פארשטיקט פאר אויפרעגונג, האט זי צו איהם געזאגט:

— צעהל, ראלף.

—וואס איז דאס פאר א געלט? — האט ראלף נעפרעגט.

— צעהל איבער, האט קאקעטיש־באפעלענד פעני געזאגט.

מירקין האט איבערגעצעהלט.

— פופציג דאלאר.

און ער האט ווידער געפרעגט:

— נו, זאג שוין, וואס איז דאס פארט פאר א געלט?

— אפגעשפארט — האט פעני מיט א פארכאפטען אטעם ארויסגערעדט איין ווארט.

— אפגעשפארט? — האט מירקין איבערגעפרעגט.

— יעס, פון דער הוצאה.

— וואָס הייסט?

— עס הייסט, אז איך האָב די לעצטע פּאָר חדשים אביסעל מעהר אויפגעפּאַסט אויף א סענט, געלעבט אביסעל מעהר אויסגע־רעכענט, און אָט האָסטו דיר — האָט פעני'ס גאַנצער געזיכט גע־שטראַלט.

און מיסטער מירקין, אלס מענש מיט א ברייטער הארץ, האָט שוין געוואוסט, ווי אזוי אָפּצושאַצען זיין פרוי'ס פאַרענדערען זיך צום גוטען. האָט ער צו זיין פעני'ס אָפּגעשפּאָרטע פופציג דאָלאַר צוגעלייגט זיינע אייגענע פופציג דאָלאַר און געקויפט פאַר דעם געלט א מתנה פאַר זיין פרוי, א האַלז־באַנד פון אמת גוטע בורשטי־נענע קאָרעלען און, נאַטירליך, ר ו י ט ע, ווי עס פּאַסט פאַר א רעוואָלוציאָנער...

* * *

און אזוי האָבען די מירקינס, צוויי רעוואָלוציאָנעריש־געשטימ־טע אינטעליגענטע ראַדיקאַלען ארויסגעהאָלפען דער „ברעד־לאַין", וואָס זיי האָבען געהאַט אזוי נאָהענט צום הארצען. אזוי האָבען זיי געהאָלפען די קינדער פון ארבייטסלאָזע טאַטעס, די קינדער, וועלכע קומען אין סקול הונגעריגע, און אויף וועמען זיי — די מירקינס — האָבען אזוי פיל רחמנות געלייגט...

דער גרויער פּאָעט און דער אויסגעטריקנטער קוואַל

אין אונזער זומער האָטעל שטעהט איין אלס גאַסט א אידישער דיכטער. דער דיכטער איז שוין א איד מיט א גרויען קאָפּ.

ווען דער דיכטער האָט אָנגעפאנגען זיין שרייבען איז ער א יונגער בחור'ל געווען. ער האָט געשריבען זעהר אָפט און איז געווען א מיטארבייטער אין א טעגליכער צייטונג און אין עטליכע וועכענטליכע און מאָנאטליכע זשורנאַלען... און כאָטש דער שרייבער איז שוין יעצט א איד מיט א ווייסען קאָפּ, שרייבט ער נאָך עד היום זעהר פיל. נאָר אָפט זעהט מען איהם ארומגעהענדיג מיט א שווער **פאַרוואָלקענדען פנים.** ס'איז קענטיג, אז דער מענש האָט א שווערען, שווערען געמיט. פרעגט מען אונזער פּאָעט:

— וואָס איז? וואָס אזוי צוטראָגען? וואָס אזוי פארזאָרגט?

— מען דארף שרייבען — ענטפערט דער דיכטער.

— נו שרייבט מען.

— איך וויים ניט וואָס צו שרייבען.

— **נו שרייבט מען ניט.**

— מען דארף מאכען א לעבען אין אמעריקע — ענטפערט דער דיכטער מיט א שמייכעל, אָבער דער שמייכעל איז אזא שמערצליכער.

* * *

אין טיפען וואַלד, אהינטער אונזער זומער האָטעל, געפינט זיך א וואסער־קוואַל. אמאָל, מיט עטליכע יאָהר צוריק, האָט דער קוואַל געשטראָמט מיט א לעבעדיגען וואסער. געסט אין האָטעל פלעגען געהן אין וואלד טרינקען וואסער פון דעם קוואַל. אזא קיהלער, אזא פרישער וואסער האָט רעש'דיג געשטראָמט פון דעם קוואַל... מיט דער צייט האָט דער האָטעל צוגעצויגען רעהרען צום קוואַל

אין וואַלד און מען האָט געצויגען פון דעם קוואַל וואַסער פאַר דעם גאַנצען געברויך פון דעם האָטעל.

דער קוואַל האָט גענומען ווייניגער און ווייניגער וואַסער גע־בען. ביז מיט אַמאָל האָט דער קוואַל אין גאַנצען אויסגעטריקענט... איז געבליבען דער קוואַל פאַרלאָזען און פאַרגעסען.

אונזער פּאָעט קומט אין אונזער האָטעל יעדען זומער זייט יאָה־רען. אונזער פּאָעט ווייס די געשיכטע פון אונזער אויסגעטריקענטען קוואַל. איינמאָל האָבען מיר ביידע, איך און דער פּאָעט, אין וואַלד שפּאַצירט. אין וואַלד, הינטער אונזער האָטעל... און אָט האָבען מיר צוגעשפּאַצירט צו דעם אויסגעטריקענטען קוואַל, און דער פּאָעט פרעגט מיר:

— איהר ווייסט וועגען אָט דעם קוואַל?

— איך ווייס.

— מיט א פּאָר יאָהר צוריק האָט דער קוואַל געשטראָמט מיט וואַסער.

— איך ווייס.

— אויסגעטריקענט — באַמערקט פאַרטראַכט דער פּאָעט.

— יעס, אויסגעטריקענט.

— אפשר דערפאַר ווייל מען האָט צופיל וואַסער געצויגען.

— אפשר.

און דער פּאָעט מיט דעם ווייסען קאָפּ איז אַזוי געבליבען שטעהן ביים אויסגעטריקענטען קוואַל. געבליבען שטעהן א פאַר־קלערטער... געקנייטשט זיך האָט דעם פּאָעט'ס שטערן, געוואָלקענט זיך האָט זיין בלייכער פּנים, און אין זיין בליק האָב איך באַמערקט וועהטאָג און שרעק...

ווענמען איך זוך אָפּט

(צו דעם פינף־און־דרייסיג יאָהריגען „פאָרווערטס" יובילעאום)

פינף־און־דרייסיג יאָהרעלאַך זיינען שוין אריבער זייט דער „פאָרווערטס" איז געבאָרען געוואָרען. א פיין ביסעל יאָהרען! יונגע מענשען זיינען אַלט געוואָרען, שווארצע קעפּ זיינען ווייס געוואָרען. א דור איז אוועק, א דור איז אויפגעקומען. אין דער רעדאקציע פון „פאָרווערטס" זעה איך יונגע מענשען, יונג אזוי ווי איך און ווי אנדערע זיינען געווען דאמאָלסט, ווען דער „פאָר־ווערטס" איז געבאָרען געווארען. און אינאיינעם מיט די יונגע זעה איך אויך אייניגע, וועלכע האָבען נאָך געוואכט ביי דעם וויגעלע פון „פאָרווערטס", געוואכט אין א שטענדיגער שפּאַנונג, אומרו־היגקייט און הארצקלאַפּעניש.

טראַכט זיך מיר וועגען אָט יענע יאָהרען, ווען דער „פאָר־ווערטס" איז ערשט געבאָרען געווארען, טראָגען מיך אוועק די געדאַנקען מיינע צו יענע צייטען, ווען א יונגער בחור'ל, ז. ליבין, האָט זיצנדיג ביי א נעה־מאַשין אין א סוועט־שאָפּ, מיט א בליי־פעדער „אנגעסקריבעלט", ווי אזוי אן ארבייטער פיהלט זיך אין סוועט־שאָפּ, ווען אין דרויסען שפּירט זיך שוין דער ליכטיגער, דער גאָלדענער פריהלינג. די פארשריבענע שטיקלאך פּאַפּיר האָט ער אוועקגעשיקט אויף דעם אדרע ספּון דעם אקאָרשט־דערשינענעם „פאָרווערטס". מיט עטליכע טעג שפּעטער, ווען ער איז געזעסען ביי דערזעלבער נעה־מאַשין און אריינגעקוקט אין דעם אָט ערשט ארויסגעקומענעם נומער „פאָרווערטס", האָט ער דערזעהען אָפּגע־דרוקט דאָס, וואָס ער האָט געשריבען.

טראָגען מיך אוועק מיינע רעיונות אָט צו יענער צייט. איך **זעה פאר מיינע אויגען יענעם יונגען בחורל, יענעם ז. ליבין**, און איך געפין זיך אונטער א מאָדנעם איינדרוק, אז די פארגאַנגענהייט איז ניט פארשוואונדען, אז ערגעץ־וואו איז זי פארבליבען אזוי ווי

זי איז געווען. מיר דאכט זיך, אז איך דאַרף בלויז צוגעהן צו יענעם סוועט־שאַפּ, וואו אַט דער בחורל ליבין האָט זיין ערשטע סקיצע אָנגעשריבען, וועל איך איהם דאָרט טרעפען, ווי ער זיצט ביי דער מאַשין מיט'ן פּענסיל אין האנט און שרייבט זיך בגנבה, אז דער באָס אָדער אימיצער אנדערש אין שאַפּ זאָל דאָס ניט דער־זעהן.

וועל איך אָנקוקען דעם טשיקאַווען בחורל, מיט די קוטשע־ראַווע געדיכטע פּעך־שוואַרצע האָר, מיט די קוים־ארויסגעשפּראָצטע וואָנצעלאַך, און וועל מיט נייגעריגקייט אין זיינע פאַרשריבענע בלעטלאַך ארייגקוקען, וועט ער דערזעהן פאַר זיך מיך, דעם מאַן מיט דעם ווייסען קאָפּ, וועט ער מיך אנקוקען נייגעריג, אבער פרעמד, און וועט מיך פרעגען:

— ווער זייט איהר, מיסטער?

— איך בין דו, — וועל איך איהם ענטפערען, — איך בין דו.

וועט ער מיך מיט שרעק אָנקוקען, נעמען אָפּטרעטען פון מיר. וועל איך איהם אָנכאַפּען ביי די אקסלען און שרייען צו איהם באַ־לײדיגט:

— העי, דו בחורל, פאַררייס נאָר ניט מיט אַזאַ גדלות דיין יונג נעזיל, קוק נאָר מיך ניט אָן מיט אַזאַ געלעכטערל. וואָס איך זאָג דיר, איז אמת. איך בין דו, און דו ביזט איך און ניט קיין אנדערער. וואונדער זיך ניט אַזוי, עס איז דער אמת, איך און דו זיינען איינס, וואָס דו האָסט געשריבען, האָב א י ך גאָר געשריבען. פון מיין הארצען, פון מיין נשמה האָבען די ווערטער געריסען זיך. דאָ, אָט ביי דער נעה־מאַשין, בין איך געזעסען, ווייל איך בין דו...

— ניין, ניין, ניטאָ איהם מעהר, אָט דער בחורל, — נעמט פּלוצלונג א שטימע אריינריידען אין מיין נשמה, אריינריידען מיט אַזאַ אומעט און עפּעס ווי מיט רחמנות. — ניטאָ, ניטאָ איהם מעהר, פאַרשוואונדען מיט דער פאַרגאַנגענהייט, פאַרשוואונדען מיט די יאָהרען. מיט יעדען יאָהר אַלץ ווייטער, ווייטער פאַרשוואונדען. ניטאָ מעהר, בלויז ד ו ביזט דאָ. דו אליין, אזוי ווי דו ביזט. ניטאָ יענעם, ער וועט זיך ניט אומקערען. פאַרגעס, זוך ניט.

ערוואַך איך אויף א ווײלע, ווײס איך, אז דאָס, וואָס איז געווען וועט זיך שוין קיינמאָל ניט צוריק־קערען. אָבער אָט נעם איך ווייטער וואַנדערען אין דער פאַרגאַנגענהייט, און איך דערזעה

איהם ווידער, איהם, ווער ס'איז דאָך טאקע ניט מעהר ווי איך אליין ,איז נאָכדעם ווי ס'האָבען זיך אָפּגעדרוקט זיינע עטליכע סקיצען, האָט מען איהם ארויסגערופען אין דער רעדאקציע פון „פאָרווערטס" וואָס האָט זיך געפונען עפּעס אין אן אלטער האלב־ צוּרובה'טער הייזקע אויף דעלענסי סטריט. זעה איך ווי דער אויפגערעגטער בחור'ל לויפט צו דעלענסי סטריט. אָט איז ער אין „פאָרווערטס"־רעדאקציע, אָט שטעהט ער פנים לפנים מיט דעם סאמע רעדאקטאר (אב. קאהאן, א יונגערמאן מיט לאנגע צופּוטשקעטע האָר און מיט א קאָסאָקער אויג). קוקט אָן דער רעדאקטאר מיט א פריינדליכען הארציגען שמייכעל דעם בחור'ל, ליבין. און ער זאָגט צו איהם אזעלכע מאָדנע ווערטער:

— „איהר האָט טאלאַנט, פּרובירט אונז צושיקען יעדע וואָך א מעשה'לע, שרייבט אויף איין זייט און וואָס דייטליכער, ווייל ביז וואנען מיר קריכען דאָ דורך אייער האנדשריפט ווערען מיר פארמאטערטע, גזלן וואָס איהר זייט".

בלייבט ליבין שטעהן א בארוישטער, א פארשעהמטער און ווייס ניט וואו אהינצוטאָן זיך. גיט איהם קוראזש דער רעדאקטאר, דריקט זיין האנט און זאָגט צו איהם:

— „שרייבט, שרייבט, שעהמט זיך ניט".

א באַרוישטער פאר גליק לויפט דער בחור'ל — ליבין צוריק אין שאפּ און אָט זעה איך איהם ווי ער לויפט ארום איבערן שאפּ, פּארטרוויט זיינע קאָלעגען-ארבייטער, וואָס מיט איהם איז דאָ געשעהן. וואָס פאר א פרייד, וואָס פאר א גליק דער בחור'ל לעבט איבער. פונקען פייער שפּריצען איהם פון די אויגען. דערזעה איך זיך זעלבסט לעבען דעם יונגען איבערגליקליכען בחור'ל — ז. ליבין, דערזעה איך זיך זעלבסט מיט מיין ווייסען קאָפּ, אָן ענטוישטען, א מיעדען מיט א צוואוועהטאָגטער, פארפייניגטער נשמה. דערזעה איך זיך זעלבסט לעבען דעם יונגען יום־טוב'דיגען ז. ליבין.

קומט מיר אוים עפּעס אזוי טשיקאווע, וואָס א בחורל איז אזוי גליקליך ,אזוי שטאָלץ, ווען מען האָט זיינע עטליכע סקיצען אָפּגעדרוקט. און איך רייד צו איהם מיט ליבע, אָבער מיט דעם שמייכעל פון אן עלטערען, פון איינעם וואָס ווייס מעהר, וואָס ווייס בעסער:

— נארישער בחורל, וואָס איז מיט דיר די גדולה אזוי גרוים?

נו, און אז מען האָט שוין דיינס עפּעס אָפּגעדרוקט, איז וואָס?

קוקט ער מיך אָן ארויסרופענד און ענטפערט מיט יוגענדליכען פרעכען שפּאָט:

— איהר, עלטערע מענשען, מאכט פון אלץ חוזק!

פּאַלט אין מיר מיין הארץ איין, דערפיהל איך זיך געטראָפען, נעם איך זיך צו איהם צורוקען:

— ניין, איך מאַך ניט קיין חוזק. איך רייד בלויז ווי איך פיהל. טשיקאווע קום איך זיך פאַר אליין, ווייל דו ביזט דאָך ניט קיין אנדערער ווי איך. איך וויל דיך בלויז באגרייפען. קוקסט אויס אין מיינע אויגען אזא מאָדנער, אזא פרעמדער, כאָטש דו און איך זיינען איינס.

— ניין, קוקט ער מיך אָן מיט שרעק, — ניין, איך ווייס ניט ווער איהר זייט. ניטאָ קיין פארוואנדשאפט צווישען אונז. איך בין אַן אָנהויב, איהר זייט סוף.

— דאָך זיינען מיר איינס, דו ביזט איך.

— ניין, — לויפט ער אוועק, עפּעס ווי ער וואָלט זיך וועלען פון מיר ראטעווען.

לויף איך איהם נאָך:

— דו לויפסט דאָך פון זיך אליין, דו ביזט איך.

פאַרשווינדט ער. כאַפּ איך זיך ווידער אויף פון מיין חלום, זיפץ זיך שווער אָפּ, און איך דערהער ווי איך מורמעל צו זיך אליין:

— „א חלום, ער איז ניטאָ מעהר".

און אָט זעה איך איהם ווייטער, ס'איז דער ערשטער יאהרעס־פעסט פון דעם „פאָרווערטס". וואָס פאר א יום־טוב'דיגער ער איז, וואָס פאר א פרייד ער לעבט איבער, וואָס פאר אן אנטציקונג! די באקען זיינען בלאַס, אונטער די אויגען — שווארצע רינגעלאך. איך וואָלט שווערען, אז ער ליידט הונגער. איך פרעג איהם:

— ארבייטסט?

— ניין.

— וואָס טוסטו?

— איך שרייב פאר'ן „פאָרווערטס".

— וואו וואוינסטו?

— ערגעץ ניט. איך האָב ניט קיין לאָדזשי. ניטאָ מיט וואָס צו צאָלען. איז וואו א טאָג און וואו א נאַכט.

— וואו עסטו ?

— ערגעץ ניט, מען הונגערט.

— קוקסט אוים אזוי גליקליך, אזוי יום־טוב׳דיג.

— ס׳איז א יום־טוב. א יאָהר שוין, ווי דער „פאָרווערטס" געהט און געהט ניט אונטער.

איך מאַך צו איהם :

—א י ך וואָלט דאָס ניט געקענט, ווען איך וואָלט געהונגערט, וואָלט ניט געהאט וואו דעם מידען קאָפּ אוועקצולייגען, וואָלט איך איבערגעבראָכען געוואָרען. איך וואָלט גיפט איינגענומען.

ער קוקט מיך אָן מיט רחמנות. רוף איך איהם צו :

— קום נעהענטער צו מיר, איך וויל דיך פיהלען אין מיינע אָרעמס. איך וויל שפירען אויב דו ביזט טאַקע א ווירקליכקייט.

קוקט ער מיך אָן מיט אומרו. רוף איך איהם ווייטער :

— נעהענטער, נעהענטער צו מיר, הארץ צו הארץ. איך וויל, דיין פרייד זאָל אין מיין נשמה אריינשטראָמען. איך וויל פיהלען דיין גליק, דיין ענטציקונג, דיין יום־טוב. איך וויל ברענען מיט דיין פייער.

— ווער זייט איהר ? — קוקט ער מיך אָן, — ווער זייט איהר ?

— איך בין דו. וואָלט איך ניט געווען, וואָלסטו אויך ניט געוועזן. קוק מיך ניט אָן אזוי ווילד. איך בין דו. וועל איך מעהר ניט זיין, וועסטו אויך פארשוואונדען ווערען. אָהן מיר ביזטו אן אונמעגליכקייט. מיר זיינען איינס.

פרובירט ער פון מיר אנטלויפען, לויף איך איהם נאָך, לאַ־כענדיג מיט וועהטאָג. פון מיין אייגענעם לאַכען כאַפּ איך זיך אויף, און איך פיהל, ווי אימיצער וואָלט מיך אָפּגעריסען פון מיין באָדען, איך פיהל זיך אזוי מאָדנע מיעד, אזוי מאָדנע שווער. זוך איך איהם ווייטער מיט מיינע געדאַנקען.

זעה איך נעסלאַך און גאַסען, ווייטע מאָדנע גאַסען. זעה איך הייזער, אלטע, צו־חורבה׳טע טענעמענט־הייזער. זעה איך סוועט־שעפּער, זעה איך איהם. מיין הארץ פארקלעמט פאר זיין שווער

לעבען, אָבער ער קוקט מיך אָן מיט אזא פרייען בליק. איך שפיר ווי זיין נשמה זינגט. וואונדער איך זיך. איך זעה איהם אויף מיטינגען, אויף פארזאמלונגען, אויף דעמאָנסטראַציעס. איך זעה ווי אין אַן אָרימענקען צימער זיצט ער און שרייבט, אזא ענטציקטער, אזא באגייסטערטער איז ער, אזא גלויביגער. טראכט איך: „זאָל דאָס אמת זיין? איז אָט דער טאקע איך? זיינען מירביידע טאקע איינס?"

שטילערהייט רוק איך זיך צו צו איהם נעהענטער. עס ווערט מיר ווארימער אויפ'ן הארצען. איך שפיר, אז אָט דער יונגערמאַן בין איך. און עס ווערט מיר לייכטער און לייכטער אויפ'ן הארצען.

איך פרעג איהם שטילערהייט:

— וואָס שרייבסטו?

— א סקיצע פאר'ן „פאָרווערטס".

— קריגסטו גוט באצאָלט?

— א סענט ניט, — לאַכט ער אזוי זאָרגלאָז.

— און פון וואָס מאַכט מען א לעבען?

— מען מאַכט ניט, — לאַכט ער, — מען מאַכט ניט.

— און רענט? — רייסט זיך פון מיין מויל ארויס א וואָרט, אזא וויכטיג־שווערער וואָרט. — און רענט?

— ווייס איך וואָס? — קוועטשט ער זאָרגלאָז מיט די פלייצעס און ציינט מיר אָן עפּעס אויף א שטיקעל פּאַפּיר, וואָס וואַלגערט זיך אויף א טישעל. איך גיב א קוק — עס איז א מוף־צעטעל אויף ז. ליבין'ס נאָמען. גיט מיר א ריס אין הארצען, און איך ווער שטארק צוטראָגען.

— וואָס איז? — קוקט ער מיך אָן, — וואָס איז?

— א מוף־צעטעל, — באַמערק איך מיט שרעק.

— נו, וואָס איז? עס איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער.

— און שפרה'לע, די ווייב? — פרעג איך.

— שפרה, — מאַכט ער, — שפרה איז שעהן און ליב און זיס.

— אָבער וואָס זאָגט זי וועגן דעם מוף-צעטעל!

— זי האָט עס אין דר׳ערד.

דערהער איך פון קיך שפרה׳ס זינגען. איך דערקען איהר זינגען. קוק איך אין קיך אריין, זעה שפרה׳ן, מיין שפרה׳ן, די אמאָליגע שפרה׳ן, ווי שעהן זי איז, ווי יונג, ווי מיך ציהט צו איהר!

זי איז מיט עפּעס שטארק ביזי. פרעג איך ביי ז. ליבין:

— וואָס טוט זי?

— פיקסט, פּרעסט, רייניגט מיין רעקעל. מאָרגען איז אן אונטערנעמונג פאר׳ן „פאָרווערטס". איז דאָך עפּעס א יום־טוב, און מעהר ווי איין סוטעל האָט מען דאָך ניט. נו, איז מיין שפרה ביזי.

רוק איך זיך צו צו דעם יונגענמאַן נעהענטער און נעהענטער, איך וויל איהם נאָכאמאָל זאָגען:

— ווייסטו, אז איך בין דו, און דו ביזט איך?...

נאָר די ווערטער קריכען פון מויל ניט ארויס.

פינף־און־דרייסיג יאָהר אריבער!

וואו זיין לעצטע רוה זאָל זיין

חלום׳ט זיך מיר — דערצעהלט שפּאַסיג א אידישער שרייבער וועגען זיינעם א חלום — אז איך בין געשטאָרבען. און איך דערפיהל מיך עפּעס אזוי גוט, לייכט, ווייל איך וויים, אז עס איז שוין א סוף מיט דעם שרייבען פעליעטאָנען. און איבערהויפּט איז מיר גוט אויפ׳ן הארצען דורך דעם, וואָס איך דאַרף מאָרגען ניט אָנשרייבען דעם נויטיגען פעליעטאָן.... פיהל איך זיך רוהיג און גוט. מיט אמאָל דערזעה איך זיך אין דער סאַמע רעדאַקציע פון דער צייטונג, וואו איך בין א מיטארבייטער. איך הער, אז אין רעדאַקציע איז א טומעל, און עס האַנדעלט זיך טאַקע וועגען מיר: מען באַשפּרעכט דאָ, נעמליך, ווי אזוי מיין צייטונג זאָל מעלדען וועגען מיין טויט. אז מען זאָל אָפּדרוקען מיין בילד, אין דעם זיינען אַלע איינשטימיג. אונזער מענעדזשער, וועלכער איז דאָך ניט קיין שרייבער, זאָגט, אז מען זאָל וועגען מיין טויט שרייבען א גאַנצען עדיטאָריעל, און דערצו זאָל מען נאָך אויף דער ערשטער פּיידזש געבען צוויי האַלבע קאָלומס אין דער ברייט, אין א שווארצער קעסטעל, אזוי, אז עס זאָל זיך וואַרפען אין די אויגען, אז אימיצער איז געשטאָרבען. דער „סטעף", דאָס הייסט, מיינע קאָלעגען פון דער רעדאַקציע, שווייגען צו. מען וויל זיך, הייסט עס, ניט אריינמישען. נאָר ביי איינעגע פּארקרימען זיך אביסעל די נעזער, וואָס דאָס מיינט, אז לויט זייער מיינונג, פאַרדין איך ניט אַזא גרויסען כבוד. דער רעדאַקטאָר, זעהט מען באַשיינפּערלאַך, איז אין א גרויסער פאַרלעגענהייט. ער וואָלט וועלען עפּעס זאָגען, נאָר ער שווייגט. מען זעהט, אז עפּעס דריקט איהם אויפ׳ן הארצען, נאָר ער געפינט ניט פאַר נויטיג צו רעדען. אָבער אָט פאַרבלייבט דער רעדאַקטאָר אליין מיט׳ן מענעדזשער, אויג אויף אויג, ווי מען זאָגט, און גלייך נעמט ער זיך אראָפּרעדען פון הארצען:

— פאַרוואָס ניט? פון מיינעטוועגען כאָטש צוויי גאַנצע קאָלומס אויפ׳ן ערשטען פּיידזש. פאַרוואָס ניט? איז דאָך אָבער די צרה וואָס ער איז ניט דער איינציגער. וועט דאָך ווערען א יארידעל,

וועט דאָך יעדער איינער פון אונזער סטעף וועלען צו צוויי קאָ־
לומס אויפ׳ן ערשטען פיידזש. און פאַרוואָס עפּעס נאָר צוויי קאָ־
לומס? ווען איהם וועט מען געבען צוויי קאָלומס, וועלען דאָך
אנדערע וועלען צו פיר און צו פינף קאָלומס. מ׳קען דאָך ניט,
ס׳דאַרף דאָך זיין א „לימיט״.

און נאָך א לאַנגען ישוב הדעת צווישען מענעדזשער און רע־
דאַקטאָר, בלייבט עס, אז מען זאָל מיר געבען א שוואַרצע קעסטעלע
מיט עטליכע שורות, און שוין... און פון דעם וואָס איך זעה און
הער, ווי אזוי מען באַהאַנדעלט דאָ מיין טויט, ווערט מיר עפּעס
אזוי שווער, אזוי וויסט אויפ׳ן האַרצען. בין איך דאָך אָבער גע־
ווען זייער פעליעטאָניסט, האָט מען, הייסט עס, אין גאַנצען אויף
מיר מיט׳ן האַנט, א פּנים, ניט געקענט אוועקמאַכען. האָט מען
עפּעס יע אראַנזשירט א שטיקעל קהל׳שע לויה. האָט מען מיך
אריינגעלייגט אין א נישקשהדיגען ארון, אין א נישקשהדיגען „פיר־
נעראַל פּאַרלאָר״, און מען האָט אנאָנסירט, אז צוויי שעה צייט וועט
דער עולם קענען קומען מיך אָנקוקען. האָט זיך אָן עולם א לאָז גע־
טאָן מיך אָנקוקען. מ׳דרעהט זיך ארום מיין ארון און מ׳קוקט מיר
אין פּנים אריין, ווי מ׳וואָלט מיך עפּעס געכאַפּט ביי א גנבה. איך
ליג און עם פּלאַצט ביי מיר די גאַל. הערט נאָר א חכמה, ווען מען
איז דאָס מיך געקומען אָנקוקען! ווען איך האָב געלעבט און האָב
אויסגעזעהן ווי א שטיקעל מענש, איז קיינער ניט געקומען מיך
אָנקוקען, פלעגט זיך די טיר ניט עפענען. און איצט, ווען איך בין
טויט און עס איז א פּחד מיך אָנצוקוקען, איז — גוט שבת!
איז מען געקומען מיך זעהן... טראַכט איך זיך, אז די,
וועלכע האָבען מיר אָפּגעטאָן אזא מין מעשה, זיינען מיר, א
פּנים, גאָר קיין פריינד ניט. ליג איך מיר אין מיין ארון, און עס
פּלאַצט ביי מיר די גאַל פאַר ערגערניש. נאָר וואָס קען איך זיך
העלפען? איך בין דאָך א טויטער, קען איך ניט מאַכען קיין
סקאַנדאַלען. ליג איך אין געהאַקטע צרות, און באַלד האָט זיך פאַר
מיר אָנגעהויבען א נייע אָפּקומעניש. מ׳האָט גאָר גענומען מאַכען
איבער מיר הספּדים. נו, ווי געפעלט אייך אזא מין קאָמעדיע?
הספּודים גאָר! נאָר וואָס קען, נעבאך, א טויטער טאָן? הער
איך זיך איין, אויף טשיקאַוועס, וואָס מען פּלאַפּעלט דאָ וועגען מיר.
ס׳הייסט אז איך בין געווען איינגעבאַקען אין זייערע הערצער, וועה
איז מיר! וואָס? ווער? וועמען? א נעכטיגער טאָג! מענשען האָ־

בען מיך ניט געקענט אָנקוקען, ווען איך האָב געלעבט. מ'האָט מיך באַרעדט, באַשימפּט, געמאַכט צו גאָרנישט. און די, וועלכע האָבען מיך ניט געהאַסט, האָבען גלאַט אזוי זיך ניט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען זיך מיט מיר. האָט כאָטש אימיצער אָט פון די אַלע הספּד-מאַכער ווען עס איז א טראַכט געטאָן אין מיין היים אריינצוקומען, זעהן ווי מיר לעבט זיך? ווייס איך וואָס! איך בין געווען פאר זיי, ניט וויכטיג גענוג. אָבער ווער האָט פאר זיי גע־קערט? ווּעמען האָט עס געאַרט? אָבער וואָס זיינען זיי מיט אמאָל געקומען מיך באַקלאָגען? מען וויל נאָר מאַכען אַן איינדרוק, אז עס איז זיי פּשוט געוואָרען א לאָך אין האַרצען. זאָל איך שטאַרבען, אויב זיי טראַכטען גאָר אפילו וועגען מיר! היינט זייערע רייד! עפּעס דערצעהלען זיי אַזעלכע ווילדע מעשיות! עס זאָל הייסען, אז מען איז מיט מיר געווען גאָר אדרבא ואדרבא. געווען גאָר גאַנצע בוזעם־פריינד. אוי, א וועהטאָג איז מיר.

אבער צו אַלץ קומט א סוף. גאָט צו דאנקען. עס האָבען זיך געענדיגט די הספּדים, מען האָט אין א מזל'דיגער שעה פאַר־קלאַפּט מיין ארון, און עס האָט זיך אָנגעהויבען מיין לויה. איך האָב אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. אוי, איך האָב גאָר ניט גע־וואוסט, אז די גרעסטע אָפּקומעניש, די שווערסטע גזרה קומט ערשט אויף מיין אומגליקליכען קאָפּ. הערט נאָר אַן אומגליק: ביי מיין לעבען האָט, דאכט זיך, יעדער איינער אנטקעגען מיר די נאָז פאררייסען. מ'האָט, דאכט זיך, מיר גאָר פאר קיין שרייבער ניט געהאַלטען. שטילערהייט, הינטער מיינע פּלייצעס, האָט מען ווער וואָס גערעדט וועגען מיר. און פּלוצלונג, נאָך מיין טויט, טוט מען מיר אָפּ א בייזען שפּיצעל, און מען באַגראָבט מיך צווישען שרייבער. איך האָב ניט געוואוסט וואָס מען געהט דאָ מיט מיר טאָן. דער ארון איז געווען צוגעמאַכט, האָב איך עפּעס גאָר ניט באמערקט, וואו מען לעגט מיך דאָ אוועק. דוקא צווישען שרייבער, הערט אַן אומגליק! וואָלט איך געוואוסט, וואָס פאר א טובה מען טוט מיר דאָ, וואָלט איך גאָר ניט געקוקט אויף דעם וואָס איך בין טויט, און איך וואָלט געמאַכט אַזאַ געוואלד, אז עס וואָלט ביי מיינע לויה־אראַנזשירער אָפּגענומען הענט און פיס פאר שרעק. האָב איך זיך אָבער עפּעס גאָר ניט געריכט אויף אַזאַ מין בראָך. און דאָ בין איך געווען צופרידען, וואָס די אפּקומעניש

מיט די הספדים האָט זיך געענדיגט. בין איך זיך געלעגען רוהיג, און אזוי האָט מען מיך באגראָבען צווישען שרייבער, און שוין !

מיט אמאָל איך דערהער, ווי עס רודערט זיך עפּעס ארום מיר... עפּעס טומעלט זיך, אזוי ווי אין דער קיבעצארניע, וואו עס קומען זיך צוזאמען די אידישע שרייבער. איך הער זיך צו. און איך דער־הער, אז מיינע שכנים אין די קברים, די שרייבער, טומלען זיך און קאָכען זיך. וואָס איז ? מ'איז שטארק ניט צופרידען וואָס מען האָט מיך באגראָבען צווישען זיי. עס שטעהט זיי ניט אָן !... איך בין ניט זייער גלייכען. און איך הער ווי עס קאָכט זיך :

— א סקאנדאל !

— ווער איז דער נייער שכן אונזערער ?

— ווער איז ער דען געווען ?

— וואָס אזוינס האָט ער געשאַפען ?

— ווער האָט איהם דען גענומען ערנסט ?

— עס איז א באליידיגונג פאר דער גאנצער אידישער ליטע־ראטור !

— ווי קומט ער צו אונז ?

—האָט מען איהם דען אמאָל געמאכט א יובילעאום ?

— אפילו אויף דער פּראָווינץ קען מען איהם ניט !

— ווער האָט איהם אין גאנצען געבעטען צו שטארבען ?

— ער האָט דען געלעבט, וואָס ער ערלויבט זיך צו שטארבען?

— נאָר ביי אידען קען עטוואָס אזוינס פאָרקומען !

— א סקאנדאל !

— הפקרות !

האָב איך שוין געוואוסט, וואו איך געפין זיך. און פרעגט שוין ניט, וואָס איך האָב איבערגעפיהלט... און ווען איך האָב נאָך צו דעם געוואוסט ביי זיך, אז איך קען פון דאנען ניט אנטלויפען, אז דאָ וועל איך שוין מוזען פארבלייבען אויף אייביג, האָב איך איבערגעפיהלט אמת'ע גיהנום־יסורים.

נאָר אָט האָט זיך אין מיין קבר באוויזען דער מלאך הדומה, און ער פרעגט מיר :

— ווער ביזטו ?

—ניט קיין שרייבער — האָב איך גענומען וויינען.

— ווי איז דיין נאָמען ? — פרעגט ער.

האָב איך זיך אָנגעכאַפּט ביי דעם מלאך הדומה'ס פליגעל און איך האָב זיך גענומען בעטען:

— טייערינקער מלאך, ליבינקער, הייליגער! איך וועל דיר זאָגען מיין נאָמען, פאַרוואָס ניט? איך וועל דיר אפילו זאָגען מיין אַלמנה'ס נאָמען. איך וועל דיר זאָגען די נעמען פון מיינע יתומים, וועלכע איך האָב נאָך זיך איבערגעלאָזען. איך וועל דיר אפילו זאָגען דעם נאָמען פון מיין לענדלאָרד. איך וועל דיר אפילו איבער־געבען די נעמען פון מיינע לויה־אַראַנזשירער, וועלכע האָבען מיך אַהער פאַרשלעפּט, אז „דערהאַרגעט" זאָלען זיי ווערען. איך וועל דיר אַלץ זאָגען, נאָר האָב אויף מיר רחמנות, און ראַטעווע מיך אַרויס פון דאַנען. דערבאַרעם זיך, מוף אַריבער מיין קבר. האָב רחמנות...

—וואוהין זאָל איך דיך אַריבערמופען? — פרעגט דער מלאך הדומה.

— דאָרטען, אויף יענער זייט בית־עולם, וואו עס געפינען זיך אַ סך, אַ סך קברים. זעהסט, איינפאַכע, פשוטע קברים, מיט גע־וועהנליכע, פשוטע מצבות. דאָרטען ליגען אַרבייטער, שניידער, שוסטער, סטאָליאַרעס, באַרבערס, בעקערס. נעם מיך אַריבער אַהין, צווישען זיי. דאָרטען וויל איך רוהען... צווישען זיי...

איך האָב זיך שטאַרק צואויינט, און פון מיין חלום זיך אויפ־געכאַפּט.

ראָמאַנטישע מעשה׳לאך

א באַצאָלטער ליבעס־חוב

(דערצעהלט פון א מיטעליאָהריגען מאַן)

איך און רייטשעל וואוינעןביידע אין ניו־יאָרק, און מיר באַגעגענען זיך גאַנץ אָפט. אמאָל קומט רייטשעל צו אונז צו־גאַסט. אמאָל קום איך צו איהר אין הויז. זי איז א פאַרהייראַטע פרוי. איך בין א פאַרהייראַטער מאַן, און אונזערע ביידענס פאַמיליעס פאַרהאַלטען זיך גאַנץ פריינדליך.

אין א געוויסען זומער האָב איך און רייטשעל זיך געטראָפען אין א באָרדינג־הויז, אין א שטעדטעלע ביים ברעג ים. איך בין אין דער באָרדינג הויז איינגעשטאַנען צוזאַמען מיט מיין פאַמיליע. רייטשעל איז געווען אליין. איך האָב געהאַט צוויי צימערען אויף דעם צווייטען עטאַזש. רייטשעל האָט געהאַט א קליינעם, ענגען צימערל פאַר זיך אליין אויף דעם ערשטען פלאָר.

אין א געוויסען פרימאָרגען בין איך פון מיין שלאָף אויפגעשטאַנען פריער ווי אלע מאָל. איך האָב געוואָלט זעהן, ווי די זון געהט אויף ביים ברעג ים. איך בין אויפגעשטאַנען, ווען עס האָט ערשט גענומען טאָגען. אין דער באָרדינג הויז איז געווען שטיל, ווייל אלע זיינען נאָך געשלאָפען. ווען איך בין איבער דעם אונטערשטען פלאָר געגאַנגען צו דעם אַרויסגאַנג דרויסען, איז מיר אויסגעקומען פאַרבייצוגעהן רייטשעלס צימערל. די טיר איז געווען עטוואָס אָפען. איך בין צוגעקומען נעהענטער. איך האָב דורך דער שמאָלער עפענונג געזעהן רייטשלען ליגענדיג אין איהר בעטעל. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי האָט זיך האַסטיג איבערגעדעקט מיט איהר „קווילט" און דערשראָקען געפרעגט:

— ווער איז דאָס?

— איך, רייטשעל, איך.

— קומט אריין!

בין איך אין רייטשעל'ס צימער אריין.

רייטשעל האָט מיך אָנגעקוקט מיט ברייט־אָפענע אויגען.

— איך זעה, אז די טיר איז אָפען, האָב איך אָנגעקלאַפּט —

האָב איך זיך גענומען פאַרענטפערען פאַר מיין צו פריענדיגען וויזיט.

—ס'איז א צרה מיט דער טיר דאָ, — האָט רייטשעל אויך פון איהר זייט פאַרענטפערט זיך — דאַכט זיך, איך מאַך איהר צו און שפּאַר צו, און עס עפענט זיך דאָך פון זיך אַליין.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו רעדען.

— זייט אזוי גוט, מאַכט צו די טיר — האָט רייטשעל ארויס־געצויגען א נאַקעטע האַנט פון אונטער דער קאָלדרע, און מיר אָנ־געצייגט אויף דער אָפענער טיר.

האָב איך די טיר צוגעמאַכט.

און רייטשעל איז געבליבען אזוי ליגען מיט א האלב-פאַרשלאָ־פענעם פריה־מאָרגען־שמייכעל אויף איהר פּנים.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, און איך בין געשטאַנען ווי א ליימענער גולם.

—וואָס זייט איהר אזוי פריה אויפגעשטאַנען? — האָט רייטשעל געפרעגט. האָב איך דערצעהלט, אז איך האָב געוואָלט זעהן ווי די זון געהט אויף ביים ברעג ים.

— די פרוי שלאָפט? — פרעגט רייטשעל.

— זי שלאָפט.

— די קינדער?

— אלע שלאָפען — האָב איך געענטפערט א קורצען ענטפער. פאַר עפּעס האָב איך זיך דערפיהלט ניט־היימלאַך איבער דעם, וואָס רייטשעל האָט וועגען מיין פרוי און קינדער דערמאָנט. און איך האָב ווייטער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

איך און רייטשעל זיינען אמאָל חברים געווען, געטרייע, הייסע חברים. מיר זיינען דאַן ביידע זעהר יונג געווען. רייטשעל איז געווען א מיידעל פון א יאָהר זיבעצעהן־אכטצעהן. זי איז געווען זעהר א שעהנע, און איך האָב איהר משוגע ליב געהאט, רייטשעל האָט אָבער נאָר א חבר'טע געוואָלט זיין צו מיר, ניט מעהר ווי א חבר'טע, און איך האָב איבער מיין ניט־גליקליכער ליבע זעהר געליטען.

איינמאָל, עס איז געווען אין א זומער־אבענד, רייטשעל האָט דאַן שטודירט אין א געוויסער רוסישער מיטעל־שולע, און זי האָט געוואוינט אויף א קווארטיר אין א קליינער, ענגער „קאָמנעטקע" איינע אליין — און אין אָט דעם זומער אָבענד בין איך געווען אין רייטשעל'ס קווארטיר, אין איהר באזונדער חדר'ל. מיר האָבען גע־

רעדט וועגן פארשידענע זאכען, ביז עס איז גוט נאכט געווארען. רייטשעל האט געוואלט אנצינדען דעם לאמפ, האט זי זיך געכאפט, אז אין לאמפ איז ניטא קיין טראפען קעראסין. זיינען מיר אזוי געבליבען זיצען אין דער פינסטער. רייטשעל האט זיך אויסגע־צויגען אויף איהר בעטעל. איך בין לעבען איהר אויף א שטול געזעסען. אין צימער האט אריינגעקוקט א שטילע, שעהנע, זילבער־ליכטיגע, כישוף'דיגע זומער־נאכט.

מיר דוכט זיך, אז איך פיהל נאך איצט ווי מיין הארץ האט אין מיר דאן שטארק און אויפגערעגט געקלאפט. אין דער זילבער־נער נאכט־ליכטיגקייט האב איך רייטשעל'ס זיסען פנים געזעהן. ווי שעהן זי איז געווען! איך האב געפיהלט ווי מיין אטעם פארכאפט מיר. האב איך זיך איבערגעבויגען איבער רייטשלען און איך האב מיינע ליפען צוגעדריקט צו איהר שטערען. איהר שטערען איז אזוי קאלט געווען. איך געדענק דעם איינדרוק... איך געדענק, און איך וועל דאס קיינמאל ניט פארגעסען.

— „פערעסטאן!" (הער אויף!) — האט רייטשעל מיר בלויז איין ווארט געזאגט, און איך בין געבליבען זיצען א פארלארענער, א צומישטער, א פארשוויגענער. איך האב געוואלט זאגען איהר, אז איך האב איהר משוגע־ליב. עס האט מיר אבער אויסגעפעלט מוט דעם מויל צו עפענען. נאר די ווערטער, וואס איך האב געגארט ארויסצוזאגען, האבען מיין הארצען געשטיקט. אין הארצען איז די ווערטער ענג געווען, האבען זיי זיך געריסען צום מויל צו. פלוצלונג איז מיר אין פנים זעהר הייס געווארען, און אין די שלייפען, אין די אדערען האט גענומען דאס בלוט קלאפען. מיר האט זיך גע־רוכט, אז איך בין ווי אין גאנצען טויב געווארען. און איך וויים אליין ניט ווי דאס האט פאסירט, נאר מיינע ליפען האבען זיך אויפ־געשלאסען און איך האב געהערט ווי איך רייד:

— ראכיל (מיר האבען איהר דאן ראכיל גערופען) — ראכיל, איך האב דיך אזוי משוגע ליב... ווען דו וואלסט וויסען, ווי איך שטארב נאך דיר!...

און איך האב איהר ארומגענומען און איהר געכאפט ווילד קושען. זי האט זיך האסטיג פון מיר ארויסגעריסען, אויפגעשפרונ־גען פון בעטעל, און זי האט מיר געהייסען איהר צימערל גלייך פארלאזען... איך בין אוועקגעגאנגען, און די שעהנע זומער־נאכט, וואס האט אזוי שטיל, אזוי זיס אין ראכיל'ס חדר פריהער א ווילע אריינגעקוקט און מיך גערייצט צו טאן, וואס איך האב געטאן —

דיזעלבע נאַכט האָט מיך יעצט באַגעגענט מיט אַ שפּאָטישען גע־לעכטערל. פּאַר אַלעמען איז די נאַכט געווען אַ מילדע, אַ קיהלע, נאָר מיך האָט די נאַכט געבריט און געברענט, ווי מיט אַ העלישען פייער.

אַ סך, אַ סך יאָהרען זיינען אַריבער זייט יענער נאַכט. צעהנד־ליגע יאָהרען זיינען אוועק און ערגעץ פאַרשוואונדען געוואָרען. איך האָב געליבט אַנדערע מיידלאַך און מיט איינער פון מיינע געליבטע האָב איך חתונה געהאַט. און עס זיינען אוועק אַ סך, אַ סך יאָהרען. רייטשעל האָט אויך געהייראַט. זי האָט געהייראַט איינעם, וועמען זי האָט ליב געהאַט מעהר פון מיר. אַ לעבען אַריבער, איצט איז רייטשעל אַ מאַמע פון דערוואַקסענע קינדער. אַ זוהן האָט שוין חתונה געהאַט. רייטשעל איז שוין אַ באָבע. ניט קיין איבעריגס גליקליכען לעבען האָט זיך רייטשעלען אָפּגעלעבט. איהרע קינדער זיי־נען אויסגעוואַקסען שוואַכע, קרענקליכע. די ליבע צו איהר מאַן איז שוין לאַנג, לאַנג פאַרשוואונדען געוואָרען. צרות איז איהר גע־בליבען, צרות און אַ שווערער לעבען. שווער איז איהר פון איהרע קינדער, שווער און ביטער איז איהר פון איהר מאַן. און רייטשעל איז ניט אין איהר בעסטען געזונט. און געקומען איז זי אהער צום ברעג ים אויף אַ פּאָר וואָכען צייט אָפּרוען זיך. אפשר אביסעל צו זיך קומען. אפשר כאָטש אביסעלע שטאַרקער ווערען, אביסעלע געזינטער ווערען. און אָט שטעה איך נאָך אַמאָל אין רייטשעל׳ס „קאָמנעטקע”, זי איז דאָ איינע אליין. רייטשעל, מיין אַמאָליגע ראַכיל!

און אַזוי שטעהענדיג אין רייטשעל׳ס צימערל, האָט זיך מיר דערמאָנט אָן יענער נאַכט, יענע זומער־נאַכט, ווען מיין נשמה איז מיר אויסגעגאַנגען פון ליבע צו איהר, און ווען זי האָט מיך פון איהר „קאָמנעטקע” אַרויסגעטריבען. און איך זאָג צו איהר:

— רייטשעל, איהר געדענקט, אַמאָל, אַמאָל, אין אַ זומער־נאַכט, ווען איך בין מיט אייך אין אייער חדרל פאַרבליבען?

— יעס, איך געדענק — ענטפערט רייטשעל.

— איך האָב אייך געבאָפּט קושען.

— און איך האָב אייך געהייסען געהן, — שלאָגט מיך איבער רייטשעל.

— ווי שלעכט איהר זייט געווען, רייטשעל!

און איבער רייטשעל׳ס פּנים צושפּרייט זיך אַ שמייכעל. מיר דוכט זיך, אַזאַ ליכטיגער שמייכעל, אַ שמייכעל, וואָס מאַכט יונג

אויף א ווילע, א שמייכעל, וואָס מאַכט א באַבען פאַר א שעהנער, יונגער מיידעל...

און מיר האָבען זיך ביידע לאַנגזאַם אָנגעקוקט. רייטשעל'ס בליק האָב איך געפיהלט ביי זיך אין הארצען, און ס'איז געווען קענטיג אז מיין בליק איז געווען ביי רייטשלען אין הארצען. איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול לעבען איהר בעטעל, און מיר האָבען ביידע געשוויגען.

לאַכענדיג, זאָגט צו מיר רייטשעל:

— נו, איהר דאַרפט דאָך געהן זעהן ווי די זון געהט אויף.

איך האָב זיך פון אָרט ניט גערירט, און איך האָב צו איהר געזאָגט:

— דו וועסט דאָך מיך ניט ארויסטרייבען, ווי אמאָל, ראַכיל!

— „ראַכיל!" — האָט רייטשעל עטליכע מאָל פאַרטראַכט איי־בערגערעדט איהר אמאָליגען נאָמען — „ראַכיל"... און איהרע ברייט־אָפענע אויגען האָבען מיך לאַנגזאַם אָנגעקוקט, און זי האָט געמורמעלט: — „ראַכיל"... יעס, געווען אמאָל א „ראַכיל"...

איך האָב זיך איבער רייטשלען אָנגעבויגען, און האָב איהר אויפ'ן שטערען א שטאַרקען קוש געטאָן... זי איז געבליבען ליגען באַוועגלאָז, ווי א פאַרגליווערטע. און איך מורמעל צו איהר:

— ראַכיל, דיין שטערען איז אזוי קאַלט, ווי ער איז געווען אין יענער נאַכט...

וויל איך איהר נאָך אמאָל א קוש טאָן. האַלט זי מיך אָפּ:

— די טיר קען זיך עפענען.

— זי איז צוגעמאַכט, ראַכיל, גוט צוגעמאַכט.

— זי עפענט זיך פון זיך אליין. נעמט די שטול און שפאַרט אונטער.

איך האָב דאָס געטאָן. איך בין געבליבען שטעהן ביי רייט־שעל'ס בעטעל, ווייל עס איז ניט געווען מעהר ווי איין שטול אין איהר חדרל. האָט זי זיך אין איהר בעטעל אביסעל אָן א זייט אָפּ־גערוקט, און איך האָב זיך לעבען איהר אוועקגעזעצט.

— ראַכיל... — האָב איך צו איהר געמורמעלט — ראַכיל...

— ניין, מיין טייערער... — האָט זי שטיל גערעדט — ניטאָ מעהר „ראַכיל"... ס'איז דאָ א רייטשעל... א קראַנקע, א פאַרעל־טערטע, אַן איבערגעבראָכענע פון א שווערען, שווערען לעבען...

אין איהרע אויגען האָבען טרערען געפינקעלט.

איך האָב זיך צו איהר אָנגעבויגען און מיט א ברעג פון לײלאך די טרערען פון איהרע אויגען אויסגעווישט.

זי האָט מיך אָנגעקוקט פול מיט ליבע, פול מיט הייסער צערט־ליכקייט.

— ראכיל, אפשר וואָלט בעסער געווען, בעסער פאר אונז ביי־דען, ווען דו וואָלסט מיר יענע נאכט פון דיין צימער נ י ט גע־הייסען געהן.

— אפשר...

און איך האָב איהר געקושט, הייס, גליענד. זי איז געלעגען באוועגלאָז, בלויז איהר ברוסט אונטער דער „קוווילט" האָט גע־אָטעמט שטארק און אויפגערעגט.

— נעם מיך ארום, ראכיל...

און איך האָב איבער מיין האלז איהרע אָרעמס דערפיהלט.

— קוש מיך, ראכיל, באצאָל מיר אן אלטען חוב.

זי האָט געשמייכעלט און מיך געקושט.

— שטארקער, ראכיל, באצאָל מיט פראָצענטען!

און זי האָט מיך שטארקער און שטארקער געקושט.

* * *

— אוי, מען שטעהט שוין אויף — האָט זיך רייטשעל א כאפ געטאָן.

— יעס, מען שטעהט שוין אויף — האָב איך געזאָגט — די באָרדערס לאָזען זיך שוין הערען.

— עפענט אויף אביסעלע פאָרזיכטיג די טיר. פאסט אויף, אויב אימיצער איז אין קאָרידאָר... פאסט אויף, אז קיינער זאָל נים באמערקען און כאפט זיך שטיל ארוים — האָט רייטשעל געמור־מעלט.

— יעס, ראכיל... יעס, ראכיל...

און איך בין פאָרזיכטיג פון רייטשעל׳ס חדרל ארוים.

איך האָב זיך פארקערט צום ים צו, זעהן ווי די זון געהט אויף ביים ברעג ים. די זון איז שוין אבער געווען ארוים פון ים. העכער, איבער׳ן הימעל, האָט זי זיך אויפגעהויבען, און איך איז מיר אנטקעגנען געקומען, און מיר האָט זיך געדוכט, אז די פרימאָרגען־זון קוקט מיך אָן און ווינקט צו מיר שטיפעריש:

— האָסט זיך פארשפעטיגט, חברה־מאן!...

און אין מיין טיפען הארצען האָט אָפגעענטפערט:

— יאָ, אויף א סך, אויף א סך יאָהרען פארשפעטיגט זיך...

ס׳איז געווען ביי איהם אַזאַ מין שיכרות

מען האָט געוואוסט אין אונזער זומער־האָטעל, אז גוירט און סאול זיינען חתן און כלה.

גוירט האָט קיינמאָל און פאר קיינעם סאול׳ן ניט פאָרגעשטעלט אלס איהר חתן אָדער אלס איהר „באָי־פרענד״, אזוי ווי מען דריקט זיך אויס אין אונזער אמעריקע; און ווען עס פלעגט יע קומען איהם פאָרצושטעלען, פלעגט זי זיך אויסדריקען גאנץ איינפאך:

— „מיט מיסטער סאול פּראַילאָק״.

און וואָס איז שייך סאול׳ן, איז עפּעס קיינמאָל ניט אויסגעקומען, אז ער זאָל גוירט׳ען פאר אימיצען פאָרשטעלען. האָט מען ניט געקענט וויסען, צי ער באַטראַכט זי אלס זיין כלה, צי ניט, פון דעסטוועגען האָט מען אין אונזער זומער-האָטעל פאָרט געוואוסט, אז סאול און גוירט זיינען חתן־כלה.

קיין פאָרלאָבונגס־רינג האָט גוירט ניט געטראָגען, דאָס האָט געקענט דינען אלס באַווייז, אז זי איז גאָר ניט פאַרלאָבט. האָט מען אָבער געוואוסט וועגען גוירטי׳ן, אז זי איז א מיידעל א פריי־געזאָגענע, א העכסט־מאָדערנע. איז מען געווען זיכער, אז זי האלט ניט פון אזעלכע זאַכען, ווי טראָגען א פאָרלאָבונגס־רינג, און מען איז אויך געווען זיכער, אז כאָטש זי טראָגט טאַקע ניט קיין פאָר־לאָבונגס־רינג, פונדעסטוועגען איז זי יע פאַרלאָבט, און סאול פּראַילאָק איז טאַקע איהר חתן.

פון וואַנען־זשע האָט מען זיך פאָרט גענומען, אז סאול און גוירט זיינען חתן־כלה? עס זיינען געווען באווייזען, עס זיינען געווען סמנים. סאול איז אָנגעקומען אין אונזער האָטעל, ווען גוירט איז שוין דאָ געווען ביי א וואָך צייט. ער איז געקומען צו איהר אלס גאַסט. מען האָט איהם אוועקגעזעצט אין דיינינג־רום ביי א טיש לעבען גוירטי׳ן, נאָך בעסער, לעבען דער זעלבער גוירטי׳ן איז פריהער ביים טיש געזעסען א צווייטע פריילין, האָט מען אָט די צווייטע פריילין איבערגעזעצט צו א צווייטען טיש, און אויף איהר אָרט האָט מען אוועקגעזעצט דעם זעלבען סאול׳ן. האָט מען שוין גלייך איינגעזעהן, אז גוירטי׳ס גאַסט מוז זיין איהר חתן.

געוועזן נאָך און נאָך א סך סמנים: ווי נאָר סאָול איז אָנגע־קומען אין אונזער האָטעל, איז גוירט דעם גאַסט אנטקעגנגען געקו־מען. עס איז טאַקע אמת געוועזן, אז גוירט האָט זיך מיט איהר גאַסט בלויז ארומגענומען און ניט געקושט זיך, אזוי ווי עס טוען דאָ געוועהנליך אונזערע פריילינס, ווען עס קומען צו זיי צו גאַסט זייערע „סוויט־האַרטס".

וואָלט מען טאַקע געקענט מיינען, אז גוירט האָט זיך ניט גע־וואָרפען קושען צו איהר גאַסט, ווייל ער איז ניט איהר חתן, נאָר גוירט איז ניט פון די מיידלאך, וואָס וועלען זיך וואַרפען קושען אפילו אן איינענעם חתן. יעדענפאַלס האָט גוירט באַגעגענט איהר גאַסט מיט א גאַנץ פריינדליכען שמייכעל.

גוירט האָט איהר גאַסט אריינגענומען אין אָפיס פון האָטעל, מען האָט דערצעהלט, אז פאר דער אָפיס־מיידעל האָט טאַקע גוירט פאָרגעשטעלט איהר גאַסט, אלס איהר "באָי־פרענד", און אָט ווי דאס איז פאָרגעקומען:

ווען גוירט און איהר גאַסט זיינען אזוי געשטאַנען ביים דעסק פון דעם אָפיס, האָט זי איהם פאר דער אָפיס־מיידעל פאָרגעשטעלט:

— מיין גאַסט, סאָול פּראַילאָק.

— „יור באָי־פרענד", גוירט? — האָט בעקי, אונזער חנ'עווי־דיגע אָפיס־מיידעל, געפרעגט מיט איהר געוועהנליכען זיסען שמיי־כעל.

— „יו סעד איט"! — האָט גוירט אויך שמייכלענדיג געענט־פערט.

האָבען אייניגע מיידלאך און בחורים פון אונזערע געסט באַ־מערקט וועגען דער געשיכטעלע אין האָטעל־אָפיס:

—ווען גוירט האָט בלויז געענטפערט „יו סעד איט", הייסט דאָס נאָך ניט, אז זי האָט צוגעגעבען, אז סאָול איז איהר חתן.

האָבען אָבער אנדערע מיידלאך און בחורים געזאָגט:

— ווען גוירט האָט גלייך אויפ'ן אָרט ניט אָפּגעלייקענט, אז סאָול איז איהר „באָי־פרענד", איז טאַקע א באַווייז, אז ער איז יע איהר חתן. וואָרים זי איז אַזאַ מיידעל, וואָס וואָלט גאָר ניט מורא געהאַט אָפּצולייקענען א באַהויפּטונג.

יעדענפאַלס, נאָכ'ן רעדזשיסטרירען זיך אין אָפיס, ווען דער גאַסט האָט נאָך זיין אייגענעם רום ניט געהאַט, האָט גוירט איהם אריינגענומען אין איהר רום, וואו ער האָט זיך איינגעוואַשען און

זיך איבערגעטאָן. גוירט איז אויך אין איהר רום פאַרבליבען. וועגען דעם איז שוין ניט געוועןקיין צווייפעל, וועגען דעם האָבען אַלע געוואוסט, איז מען טאַקע זיכער געווען, אַז גוירט און סאַול זיינען חתן און כלה.

גוירט איז געווען א מיידעל א קליין־געוויקסיגע און גאָר ניט קיין מיאוסע ברונעטקע. זי האָט אין אונזער האָטעל שטאַרק אויס־געגומען, ניט אַזוי מיט איהר שעהנקייט, ווי מיט איהרע אנדערע מעלות. זי איז געווען אַזאַ קלוגע, אַזאַ פאַרשטענדיגע. וועגען וואָס פאַר אַן ענין מען האָט מיט איהר ניט פאַרפיהרט א געשפּרעך, איז זי געווען ווי ביי זיך אין דער היים, מען האָט געקענט זעהן, אַז זי איז געבילדעט און גוט באַלעזען.

סאַול איז געווען א בחור א שעהנער, א געוויקסיגער, א קרעפּ־טיגער. האָבען איהם מיידלאַך אָנגעקוקט, פּלעגען זיי בלייבען ווי פאַרשמעליעטע. אָבער ער איז געווען אַזאַ פּשוטער, אַזאַ איינפאַ־כער יונג, מען האָט געזאָגט וועגען איהם, אַז אין ניו־יאָרק ארבייט ער אין א בוטשער־סטאָר.

א וואָך צייט איז סאַול פאַרבליבען אַלס גאַסט אין אונזער האָטעל. אַלעמאָל האָט מען איהם געזעהן אינאיינעם מיט זיין כלה. ער האָט איהר אַלעמאָל נאָכגעפאָלגט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען איהר שאָטען. ער איז אַלעמאָל געווען אַזאַ שטילער, אַזאַ צוריק־געצויגענער. זעלטען ווען ער האָט מיט ווּעמען עס איז א וואָרט אויף א וואָרט פאַרביטען, עפּעס ווי אויסער זיין גוירטי'ן וואָלט פאַר איהם גאָרנישט עקזיסטירט.

די גרעסטע איבעראַשונג איז סאַול, אָט דער שעהנער קרעפּ־טיגער יונג, געווען פאַר אונזער ארומיגער פרויען־וועלטעל. ניט אַכטענדיג אויף דעם, וואָס מען האָט איהם אַלעמאָל געזעהן אין זיין כלה'ס געזעלשאַפט, האָבען מיידעלאַך און ווייבעלאַך געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר געלעגען אין זייערע קרעפטען, צו ציהען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. מען האָט זיך צו איהם געקלעפּט, געוואָרפען אויגעלאַך צו איהם, געמאַכט צו איהם „וואָרעמינקע״ חנ'דעלאַך, גערופען איהם, געמאָנט ביי איהם שטום מיט שרייענ־דיגער פלייסיגער נאַקעטקייט. עס האָט אָבער די שעהנע ווייבעלאַך און רייצענדע מיידעלאַך גאָרנישט געהאָלפען. ער האָט זיך אויף זיי אַלעמען אפילו אומקוקען ניט געוואָלט. און זיין פרומע באַשיי־דענהייט איז געווען ווי א דאָרן אין די אויגען פון דעם ארומיגען שעהנעם געשלעכט.

אוועקגעפֿאָרען זיינען גוירט און סאול, אוועקגעפֿאָרען איז מען אינאיינעם, אזוי ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר חתן און כלה. איז אריבער א קורצע צייט, און מיר האָבען געהאַט א גאַסט אין אונזער האָ־טעל. דער גאַסט איז געווען טאַקע ניט קיין אנדערער, ווי דער זעלבער שעהנער בחור, מיסטער סאול פּראַילאָק. געקומען איז ער אליין אָהן זיין כלה.

און וואָס פֿאַר א פֿאַרענדערונג עס איז מיט דעם בחור פֿאָר־געקומען! וואו איז אהינגעקומען זיין שטילקייט? ווי ער איז נאָר ארויס פֿון דעם האָטעל־אָטאָמאָביל, וואָס האָט איהם פֿון דער טרעין געבראַכט, האָט ער יעדען איינעם אָפּגעגעבען א ברייטען „העלאָו"! און וואָס פֿאַר א באַרעדעוודיגער ער איז געוואָרען! פֿרעגט זיך נאָר אויף יעדען איינעם און אויף יעדער איינער, דערצעהלט וועגען זיין רייזע, וועגען ניו־יאָרק. ס'האָט זיך דעם יונגענמאַן זיין מויל אזוי געעפֿענט, עפּעס ווי עס וואָלט זיך גאָר ניט געוואָלט צומאַכען.

רעדזשיסטרירט זיך אין אָפֿיס האָט ער מיט אזא ברייטקייט, מיט אזא פֿרייקייט, עפּעס גאָר ניט דער שטילער נעבעכעל, ווי ער איז געווען, ווען ער איז געקומען צוגאַסט צו זיין כלה. געפֿאָדערט האָט סאול א צימער, אז עס זאָל זיין נאָר פֿאַר א י ה ם א ל י י ן, געקראָגען אזא צימער, האָט ער זיך אויסגעפּוצט אזוי יום־טוב'דיג, אזוי שרייענד, און אָט איז ער שוין דרויסען און איז שוין „דזשאַני אָן די ספּאָט". און ווי ער וואַרפֿט זיך דאָס צו די ווייבלאַך, צו די מיידלאַך! עס ברענט פֿון איהם די וועלט. וואו איז אהינגעקו־מען זיין באַשיידענהייט? ניט צו דערקענען איהם. אזא וואוילער יונג געוואָרען!

האָבען זיך ווייבלאַך און מיידלאַך עפּעס אויך פֿאַרענדערט. מען איז גאָר קאַלט צו איהם. אנדערע שטופּען איהם אָפּ גאַנץ איידעל, און אנדערע ניט איבעריגס איידעל, און כסדר פֿרעגט מען איהם:

— וואו איז גוירט?

— וואו איז די סוויטהאַרט"?

— פֿאַרוואָס עפּעס אליין געקומען?

— „הו קערס"? (ווּעמען אַרט עס) — מאַכט סאול מיט די הענט אוועק. דער שעהנער געשלעכט קערט זיך אָבער פֿון איהם אָפּ, און צווישען זיך רעדט מען זיך דורך וועגען דעם פֿאַרענדערטען בחור:

— אָהן זיין גוירטי׳ן איז ער גאָר א גאַנצער העלד!

— ווען זי איז דאָ געווען, איז ער געווען אזא פּרומינעסער, גאָר אויף קיינעם ניט געוואָלט א קוק טאָן.

— ווי פון א תליה האָט ער זיך אָפּגעריסען.

— איצט, ווען די קליינטשינקע מיידעלע זיינע איז ניטאָ אויף די אויגען, איז ער א רעגעלער מזיק.

— און ווען ער וועט קומען אהיים, וועט זיך טרעפען מיט זיין גוירטעלען, וועט ער דערצעהלען מעשיות, אז ער איז דאָ געווען דער זעלבער צדיק, ווי ער איז געווען דעם ערשטען מאָל, ווען דער חתן׳־דעל איז געווען א גאַסט ביי זיין כלה׳לע, און האָט גאָר אויסער זיין גוירטעלען די וועלט ניט געוואָלט אָנקוקען.

— האָט מען איהם פּאַרפּאַקט!

— ער קען דאָ קיינעם ניט נאַרען!

און דער שעהנער געשלעכט האָט פון סאול׳ען נקמה גענומען, קאַלט ווי אייז איז מען צו איהם פאַרבליבען.

סאול קלעפּט זיך צו די פרויען, צו די מיידלאך, ער איז ווילד, ווי א פלאַם פייער ברענט ער. אָבער מען וויל פון איהם ניט וויסען, מ׳לאַכט פון איהם, מען שפּאָט פון איהם, מיט אזא גיפט, מיט אזא ביטערקייט, און עס איז געווען שלעכט מיט סאול׳ן, זעהר שלעכט.

האָט מען זיך דערוואוסט אין אונזער האָטעל, אז סאול איז ניט געקומען אהער פּאַראַטען זיין כלה, אז ער איז גאָר געקומען אהער פּאַרטרינקען זיינע צרות, ווייל זיין גוירטעלע האָט גאָר איהם פּאַראַטען. האָט מען זיך דערוואוסט, אז גוירטי׳ן איז דער שידוך ניט אָנגעשטאַנען. זי איז א געבילדעטע, און ער איז אזא איינפאַ־כער בחור. זי האָט געפונען אין ניו־יאָרק א יונגען מאַן, וואָס איז איהר גלייכען, האָט זי מיט דעם סאול׳ן גלייך כפּרות געשלאָגען. איז ער געקומען אהער זיינע צרות פּאַרטרינקען.

דערצעהלען דעם אמת שעהמט ער זיך. איז ווען מען פרעגט איהם וועגען זיין גוירטי׳ן, וועגען זיין כלה, גיט ער ניט קיין קלאָרען ענטפער, און זיין וועהטאָג שלינגט ער טיף אין הארצען ארונטער. דערהערט אזא געשיכטע, האָט דער שעהנער געשלעכט גאָר אנדערש גענומען רעדען:

— אזוי, איז זי גאָר די יחסנ׳טע!

— אזא גוואלדיגע מיצאצע!

— מען האָט טאַקע געקענט זעהן, אז זי שעהמט זיך מיט

איהם, אז ווען זי איז מיט איהם, געהט זי ארום מיט א פארריסע־נער נאז.

— זי האט דאך איהם טאקע קיינמאל ניט פארגעשטעלט אלס איהר חתן. עס איז איהר ניט אנגעשטאנען איהר באבעס יחוס.

ווען אונזער שעהנער געשלעכט האט זיך דערוואוסט, וואס עס איז געשעהן, אז סאול איז גאר געקומען פאר צרות שיכור'ן, האט זיך דעם באטראגענעמס חתן'ס מערכה אינגאנצען געביטען. ווייב־לאך און מיידלאך זיינען אין זייער בארמהערציגקייט „רעגעלע בארטענדערינס" געווארען און מען האט איהם געגעבען טרינקען, געלאזען איהם שיכור'ן, וויפיל זיין הארץ האט איהם געגלוסט, ווי־פיל ער האט נאר געקענט פארטראגען.

סאול האט גע'שיכור'ט ,סאול האט פארטרונקען זיינע צרות. דער ים איז איהם געווען ביז די קני! סאול איז קיינמאל ניט ניכ־טער, א צוויאכמערטער, א צוהיצטער, איז סאול אלעמאל אין ווײ־בערשער געזעלשאפט. ער זינגט, ער לאכט, ער ריטשעט, וועלטען ברענט ער. ער איז אלעמענס געליבטער...

דאך איינמאל האט מען געזעהן, ווי דער שיכור־סאול וואנ־דערט ארום איינער אליין ווייט הינטער די טענטס איבער דעם שמאלען פארוואָרפענעם וועגעל, וואס שליינגעלט זיך און קריכט דורכ'ן וואלד. סאול קוקט אוים ווי א משוגענער, מורמעלט צו זיך אליין :

— אוי, גוירט, גוירט, אז דער'הרג'עט מעגסטו ווערען, ווי דו האסט מיך דער'הרג'עט...

און מען האט געהערט ווי ער האט זיך צוואויינט...

דער צווייטער אָוונט

ס׳איז געווען דער ערשטער טאָג, ווען אדעלין איז געקומען צופאָרען אין דעמזעלבען זומער־רעזאָרט, וואו איך האָב מיין „וועקעישאָן" פארבראכט, — אזוי דערצעהלט מר. מערלין, א שווארצחנ׳עווודיגער בחור פון א יאָהר אכט און צוואנציג, וועגען זיינער אן אינטערעסאנטער ראָמאנטישער ערפאהרונג. — ס׳איז געווען די ערשטע נאכט, וואָס אונז ביידען איז אויסגעקומען צו פארבלייבען אליין)אין שטילער איינזאמקייט אין א וועלדעל ביים צווייטען ברעג פון אונזער שעהנעם ווייטען „לעיק", און איך וועל אָט די נאכט קיינמאָל ניט פארגעסען.

אדעלין איז געקומען, ווען מען האָט אין אונזער האָטעל שוין געגעסען דינער. דער אויפפאסער איבער דעם דיינינג־רום האָט אדעלין געוואָלט אוועקזעצען ביי א געוויסען טישעל. ווען איך האָב זי דערזעהן, האָב איך שוין אויסגעפיהרט, אז מען זאָל זי אוועקזעצען ביי מיין טיש לעבען מיר. ווי איך האָב זיך דאָס דערפרעהט מיט אדעלינ׳ס קומען! דעם גאנצען טאָג האָבען מיר אייגער פון צווייטען ניט אָפּגעטראָטען. מיר האָבען פארבראכט און האָבען גערעדט, אזוי ווי עס פארברענגען און ריידען געוועהנליך צוויי גוטע פריינד, צוויי גוטע חברים, ווען זיי טרעפען זיך אין א זומער־האָטעל.

דער ערשטער טאָג איז אריבער. עס איז געוואָרען נאכט, א זומער־נאכט אין די בערג, א נאכט פול מיט כשוף, פול מיט ברענענדע סודות. **איז אויסגעקומען אזוי, אז איך און אדעלין האָבען** פארוואנדערט אין וועלדעל ביים צווייטען ברעג פון אונזער לעיק. איז וויים איך ניט, וואָס מיט מיר איז געווארען. עפעס האָב איך זיך איינגאנצען פארלאָרען. ניט אנדערש ווי איך בין משוגע געוואָרען.

אין דעם האָטעל, וואו איך בין דעם זומער איינגעשטאנען, האָב איך זיך געפיהלט ניט איבעריגס היימליך. די „קראוד" פון אונזער האָטעל איז מעהרסטענס באשטאנען פון א ראדיקאל-געזאָנענער יוגענט. זיי האָבען גערעדט רוסיש. די אייביגע טעמע פון

זייערע געשפּרעכען איז געווען וועגן סאָוועט־רוסלאַנד. איך אליין בין א לעהרער פון העברעאיש, איך בין אידיש־נאַציאָנאַל געשטימט. האָט אונזער קראַוד זיך מיט מיר געהאַלטען פון דער ווייטען, און איך האָב זיך געפיהלט פרעמד און עלענד.

אַדעלין איז אויך א לעהרערין פון העברעאיש. אָפּט פלעגען מיר זיין אָנגעשטעלט אלס לעהרער אין איין און דער זעלבער שול, האָבען מיר זיך ביידע געקענט פאר א לאַנגער צייט, דערפאר האָב איך זיך אזוי דערפרעהט, ווען זי איז געקומען צופאָרען אין אונ־זער האָטעל. איך און אדעלין זיינען גוטע פריינד, צוויי געטרייע חברים, אָבער ניט מעהר ווי דאָס. זי איז אפילו גאָר ניט קיין מיאוס׳ע מיידעל, דאָך קען איך שווערען, אז איך האָב זי קיינמאָל ניט באַטראַכט אזוי ווי אַ מאַן באַטראַכט א פרוי, און עס וואָלט מיר קיינמאָל אפילו אין די געדאנקען ניט אריין, אז צווישען אונז ביידען קען פּאָרקומען דאָס, וואָס איז י אָ פּאָרגעקומען.

א גאַנצען טאָג האָב איך מיט אדעלין פּאַרבראַכט אזוי ווי עס פארברייננגען געוועהנליך צוויי געטרייע חברים. אין אבענד נאָך סאַפּער האָבען מיר גענומען א שיפעל און מיר האָבען זיך אוועק־געשיפט איבער אונזער לעיק. זיצענדיג אין שיפעל, האָבען מיר גערעדט וועגן אונזער פּראָפעסיע, וועגן באַקאַנטע פערזאָנען, און אלץ איז געווען ווי געוועהנליך. ווען מיר זיינען אזוי צוגעשוואומען צום צווייטען ברעג, איז שוין די זון פארגאַנגען. עס האָט גענומען נאַכט ווערען. גרויסע שטערען, אזוי ווי מען זעהט דאָס נאָר אין די בערג, האָבען זיך גענומען שפּרייטען איבער דעם קלאָר־בלאָען הימעל. אלץ ארום איז אזוי שטיל געווען. ווי איך האָב אזוי אָנגע־קוקט אדעלין, האָט זיך מיר אויסגעדאכט אז זי איז אויסערגע־וועהנליך שעהן. איך האָב געשפּירט ווי א וואַרימע אויפרעגוננ באַהערשט מיך. מאָדנע רעיונות האָבען זיך אין קאָפּ גענומען שפּאַרען. איך האָב ניט געקענט ריידען. און אזוי אנטשוויגען בין איך ארויס פון שיפעל צום וואַלדיגען ברעג.

— ס׳איז שוין נאכט, לאָמיר צוריקגעהן, — האָט אדעלין באַ־מערקט.

— מיר וועלען זיך אביסעל אָפּרוהען, וועלען מיר צוריקגעהן, — האָב איך געענטפערט, און אדעלין איז אויך פון שיפעל ארויס־געקומען. איך האָב דאָס שיפעל צוגעבונדען צו אן איינגעפאַלענעם בוים, וואָס איז געלעגען ביים סאַמע ברעג פון טייך און מיר האָבען

ביידע אין וועלדעל אריינגעשפּאַצירט. מיר האָבען ביידע געשוויגען. מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. איך האָב אדעלין אַרום איהר טאַליע אַרומגענומען, און אַזוי זיינען מיר צוזאַמען געגאַנגען. איך האָב דעם אָרט געוואוסט, ווייל איך בין שוין דאָרט אַ פּאָר מאָל געווען. בין איך צוגעקומען צו אַ באַנק, וואָס איז דאָ געווען איינגעפּיקסט, און מיר האָבען זיך אַוועקגעזעצט. ווידער האָב איך אדעלין אַרומגענומען. זי האָט מיך אָנגעקוקט און האָט זיך פון מיין אומאַרמונג באַפרייט.

איך האָב געשוויגען. הייסע ליבעס-געדאַנקען האָבען זיך אין קאָפּ געשפּאַרט. איך האָב עפּעס ווי מעהר ניט געוואוסט ווער איך אליין בין און ווער אדעלין איז. זי האָט מיך געריייצט אַלס פרוי, און איהר נאָהעטקייט האָט געצונדען מיינע בלוטען. איך האָב זי אַרומגענומען מיט אַ ווילדער קראַפט.

— וואָס איז מיט דיר, מערלין, ביזטו משוגע? — האָט זי זיך פון מיר געריסען. איך האָב זי ניט אָפּגעלאָזען. ווי אַ פּאַר׳שיכור־טער האָב איך אין איהרע אויגען אריינגעקוקט און משוגע געשמיי־בעלט:

— איך האָב דיך ליב, אדעלין, איך האָב דיך ליב.

— וואָס מיטאַמאָל? — האָט זי געלאַכט. — אפשר צעהן יאָהר אז מיר קענען זיך און פּלוצלונג פאַרליבט זיך.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. אין קאָפּ האָט מיר געשווינדעלט. איך האָב געברענט נאָך איהר לייב, געברענט מיט אַ העלישען פייער. צולאָזענע ווערטער האָבען זיך געריסען פון מיין אינעווייניג:

— איך וועל דיך ניט אָפּלאָזען. איך בין משוגע. איך וועל דיך אויך משוגע מאַכען. לאָמיר ביידע שיכור׳ען, וועסט מיינע זיין, מיינע, מיינע...

איך האָב איהר ווילד געקושט, חיה׳דיג געדריקט, געשטיקט צו זיך. זי האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסען, פון איהר אָרט זיך אויפגעהויבען. זי האָט שווער געאָטעמט, מיט ענטריסטונג מיר גע־זידעלט:

— שעהמען דאַרפסטו זיך! פאַר וועמען נעמסטו מיך אָן? ביזט דאָך אַ פּשוט׳ער אויסוואורף! איך האָב גאָרניט געוואוסט.

זי איז געלאָפען צום טייך. איך בין איהר נאָכגעלאָפען. איך האָב זי אַריבערגעיאָגט. איך האָב דאָס שיפעל אָפּגעבונדען און האָב צו איהר געזאָגט:

— אַלראַיט, מיר פֿאָרען צוריק. זעץ זיך אין שיפֿעל אַריין.

— אויב דו וועסט ווייטער וואַגען צו פּראַווען דיינע פּוילע שטיק, — האָט זי מיר געסטראַשעט, — וועל איך מאַכען אַ גוואַלד.

מיר האָבען זיך אין שיפֿעל אַריינגעזעצט. איך האָב געאַר־בייט מיט די רודערס האַסטיג, אויפגערעגט, עפּעס אַזוי ווי איך אַליין וואָלט געוואָלט אַנטלויפֿען פֿון אַ געפֿאַהר. מיר זיינען ביידע געזעסען מיט פֿאַרזונקענע קעפּ. איך בין געווען ווי אַ צומישטער. ווען מיר זיינען שוין געווען נאָהענט צום ברעג, האָב איך צו איהר גענומען ריידען פֿאַרשולדיגט און פֿאַרשעהמט:

— אַדעלין, איך בעט דיך, זיי ניט אין כּעס. איך ווייס אַליין ניט, וואָס מיט מיר איז געווען. ניט אַנדערש, אַז איך בין משוגע געוואָרען. איך שווער דיר, אַז אַזוינס וועט מעהר ניט געשעהן.

— געוויס וועט ניט געשעהן, — האָט זי מיך אַרויסרופֿענד אָנגעקוקט. — געוויס ניט, איך וועל אויף דעם שוין אַליין אויפֿ־פּאַסען.

אויף מאָרגען האָט זיך אַדעלין פֿאַרהאַלטען צו מיר מיט אַ העפֿליכער קאַלטקייט. זי האָט אויסגעמידען אַפֿילו מיט אַ וואָרט צו דערמאָנען וועגען דעם, וואָס עס איז צווישען אונז פֿאָרגעקומען די פֿאָריגע נאַכט. אָבער זי האָט ניט געווייכט פֿון מיר. זיינען מיר ווידער געווען אינאיינעם, גערעדט, פֿאַרבראַכט ווי פֿריינד, עפּעס אַזוי ווי גאָרנישט וואָלט פֿאָרגעקומען.

פֿאַרנאַכט, נאָך סאַפּער, איז אַדעלין ערגעץ פֿאַרשוואונדען גע־וואָרען. איך האָב איהר געזוכט און ניט געקענט געפֿינען. אימיצער האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז צום טייך אַוועק, בין איך אויך אַוועק צום טייך. זי איז געזעסען ביים וואַסער אַ פֿאַרטראַכטע. איך האָב צו איהר גענומען ריידען. זי האָט ניט געענטפֿערט. האָבען מיר ביידע אַ ווייַלע געשוויגען. דערנאָך מאַכט זי צו מיר עפּעס אַזוי ווי מיט שפּאָט:

— נו, היינט נעמסטו שוין ניט קיין שיפֿעל?

— וועסט געהן מיט מיר, וועל איך נעמען, — האָב איך געענטפֿערט.

— איך האָב פֿאַר דיר ווייניג וואָס מורא, — האָט זי מיך גערייצט.

— איך ווייס, אַז דו האָסט קיין מורא ניט.

— אַבי דו ווייסט, — האָט זי געלאַכט.

האָב איך געגומען א שיפעל. מיר האָבען זיך ביידע ווידער געשיפט איבער אונזער שעהנעם לעיק. מיר האָבען ניט גערעדט. די זון איז פארגאַנגען. ס'האָט גענומען נאַכט ווערען. אדעלין האָט געזונגען א העברעאישע פאָלקס־ליד, א ליד, וואָס האָט דערצעהלט וועגען ליבע און באַגער. ווידער האָט מיין הארץ גענומען ציטערען. זיינען מיר צוגעקומען צום זעלבען אָרט, וואו מיר זיינען נעכטען געווען. עס איז נאַכט געוואָרען, ד י צ ו ו י י ט ע נאַכט. ווידער אזא כשוף'דיגע נאַכט, ווידער האָבען אויף אונז פון דעם קלאָר־בלויען הימעל גרויסע שטערען ארויסגעקוקט. אדעלין האָט אויפ־געהערט צו זינגען. זיינען מיר אין שיפעל פארשטילטע געזעסען.

איך בין פון שיפעל ארויס, זי האָט געשוויגען און רייצענד געשמייכעלט. איך האָב דאָס שיפעל גענומען צובינדען צום איינגע־פאַלענעם בוים. מיינע הענט האָבען געציטערט. זי האָט געפרעגט:

— וואָס ווילסטו טאָן?

— אביסעל אין וואַלד וואַנדערען.

— מיר בעטסטו גאָר ניט? — האָט זי זיך גערייצט מיט מיר.

— אויב דו ווילסט, פארוואָס ניט?

— זאָגסטו צו, אז דו וועסט זיך האַלטען ווי אַן אנשטענדיגער מאַן? — האָט זי געפרעגט, און ניט וואַרטענדיג אויף מיין ענטפער, איז זי פון שיפעל ארויס. האָבען מיר ביידע שפּאַצירט אין וועלדעל אריין. מיר האָבען געשוויגען. אָבער זי האָט די גאַנצע צייט גע־שמייכעלט. איך האָב זי געוואָלט ארומנעמען, האָט מיר מוט אויס־געפעלט, און מיין האַנט איז מאַכטלאָז ארונטערגעפאַלען.

אָט זיינען מיר אויף דעם זעלבען אָרט, וואו מיר זיינען נעכ־טען געווען. איך האָב זיך אויף דעם באַנק אוועקגעזעצט, און זי האָט אַלץ געשמייכעלט. האָב איך גענומען צו איהר ריידען, גלאַט ריידען, האָט זי מיר אין פּנים אריינגעלאַכט:

— קוק נאָר אָן דעם נעבעכעל.

האָב איך אויך געלאַכט, כאָטש איך האָב ניט געוואוסט פאַר־וואָס איך לאַך. און לאַכענדיג, האָב איך געפיהלט, אז איך ווער פאַר־שיכור'ט מיט די שיכרות פון דער פאַריגער נאַכט. מיר האָט אָבער אויסגעפעלט דער נעכטיגער מוט, האָט זי קאָקעטיש־שטיפעריש מיט מיר זיך א שפּיל געטאָן, און איך האָב מוט געקראָגען. איך האָב זי ארומגענומען, אָבער ניט אזוי פרעך ווי נעכטען.

— האַסט שוין ווידער אָנגעהויבען? — האָט זי געשמייכעלט, אָבער באפרייען זיך פון מיר האָט זי ניט געפּרואווט. אונזערע בליקען האָבען זיך באגעגענט. אין דער בלאַסער נאכט־ליכטיגקייט האָב איך געקענט מערקען, ווי איהרע אויגען פינקלען... א פייערעל האָט זיך אין מיינע בלוטען אָנגעצונדען. איך האָב אָבער ניט גע־וואגט צו טאָן דאָס, וואָס מיינע ליפּען און מיינע הענט האָבען זיך געצווינגען צו טאָן. האָט זי איהר קאָפּ צו מיין הארצען געטוליעט, און איך האָב שוין מעהר און מעהר געוואגט.

בין איך אזוי ווי נעכטען ווילד און משוגע געווארען. די היינ־טיגע נאכט, די צווייטע נאכט, האָט מיין אדעלין אבער שוין ניט געוועהרט זיך. איך האָב געשפּירט, אז די צווייטע נאכט האָט זי אויך משוגע געמאכט. האָבען מיר ביידע געטרונקען פון דעם בעכער פון ליבע, געטרונקען ביז משוגע׳נער שיכרות.

ווען מיר זיינען געזעסען אין שיפעל און געשוואומען אהיים צו, האָבען מיר ביידע צוזאמען ווי פאר׳שיכור׳טע געלאכט און גע־זונגען.

א צאַרטע האַנט — א שווערע האַנט

אמאָל האָט ער מיט איהר א ליבע געפיהרט.

שטונדען לאַנג פלעגט ער אין איהר געזעלשאפט פארבלייבען. און אָדער ער האָט גאָרנישט גערעדט, און איהר נאָר געקושט און געצערטעלט, און ווען ער האָט יע גערעדט איז דאָס נאָר געווען צום חידוש'ן זיך מיט איהר שעהנקייט און בסדר באַוואַרפען איהר מיט קאָמפּלימענטען.

אמאָל פלעגט ער זי קושען און צערטלען, ווייל ער האָט דאָס טאקע אליין געוואָלט, ווייל ער האָט איהר געליבט און פון דעם פארגעניגען געהאָט, אָבער גאנץ אָפט פלעגט ער דאָס טאָן נאָר דערפאר, ווייל זי האָט אזוי געוואָלט.

פלעגט ער, צום ביישפּיל, אריינקוקען אין א צייטונג אין איהר אָנוועזענהייט, פלעגט זי די צייטונג פון זיינע הענט ארויסרייסען און זי פלעגט זאָגען שטארק פאר'ברוגז'ט:

— ווען דו קומסט צו מיר וויל איך ניט, אז דו זאָלסט לעזען צייטונגען; דאָס ועסטו טאָן, ווען דו וועסט זיין ביי זיך אין דער היים.

און ווען ער פלעגט אמאָל אין איהר אָנוועזענהייט בלייבען זיצען א פארטראכטער, פלעגט זי ווידער אויסשרייען א צורייצטע:

— וואָס זיצסטו אזוי א פאַרשלאָפענער?

און זי פלעגט זיך אוועקזעצען ביי איהם אויפ'ן שויס און דאָס איבעריגע פלעגט שוין פון זיך אליין קומען.

אזוי איז אויך געווען מיט דעם רעדען.

וועגען וואָס און וועגען וועמען ער פלעגט ניט נעמען רעדען פלעגט זי ניט וועלען הערען און פלעגט ווערען א ניט־צופרידענע, א צורייצטע.

האָט ער שוין געזעהן וואָס זי וויל, און ער פלעגט נעמען רעדען וועגען איהר זעלבסט; חידוש'ן זיך מיט איהר שעהנקייט, באווארפען איהר מיט קאָמפּלימענטען און זי איז געווארען ווי א ניי־געבוירענע.

— וואָס פאַר א שעהן מיידעלע דו ביזט — פלעגט ער צו איהר זאָגען. עס איז געווען ניט שווער צו באגרייפען, אז זיינע ווערטער פאַרשאַפען איהר פארגעניגען, דאָך פלעגט זי ענטפערען מיט כלומר־שטער באשיידענהייט:

— א מיידעל ווי אלע מיידלאך.

— עטוואָס איז אין דיין געזיכט אויסערגעוועהנליכעס צוצי־ענדעס — פלעגט ער ווייטער רעדען.

— וואָס, צום ביישפיל? — פלעגט זי פרעגען קאָקעטיש־שטיפעריש.

און זיינע אנטוואָרטען פלעגען זיין פארשידען.

אמאָל פלעגט ער זאָגען:

— די גריבעלאך וועלכע ס'ווערען ארום דיינע ליפען ווען דו לאַכסט, זיינען זעלטען שעהן.

— טאַקע? — פלעגט זי פרעגען און זי פלעגט נעמען לאַכען כדי ס'זאָלען ווערען די גריבעלאך, וועלכע ער באוואונדערט אזוי.

אמאָל פלעגט ער זאָגען:

— דיינע אויגען, דיינע אויגען, נעטי, זיינען אזוי שעהן.

— געוועהנליכע אויגען — פלעגט נעטי ענטפערען ווידער מיט געמאכטער באשיידענהייט.

— אזעלכע פארטרוימערטע.

— דאַכט זיך מען זאָגט מיר, אז מיינע אויגען זיינען פרעה־ליכע.

— אמאָל פארטרוימערטע, אמאָל פרעהליכע — פלעגט ער א פשרה מאַכען.

— און זי פלעגט לויפען צום שפיגעל און פלעגט באַטראַכטען איהרע אויגען.

און אמאָל פלעגט ער זיך מיט איהר קערפּער חידוש'ן:

— דיין קערפּער, דיין יעדעס גליד איז דאָך אזוי ווי אויס־געשניצט, אזוי ווי פון א קינסטלערס האַנט געשאַפען.

— בין איך ניט אביסעלע צו קורץ? — פלעגט זי זיך חנ'ען פאַר איהם.

— אָ, ניין, — פלעגט ער זי באַטראַכטען — דיין געוואוקס איז אזוי פּינקטליך, אזוי שעהן.

— מענער האָבען ליב קליינע פרויען — פלעגט זי באַמערקען

און מען פלעגט זעהן ווי זי האָט פארגעניגען פון איהרע אייגענע ווערטער.

אמאָל פלעגט ער איהר זאָגען:

— וואָס פאר א וויים, וואָס פאר א שעהן לייב דו האָסט.

— דאָס איז אמת — פלעגט נעטי ענטפערען — פאר מיין לייב זיינען אלע משוגע.

— ווער אלע? — פלעגט ער האסטיג פרעגען.

— פלעגט זי אויף איהם ווארפען אזא מאָדנעם בליק און זי פלעגט ענטפערען:

— ווען איך בין נאָך א קינד געווען און איך פלעג זיך באָדען צוזאמען מיט מיידלאך נאקעטערהייט, פלעגען די מיידלאך די אויגען ארויסקריכען, ווען זיי פלעגען זעהן מיין לייב און אלע ווי איינע פלעגען זיי ניט אויפהערען צו באוואונדערען מיין ווייסע שעהנע ריינע לייב.

אזוי פלעגט ער זי באוואונדערען אָפטמאָל ווען ער האָט דאָס טאקע אזוי געפיהלט, און אויך אָפט ווייל ער האָט קיין אנדער ברירה ניט געהאט. אָבער איין שוואכקייט האָט ער תמיד געהאט. זיין שוואכקייט איז געווען — צו באוואונדערען איהרע שעהנע צאַרטע הענט.

איהרע הענט האָט ער זעהר געליבט, און איהרע הענט האָט ער צו יעדער צייט באוואונדערט.

ווען ער פלעגט קוקען אויף איהרע הענט פלעגט ער ניט אויפ־הערען צו רעדען:

— „אָה, וועלכע צאַרטע הענט, וועלכע קליינינקע קינדערשע פינגערלאך".

נעטי איז געווען איינע פון יענע מיידלאך, וועלכע עס לאָזען זיך ליבען, אָבער וועלכע עס לאָזען זיך אויך גוט באצאָלען פאר זייער ליבע.

ער האָט אויף איהר א פארמעגען פארשווענדעט. זי האָט איהם פאר אן אָרימאַן געמאכט.

ווען ער האָט דערזעהן, אז ער ווערט רואינירט, האָט ער זי באזוכט אלס זעלטענער און זעלטענער.

זי האָט גענומען פראָטעסטירען.

ער האָט פאר איהר געשעמט זיך צו זאָגען, אז ער איז אָרעם, אז ער איז רואינירט. פלעגט ער זאָגען אנדערע אויסגעטראכטע

תירוצים. ביז די לאגע איז פאר איהם שווער און אומערטרעגליך געוואָרען און ער האָט אויפגעהערט אינגאנצען צו איהר צו קומען.

נעטי האָט פארדעכטיגט, אז ער האָט איהר אויף א צווייטער פארביטען; איהר הארץ איז אויפגעקאָכט געוואָרען. זי האָט געזוכט איהם צו באגעגענען, פון איהם נקמה נעמען.

זי האָט איהם אויסגעפונען און זי האָט מיט איהם זעהר א הייסען, זעהר אן אומאנגענעמען געשפרעך געהאט:

— וואָרום קומסטו ניט? — האָט זי געפרעגט מיט א שטימע, וועלכע איז געווען פארשטיקט פאר אויפרעגונג.

— איך קען ניט.

— האָסט קיין צייט ניט? — האָט זי איהם אָנגעקוקט מיט ברענענדע אויגען.

— פיליכט, — האָט ער זיך א כח אָנגעטאָן צו זיין געלאַסען.

— מיט וועמען שלעפסטו זיך יעצט ארום? — האָט זי גע־ציטערט פאר אויפרעגונג.

— מיט קיינעם ניט.

— זאָגסט ליגען! — האָט זי איהם באליידיגט.

—אָלראיט, — האָט ער די באליידיגונג ארונטערגעשלונגען.

— און דו מיינסט דיר וועט עס גלאַט אָפּגעהן? — איז זי געוואָרען אלץ מעהר און מעהר אויפגעקאָכט.

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט ער שוין מעהר ניט גע-קענט פארבלייבען געלאַסען.

— האָסט מיך צוגענומען פון דער גאנצער וועלט, פון אלע מיינע פריינד, און יעצט ווען איך האָב קיינעם ניט, זוכסטו אנדערע — האָט זי גענומען שרייען צו איהם מיט א פארשטיקטער שטימע.

— איך האָב דיך פון קיינעם ניט צוגענומען — האָט ער געענטפערט קורץ און שארף.

— האָסט מיר „אויסגעיוזט", דו לומפּ איינער, און יעצט ווילסטו פון מיר ניט וויסען — איז זי געוואָרען אלס ווילדער, אלס שרעקליכער.

— איך האָב דיר פאר אלעם גוט באצאָלט — האָט זיך איהם פון מויל ארויסגעגליטשט עטוואָס, וואָס עס איז איהם פון לאנג אָן אויפ'ן הארצען געלעגען, און וואָס ער האָט ניט געוואגט ביז יעצט ארויסצורעדען.

זי איז בלאַס געוואָרען. איהר האַנט האָט זיך אויפגעהויבען און ער האָט דערפיהלט א פלאַם איבער זיין באַק.

און דער פּאַטש, וואָס זי האָט איהם געגעבען איז געווען אַזוי שטאַרק, אז ער איז געבליבען שטעהן ווי א צומישטער.

ער האָט זי געוואָלט צוריק אָנגרייפען, ער האָט דאָס אָבער ניט געוואַגט צו טאָן. ער איז א פאַרשעהמטער, א צומישטער אוועק־געלאָפען.

און נעטי׳ס פּאַטש איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס דער געפּאַטש־טער האָט א לאַנגע צייט געפיהלט איבער זיין צופלעמטען באַק איהר האַנט, איהרע פינגער.

און איהם איז ווידער אויסגעקומען צו רעדען וועגען איהר האַנט, אָבער דאָס זיינען שוין געווען ניט זיינע געוועהנליכע ווער־טער: „וואָס פאַר א צאַרטע האַנט", נאָר ער האָט ניט אויפגעהערט צו מורמלען:

— אָבער א האַנט... וואָס פאַר א קראַפט... דער׳הרג׳עט זאָל זי ווערען... וואָס פאַר א שטאַרקע האַנט!...

און זיי האָבעןביידע געלייקענט

די גאָרמאַנס זיינען מענשען שוין אין די מיטעלע יאָהרען.

די מיסעס גאָרמאַן, אָדער בעלא, ווי זי הייסט מיט איהר ערש־טען נאָמען, האָט אַלעמאָל געפיהלט, אז מיסטער גריל, אַן אַלמן, א איד שוין אין די פופציגער, אָבער א געזונטער און א שטאַרקער ווי א מויער, און אַן אָפטער אריינגעהער צו זיי אין הויז, איז גאָר ניט גלייכגילטיג צו איהר. און טיף אין הארצען האָט זי זיך איבער דעם געפיהלט געשמייכעלט.

מיסטער גאָרמאַן האָט אויך געשפּירט, אז זייער הויז־פריינד מיסטער גריל האָט א שוואַכקייט צו זיין ווייב. פלעגט ער אָפטמאָל טאָקע פיהלען זיך איבער דעם אביסעל פריקרע, אָבער קיין צו גרויסען וועזען האָט ער פון דעם ענין ניט געמאַכט. נאָר אַנאַנדערש מאָל, ווען מאַן און ווייב פלעגען זיך דורכווערטלען, פלעגט דעם אַלמן׳ס נאָמען שוין יאָ דערמאָנט ווערען.

פלעגט זיך מאַכען אמאָל אזא לאַגע, אז, ווען מיסטער גאָרמאַן פלעגט איינזעהן, אז עס איז נויטיג זיין בעלא׳ן אביסעל די פליגעל ארונטערשניידען און צו דערזעלבער צייט זיך אליין אביסעל וויכ־טיגער מאַכען, פלעגט ער איהר גאַנץ האַמעטנע דערמאָנען:

— מיט מיר, בעלא, ביזטו א גאַנצע קנאַקערין. ווען איך ברענג אין הויז אריין, וואָך איין וואָך אויס, רעגעלע ווייִדזשעס, שפּילסטו א ראָלע, איז דאָ אַלעמאָל א דאָלער אין קעשענע, און פעה־לען פעהלט דיר גאָר נישט. פוצסטו זיך אויס און צירסט זיך אויס. עס זינגט זיך דיר, עס לאַכט זיך דיר, און אומעטום איז מיסעס גאָר־מאַן און מיסעס גאָרמאַן! דו ביזט א גאַנצע יחסנ׳טע. אָבער אָהן מיר? אוי, בעלא, וואָלסטו געוועזן אויף די טייערע צרות!

— ווען ניט דו, וואָלט געוועזן אנאַנדערער, — ענטפערט זיך אָפּ בעלא מיט א קאָקעטישען שמייכעל.

— איז דאַטסאָו? — ווערט שוין גאָרמאַן אביסעל אונטער־געצונדען.

— נו וואָס דען? — ענטפערט בעלא אין דעמזעלבען שעל־מישען טאָן.

— דו מיינסט, אז מען וואָלט דיך אויסגעכאַפּט?

— אויסגעכאַפּט, צו ניט אויסגעכאַפּט, נאָר א בעלן וואָלט זיך אויף מיר אויך געפונען.

— אפשר מיסטער גריל? — רייסט זיך ארויס ביי גאָרמאנ'ען א פאַרדראָסיג וואָרט.

— און אז מיסטער גריל, איז וואָס? — קוקט אָן בעלא איהר מאַן מיט אַן ארויסרופענדען בליק.

— ער איז דאָך דיינער א „רעגעלער עדמאַירער", — ווערט נאָרמאַן כלומרשט רוהיג־שפּאַסיג, אָבער אין הארצען ביי איהם איז שוין גאר ניט רוהיג.

— נו, פאַרוואָס ניט? — פאַרדרויטעלט זיך ביי בעלא'ן דער פּנים, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט א שעמעוודיג יונג־מיידעלע געווען.

— פאַר וואָס ניט?

— ווער ס'פאַרגינט דיר ניט, — מאַכט נאָרמאַן מיט די הענט אוועק און צוגענעצט זיך כלומרשט פאַר גלייכגילטיגקייט. אבער ווען ער וואַרפט א זייטיגען בליק אויף זיין בעלא'ן, דאַכט זיך איהם, אז זי איז אזוי שעהן, אזוי אינטערעסאַנט. און אין זיינע געדאַנקען שוועבט פאַרביי א בילד ווי מיסטער גריל, דער אלמן, און זי, זיין בעלא, געפינען זיך אין אן אינטימער ליבעס פּאָזע, און עס ווערט איהם פלוצלונג אזוי שווער און וויסט אויפ'ן הארצען.

אָבער דער זעלבער מיסטער גאָרמאַן, וועלכער האָט אין זיין טיפען הארצען אזוי ניט געוואָלט ליידען, וואָס אויף דער וועלט איז דאָ עפּעס א מיסטער גריל, און צו אלע צרות אן אלמן, וועלכער איז אביסעל צופיל אויפמערקזאם צו זיין פרוי, איז אליין אויך ניט געווען קיין צדיק.

עס איז געווען ביי די גאָרמאַנס א באַקאַנטע פרוי, מיסעס קאַפּלאַן, אָדער ווי מען פלעגט זי געוועהנליך רופען ביי איהר מייד־דעלשען נאָמען, לוסי, אויך א וויסטע אלמנה. האָט בעלא שוין פון לאַנג אָן געהאַט א שטאַרקען חשד ביי זיך אין הארצען, אז צווישען איהר מאַן און אָט דער לוסי קומט פאַר עטוואָס, וואָס עס וואָלט געווען גלייכער, אז עס זאָל ניט פאַרקומען.

אַמאָל פלעגט די זעלבע לוסי גאַנץ אָפט ארויפקומען צו די גאָר־מאַנס, און מען האָט זיך געהאַלטען זעהר פריינדליך. אָבער בעלא

האָט געגומען מערקען, אַז צווישען איהר מאַן און דער אלמנה ווערט די פריינדשאַפט שוין אביסעלע צו ווארעם. איז זי צו דער אלמנה געוואָרען שוין אביסעלע צו קאַלט, די אלמנה איז גראָד גע־ווען ניט קיין נאַרישע פרוי, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז פאַר איהר וועט זיין געזינטער, זי זאָל זיך האַלטען פון דערווייטען, און זי איז שוין געווען ביי די גאַרמאַנס א גאַנץ זעלטענער גאַסט.

האָט אָבער בעלאַ געהאַט א חשד, אַז איהר מאַן באַזוכט אמאָל די אלמנה ביי איהר אין דער היים. לעבעדיגע צאַפּעלדיגע פאַקטען האָבען איהר טאַקע תמיד געפעהלט, אָבער די עמפּינדליכע האַרץ פון אַן אייפערזיכטיגער פרוי האָט פאַרט געשפּירט, אַז צווישען איהר מאַן און לוסי׳ן קומט פאַר עטוואָס, וואָס דאַרף ניט פאָרקומען. און טיף אין האַרצען האָט בעלאַ איבער אָט די פאַרדאַכטען איהרע שווער געליטען. בלויז די אויפמערקזאַמקייט, וואָס דער אלמן, מיסטער גריל, האָט איהר געשאָנקען, האָט טיילוויז געלינדערט איהרע ליידען און זי האָט זיך געהאַט איהר נקמה אָן איהר מאַן.

מיסטער גריל פלעגט כמעט יעדען זונטאַג קומען צו גאַסט צו די גאַרמאַנס. נאָר אָט איז אריבער איין זונטאַג, א צווייטער, א דריטער, און מיסטער גריל האָט זיך ניט געצייגט. פאַרשוואונדען געוואָרען דער מענש. עפּעס ווי אין וואַסער אריין.

און ווען עס איז אריבער א פערטער און פינפטער זונטאַג, און מען האָט נאָך אַלץ דעם מיסטער גריל ניט געזעהן און ניט געהערט, האָבען שוין די גאַרמאַנס גענומען זוכען, נאָכפרעגען זיך, קלינגען אין טעלעפאָן ביז מען האָט זיך דערוואוסט, אַז אין שטעטעל איז געווען א שטילע חתונה — מיסטער גריל דער אלמן האָט אָפּגעטאָן א מעשה און חתונה געהאַט, און טאַקע ניט מיט קיין אַנדערער, ווי מיט לוסי׳ן דער אלמנה...

דערהערט אַזאַ גוטע בשורה, האָט גאַרמאַן גלייך גענומען זיך פאַר זיין פרוי:

— האָסטו געהערט, בעלאַ?

— געוויס האָב איך געהערט.

— אוים אלמן!

— זעהר גוט געטאָן.

— פאַרדריסט דיך גאָר ניט? — האָט גאַרמאַן זיין ווייב גלייך אין די אויגען אריינגעקוקט.

— וואָס זאָל מיך פאַרדריסען? — האָט בעלאַ זיך אָנגעטאָן

א כח און גערעדט זיך רוהיג און געלאסען. — פארוואס זאל מיך פארדריסען?

— ער האט דאך דיר אפגעטאן גאר אויף טערקיש, דיין געליבטער, — האט זיך נארמאן געריצט מיט זיין פרוי.

— מ י י ן געליבטער? — האט זיך בעלא אויסגעלאכט

— מ י י ן געליבטער? אט האסטו דיר גאר א געליבטער אויף מיין קאפ.

— געוויס, ער איז דאך געווען דיין „רעגעלער סוויט־הארט".

— זאלסט אזוי האבען דיין נארישען קאפ אויף זיך, ווי איך האב פאר איהם געקערט,—האט בעלא געליקענט שטיין און ביין. און ווען זי איז פארטיג געווארען מיט איהר אפלייקענען, אז זי האט אפילו אמאל מיסטער גריל דעם אלמן אין די געדאנקען געהאט, האט זי פון איהר זייט גענומען זיך פאר איהר מאן:

— זעהסטו, מאנדעלע מיינער, דיין לוסי, דיין סוויט־הארט האט טאקע דיר אפגעטאן א פיינעם שפיצעל?

— מיר? מיר א שפיצעל? — האט שוין איצט מיסטער נארמאן געשוויצט און געמאכט זיך, אזוי ווי ער וואלט גאט די נשמה געווען שולדיג.

— ביי דיר מיט דער אלמנה'לע איז דאך טאקע שוין יא געווען א גאנצער ראמאן, — איז בעלא ווי א גזלנ'טע געקראכען איהר מאן אין סאמע הארצען אריין. — ביזט דאך געווען זיכער, אז זי איז אין דיר געווען פארכליאבעט אריבער די אויערען.

— ס'הויבט זיך ניט אן און ס'לאזט זיך ניט אויס. עס איז ניט געשטוינען און ניט געפלויגען. די גאנצע געשיכטע איז נאר ביי דיר אין דיין נארישען קאפ געבארען געווארען, — האט אויך נארמאן ווענען זיין שוואכקייט געלייקענט שטיין און ביין...

* * *

און ווען מאן און ווייב האבען אפגעלייקענט איינער פאר'ן צווייטען ווענען זייערע שוואכקייטען, זיינען זיי פלוצלונג געווארען איינער צום צווייטען אזוי גוט, אזוי הייס־צערטליך...

יאַנקעל׳ס ליבע

אין דער יוניאָן און אין די אנדערע קרייזן, וואו מען קען נאָר יאַנקלען, ווייסט מען וועגן דער ריהרענדער ליבע, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען איהם און סיידי׳ן.

סיידי האָט מיט יאַנקלען געארבייט אין איין שאַפּ, און אין שאַפּ איז געבאָרען געוואָרען זייער שעהנע, זייער ציכטיגע ליבע. סיידי און יאַנקעל זיינען געווען שטארק איבערגעבען דער יוניאָן, און בעת די פארשיידענע יוניאָן־טעטיגקייטען, וואו זייביידען איז אויסגעקומען זעהר אָפט צו געהן האנט אין האנט, האָט זיך זייער ליבע צוזאַמען אוסגעפרעט און צובליט. עס האָט זיך אבער באוויזען א צווייטער בחור, וועלכער האָט זיך אויך פארליבט אין דער שעהנער סיידי׳ן. יאַנקעל האָט איינגעזעהן, אז סיידי וועט זיין גליקליכער. ווען זי וועט הייראַטען ניט מיט איהם, נאָר מיט דעם צווייטען, האָט יאַנקעל פאר דעם צווייטען אָפּגעטראָטען דעם וועג.

ווייסען אַלע, וועלכע קענען יאַנקלען, ווי אזוי ער האָט גע־האנדעלט אין באַצוג צו זיין סיידי׳ן, ווי אזוי ער האָט זיין אייגענעם גליק מקריב געווען, ווייל ער האָט געדענקט, אז אזוי וועט זיין בעסער פאר סיידי׳ן. מען ווייס די גאנצע געשיכטע, און די מעהרסטע וועלכע ווייסען וועגן יאַנקעל׳ס שטילע טראַגעדיע דענקען, אז ער האָט געהאנדעלט מענשליך, ערהאבען. ס׳זיינען אָבער אויך פאראַן אזעלכע וועלכע דענקען, אז יאַנקעל האָט נאַריש געהאנ־דעלט, אז ער האָט פאר קיין פאַל ניט געדאַרפט טאָן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן. אָבער אַלעמענס הערצער ציהען זיך צו איהם מיט א ווארעמען מיטגעפיהל; און ווען עס קומט צו רייד, קוקט מען איהם אָן מיט אַזאַ טיפער הארציגקייט און מען זיפצט זיך אָפּ מיט א ווארעמען מיטלייד:

— אך, יאַנקעל, יאַנקעל!

אויב איהר זייט פאראינטערעסירט צו וויסען וועגן יאַנקעל׳ס ליבע צו סיידי׳ן, וועט אייך כמעט יעדער מיטגליד פון זיין יוניאָן דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע. אָבער גלייכער איז, אז איהר זאָלט

וועגען דעם ענין פֿאַרפֿיהרען אַ געשפּרעך טאַקע מיט יאַנקלען אַליין. איהר דאַרפֿט בלויז געווינען יאַנקעל'ס צוטרויען. ער דאַרף איבער־צייגט ווערען, אַז איהר זייט אַ גוטער ברודער, אַז איהר זייט „אַן אייגענער מענש", מאַכט ער פֿריי פֿאַר אייך זיין האַרץ.

— איהר דאַרפֿט נאָך פֿרעגען צי איך האָב ליב געהאַט סיידי'ן

— הויבט יאַנקעל אָן צו דערצעהלען מיט אַ אומעטיגען שמייכעל.

— די נשמה איז מיר פֿאַר דער מיידעל אויסגעגאַנגען. די גאַנצע וועלט איז מיר אָהן איהר ניט ניחא געווען. סיידי האָט מיך אויך ניט פֿיינט געהאַט. איך האָב געזעהן, אַז איהר האַרץ ציהט צו מיר. איך האָב דאָס געפֿיהלט, און מיר איז געווען גוט און ליכטיג.

אַז איך זאָל זאָגען סיידי'ן, אַז איך האָב זי ליב, איז עפּעס מיר קיינמאָל אין די געדאַנקען ניט אַריין. און ווער האָט פֿאַר אַזעלכע זאַכען צייט געהאַט? געאַרבייט האָבען מיר ביידע אין איין שאַפּ, אָבער מען וועט דאָך ניט געהן אין אַ שאַפּ ערקלערען זיך אין ליבע.

— איך בין ניט קיין שלעכטער אַרבייטער. מיין פֿאַך קען איך, — דערצעהלט אייך ווייטער יאַנקעל וועגען זיין טראַגעדיע— נאָר איך בין זעהר אַ „סלאָ האַנט". פֿאַרדין איך טאַקע זעהר ווינציג. אַז מען איז ניט פֿאַרהייראַט, איז וויפֿיל מען פֿאַרדינט איז גענוג, אָבער ווען איך פֿלעג אַמאָל פֿאַרגינען זיך צו חלומ'ען, אַז צווישען מיר און סיידי'ן זאָל טאַקע קומען צו אַ שידוך, פֿלעגט מיר ווערען זעהר שווער אויפֿ'ן האַרצען אָט איבער דעם וואָס איך פֿאַרדין אַזוי ווייניג. איך פֿלעג טראַכטען, אַז ס'וואָלט געווען אַ ביטערער רחמנות אויף סיידי'ן ווען זי קריגט אַריין אַ מאַן אַזאַ צרה'דיגען פֿאַרדינער ווי איך בין. איך פֿלעג טראַכטען, אַז אַזאַ בחור ווי איך בין טאָר אינגאַנצען ניט פֿאַרפֿיהרען זיך אויף אַ פֿאַמיליען לעבען. פֿלעגט מיר זיין שווער, זעהר שווער אויפֿ'ן האַרצען, און אַזוי איז זיך די צייט געלאָפֿען און געלאָפֿען.

צו אונז אין שאַפּ איז אָנגעקומען אַ נייער דעזיינער. זיין נאָ־מען איז געווען „פֿריימאַן". ער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער בחור, זעהר אַ וואוילער מענש. ער האָט זעהר גוט פֿאַרדינט, געווען זעהר פֿעהיג אין זיין פֿאַך. ס'פֿלעגט רעכט זיין, אַז ער פֿלעגט קריגען יעדען וואָך אַ „פּעידע" פֿון זיבעציג און אַמאָל אכציג דאָלער, און ווען ס'פֿלעגט אויספֿאַלען אַ ביזי אין אונזער שאַפּ, פֿלעגט ער נאָך מעהר פֿאַרדינען. און ווי נאָר אָט דער נייער דעזיינער אונזערער האָט דערזעהן סיידי'ן, איז ער פֿאַר איהר אַ פֿאַרברענטער געוואָרען.

איך האָב דאָס גוט פאַרשטאַנען, און ס'האָבן זיך מיר אויפ'ן האַרצן אוועקגעלעגט שווערע שטיינער. ס'האָט אויסגעקוקט אַז סיידי הויבט ניט אָן צו קערען פאַר איהם. צו מיר האָט זי זיך גענומען פאַרהאַלטען נאָך פריינדליכער, נאָך נעהענטער ווי אַלעמאָל, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט מיך באַרוהיגען.

מאָדנע געדאַנקען האָבען זיך גענומען פּלאָנטערען אין מיין קאָפּ. איך פּלעג טראַכטען, אַז ווען סיידי וואָלט געהייראַט מיט אונזער נייעם דעזיינער, וואָלט זי געווען זעהר גליקליך. איך פּלעג זעהן אין מיינע געדאַנקען ווי סיידי געפינט זיך אין אַ שעהן־אויפגעפיקסטער היים; זי געהט ניט מעהר אַרבייטען אין שאַפּ, זי איז אַזאַ גליקליכע, אַזאַ פרעהליכע. פון אָט די געדאַנקען מיינע פּלעגט מיר שטעכען אין האַרצען, אבער איך פּלעג פאָרט אַזוי טראַכטען.

איינמאָל, ס'איז געווען אַ שבת נאַכט, ס'איז געווען זומער, איך און סיידי זיינען געגאַנגען פון אַ מיטינג. איך האָב צו איהר נערעדט וועגען אונזערע יוניאָן-אָנגעלעגענהייטען. עס איז מיר געוואָרען אויפפאַלענד, וואָס זי שווייגט און ענטפערט גאָרנישט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט גאָרנישט געהערט וואָס איך רייד צו איהר. איך האָב איהר אָנגעקוקט. זי איז געווען אַ שטאַרק־פאַרטראַכטע, און מיט אַמאָל מאַכט זי צו מיר:

— יאַנקעל, וואָס טוסטו מאָרגען ?

— גאָרנישט, וואָס זאָל איך טאָן ?

— לאָמיר ביידע וואו אויספאָהרען — מאַכט זי ווייטער צו מיר.

— אָלראַיט, וואוהין ?

האָט זי אַ ווײלע געטראַכט און זי זאָגט צו מיר :

— לאָמיר צופאָהרען צו וואַן קאָרטלאַנד פּאַרק.

— אָלראַיט, סיידי, זאָל זיין וואַן קאָרטלאַנד פּאַרק...

— אָפּגעמאַכט, יאַנקעל? — האָט סיידי מיך עפּעס אַזוי מאָדנע אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע, שעהנע אויגען.

— אָלראַיט, זאָל זיין אָפּגעמאַכט.

אויף מאָרגען זיינען מיר ביידע טאַקע שוין געווען אין וואַן־קאָרטלאַנד פּאַרק. סיידי האָט מיט זיך געבראַכט סענדוויטשעס, האָבען מיר זיך פאַרקליבען אין אַ שטילען ווינקעל און געגעסען. איך האָב באַמערקט, אַז סיידי איז עפּעס מאָדנע אויפגערעגט. שעהן איז זי געווען ווי זיבען זונען, האָט זי געזונגען און געלאַכט. האָב איך זי אַרומגענומען און גוט און שטאַרק אָנגעקושט.

— האסט מיך ניט פיינט, יאנקעל, — האט זי געלאכט.

— ניין, גארניט פיינט.

— און מיינסטו, יאנקעלע, אז איך האב דיך פיינט — האט זי ווייטער משוגע געלאכט.

האב איך זי ווייטער געקושט.

— איז וואס וועט זיין, יאנקעל? — פרעגט זי.

— וואס ווילסטו זאל זיין?

— ביי לייטען, אז א באי און א מיידעל האבען זיך ניט פיינט, האט מען חתונה — האט זי ארויסגעפלאצט, מיך אנגעקוקט מיט איהרע שעהנע גרויסע אויגען. מיר האט גענומען שווינדלען אין קאפ. א ווײלע זיינען מיר ביידע אזוי געבליבען זיצען און א ווארט ניט אויסגערעדט.

— נו, וואס שווייגסטו, יאנקעל?

ס'איז מיר געווען אזוי שווער צו ריידען. אין הארצען האט אזוי געקלאפט. ווי א פאר'שיכור'טער בין איך געווען. ביסלעכ־וויז האב איך גענומען צו זיך קומען, און איך זאג צו איהר:

— סיידעלע, דו ווייסט דאך אבער מיינע פארדינסטען. איך פארדין דאך אזוי ווייניג.

— נו, וועמען ארט עס? — האט זי זיך געטוליעט צו מיר.

איך האב זי אנגעקוקט. זי איז געווען אזוי שעהן, אבער אזוי צארט, די הענט אזעלכע אויסגעהארעוועטע, פינגער דארע אזוי ווי ביי א קליין קינד. איך האב געטראכט: „זי דארף רוהען, זי איז איבערגעהארעוועט, זי איז אזא שוואכע. פאר איהר וואלט געווען אן אומגליק ווען זי הייראט פאר מיר". און פון מיין מויל האבען עפעס ווי ארויסגעגליטשט זיך א פאר ווערטער:

— פריימאן, אונזער דעזיינער האט דיך אזוי ליב.

— אנטקעגען וואס איז דאס? — האט זי מיך אנגעקוקט.

— ווען ער זאל מיט דיר הייראטען, וואלט געווען גוט פאר דיר.

— דו רעדסט מיר א שידוך? — האט זי זיך א פאר'ברוגז'טע אפגערוקט פון מיר.

— סיידי, ווען איך וואלט מיט דיר געהייראט, וואלט געווען פאר דיר א גרויסער אומגליק. איך זאג דיר דעם אמת.

זי האט מעהר א ווארט ניט אויסגערעדט. זי האט זיך האס־טיג אויפגעהויבען. מיר זיינען פון פארק ארויס, און מיר זיינען

אהיימגעפֿאָהרען. מיר האָבען גערעדט וועגען יוניאָן אָנגעלעגענ־הייטען, אזוי ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט.

ווידער האָבען מיר גענומען קריכען מאָדנע געדאנקען אין קאָפּ. איך האָב געטראַכט, אז אפשר וואָלט גלייכער געווען איך זאָל ניט שטערען סיידי׳ן, ניט פּלאָנטערען זיך צווישען איהר און אונזער דעזיינער. האָב איך אָפּגעטאָן א מעשה און בין ניט געקומען מעהר אין שאַפּ צו דער ארבייט; און כדי סיידי זאָל זיך מיט מיר מעהר ניט טרעפען אין דער יוניאָן, האָב איך אינגאנצען אויפ־געגעבען די ארבייט. איך האָב זיך אוועקגעלאָזען „הייקען" אין די מאונטענס. איך האָב געקראָגען א דזשאב אין א האָטעל אלס „דיש־וואָשער", און ס׳האָט לאַנג ניט גענומען ווי ס׳האָבען גענומען צו מיר אָנקומען גרוסען, אז סיידי האָט גענומען אויסגעהן מיט אונ־זער דעזיינער.

פון די גרוסען פלעגט מיר אפּרייסען אין הארצען. די וועלט פלעגט פינסטער ווערען אין מיינע אויגען, אָבער ווען איך פלעג זיך באַרוהיגען, פלעגט מיר ווערען פרייער אויפ׳ן הארצען, ווייל איך פלעג טראַכטען אז סיידי וועט זיין גליקליך, ווען זי וועט הייראַטען מיט אונזער דעזיינער.

ווען דער זומער־סעזאָן האָט זיך אין די מאונטענס געענדיגט, בין איך אוועקגעפאָהרען ארבייטען ניט אין ניו יאָרק, נאָר אין אן אַנדער שטאָדט, ווייל מיר איז געווען שווער צו באַגעגענען זיך מיט סיידי׳ן.

ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אז סיידי און אונזער דעזיינער האָבען געהייראַט, האָב איך יענער נאַכט אין מיין עלענדקייט ביטער געוויינט.

ס׳האָט זיך מיר שטאַרק געבענקט נאָך ניו יאָרק, נאָך דער יוניאָן, בין איך געקומען צוריק אין ניו יאָרק, און איך בין אוועק ארבייטען, אָבער ניט אין מיין אמאָליגען שאַפּ, וואו איך וואָלט זיך טרעפען מיט אונזער דעזיינער. איצט וויים איך, אז סיידי׳ן לעבט זיך זעהר גוט. זי האָט א שעהנע היים, און זי דאַרף מעהר ניט געהן ארבייטען. כדי זיך צו פאַרגעסען וועגען סיידי׳ן, האָב איך זיך אזוי אריינגעוואָרפען אין אונזער יוניאָן־טעטיגקייט, אז איך האָב פאַרגעסען אָן דער גאַנצער וועלט.

אזוי ענדיגט יאַנקעל זיין ערצעהלונג וועגען דער ליבע צווישען איהם און סיידי׳ן.